STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00582

LENDER UN LEBNS

Baruch Glasman

Permanent preservation of this book was made possible by
Evelyn & Marvin Moster
in memory of
Herman Moster

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך גלאַזמאַן

לענדער און לעבנס

(די געשיכטע פון אַ משפחה אין
אַמעריקע און אין סאָוועט־רוסלאַנד)

ראָמאַן
אין צוויי בענד און פיר טיילן

צווייטער באַנד

1937

געקליבענע ווערק

פון

ברוך גלאזמאן

באנד אכט

פארלאג „לאנדסמאנשאפטן"

הויפטפארקויף:

„פרייהייט"־בוכהאנדלונג
פופציק איסט דרייצנטע גאס
ניו־יארק.

FREIHEIT BOOKSTORE
50 East 13th Street
New York City

*** **אינהאַלט:**

דריטער טייל

7 .... קאָלעקטיוו „ניי־לעבן"
28 .... בונעם באַשליסט צו ברענגען זיך פאַר אַ קרבן
71 .... פנים צו פנים
95 .... אויפן מאַרק
123 .... ציטרינען, באַנאַנעס, אַנאַנאַסן
145 .... אַ הימן צו אַמעריקע
157 .... אויפן באַרג ביים פריפּיעט

פערטער טייל

201 .... לייד און פרייד
223 .... אין טעכניקום
251 .... אומרואיקע טעג
272 .... ווידער אויפן מאַרק
285 .... היים
309 .... אויף וואַנ־שאַלן
324 .... תשובה־טעג
339 .... דער סוף פון דער וואַנדערונג

פאַרטייטשונגען — צום סוף בוך

ציכענונגען אינם צווייטן באַנד — פון פרענק האראַוויץ

Copyright 1937 by B. GLASSMAN, New York, N. Y.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st St., New York
255

דריטער טייל



„אין אַ אידישן קאָלווירט", פון פרענק הורוויץ

ערשטער קאַפּיטל

קאָלעקטיוו „ניי־לעבן“

א.

נייַן, די אַלטע וועלט איז ניט אויסגעגאַנגען אין גסיסה־יסורים ווי איינעם אין דער „נייער וועלט“, אינם גליקלעכן אַמעריקע, האָט זיך געקענט אויסדוכטן.

ס׳איז בלויז געווען אַזוי: סאַמע אויף דער עלטער איז איר באַשערט געווען צו האָבן פונדאַסניי געבורט־ווייען און אָפּגיין מיט אָן־אַ־שיר בלוט. אָבער אין דעם שפּעדיק־אָפּגעגאַנגענעם בלוט איז מיט הויכן געשריי און צונויפגעביילטע פויסטן געבאָרן געוואָרן אַ קינד, — אַ קינד, פריש און העזהדיק־ניי, און אומגעוויינטלעך לעבנס־דורשטיק...

ס׳איז איצט אַ קילער זומער־פרימאָרגן אינם לאַנדווירטשאַפט־לעכן קאָלעקטיוו „ניי־לעבן“.

ערגעץ איז די זון שוין פון לאַנג אויפגעגאַנגען — די אומצייליקע מחנות שפּערלינגען און שוועלבעלעך וואָס טשוויטשערן און שמייען שוין פון לאַנג אַרום אין שטאַרקער פאַרנומענקייט, זאָגן אויף דעם עדות. נאָר דאָ, אויפן הויף פונם קאָלעקטיוו, הערשט נאָך געדיכטער שאָטן. ער פאַלט, דער שאָטן, פון די אַלע הויכע ליפּעס מיט די אָפּגעשיילטע שטאַמען וואָס רינגלען אַרום דעם הויפּט־בנין.

ערגעץ מוז די זון שוין אודאי באַקן און בראָטן — מען דערקענט עס אָן די מחנות פליגן און זשוקלעך וואָס שווארעמען דאָ אַרום מיט זינגעוודיקער זשומעריי. נאָר דאָ, אין שאָטן פון דער

לאנגער שטיינערנער שטאָל, אינם אמאָליקן פּריצישן „וואָלאָוניק", איז מחיהדיק קיל ווי אין אַ לאַנגן טיפן ברונעם.

— נעכע... אַ, נעכע... — דערהערט זיך סטערעס שטים פון דער האַלב־טונקעלער קילקייט פון שטאָל אַרויס. — ביסט שוין ווידער פאַרשוואונדן געוואָרן? נעכע! נעכע!...

נעכע — נאָך גאָר אַ יונגע פרוי; אַ ווייבל מיט צעבליטע בעקלעך, אַ הויכער בלאָנדער פריזור און גאַנצע פיר שטיק קעמלעך אין די זאָרגעוודיק־פאַרקעמטע האָר — קומט באַלד צולויפן.

— דאָס קינד... — פאַרטענהט זי זיך אי שולדיק און אי פאַרדראָסיק פאַרוואָס זי דאַרף זיך גאָר נאָך פאַרטענהן. — מען קען דאָך ניט איבערלאָזן אַלעמאָל אַ פּיצל קינד אַליין...

אין איין וועגס ברענגט זי שוין מיט זיך אַן אויסגעשייערטן קופּערנעם ראָנדל, אַ גרויסן, יחוסדיקן באַלעבאַטישן ראָנדל פון מאַסיוון קופּער — אויף אָנצושעפּן אַביסל שוימיקע פאַרנע מילך פאַרן קינד: אַזעלכע פרישינקע מילך איז זייער געזונט פאַר קינדער.

— נו, און די מילך קען מען יאָ איבערלאָזן אַליין? דאָס קינד וועט ניט קאַליע ווערן — די מילך יאָ... ביי אַזעלכע היצן אין דרויסן! אי, נעכעלע, אַז דו האָסט געכאַליעטע הענטעלעך... אַז דו ביסט צו איידל געפּאַטשקעט, טייערינקע... מילא, מעלקן די בהמות, זאָגסטו, איז דיר שווער... אָבער העלפן מיר צוטראָגן די קאַנען מילך?... פאַרשווינדסט...

— נו, סטערע, עס הויבט זיך שוין ווידער אָן... — האָט דאָס יונגע ווייבל ברוגזדיק גערעדט צו דער ערד, אויף וועלכער עס פלעגט זיך אַלע ווײַלע אַרויספּליושקען אַביסל שוימיקע מילך פון דער גרויסער בלעכערנער קאַן, וואָס זיי האָבן ביידע איצט געטראָגן, שווער און אומטערסאָפּנדיק. — כיעל איז אַוועק אין פעלד נאָך אַ בליאַסק אויף טאָג. ער אַרבעט, דוכט זיך, גאַנץ שווער. נעבכן איז ער אײַנמיטן וועטשערע אײַנגעשלאָפן אויפן בעט ווי אַ דערהאַרגעטער, אין די מלבושים — קיין כוח ניט געהאַט פאַרענדיקן אפילו דאָס עסן... מיר זײַנען דאָ חס־ושלום ניט קיין דאַרמאָיעדניקעס...

— אי, נעכע־לעבן... — האָט סטערע, מוסרנדיק, ווידער אַ מוטערלעכן שמייכל געגעבן. — וואָס לאָזטו באַלד אַראָפּ די נאָז, געזונט זאָלסטו מיר זײַן... און צוליב וואָס מישסטו אַהער אַרײַן כיעלן. ווער האָט עפּעס צו כיעלן, ווער?... כיעל איז כיעל און

נעכע איז נעכע... יעדער איינער דאַרף דאָ אַרבעטן גלייך. אויף דעם איז עס דאָך ביי אונז אַ קאָלעקטיוו. יאָ, צי ניין?

די היפּשע קאַנען מילך שטעלט מען דערנאָך אַוועק אויף אַ טאַפּטשאַן אין דער ריזיקער פּריצישער קיך, וואָס איז די גרויס ווי אַ סאַליע. דאָס איז די אַלגעמיינע קיך פונם קאָלעקטיוו. דער אויוון דאָ איז גרויס, ברייט און בייכיק, און האָט אָן־אַ־שיר פייערקעס. די ווייבער שטייען איצט ביים אויוון און שטעלן צו דעם אָנבייסן.

היינט וועט מען ניט אַוועקפירן קיין מילך אין שטאָט. חוץ דעם, וואָס מען דאַרף דאָך פונדעסטוועגן פון צייט צו צייט מאַכן אַביסל מילכיקס פאַר זיך אַליין אויך, לוינט זיך עס פשוט ניט. פון שטאָט אַהער איז גאַנצע אַכט וויאָרסט. דאַרף מען ספּעציעל שיקן אַ מענטשן מיט אַ פור. הין און צוריק — גייט אַוועק אַ גאַנצער טאָג. ניט דאָס פערד איז דאָ, ניט דער מענטש.

אַשטייגער, נעכטן איז אַוועקגעפאָרן מיט דער מילך ר' בער — איז ער שוין טאַקע געבליבן נעכטיקן אין שטאָט. ר' בער ווי ר' בער — אַ מחיהדיקער אַלטיטשקער אפילו, אַ פריילעכינקער און שטענדיק מיט אַ ווינצלע און אַ שפּאַסעלע אויף די ליפּן, אָבער קיין גרויסער גבר איז ער פונדעסטוועגן ניט... ביים אויסגראָבן די קאַרטאָפליעס, מיט וואָס דאָס רוב מאַנסבילן זיינען איצט פאַרנומען, וואָלט ער קיין גרויסע „פּאָמאָץ" סיי־ווי ניט געווען. און איין מאָל צי צוויי מאָל אַ וואָך דאַרף מען דאָך פאָרן אין שטאָט איינקויפן פּראָדוקטן, קען מען שוין איינוועגס מיטנעמען צום פאַרקויפן די מילך אויך. אָבער דאָס פערד איז טאַקע אַ שאָד...

אין קיך פלאַקערט שוין פון לאַנג דער אויוון. עטלעכע באַלע־באָסטעס פאָרען זיך שוין דאָ. ס'האָט זיי אָפּגעגליקט, דעם עולם, צו קריגן אַזאַ גאָלדענע פּריצישע קיך — אַ ריזיקע פּליטע מיט אַסך פייערקעס — אין באַלעבאָסטע איז דער צווייטער גאָר ווייניק אין וועג.

אַז מען ברענגט אַריין די מילך, לאָזן זיך די ווייבער לויפן צו סטערען — זי איז די עלטסטע; מען וואַרט אויף אירע פאַראָר־דענונגען.

— איז אַזוי, חברטעס... — סטערע שעפּט זיך אָן אַ קווערטל וואַסער פון אַ גרויסער וואַסער־דייזשע לעבן זליוו און הויבט זיך

אָן אָפּוואַשן דאָס פּנים. ביז איצט האָט זי דאָך נאָך קיין צייט ניט גע־האַט אים אָרומוואַשן. — די אוורוטשעריין וועט זיך נעמען צום סעפּעראַטאָר, מאַכן סמעטענע... זי קען אָט די מלאכה בעסער פון אייך אַלעמען, זי צעברעכט קיינמאָל ניט די מעסערלעך. די קאַפּיטקע־וויטשעריין וועט זיך נעמען דערנאָך אויסשלאָגן פּוטער.

— און דו, נעבע... דו וועסט שוין זען אויפהענגען די זעק־לעך מיט נאַסן קעז אויף אַ בוים צום טריקענען. דאָס איז, דוכט זיך, ניט קיין שווערע אַרבעט, בת־יחידקע מיינע? נו, טאָ הויב־זשע אויף דיין נײַעניעלע... אָט אַזוי, בעט זיך איבער מיט מיר...

אַלע אַרום האָבן זיך לוסטיק פאַנאַנדערגעלאַכט. סטערע האָט צוגעגעבן:

— אָבער זאָלסט ניט פאַרגעסן אונטערשטעלן אונטערן קעז אַ טעפּל, עפּעס אַ כלי ווי ס׳לעצטע מאָל — אַ שאָד די סיראָ־וועטקע זאָל אַרונטעררינען אין דער ערד אַריין... טאָסטו דיר, ווידער האָט זי שוין אַרונטערגעלאָזן די נאָז... ס׳גייט דאָך צו פריטיק. צימערינג־קיכעלעך פאַר דיין כיעלן ווילסטו דאָך אודאי באַקן, צי ניין? וועט דאָך דיר דאָס ביסל סיראָוועטקע צונוץ קומען...

זי האָט אָפּגעשניטן צוויי דיקע פּעניצן ברויט, באַשמירט זיי מיט זאָמען־אויל, באַשאָטן מיט גרויסן שלעכט־צעשטויסענעם קיך־זאַלץ, באַליינגט מיט עטלעכע זילבערנע רעדעלעך זאַפּטיקער ציבע־לע, פון וועלכער ס׳האָט געטריפט אַ ליכטיקע האַרבע זאַפט, וואָס האָט אַרויסגערופן טרערן אין די אויגן און אַ סמאַהע אין מויל. מיט דעם אָנבייסן איז זי אַרויס אין דרויסן, זיך געזעצט אין שאָטן און אָנגעהויבן כראָמטשען.

כראָמטשענדיק מיט אַפּעטיט — שוין אַ צוויי שעה אַז זי איז אויף די פיס און ביז איצט האָט זי נאָך גאָרניט געהאַט אין מויל, חוץ אַביסל קאַלט וואַסער — הערט סטערע ניט אויף צו טראַכטן מיט גרויס צופרידנקייט וואָס אויף שבת וועט דאָס מאָל, ניט ווי פאַריקן שבת, זיין אי פרישע פּוטער, אי פרישע קעז און אי מאַשלינקע — וויבאַלד אַז קיין פלייש איז ניטאָ, טאָ זאָל כאָטש עפּעס זיין.

פון אונטערן בערגל האָט זיך דערהערט אַ סקריפּען פון אַ וואָגן. סטערע האָט גלייך אַ טראַכט געטאָן: דאָס קערט זיך שוין אודאי

אום ר' בער. אזוי פרי? א וואויל אידעלע, ווי גאָלד... פטרט קיינמאָל ניט קיין צייט אומזיסט... און האָט גאָרניט קיין מורא — פאָרט ארוים אַליין פון שטאָט, ווען ס'איז נאָך פינצטערלעך!

וועט מען אים טאָקע קענען, גלייך נאָכן אָנבייסן, שיקן מיטן פערדל צום טייכל, נאָך א דייזשקע וואסער. נעכטן האָט מען באַדאַרפט ברענגען דאָס וואסער עמער־וויז, שלעפּן עס אַליין אזש פון ברעג. און קיין ברונעם איז נאָך דערווייל ניטאָ. דעם אַלטן פּריצישן ברונעם קען מען ניט באַנוצן; מען האָט דאָרט געפונען, גלייך ווי דער קאָלעקטיוו האָט איבערגענומען דאָס אַמאָליקע פּריצישע גוט, עטלעכע טויטע קערפּערס; שוין האַלב־צעפוילטע הרוגים. דער פאָרשטייער פון קרייזישן געזונטהייטס־אָפּטייל האָט דעמאָלט, ביז וואַנען־וואָס, שטרענג פאַרבאָטן דאָס באַנוצן דעם ברונעם.

—יאָ, נאָך אסך זאַכן פעלן דאָ דערווייל...

מילא, וואסער וועט מען שוין זיכער געפינען, — מען איז דאָך ניט ווייט פון טייך. מער ניט, די מאַנסבילן האָבן זיך איינגעעקשנט. די מאַנסבילן ווילן אז דער נייער ברונעם זאָל זיין היפּש ווייטער פון שטוב — אינדערהויך, אויפן היפשן פּלאַכלאַנד, וואו עס געפינען זיך די גרינס־גערטנער און די קאַרטאָפל־פעלדער, מען זאָל תמיד האָבן וואסער צו דער האַנט אויף צו באַגיסן די פעלדער, אין פאַל פון א לענגערער טריקעניש, ווי איצט אַשטייגער. און זיי זיינען אודאי גערעכט — שאָקלט צו סטערע מיטן קאָפּ — די פעלדער זיינען בילכער.

יאָ, מיט די מאַנסבילן איז סוף־כל־סוף גרינג אויסצוקומען, ווייל זיי נעמען אַלץ ערנסט. אָבער מיט די ווייבער... מיט זיי איז א צרה. צעפּעשטשעטע זיינען זיי אַלע, עס שטייט זיי נאָך אַלץ ניט אָן צו טאָן „מוזשיצקע" ארבעטן — קענען בשום־אופן ניט פאַרגעסן די אַמאָליקע גוטע ציטן, דעם אַמאָליקן יחוס זייערן, מישטיינס געזאָגט...

— נאָר זיי וועלן זיך צוגעוואוינען — צעבראָמטשעט סטערע איר אָנבייסן און פאַרענדיקט אירע מחשבות. — זיי וועלן קליגער ווערן...

דער לעצטער ביסן איז ארונטערגעשלונגען געוואָרן. סטערע קלייבט צונויף די ברעקלעך וואָס זיינען בשעתן עסן ארונטערגעפאַלן

אויפֿן שויס. זי שטרענגט אָן דאָס אויער. דאָס סקריפּען פֿונם וואָגן איז פֿאַרשוואונדן. ניין. ס'איז, ווייזט אויס, ניט געווען ר' בער.

זי פֿאַרלייגט אַ דלאָניע איבער די אויגן. זי פֿאַרזשמורעט זיי אונטער דעם דעכעלע: די זון האָט זיך שוין אויפֿגעהויבן העכער, האָט פֿאַנאַנדערגעשפּאַרט די קרוינען פֿון די הויכע ליפּעס, האָט אָנגעהויבן אַרומנישטערן מיט צעשפּרייטע גאָלדענע פֿינגער איבערן זאַמדיקן הויף.

סטערע קוקט זיך אַרום איבערן הויף: ווייבאַלד אַז ר' בער איז נאָך ניטאָ מיט די פּראָדוקטן, ווייסט זי דערווייל ניט וואָס צו טאָן. האָט זי פֿרייע צייט. קיין מאַן און קינדער האָט זי דאָך דאָ ניט, ווי די איבעריקע ווייבער. טאַמאַרע לערנט זיך אין לאַנדווירט־שאַפֿטלעכן טעכניקום, אַ היפּשער מהלך פֿון דאַנען. און ווינגדער — געננוי צו פֿאַרשטיין וואָס ער טוט, פֿאַרשטייט זי ניט, כאָטש ער האָט עס איר איייניקע מאָל געפּרוווט צו דערקלערן. געפּרוווט צו דערקלערן מיט אַסך גדולה, אָבער מיט אומקלאָרע און שווערע רייד. ווי ער וואָלט געזאָגט, אַשטייגער, צו אַ חברטע וועלכע דאַרף פֿון זיך אַליין אויך קענען אַסך זאַכן פֿאַרשטיין. אָבער זי האָט פֿאַרשטאַנען בלויז אַז ער איז אַ „נסטרוקטאָר", און אים קומט אויס דעריבער צו זיין אָפֿט אין וועג.

איז אַביסל איז סטערען אַמאָל טאַקע אומעטיקלעך וואָס זי איז דאָ איינינקע אַליין. טאַמאַרעלע קומט צופֿאָרן אַהיים בלויז צוויי מאָל אין יאָר, ווען מען לאָזט זיי דאָרט אַרויס אויף קאַניקולן. און ווינגדער — ביי אים קען מען דאָך בכלל קיינמאָל ניט וויסן: נאָר אומדערוואַרט פֿליט ער דיר אַריין אַהער, ווען נאָר אים פֿאַלט איין. ריכטיקער: ווען עס קומט אים אויס צו זיין אין דער געגנט.

יאָ, איז איר טאַקע אומעטיקלעך אַמאָל... אָבער דאָס רוב איז דאָך ניטאָ קיין צייט דערויף, — אויף בענקשאַפֿטן און אויף איידעלע נשמה־צושטאַנדן און אויף שטילע נאָגנדיקע טראַכטעניש — צופֿיל אַרבעט דאָ. זי איז די „עלטסטע" — די אויפֿזעערין איבער דער שטוב־באַלעבאַטישקייט פֿונם קאָלעקטיוו „ניי־לעבן". דאַרף מען אומעטום האָבן אַן אויג. אָן, וואָלגערט זיך אויפֿן הויף אַ שטריק — מען האָט אַראָפּגענומען נעכטן די אויסגעטריקנטע וועש, און די שטריק האָט מען איבערגעלאָזט. וועט זיך אַזוי אין דער

היץ אומזיסט־אומנישט טריקענען אויף דער זון, וועט זיך אָנהויבן דריוולען, שיילן... וועט גאָר איבערגעבערענט ווערן.

— עך, ניטאָ ביי די ווייבער קיין אחריות־געפיל, — שאָקלט סטערע מיטן קאָפּ. — זיי דענקען אפנים אַז זיי זיינען געקומען אהער ניט אויף שטענדיק, נאָר אויף דערוויילע בלויז — אויף דאטשע אשטייגער...

ב.

זי הויבט זיך אויף.

פאַר אָט דער צייט איז סטערע נאָך סאָלידער געוואָרן, נאָך שווערער. ס'האָט זיך אָבער אין דער זעלביקער צייט געדוכט — אַז אויך העכער. דאָס לעצטע איז מסתמא געווען דערפאַר, וואָס זי האָט איצט געטראָגן אַן ארבעטס־קליידל פון איין שטיק, פון איין גוס — אַ לאַנג קליידל, פון האַלז ביז סאַמע צו די פיאַטעס.

עלטער געוואָרן? יאָ, אודאי. אמת טאַקע, די אויגן — ברוינע, פולע און נאָך אַלץ פייכטע; אָבער מען באַמערקט שוין ניט אין זיי דעם אַמאָליקן הונגער. און אונטער זיי — בלויע האַלב־גריבעלעך, ווי זי וואָלט שוין לאַנג, לאַנג ניט געהאַט געשלאָפן, סטערע — נעכט, און נעכט, און נעכט. די קנייטשן פוןביידע זייטן נאָז — טיפער געוואָרן: שטייפע קלאַמערן. אָבער איר פיגור איז אויף קיין האָר ניט איינגעבויגן. ווען זי שטייט און גייט, איז זי פעסט און גלייך ווי אין די אַמאָליקע צייטן — די זעלביקע „סאָלדאַטקע". איר פיגור איז פול און ווי אָנגעגאָסן דורכאויס מיט זאַפט — ביז צו די ברעגן. און פונוואַנען? און ווי אַזוי? נאָך אַזעלכע שווערע יאָרן, נאָך אַזעלכע הונגער־יאָרן?... יאָ, ס'איז טאַקע וואונדער איבער וואונדער.

דאָס לאַנגע קלייד פון טונקעלן קאָלינקאָר, וואָס נעמט אַרום איר היפּשן גוף פון אַקסל ביז פיאַטע, זעט אויס ווי עפּעס אַן אוני־פאָרם און מאַכט זי טאַקע אויסקוקן ווי אַן אויפזעערין. אַז זי מאַכט עטלעכע טריט איבערן הויף אויף וועלכן ס'איז איצט שטיל און זוניק — די קינדער זיינען איצט מסתמא ביים וואַסער, אויב זיי זיינען בכלל שוין אויפגעשטאַנען — דערהערט זי אַ שטים:

— גוט מאָרגן, סטערע!

— א, דו... גוט מאָרגן דיר!

דער שמיד־יונג פונם קאָלעקטיוו „ניי־לעבן", נאָטע. א יונג א גבר מיט רויטע צעפּלאָמטע באַקן — ווען אפילו ער איז נ י ט אין קוזניע ביי דער אַרבעט — און מיט א טשופּרינע גליכע שאָטענע האָר וואָס איז אים גלאַט פּארקעמט אויףביידע זייטן קאָפּ אַרונטער. ער טראָגט א שוואַרץ סאַטינען העמדל פאַנאַנדערגעשפּיליעט ביים קאָלנער.

ער זיצט אויף א שטיין, ניט ווייט פון דער קוזניע־טיר. זיינע לאַנגע פיס אין די הויכע שטיוול — דער דאָזיקער דאָרפס־יונג שיידט זיך דאָך ניט מיט זיינע שטיוול אפילו אין די הייסע טעג פון זומער — ברייט פאַנאַנדערגעוואָרפן אויף רעכטס און לינקס, ווי היפּשע וואָרצלען צוויי.

ער לייענט א בלאַט. די טיר פון דער קוזניע הינטער אים איז נאָך פאַרמאַכט. ער קאָלופּעט פאַרטיפטערהייט מיט א פינגער אין איינעם פון זיינע אויפגעשוואָלענע נאָזלעכער. אַז ער דערזעט אָבער סטערען, נעמט ער, ניט געאיילט, זיין פינגער צוריק אַרויס.

פון דעם וואָס נאָטע איז נאָך ניט ביי דער אַרבעט פאַרשטייט סטערע, אַז ס'איז נאָך אַלץ גאַנץ פרי. כאָטש די אַרבעט אין קאָ־לעקטיוו האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מיט א פּאָר שעה צוריק און זי אַליין, סטערע, האָט שוין אויך א היפּש ביסל אויפגעטאָן פאַרן נייעם טאָג. אָבער נאָטע, כאָטש אויך א גלייכבארעכטיקטער מיטגליד פונם קאָלעקטיוו, אַרבעט אין קאָלווירט ווי א שמיד. ער באַטראַכט זיך ניט ווי קיין פּויער, נאָר ווי א פּראָלעטאַריער: ווי א מיטגליד פון א פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין הויבט ער ניט אָן זיין אַרבעט פריער פאַר אַכט אינדערפרי.

— דאָס זיינען די תקנות פון אונזער סאָוועטן־מאַכט... — האָט ער א פּאָר מאָל מיט אַן ערנסטן טאָן דערקלערט די איבעריקע מיט־גלידער פון „ניי־לעבן". — און פון די געווינסן פון דער רעוואָלוציע וועלן מיר פריווויליק ניט נאָכגעבן אפילו א האָר...

ניין, נאָטע האָט קיינעם ניט אָפּצוגעבן קיין דין־וחשבון, וואָס ער טוט מיט זיין פריער צייט. פונדעסטוועגן איז אים אַביסל פריקרע קעגן סטערען, וואָס זי איז שוין אַזוי לאַנג אויף די פיס און ער זיצט זיך פאַנאַנדערגעוואָרפענערהייט אויף א קילן שטיין און לייענט זיך א גאַזעט... כאָטש טוט ער דערווייל אַליין אויך ניט עפּעס —

ער גיט זיך דאָך אָפּ מיט זעלבסטבילדונג? אַ באַוואוסטזיניקער אַר־בעטער דאַרף אַלץ וויסן, דאַרף זיין אין אַוואַנגאַרד פון דער פּראָלע־טאַרישער וועלט־רעוואָלוציע.

— אוה, אַ פּאַהיבעל אויף זיי... — באַשליסט ער אויפן אָרט איבערגעבן אויך סטערען אַ טייל פונם וויסן, וואָס ער האָט אָקאָרשט דערוואָרבן. — הערסט, סטערע? — ווענדט ער זיך צו איר אויף זיין טיף־אוקראַינישן אַקצענט פול מיט קמצן — דאָס בלאַט שרייבט, אַז מען האָט שוין דאָרט ווידער געפונען... אַמעריקאַנישע ווינטשעס־טער־ביקסן... און האַנט־גראַנאַטן, אויך אַמעריקאַנישע... באַמ־בעס, הייסט עס...

— באָמבעס זאָגסטו? — ווערט סטערע דערפון ווייניק נתפּעל, ווי פון דער וואָכעדיקסטער זאַך. — ווען באָמבעס? וואו האָט מען געפונען?

— אָט הערסטו דאָך... — טייטלט נאָטע מיט אַ פינגער אויף דער צייטונג וואָס ליגט אויף זיינע קני; ס'איז אַ קליין בלעטל וואָס דערשיינט אין דער נאָנטער קרייז־שטאָט און איז געדרוקט אויף אַ גראָבן אויפגעשוואָלענעם באַבולע־פּאַפּיר. — פאַרשטייט זיך, אויפן לעצטן סיבירער פראָנט אונזערן... די טעלעגראַמע קומט דאָך טאַקע פון אַרכאַנגעלסק...

— אָט... — טייטלט נאָטע נאָכאַנאַנד מיט אַ לאַנגן קנאָכיקן פינגער אויפן גרינלעכן בלאַט און אויף זיין פּנים שיינט אויף אַ נצחון־שמייכל, וואָס ער קען איבערלייענען אַ בלאַט איינס־און־צוויי. — אָט שטייט דיר דאָ אַלץ... גאָר פּשוט... אַז די פאַרפרוירענע ערד האָט אויפגעטאָיעט — אין סיביר טאָיעט זי אויף זייער שפּעט, ווען ביי אונז איז שוין זומער — האָט מען דאָרט אין לעכער און אין גריבער געפונען גאַנצע סקלאַדן מיט מוניציעס, מיט דינאַמיטן און מיט דום־דום־קוילן... כ'וויים וויפיל טאָנען און טאָנען... איין טאָן אַליין איז איין־און־זעכציק פּוד, סטערעלע... הא? יאָ... פּונקט איין־און־זעכציק. זיי האָבן זיך קענטיק געקליבן דאָ, די אַמע־ריקאַנצעס, איבערווינטערן היפּשע עטלעכע יאָר, נאָר ס'האָט זיי מיטאַמאָל אָנגעהויבן יאָגן... כאַ־כאַ־כאַ... זיי האָבן אַפּנים געכאַפּט דעם אמתן, דעם גרויסן שלשול — זיי האָבן קוים געקענט זיך אָפּטראָגן אין צייט...

— דומדי קוילן? — פרעגט איבער סטערע, און באטראכט דעם בחור ערנסט, אביסל אפילו אנגעכמורעט. זי לאזט ארונטער אירע פארקאשערטע ארבל, — מיט דעם באווייזט זי שוויגנדיקערהייט איר דרך־ארץ פאר נאטען, דעם קענער. — דומדי־קוילן, זאגסטו?

— קיינמאל ניט געהערט, חברטע סטערע, פון דום־דום־קוילן?

— חידושט זיך נאטע איבער אזא אומגעווינטלעכער פאליטישער עם־הארצות. — ע, אויב אזוי, ביסטו דאך טאקע, האב קיין פאראיבל ניט, נאך אן אמתע אנאלפאבעטקע... איך זע אז ביי דיר איז נאך דא א היפש ביסל וואס מען דארף ליקווידירן.

זיין אפגעברענטער און ברוינער פנים ווערט ערנסט און באַ־לערנדיק.

— דאס זיינען די גיפטיקסטע מינים קוילן, פארשטייסטו מיך, וואס די אונטערגייענדיקע בורזשואזע וועלט האט אויסגעטראכט. פון אינעווייניק זיינען זיי אנגעפילט מיט אלים און פון דרויסן זיינען זיי איינגעטונקט אין סם... איז אז אזא קוילעכל טרעפט א מענטשן און גיט אים בלויז א קראץ די הויט, איז ער שוין א נפטר... אויב אפילו די קויל אליין ליגט אים ניט אוועק, פארברענט אים גלייך דער סם, דאס איז אן אמעריקאנישע המצאהלע אזא... שפילסט זיך עפעס מיט די אמעריקאנצעס — זיי האבן דיר שוין איינמאל א טעכניקע... אין אלצדינג...

פון אהינטערן בערגל, פונם פעלד־וועג, וואס פירט ארויף פונם הויפט־שליאך צו די ערדן פונם קאלווירט, דערהערט זיך ווידער א סקריפען פון רעדער אין טיפן זאמד.

און ווידער שטרענגט סטערע אן איר געהער און פארטראכט זיך. האט זי עס געוואלט דערקענען דאס סקריפען פון ר׳ בערישעס פערד־און־וועגעלע, אדער דאס האט זי זיך עס פארטראכט וועגן די אמעריקאנצעס? יא, עס קען זייער זיין, אז עס איז טאקע געווען דאס לעצטע. ווייל אויך יעדעס מאל פריער, ווען מען פלעגט נאר פארפירן אין איר אנוועזנהייט א רייד וועגן אמעריקאנער סאלדאטן, האט זי תמיד געפילט, אז אזעלכע מיני רייד קערן זיך אן מיט איר מער ווי מיט אלעמען ארום; אז אלע ארום פילן עס אודאי אויך, און דערפאר מיידט מען געווים בשעת מעשה אוים צו קוקן אויף איר... אמאל פלעגט זיך איר אפילו אויסדוכטן, אז דאס וויל מען טאקע איר געבן א שטאך, פונקט ווי צווישן אט יענע אמעריקאנער

סאָלדאַטן וואָלט זיך אויך געוועסט געפונען טאַקע איר מאַן, בור־נעם...

— און ווער ווייסט — גייט איר דורך א ציטער איבערן לייב — אפשר טאַקע יאָ? אין אַזעלכע ציַיטן — אַלץ איז דאָך מעגלעך...

זי האָט א טרייסל געטאָן דעם קאָפּ ווי אויף אָוועקצוטרייבן אָט די פּאַסקודנע מחשבות וועלכע האָבן איר אָנגעהויבן דערקוטשען.

דער שמיד האָט אַרויסגעשלעפּט א גרויסן ציבעלע־זייגער, וואָס איז אים געלעגן אין דער ספּעציעלער אויבערשטער קעשענקע פון זיין סאַטינען העמדל. מיט א נאָגל האָט ער אויפגעקאַלופּעט דעם אויבערשטן פּאָלירטן דעקל, האָט אייניקע סעקונדן אָנגעשטרענגט באַטראַכט די ווייזערס, ווי ער וואָלט געדאַרפט באַרעכענען עפּעס א שווערן חשבון.

מיטאמאָל — מיט איין שטויס אָפּ פון דער ערד מיט ביידע דלאָ־ניעס, ווי א שווימער — האָט ער זיך געגעבן א שטעל אויף.

— שוין צייט...

זיין ברוינער פּנים דריקט אויס א צופרידנקייט מיט זיך פאַר דער אָפּגעטונענער גוטער אַרבעט: מיט אַזא מין שמועס, ווי ער האָט געהאַט מיט סטערען, העלפט מען טאַקע איר אַביסל אויפעפענען די אויגן. ניין־ניין, וויבאַלד אַז אַליין קען זי דאָך ניט לייענען.

ער פּראַלט פלינק פאַנאַנדער די טיר און שיסט אַריין אין דער שאָטנדיקער קילקייט פון דער קוזניע. און באַלד זעט מען שוין אים ווי ער בויגט זיך איין און נישטערט פליסיק אין א קופּע אייזנס און לאַנגע שטאַנגען.

ג.

אויף דער אַלייע איז א ווילע שטיל.

דאָס מאָל האָט סטערע קיין טעות ניט געהאַט.

צווישן די צווי רייען געדיכט־צעצווייגטע קאַשטאַנען־בוימער — זייערע בלעטער זיינען איצט העל באַפאַרבט מיט א קאָליר פון לימענע־שאָלעכץ, און דורכזיכטיק זיינען זיי פון דער זון וואָס גיסט אויף זיי פון אויבן, אויף זייערע רוקנס — פון צווישן זיי, פונם ווייטסטן עק פונם שאָטנדיקן בוימער־טונעל, רוקט זיך אַרויס א גרויסער אַלטער פערד.

דער שטויב האָט אים איינגעגנצן באַדעקט מיט אַ גרויליקן לײלעך און האָט אוועקגענומען זיין גלאַנציקייט. ער רוקט זיך פאַמעלעך, דער פערד. ווען ניט דאָס נאָכאַנאַנדיקע פאָכען מיטן ווײדל אַהין־און־אַהער, וואָלט מען געקענט דענקען, אַז דאָס איז ניט קיין אמתער פערד, נאָר אַ קינסטלעכער, פון קאַרטאָן...

הינטער דעם פויערשן וועגל מיט אויפגעהויבענע ברעטער פון ביידע זייטן — ווייזט אויס, געדיכט באַלאָדן — האָט אימיצער געשפּאַנט, געשמוצערט פון צייט צו צייט, גערעדט צום פערד אָדער צו זיך אַליין.

— אַ־נו, אַ־נו... דאָ איז דאָך קיל... ריר זיך, האָפּ... אהא, לעבעדיק... אַ מחיהדיקער שאָטן... וויאָ...

— גוט מאָרגן, ר׳ בעריש...

— אהא, סטערעלע, דאָס ביסטו? קוקסט מיך שוין אוודאי אויס מיט אַלע אויגן... ביסט אוודאי ברוגז אויף מיר, וואָס איך בין געקומען אַזוי שפּעט, וואָס איך בין געבליבן נעכטיקן אין שטאָט — זאָג, ניין?

סטערע כמורעט זיך אַביסל אָן בכיוון, ווי אַ חוב־זאַך, כאָטש אין האַרצן טראָגט זי ניט קיין שום בייזקייט אויפן ליבן אַלטיטשקן.

— אַ מענטש ווערט פאַרפאַלן... און דאָ ברענט אונטער די הענט...

— דערפאַר, סטערעלע, האָב איך דיר געבראַכט צופירן אַ נייעס

— שוין איינמאָל אַ נייעסל...

— נו־נו... די שטאָט־נייעס! וועט איר מיר דערציילן שפּעטער, ר׳ בעריש... איר דערלאַנגט בעסער אַהער די איינגעקויפטע זאַכן...

ר׳ בעריש פאַרשטעקט אין דער קראַיקע, וואָס נעמט אַרום זיינע לענדן, די פּאָלעס פון זיין דינעם כאַלאַט וואָס איז גרוי פונם שטויב פון די פּאָלעסיער זאַמדיקע וועגן. ער הויבט אָן אַרונטערשלעפּן פון וואָגן זעקלעך מעל, קיילעכדיקע קוכנס מאַקוכע, אַ בייכיקן בוטל מיט אייל, און נאָך, און נאָך פּעקלעך, פאַרפּאַקטע אין פּאַפּירלעך און פאַרבונדענע מיט שטריקלעך — „איידעלערע זאַכן", אַפּנים.

— נו, סטערעלע, בייזערסט דאָך זיך טאַקע יאָ... וועל איך שוין דיר באַלד דערציילן, וואָס עס האָט מיך פאַרהאַלטן אין שטאָט...

ער הויבט אָן לוסטיק אונטערשפּרינגען פאַר איר, ווי אַן אָפּ־געפליקטער האָן, מאַכט אַזעלכע קאַוואַלערישע העוויות וואָס רופן ענדלעך אַרויס אַ שמייכל פון צוגעלאָזנקייט אויף סטערעס ליפּן.

— חטאתי... ווינאַוואַט... דערפאַר, זעסטו, האָב איך איינ־געהאַנדלט גרויסענע מציאות, אַלץ שפּאָט־ביליק... און אַלץ אין קאָפּעראַטיף... אפילו דעם צוקער האָב איך אויך געקראָגן ביליקער: מיר זיינען אַ קאָלעקטיוו — האָב איך איינגעטענהט מיטן הויפּט־פּריקאַזטשיק — איז קומט אונז אַ סקידקע... על־פּי סאָוועצקן זאַקאָן... איז וואָס־זשע מיינסטו? ער האָט געגעבן, זאָג איך דיר, ווי אַ טאַטע... וואָס דען, ער'ט ניט געבן?

סטערע האָט באַקוקט די איינגעקויפטע זאַכן, האָט אָפּגעברעקלט אַ שטיקל מאַקוכע, פאַרזוכט, געוואויגן, באַטאַפּט יעדעס פּיצעלע. זי איז געבליבן צופרידן.

דער שמייכל אויף אירע ליפּן איז געוואָרן נאָך ליכטיקער. זי האָט באמת ליב געהאַט דעם אַלטיטשקן — ער איז געווען די גוטס־קייט אַליין. אפילו די גערדיכטע סיווע בינטלעך ברעמען איבער זיינע אויגן האָבן אויך ניט געקענט אויסבאַהאַלטן די גוטסקייט פון זיין בליק.

נו, איז ער ניט אַזאַ שווערער אַרבעטער אין פעלד: ער איז דאָך שוין פאַרט אַן עלטערער מענטש. אָבער ער פאַרדינט סיי־ווי זיין שטיקל ברויט, נישקשה. און אויף אַזעלכע גרינגע אַרבעטן — אַוועקפירן די מילך, פאַרן איינקויפן — דאַרף מען דאָך אויך אימיצן האָבן.

מער ניט: דעם פערד־און־וואָגן איז פונדעסטוועגן אַ שאָד. ער שלעפּט עם דערווייל אַוועק אויף אַ טאָג, אפילו אויף צוויי... אָבער ווער ווייסט: מיט דער צייט וועט מען זיך אפשר קענען באַגיין אָן דעם. אַשטייגער, ווען דאָ וועט פאַרבייגיין אין דער נאָענט אַ באַן — ווידער האָט איר אַמאָל דערציילט, אַז עס זיינען פאַראַן ערגעץ אין מאָסקווע אַזעלכע פּלענער — וועט מען דעמאָלט דאַרפן צופירן די מילך שוין בלויז צו דער סטאַנציע, און פטור.

— און וואו זיינען די מאַנסבילן? — האָט ר׳ בער מיט זיין פייפנדיקן קולכל אַ פרעג געטאָן ביי סטערען.

— אין פעלד... ביי די קאַרטאָפליעס... — האָט סטערע ווידער געענטפערט שטרענג, מעשה־אויפזעעריין. — איר וואָלט אויך

געמעגט צופֿאָרן אהין, ר׳ בעריש... איר׳ט ברענגען צופירן עט־לעכע זעק קאַרטאָפּל. זיי וואַלגערן זיך שוין דאָרט אַרומעט זייט עטלעכע טעג. אָבער גייט, עסט עפּעס אַפריער אָפּ.

ר׳ בעריש האָט גענומען אַ בעזים, אויסגעקערט דעם וואָגן און אָנגעלייגט פרישן שטרוי, גרייט אַרויסצופֿאָרן אין פעלד אַריין.

ס׳איז אָבער געווען קענטיק אַז ער איילט זיך ניט, אַז ער האָט עפּעס סטערען צו דערציילן. און אָט זייטלט ער זיך צו איר מיט דער בייטש, גיט איר אַ קיצל מיט דעם רעכטן אויגעלע וואָס ווינקט ממזריש אונטער.

— אָ, סטערע, האָב איך געבראַכט דיר אַ גאַסטיניעץ... שוין איינמאָל אַ גאַסטיניעץ... הערסט, ווי איך בין אַ איד... — ער האָט אַ טענצל געטאָן אינדערהויך מיט אַ קוויטש, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריט. — טפּו טי טשאָרט... כ׳האָב געוואָלט זאָגן: ווי איך בין אַ סאָוועצקע גראַזשדאַנין...

ד.

אויף דער שוועל פון דער קוזניע האָט זיך באַוויזן נאָטע.

אין קוזניע האָבן שוין לאַנג געגליט די פאַנאַנדערגעלייגטע קוילן אין אויוועלע ביים בלאָזזאַק. נאָטע איז געווען איצט אין אַ דין לייבל אָן אַרבל, אָפּן־צעשפּיליעט איבער דער ברייטער האָריקער ברוסט; איבער די לענדן — אַ לעדערנער פאַרטוך. אויפן פּנים, וועלכן ער האָט שוין באַוויזן צו פאַררִיסן, זיינען אַרונטערגערינען עטלעכע קויטיקע ריטשקעלעך שוויים.

— אָ, ר׳ בעריש איז דאָ... אַ גוטער מאָרגן אויף אייך...

— דער שמיד־יונג האָט מיט זיין ברייטער ברוסט פאַרשטעלט כמעט דעם גאַנצן אַריינגאַנג אין דער קוזניע. — נו, געבראַכט מיט זיך עפּעס גוטע ידיעות פון דער שטאָט? געבראַכט אפשר אַ ווינט אין די פּאָלעם? אַ רעגן אין די קעשענעס?

— געבראַכט דיר אַ פייג אין קעשענע... — ר׳ בער איז גע־ווען אומצופרידן וואָס מען האָט אים איבערגעשלאָגן דעם אָנגעהויבענעם שמועס מיט סטערען. — נאַ, ווילסט זען? — ער האָט אויפגע־הויבן און איבערגעקערט די דלאָניע פון דער לינקער האַנט און מיט

דער רעכטער געמאַכט אַ פייג — ער האָט אונטערגעטראָגן דעם שמיד אַ „פייג אונטער אַ דעבעלע".

— ט'אָסטו דיר...

— אָ, ר' בער איז אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט...

— האָט זיך נאָטע פאַנאַנדערגעלאַכט. — געכאַפּט מסתמא אַן אָפּ־שניט אין צעראַבקאָפּ1) פאַר דער טבע צו שטופּן די נאָז אין די זעקלעך אַריין, צו דינגען זיך...

— צעראַבקאָפּ... שמעראַבקאָפּ... ביסט אַ נאַרישער טראָפּ...

— ר' בער פאַרשטייפט די קראַיקע אַרום די הויזן, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אויף אַ געשלעג מיטן שמיד. — שטופּ דו אָקאָרשט ניט דיין בלויען בוריק וואוהין מען באַדאַרף ניט... גיי בעסער, פאַרריכט שוין ענדלעך די אַקערס — ניטאָ דערווייל ביי אונז קיין געלט אויף נייע...

— און גרייט צו די קאָסעס, שאַרף זיי אָן ווי געהעריק... — האָט ר' בעריש בעסדיק זיך ווייטער געקאָכט. — וועט זיין כאָטש מיט וואָס צו שניידן, ווען עס וועט קומען די צייט...

— האַ־האַ־האַ... ער יאָגט מיך שוין האַלז־און־נאַקן מיט די קאָסעס... ר' בערישן ווילט זיך שוין שניידן, אַז אויפן הימל איז נאָך קיין פּיצל פון אַ וואָלקן ניטאָ, די זאַנגען פוילן זיך דערווייל אַרויסצוקריכן און די אַרויסגעקראָכענע זיינען נאָך דין ווי פעדים...

— זע נאָר, ווי ער לאַכעט דאָס... ביסט אַ מבין ווי ער קוועלעוועט עס פון דעם אָן... — האָט ר' בער מיט רוגזה זיך אַרויפּ־געוואָרפן אויפן שמיד, מיט אַן אויפגעהויבענעם בייטש־שטעקל אין האַנט. דער יונג האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט אויף צוריק ווי ער וואָלט זיך ווירקלעך געהאַט דערשראָקן. — נו, איז ווער־זשע איז אין דעם שולדיק? האָב אי י ך ניט געטענהט די גאַנצע צייט אויף אַלע טשלענסקע סאָבראַניעס2), אַז מען זאָל ד אָ קיין ערד ניט נעמען? אַז דאָ איז אַ טרוקענער זאַמדיקער באָדן — און מער ווי קאַר־טאָפליעס וועלן דאָ ניט וואַקסן? און אַצינד טרוקנט איין דער ווייץ אונזערער, ווי אַ דעריקער, און דער האָבער אויף די פעלדער גייט ממש אויס פאַר די אויגן...

ס'האָט זיך געדוכט: פון גרויס צער האָט זיך ר' בער שיר ניט פאַנאַנדערגעוויינט.

— געזען סאַראַ דינינקע שטעקעלעך? — מיט אומעט אין די אויגן, ווי מען רעדט וועגן אַ קראַנק קינד, האָט ער זיך געווענדט צו סטערען. — נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג — און זיי וועלן זיך אינגאַנצן איבערברעכן פון היץ.

— נו, איז פאַרוואָס ה אָ ט מען טאַקע ניט גענומען קיין בעסערע ערד? — האָט נאָטע אַנגעהויבן ווי פילן זיך אַביסל שולדיק, און האָט צום אַלעם ערשטן געוואָלט אַראָפּוואַרפן די אחריות פון ז י י נ ע אַקסלען. — פאַרוואָס האָט מען באַצייטנס ניט געזען?

— פאַרוואָס האָט מען באַצייטנס ניט געזע־ע־ען... — האָט ר׳ בער בייז אים נאָכגעקרימט. — פון וואַנען ווייסטו, אַז מען האָט ניט געזע־ע־ען? כאַלאַמידניק דו... אים איז גוט, ער איז געקומען אויפן גרייטן... א י ך האָב די גאַנצע צייט געזען... א י ך האָב די גאַנצע צייט געטענהט...—ער האָט שאַרף אַ וואָרף געטאָן מיט זיינע זקניש־אויסגעדאַרטע קלייענדיקע הענט אין דער ריכטונג צו די קאַרטאָפל־פעלדער, אַביסל העכער פון דער אַלייע. — זיי אָבער דאַרטן האָט זיך ניט געגלוסט אָפּרייסן פון דער מאַמעס פאַרטוך... ניט אַנדערש: גיב זיי ערד דוקא ניט ווייט פון שטאָט... סאַמע הינטער די פענצטער!

— און איצט האָט איר אייך... נאָט... — האָט ער ווידער געמאַכט אַ „פייג אונטער אַ דעכעלע", און עס אונטערגערוקט דעם שמיד, ווי יענער וואָלט עס געווען דער שולדיקער אין דעם אַלעמען.
— אַ ווירטשאַפט פון קאַרטאָפליעס... פון בו־לי־בעס...

— נו, ניט געזאָרגט, ר׳ בעריש... ס׳עט שוין זיין גוט...

ניין, דעם שמיד האָט מען ניט געקענט אַזוי גרינג אַריינברענגען אין כעס! ער האָט זיך דערנענטערט אַ פּאָר טריט צום וואָגן, האָט גוטמוטיק און פּאַמעלעכקע אָנגעקלאַפּט דעם אַלטן אין זיין דאַרער פּלייצע, פון וועלכער עס האָבן דורכן כאַלאַט אַרויסגעשטעקט צוויי שפּיציקע אַקסל־ברעטלעך.

— ניט געזאָרגט, ר׳ בעריש... מיט דער צייט וועלן מיר אַלץ האָבן... מיט דער צייט וועלן מיר אַלץ איינאָרדענען... מיר וועלן דאָ פון טייך דורכפירן קאַנאַלן איבער אונזערע פעלדער... מיר׳ן איינפירן אַזאַ מין אירריגאַציע־סיסטעמע ווי אין קאַליפאָרניע... אונזער קאָלאָניזאַציע וועט ווערן באַגרינדעט אויף די מאָדערנסטע ווירטשאַפטלעכע יסודות... מיר וועלן — — —

— אהא, נאָטקע הויבט שוין אָן... ויפתח האתון... — האָט דער אַלטער אויסגעשטרעקט פאַראויס דעם לאַנגן האַלז זיינעם, ווי אַ בייזער גאַנער. — אוועק, כאַרפּאַטניק דו... קאַליפאָניע! קאַנאַליזאַציע... פּערדיזאַציע... גיין־שוין, גיי, ווער דאַרף דיך דאָ... דו באַוויז אונז בעסער דיינע קענטעניש אין דער קוזניע! שמיד אָן אַ פּאָר נייע רייפן אויף מיינע רעדער וועלכע פאַלן זיך שוין באַלד פאַנאַנדער... גיי, די קאָוואַדלע בענקט דאָרט נאָך דיר! — ער האָט ווידער אַ הויב געטאָן אויף נאָטען זיין בייטש, — אָן אַמעריקע איז ער זיך מתקנא, דער בלאָזער, אָן אַ בורזשואַזנע לאַנד... אָן אונזערע שונאים, די פאַרשאָלטענע קאַפּיטאַליסטן...

אָבער דער שמיד־יונג פילט זיך קיין ברעקל ניט באַליידיקט פון דעם אַלטנס בלבולים. אַ, ער האָט דאָך געוואוסט, אַז דאָס מאַכט ער בלויז אַזעלכע אָנשטעלן, דער אַלטער! אויף דער העלפט גלויבט ער דאָך אַליין אין אָט די אַלע זאַכן. דאָס וויל ער בלויז נאָטען אַריינברענגען אין דער אַמביציע, — ער זאָל אָנהויבן נאָכמער דער־ציילן וועגן „דעם”... ווייל דער אַלטער האָט ליב צו הערן וועגן „דעם” — סכנות־נפשות!

און נאָטע טוט אים טאַקע צוליב:

— איר לאַכט גאָר ניט, ר׳ בער, פון פּאַרדיזאַציע... אַמעריקע איז טאַקע אַ פאַרשאָלטענע בורזשואַזנע לאַנד — אמת! אָבער הלוואי אויף אונז געזאָגט געוואָרן זייער טעכניקע אויף אַלע געביטן פון אינ־דוסטריע, און אַגריקולטור, און פּראָדוקציע און... און... יע, און פּאַרדיזאַציע טאַקע! און אַז שונאים איז וואָס? פון שונאים איז אויך דאָ וואָס זיך אָפּצולערנען! אדרבא, זאָל נאָר דער מיסטער פאָרד קומען צופאָרן אהער — מיר וועלן אים אויפנעמען מיטן גרעסטן כבוד... האָסט אונז עפּס צו לערנען — פּאָזשאַלויסטאַ... און דערנאָך — פּיואַיט! מאַרש פון דאַנען! טראָג דיך אָפּ פון דאַנען, איידער מיר עסן דיך אויף מיט די ביינדלעך... און מיט די קאַפּיטאַלעך... און מיט אַלץ...

סטערנע שטייט די גאַנצע צייט מיט די געזונטע הענט אירע פעסט איינגעפלאַנצט אין די ברייטע באָקעס. זי קלייבט באַשיינ־פּערלעך גרויס נחת פון דעם יונגס רייד. אָבער אויך דעם אַלטנס פאַרזשמורעטע אויגן, אונטער די צוויי כמורנע־צונויפגערוקטע סיווע בינטלעך ברעמען בלישטשען אויף, שמייכלען. ער וויל עס אָבער ניט

ארויסווייזן — זאָל זיך דער יונגאַטש אַזוי ניט איבערנעמען!

ער הויבט אויף אַן אַקסל, גיט זיך קריגעריש אַ זייטל און מאַכט אַ פּאָר טריט אין דער ריכטונג צום שמיד.

— אָבער וואָס טוט מען דערוויילע, אַז קיין רעגן איז פּאָרט ניטאָ? אַ רעגן קען דיין מיסטער פּאָרדל אויך אָנמאַכן, האַ? — גיט ער זיך אַ קאָסע אויפן יונג, פּונקט ווי דאָס וואָלט שוין געווען דאָס סאַמע ערגסטע, און אַזויפיל וועט ער, ר' בער, שוין ניט קענען מער איבערטראָגן.

— וואָס־זשע מיינט איר? אודאי... דאָס אויך... — פאַרשפּרעכט נאָמע מיט אַ ברייטער האַנט. — מיט דער צייט וועלן מיר קענען ארויספּרעסן אַ רעגן פון דער לופטן. אָבער אויף דעם דאַרפן מיר ניט מיסטער פּאָרדן... אויף דעם האָבן מיר אייגענע כוחות!

יאָ, ער פילט זיך עלטערער דאָ פון אַלעמען — עלטער אפילו פון ר' בערישן. ווייל ער איז אַ באַוואוסטזיניקער. ווייל ער איז פונם אַוואַנגאַרד פונם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט. ער קען דער־ריבער ארויפלייגן זיין שווערע האַנט אויפן אַלטנס אַקסל — אַט אַזוי. דער אַלטער ווערט הכנעהדיקער. ער הערט זיך צו מיט קאָפּ.

— אין דער לופט, פאַרשטייט איר מיך, ר' בעריש, איז דאָ אַזאַ מין עלעקטריציזמוס, אַזאַ מין מאַגנעטיזמוס... און מיט דער צייט וועלן מיר טאַקע קענען מעלקן די וואָלקנס ווען מ י ר וועלן דאַרפן — און ניט דאַרפן זיך פאַרלאָזן אויף ז י י ע ר יושר!... פאַר דעם האָבן מיר אַ נייעם סאָוועצקן וואָרט — ראַ־ציאָ־נאַ־לי־זאַ־ציע... געהערט, ר' בעריש? — דער יונג האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— ניט קאַנאַליזאַציע, נאָר ראַ־ציאָ־נאַ־לי־זאַ־ציע! ראַציאָנאַליזאַציע פון דעם וועלט־פּלאַן, יאָ...

און ר' בעריש שטייט שוין איצט מיט אַ פאַנאַנדערגעעפנט אָבער שווייגנדיק מויל — אַ באַזיגטער.

— יאָ, מעלקן וועלן מיר זיי, די וואָלקנס — ווי חברטע סטערע דאָ מעלקט די בהמות, ווען ז י וויל... אָבער אויף דעם דאַרפן מיר ניט מיסטער פּאָרדן. — האָט ער מיט שטאָלצער זיכערקייט ארויסגעשטופּט זיין ברייטן ברוסט־קאַסטן פאַראויס, ווי אַ היפּשע קאַוואַדלע דער וועלט, — נאַט און האַמערט אויף איר: איך האָב אַ ברעקל קיין מורא ניט. — דאָס וועלן מיר אַליין קענען באַווייזן!...

אויף דעם האָבן מיר אונזער אייגענע סאָוועטישע מאַרקסיסטישע וויסנ־שאַפט!

ה.

א קיל ווינטל האָט א בלאָז געטאָן דורך דער בוימער־אַלייע — פריש און געשמאַק. עס האָט געבראַכט מיט זיך צוטראָגן א לוסטיק פילדערן פון קינדער, וועלכע האָבן זיך געבאָדן אונטן ביים טייך.

א וויטלעכער גערעמפּטער פייפן פון א פּאַראַכאָד האָט זיך דער־הערט פון אויף יענער זייט סאָסנע־וועלדל, וואָס האָט באַזוימט א שטיק פונם ברעג טייך.

סטערע האָט זיך געגעבן א כאַפּ אויף.

— נו, חברים... — האָט זי זיך אָנגעכמורעט. — גענוג גע־פּלאַפּלט... יעדערער צו זיין אַרבעט!

דער שמיד איז אַוועק צוריק אין קוזניע אַריין. סטערע האָט אָנגעהויבן צונויפנעמען די איינגעקויפטע פּעקלעך. ר׳ בער האָט זיך גענומען פּאָרען אַרום די פּאָסטראָמקעס.

ס׳איז גרינג געווען צו דערקענען, אַז דאָס פּאָרעט ער זיך בכיוון אַזוי לאַנגזאַם אַרום דעם געשפּאַן. אַלע ווײַלע דרייט ער אויס זיין קאָפּ מיט די וויינענדיקע סיווע האָר צו סטערען. זיינע זשמורענדיקע אויגן וואַרפן אויף איר שטיפעריש־קלוגע בליקן.

אַזאַ עקשן ווי זי איז... אַזאַ גלייכגילטיקע... וואָלט זי אים כאָטש איין מאָל אפילו איבערגעפרעגט וועגן דעם נייעס וואָס ער האָט איר געבראַכט צו פירן, וועגן דעם סיורפּריז וואָס ער האָט פאַר איר! ניין, ער האָט שוין מער קיין כוח ניט לענגער עס אויסצוהאַלטן, ר׳ בער.

— האַ־האַ... סטערע? — מיט איין פּוס האָט ער זיך איינגע־שפּאַרט אין דעם פערדס א זייט, און האָט שטייפער פאַרצויגן די פּאָסטראָמקעס אינם געשפּאַן. — היינט שטעל זיך פאָר, אַז מיסטער פאָרד איז שוין איצט דאָ ביי אונז... האַ?

סטערע האָט שטרענג צונויפגעצויגן אירע ברעמען.

— נו־נו, ר׳ בעריש... איר הויבט שוין ווידער אָן מיט אייערע חכמהלעך, מיט אייערע הלצהלעך? איר דרייט זיך דאָ אַרו־

מעט אזוי לאנג, האָט קיין פאַראיבל ניט, ביז וואַנען איר פאַרשפּעטיקט...

ווירקלעך: וויבאַלד דער פאַראַכאָד וואָס גייט אַראָפּ־וואַסער, קיין קיעוו, האָט שוין געפייפט — הייסט עס אַז די מאַנסבילן קומען שוין באַלד פון פעלד צו עסן אָנבייסן.

און ר' בער באַשליסט צוצוקומען אַביסל נעענטער צו זיין ציל, כאָטש ער מוז נאָך אַלץ אַביסל גיין אויף הינטער־וועגעלעך. ווער ווייסט — אפשר האָט ער עס זיך טאַקע בכיוון אַזוי געהיט פון צו איבערשרעקן סטערען מיט אַזאַ פּלוצלונדיקן נייעס... און אפשר האָט ער עס טאַקע אַליין גרוים הנאה פון די זייטיקע גענגעלעך. ער מאַכט אַ פּאָר טריט צו סטערען; סטערע איז אָבער אומגעדולדיק.

— וואָס פאַר אַ מיסטער פּאָרד ביי אונז? — קוועטשט זי מיט די אַקסלען. — וואָס פאַר אַ רעטענישן איז עס?

— הכלל... איז ניט קיין מיסטער פּאָרד... אָבער אַן אַמעריקאַנער איז ווירקלעך געקומען צו אונז אין שטאָט... נאָך פרייטיק פאַרנאַכט געקומען צופאָרן... אַן אמתער אַמעריקאַנעץ, סטערעלע!

— אַזוי? — האָט סטערע זיך פאַנאַנדערגעשמייכלט. — אַן אַמעריקאַניעץ? אַן אמתער אפילו? מיט גראַנאַטן, מיט באָמבעס, מיט דומדי־קוילן?

— וואָס פאַר אַ דומדי־קוילן, וואָס פאַר אַ ציבעלעס, וואָס פאַר אַ לאָקשן... אַן אמתער אַמעריקאַנער, זאָגט מען דיר, מיט אָן־אַ־שיר טשעמאָדאַנעס, מיט אַ וויכן גרויסן קאַפּעלוש, מיט געלע שיך מיט אָט אַזעלכע ברייטע נעזער, און מיט אַלצדינג...

— הכלל, אונזערער אַ שונא, הייסט עס, נו...

ר' בעריש בינדט צונויף און בינדט פאַנאַנדער נאָכאַנאַנד דאָס זעלביקע רימענדל אויפן פערדס גלאַנציקן האַלז.

— ניין, סטערעלע, פאַרקערט... אונזערער אַ פריינט... — בלישטשען אויף זיינע אויגן. — ער האָט געבראַכט, זאָגט מען, זעק מיט געלד פאַר אונזער שטאָט... אַ דעלעגאַט פון אַמעריקע!

—אַזוי? נו, דאַרף מען דאָך אים אַרויסשיקן קלעזמער אַנטקעגן... אָבער אַנטקעגן וואָס־זשע דערציילט איר עס מיר? וואָס־זשע קער זיך עס מיט מיר אָן? איר ווייסט דאָך, ר' בעריש, אַז איך האָב שוין מיט דער שטאָט גאָרניט צו טאָן.

סטערע קערט זיך אום, און וויל זיך לאָזן גיין. די מאַנסבילן וועלן שוין באַלד אָנקומען פון פעלד. די ווייבער זייערע האָבן שוין פאַר יעדן איינעם אָנגעגרייט דעם אָנבייסן. סטערע האָט דאָ ניט קיין מאַן, נאָר פונדעסטוועגן האָט זי אויך ליב צו געפינען זיך אין יענער צייט, פרישטיק־צייט, ביים טיש. פון די מאַנסבילשע שמועסן דערוויסט זי זיך אסך זאַכן וואָס האָבן צו טאָן מיט די ענינים פונם קאָלווירט.

ווירקלעך: פונם בערגל אַרונטער, פון די פעלדער אינדערהויך, לאָזן זיך שוין הערן מענטשלעכע שטימען. מען זעט נאָך אָבער קיינעם ניט — דער לאַנגער שטיינערנער בנין פונם וואָלאָווניק פאַר־שטעלט די אָנקומענדיקע. און ר' בער דערפילט, אַז ער מוז שוין, די מינוט, אַרוים מיט זיין סורפּריז — באַלד וועט שוין זיין צו־שפּעט.

— סטערע, — האָט ער אַ רוף געטאָן.

ער האָט וואָוילעריש אַרויסגעשטעלט פאַראויס, פון צווישן די פּאָלעס פון זיין פאַרשטויבטן כאַלאַט, זיין רעכטן פוס. אַז סטערע האָט זיך צו אים אומגעקערט אַן אומגעדולדיקע, האָט ער מיט כוח אַזאַ פּאַטש געטאָן דעם פערד אין גלאַנציקן הינטן אַריין, אַז יענער האָט אַזש אַ לויף געטאָן פאַראויס אַ פּאָר טריט.

— נאַרעלע... ווייסט ווער עס איז געקומען צופאָרן פון אַמעריקע? שטעלסט זיך פאָר ווער איז דער אַמעריקאַנער דעלעגאַט? דאָס איז דאָך דיינער... בונעם...

סטערע איז געבליבן שטיין מיט אַ ברייט־פאַנאַנדערגעעפנט מויל. ווייל זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער אַלטער מיינט מיט דעם.

צווייטער קאַפּיטל

בונעם באַשליסט צו ברענגען זיך פאַר אַ קרבן

א.

בונעם האָט זיך אָפּגעשטעלט אינם גרעסטן האָטעל פון שטאָט, אין דעם „ערשטן מלוכהשן האָטעל".

דאָס איז געווען אַ ברייטע, שווערע צוויי־שטאָקיקע געביידע — אַ לאַנגער פאַסאַד מיט אַן־אַ־שיר פענצטער. די פענצטער — גלאַטע, אָן שום באַפּוצונגען, אָן קאַרניזן, אָן געזימסן. איינער ענלעך אויפן צווייטן, ווי טראָפּנס וואַסער. דאָס האָט צוגעגעבן דעם גרויסן בנין אַן אומעטיק־אייגנאַרטיקן אויסזען פון אַ רוסישער רעגירונגס־געביידע.

מער ניט — ביים הויפּט־אַריינגאַנג האָבן אויפן גאַניק זיך געפונען צוויי סטאַטועס — געזונטע, נאַקעטע מאַנסביל־פיגורן מיט ריזיקע מוסקוליסטישע ברוסטן, מיט אַלבאַסטער־געקרייזלטע בערד און מיט קרעפּטיקע מוסקול־פּאַסן אויף די אָרעמס. די אָרעמס זיינען זיי געווען פאַרוואָרפן איבער זייערע קעפּ. מיט זיי — מיט אָרעמס און קאָפּ — האָבן זיי געטראָגן אַ שטיינערנעם באַלקאָן אויף זיך. ביי זייערע פיס — צוויי אויסגעגאָסענע צעמענט־זיילן — האָבן אין צוויי פּעסעלעך געשטעקט קורצע פיקוס־פלאַנצן.

אָבער די הויט־פאַרב פון די סטאַטועס האָט זיך געשיילט, איז אַרונטערגעפאַלן; שטיקלעך גיפּס האָבן זיך אָפּגעשפּאַלטן, האָבן אויפגעדעקט ווייסע וואונדן. און פונקט מיט אַזעלכע אַרונטערהענ־

גענדיקע וואונדן זיינען געווען באדעקט די ווענט פונם „ערשטן מלוכהשן האָטעל".

די דעפּוטאַציע פון אָנגעזעענע שטאָט־באַלעבאַטים, וואָס האָט בונעמען באַגעגענט ביים וואָקזאַל, האָט אים אין אַ בריטשקע געבראַכט צופירן גלייך אַהער: ער האָט דאָך אין זיין טעלעגראַמע געבעטן מען זאָל פאַר אים צוגרייטן אַ צימער אינם בעסטן און רייכסטן האָטעל פון שטאָט. אַמאָל האָט אָט דער האָטעל געהייסן „האָטעל אימפּעריאַל". די גרעסטע פּריצים און דוואָריאַנעס פלעגן דאָ איינשטיין, די רייכסטע אָנגעפאָרענע סוחרים פון דער פרעמד. און היינט איז פאַרפאָרן אַהער בונעם — דער שוסטער בונעם פון אַמעריקע.

הינטער בונעמען זיינען געפאָרן נאָך אַ פאָר בריטשקעס — די מיטגלידער פון דער דעפּוטאַציע און דער גרעסערער קאַסטן זיינער. מיט בונעמען אין זיין בריטשקע — איינער אַ דעפּוטאַציע־מיטגליד, וועלכן ער האָט גלייך דערקענט, צוזאַמען מיט די קלענערע וואַליזקעס.

מען האָט אים אַריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער, מיט גאַנצע דריי פענצטער צו דער גאַס. ס'האָט פונדעסטוועגן געשמעקט דאָ מיט טוכלעקייט און ס'האָט אויסגעפעלט לופט. אין דרויסן איז געווען אַ זומער־אָוונט, ווארים און ליכטיק. דער באַדינער, וואָס האָט אַרויפגעטראָגן די וואַליזקעס — אַ מיטליעריקער ברייט־בערדיקער פויער אין אַ בלויען העמד און ווייסן לייוונטענעם פאַרטוך אַרום די לענדן — האָט מיט שולדיקייט און אָפּשיי פאַרן אומגעוויינטלעכן גאַסט פון אַמעריקע פאַנאַנדערגעעפנט ברייט די פענצטער. און באַלד האָט ער מיטן פאַרטוך פאַרזיכטיק אָנגעהויבן אַרומווישן דעם שטויב פון טיש און בענקלעך.

בונעם האָט ניט אויפגעהערט צו ניסן פון דער טוכלער לופט, וואָס איז געשטאַנען אין צימער. דורך די פענצטער, וואָס זיינען שוין אודאי חדשים נאָכאַנאַנד געווען פאַרהאַקט, זיינען אַריינגעפלויגן גרויסע גלאַנציקע זומער־זשוקעס. ס'האָט זיך געהערט ווי אין גאַס האָבן געזשומעט מחנות גאַנצע אַזעלכע זשוקעס. אָבער דאָס זיינען גאָר געווען שטימען פון יונגע מענטשן, וואָס האָבן אונטן אַרומגעשפּאַצירט, ווייל דער זומער־אָוונט אין דרויסן איז געווען זייער שיין.

נאָכן צופירן אים צום האָטעל, האָט אים די דעפּוטאַציע אַיבערגעלאָזט.

— דער הער ראַכאָווסקי איז אודאי מיד... מיר וועלן אים איצט מער ניט באַלעסטיקן... מיר וועלן זיך אַלע טרעפן מאָרגן, אַז ער וועט זיך אויסרוען...

זיי האָבן איינער דעם צווייטן הינטן ארומעט געשלעפּט ביים אָרבל, אונטערגעאיילט. איין בערקוזשע — דער איינציקער באַקאַנטער דעפּוטאַציע־מיטגליד, מיט וועלכן ער האָט זיך זייער דערפרייט — האָט בונעמען געפרעגט צי ער קען אפשר שפּעטער אביסל אין אָוונט אַריינקומען, אַ שמועס טאָן מיט אים וועגן דאָס און יענעס?...

— אודאי, אודאי... האָט זיך בונעם גיך און שטאַרק גערן אָנגעכאַפּט — איך וועל וואַרטן אויף דיר דעם גאַנצן אָוונט, אוודעמל... איך וועל ערגעץ ניט אַרויסגיין.

און בונעם איז באַלד געבליבן אַליין. ער איז געווען ניט אויסגעשלאָפן פון די לעצטע טעלעכע נעכט פאָרן, צעטומלט פון די באַגעגנישן ביים וואָקזאַל מיט דער דעפּוטאַציע, פון וועלכער ער האָט כמעט קיינעם ניט דערקענט. ס'איז געווען שווער זיך צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז דאָס איז ער צוריק אין זיין היים־שטאָט, וואו ער האָט קיינמאָל ניט געדענקט מער צו זיין — נאָך אַזויפיל יאָרן.

ער האָט זיך צוגעהערט צו די קולות פון גאַס — לוסטיקע, האַפּערדיקע אַזעלכע. וואָס זיינען דאָס פאַר אַ קולות, האַ?... ער האָט באַטראַכט פון דער זייט דעם פויערשן באַדינער מיטן ברייטן לייוונטענעם פאַרטוך: וואָס שווייגט ער עפּעס אַזוי איינגעשפּאַרט, האַ?... ס'איז עפּעס אַלץ ניט גלאַטיק, ס'איז פאַרדעכטיק... בונעמען איז ניט געפעלן געוואָרן דער שווייגנדיקער פאַרביסענער קנייטשל איבער יענעמס נאָז, דאָס, וואָס יענער הויבט די גאַנצע צייט ניט אויף אויף אים זיין בליק.

אָט האָט זיך דער בערדיקער פויער מיטאַמאָל האסטיק אַ בויג געטאָן צו אַ שאַפּקעלע. בונעמען האָט אַ זעץ געטאָן אין די שלייפן: אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס בויגט זיך יענער אַראָפּ צו זיין כאַליאַווע, אַרויסנעמען פון דאָרט אַ מעסער... בונעם האָט זיך גלייך געשטעלט אויף דער וואַך, האָט אָנגעהויבן נאָכפאָלגן יענעמס מינדסטע באַוועגונג.

פון שאַפּקעלע האָט דער פויער אַרויסגעשלעפּט אַן עמער מיט פּאָמיעס. די גאַנצע לופט איז מיט איין מאָל אָנגעפילט געוואָרן מיט שטינקענדיקן עפּוש. דער פויער האָט זיך איבערן עמער איבער־

געבויגן ווי ער וואָלט געוואָלט מיט זיין ברייטער באָרד עס פאַר־באָרגן פונם גאַסטס אויגן. אָך, ווער ווייסט ווי לאַנג, וויפיל טעג, אָדער וואָכן גאָר, אָט די פּאָמאָיעס זיינען דאָרט געשטאַנען... ער האָט עס זייטיק, אַן איבערגעבויגענער איבערן עמער, אָנגעהויבן טראָגן צו דער טיר.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען דרך־ארצדיק אָנגעקלאַפּט אין דער זעלביקער טיר.

ס'איז אַריין דער האָטעל־אויפזעער — אַ הויכער, דאַר'ער מאַנס־פּאַרשוין אין אַ שוואַרצן רעקל מיט אַ ווייסער מאַנישקע און שניפּס, מיט פּאָמאַדירטע גלאַט־פּאַרקעמטע האָר און מיט אַ וואונדערלעך־גלייכן שרונט אינמיטן קאָפּ. ווי אַ ווייסער פאָדים האָט ער צעטיילט דעם פּאָמאַדירטן קאָפּ פּונקט אויף גלייכע צוויי העלפט.

— נו'ס... — האָט ער גלייך אָנגעהויבן. — איר האָט זיך שוין איינגעאָרדנט? פעלט אייך אפשר עפּעס? איר דאַרפט בלויז זאָגן...

— הערט... — האָט אים בונעם ניט געענטפערט אויף דער געשטעלטער פראַגע. ער האָט גערעדט מיט אַ קילן, מישובדיקן טאָן; אָבער ער האָט זיך ג'עדאַרפט בפירוש אָנשטרענגען צו זיין קיל און מיושבדיק. — איך וויל ביי אייך עפּעס פרעגן... אָבער איר מוזט מיר פאַרשפּרעכן, אַז איר וועט זאָגן דעם אמת...

— ביטע זייער... אודאי... — האָט יענער זיך דערנענטערט נאָך איילי קער און מיט באַשיינפּערלעכער דינסטגרייטקייט. —וויזשע־ד'ען... — דעם דאָרן נעטן פּאַרשוינס פּנים האָט געשיינט אַזש; ניט אַזוי מיט פרישער פאַבריקמאַכערישער קונסט ווי מיט ניט־באַהאַל־טענער פרייד: ענדלעך אַן אמתער גאַסט... גאָר ווי אין די אַמאָ־ליקע צייטן...

בונעם האָט אַביסל אַרונטערגעלאָזט זיין שטים.

— זאָגט נאָר, טייערינקער — אָבער נאָר דעם אמת! — ביי־נאַכט... ווי איז ביי אייך ביינאַכט: קען מען כאַטש ביי אייך שלאָפן?

— אָך, וואָס פאַר אַ פראַגע... — האָט דעם אויפזעערס פּנים אויסגעדריקט אַזאַ מתיקותדיקע איבערגעבנהייט. — וואָס אמת איז — וויל כ'האָב ליב, פאַרשטייט איר מיך, צו זאָגן תמיד דעם אמת — געווען טאָקע ביי אונז פריער מייז... וואָס זאָג איך:

מייז? שטשורעם גאנצע... כ'האָב ליב צו זאָגן דעם אמת... האָט מען זיי אָבער שוין לאַנג פאַריאָגט וואו דער פעפער וואַקסט...

— יאָ, מייז... — האָט בונעם ניט־צופרידן זיך געקנייטשט.

— מייז איז שוין אַ קליינינקייט... כ'מיין אָבער... איז ביי אייך אין שטאָט כאָטש רואיק... כ'מיין אין אַלגעמיין... פּאַנימאַיעטע...

— יאָ, זייט זיכער, בירגער: וואָס־וואָס — שלאָפן וועט איר דאָ קענען אומגעשטערטערהייט... כאַ־כאַ, אונזער שטעטל איז אַזוי אויך אַ פאַרשלאָפנס! — ער האָט נאָך צוגעלאָזענער געמאָלן בונעמען אַנטקעגן. — אָ, איך פאַרשטיי אייך אויסגעצייכנט! איר מיינט דאָך אודאי קעגן דעם, וואָס אונזער האָטעל געפינט זיך סאַמע אינמיטן מאַרק? ס'מאַכט ניט אויס... אָבער אַבסאָלוט ניט... ני טשוטאָטשקו... קיין סך וועגענער און דראָזשקעס פאָרן ביי אונז איצט איבערהויפּט ניט אַרום אין שטאָט...

און ער האָט ווידער אַ ליבלעכן האַווירנדיקן שמייכעלע געטאָן, — אָך, ס'האָט זיך אים אַזוי שטאַרק געוואָלט אויסנעמען ביים אַמעריקאַנער גאַסט.

— כאַ־כאַ... ביי אונז איז ניט אַמעריקע... איבערהויפּט די לעצטע פּאָר יאָר... ס'איז אַלץ כמעט טויט ביי אונז... מאָרגן איז, חוץ דעם, שבת — קיין מאַרק איז מאָרגן אויך ניטאָ...

— ניין, איר פאַרשטייט מיך אַלץ ניט, פּאַניע... — בונעמס פּנים האָט אויסגעדריקט פאַרדרוס און ערגערונג. — איך מיין, צי ביי אייך אין שטאָט איז אין אַלגעמיין רואיק... יאָ, צי ניין? דרייען זיך ביי אייך איצט ניט אַרום קיין... באַנדיטן? אין שטאָט אָדער אַרום שטאָט...

— אָ, אָט דאָס מיינט איר... — איצט שוין האָט דער אויפזעער הויך, כאָטש רעספּעקטפול זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. — אָ, וועגן דעם, זייט רואיק, בירגער... הער ראַכאָווסקי: באַנדיטן דרייען זיך ביי אונז שוין מער ניט אַרום... ביי אונז באַנדיטן — איז אָדער זיי זיצן, אָדער זיי ליגן: טיף־טיף ליגן זיי, וואו זיי קענען זיך שוין מער ניט אַ ריר טאָן אפילו... וואָס מיינט איר אייך עפּעס, וואָס? — האָט ער זיך שוין כמעט ווי באַליידיקט. — איר האָט, ווייזט אויס, אַ טעות וועגן אונזער לאַנד, בירגער... הער...

ב.

אז דער אויפזועער איז ארויס, האָט בונעם, אביסל פונדעסט־וועגן א בארואיקטער, אָנגעהויבן פאַנאַנדערפּאַקן זיינע טשעמאָ־דאַנעס, פאַנאַנדערלייגן און אויפהענגען זיינע זאַכן. ער האָט אָבער באַלד איבערגעלאָזט די ארבעט, זיך א וואָרף געטאָן א מידער אויפן אייזערנעם בעטל.

דאָס בעטל האָט געגעבן א שטאַרקן קרעכץ, און האָט אָנגע־הויבן זינקען, צונויפפאַלן אונטער דער שווערער אויסגעפּאַשעטער אמעריקאַנער משא. בונעם האָט זיך פונדאָסניי דערשראָקן: אָט־אָט, און ער פאַלט אריין צוזאַמען מיטן בעטל אין א טיפער לאָך אונטן, אין א פינצטערער הייל... וואָס איז עס — א בעט מיט עפּעס א טריק? אן אינקוויזיציע־בעט?

ער איז שנעל אויפגעשפּרונגען און האָט זיך שוין מער ניט גע־וואָלט פּאַרטרויען ווי בלויז צום שאַרפן ראַנד פונם אייזערנעם בעטל, אויף וועלכן ער איז געבליבן דערנאָך זיצן אין א דענקערישער פּאָזע. דער גרויסער אָקסישער קאָפּ זיינער — איינגעקלאַמערט צווישן די דלאָניעס פוןביידע הענט; די עלנבויגנס — אָנגעשפּאַרט אָן די קני.

יאָ, ס'איז געוון טאַקע אסך פון וואָס צו טראַכטן... פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס ער האָט ארויסגעשטעלט זיין פוס פון צוג אויפן שטאָטישן וואָקזאַל, און סאַמע ביזן האָטעל, זיינען געווען אָן־א־שיר זאַכן, וועלכע האָבן געשאַרפט זיין נייגיריקייט. אָבער פרעגן זיך אויף דעם ביי די מענטשן, וואָס זיינען געקומען אים באַ־געגענען, האָט ער עפּעס ניט געקענט. אויך זיי האָבן אים דאָך גאָרניט געפרעגט, חוץ העפליכקייטס־פראַגן: צי ער האָט געהאַט א גוטע נסיעה, צי ער איז ניט מיד פון וועג, און אזוי ווייטער. און דערנאָך —אַנטשוויגן געוואָרן און שווייגנדיק געקוקט אויף אים אומזיכער אזוי און פאַרזיכטיק.

באַלד ווי ער איז אריבער די גרעניץ האָט בונעם דעפּעשירט אז ער, דער אמעריקאַנער דעלעגאַט, איז שוין אָנגעקומען קיין רוס־לאַנד. דעפּשירט האָט ער אויפן אדרעס פונם קאַזיאָנני ראַווין, אפּאָלינאַרי סלאָנימסקין, דעפּעשירט געציילטע ווערטער, מעשה אמע־ריקאַנער ביזנעסמאַן: „דעלעגאַט יעדעט, פראַשו ווסטריעטשאַט". פאַרן אָפּפאָרן פון אמעריקע האָט די ניו יאָרקער לאַנדסמאַנשאַפט

באַשטימט אונטער די אויגן אַ קאָמיטעט פון אָנגעזעענע באַלעבאַטים אין דער היים, וועלכע זאָלן העלפן בונעמען אויפן אָרט פאַנאַנדער־טיילן ווי־אַמריכטיקסטן די צוגעשיקטע הילף. בונעם האָט, פאַרשטייט זיך, גוט געוואוסט דעם צוזאַמענשטעל פון אָט דעם הילפס־קאָמיטעט; ער האָט דאָך געפירט מיט זיך אַ ליסט פון די מיטגלידער. אַלע נעמען האָט ער אויף אויסנווייניק ניט געדענקט, אָבער ער האָט גוט געוואוסט די וויכטיקסטע נעמען: דער ראַבינער, דער ביר־ברויער פּאָוויצקי און דער הויפּט־אַקציאָנער פון דער שוועבעלעך־פאַבריק „בליץ”, סאָלאָמאָן סטראַשון... היינט ראַביקאָוויטש פונם איינפאָר־הויז, און גערטשוק פון דער פּאַראָווער מיל.

אין דער דעפּוטאַציע, וואָס האָט אים אָפּגעוואַרט ביים באַן, האָט בונעם אָבער ניט באַמערקט קיינעם פון אָט די וויכטיקע פאַר־שוינען.

אָנשטאָט דעם ראַבינער איז אָן דער שפּיץ פון דער דעלעגאַציע געשטאַנען דער רב ר' עוזרל אין אַ לאַנגער שבתדיקער אַטלאַסענער זשופּיצע, שוין אַן אויסגעריבענע אין די עלנבויגנס און ביי די אַרבל, און מיט אַן אויסגעקראָכענעם שטריימל אויפן קאָפּ; אַ זקן מיט קאַליע פאַרטערטע אויגן — ער האָט אויסגעקוקט בונעמען עפּעס אינגאַנצן אַזוי אָפּגעקראָכן און אָפּגעבליאַקעוועט — וואָס פאַר אַ רב דאָרטן... — אָן זיין בכבודיקייט פון די אַמאָליקע צייטן האָט בלויז דערמאָנט זיין באָרד, וואָס איז נאָך איצט אויך אפילו ביים נייעם רעזשים, געווען ברייט פאַנאַנדערגעקעמט איבער דער גאַנצער ברוסט זיינער.

די איבעריקע מענטשן אין דער דעלעגאַציע זיינען אַלע געווען נאָך אָרימער און וואָכעדיקער אָנגעטאָן — קלאָר: פּשוטע באַלמעלאָ־כעס. און אפשר — פאַראָרימטע שטאָט־באַלעבאַטים? ווער ווייסט זיי איצט... פון זיי אַלעמען, חוץ דעם רב, האָט דאָך בונעם דער־קענט בלויז איין בערקוזשען. דער לעצטער איז געשטאַנען האַרט ביים רב און האָט אים דער ערשטער אָנגעוויזן אויפן אָנקומענדיקן שליח:

— אָן־אָ... יענער... דער הויכער... דאָס איז ער...

און נאָך זיינען דאָרט אויפן וואָקזאַל געווען מענטשן, אָבער שוין אַלע אַזעלכע ענלעכע אויף די באַגעגענטע אין וואָקזאַל ביים גרעניץ: אין לעדערנע רעקלעך, אין הויכע שטיוול, מיט וואויל־

יונגערישן פּאַרריסענעם קוק, אייניקע פון זיי — מיט פּאָרטפּעלן אונטער די אָרעמס. איז וועד זיינען ז י י? אפשר האָבן זיי אויך געהערט צו דער דעלעגאַציע, און אפשר זיינען עס געווען סתם נייגעריקע. זיי האָבן זיך טאַקע געהויבן אַלע אויף די שפּיץ-פינגער, גענוואָלט כאַפּן אַ קוק אויף אָט דער זונדערבאַרער פרעמדלענדישער חיה, אויף בונעמען...

בונעם איז געוואָרן צעטומלט פון אַזאַ קבלת-פּנים... מען האָט אים געשטופּט שלום-עליכם פון אַלע זייטן. און אָט אַזוי, מיט אָט די שלום-עליכמס, האָט מען אים צוגעשלעפּט צו אַ דראָזשקע.

ביי דער דראָזשקע אויפן בלאָטיקן שלעכט-ברוקירטן וואָקזאַל-פּלאַץ, האָט אים דער רב ר׳ עוזרל דער ערשטער אַריינגערוקט אַ בינטל קאַלטע פינגער — „נו, מען וועט זיך נאָך זען!" — און האָט גיך-גיך אַוועקגעאיילט זיין וועג. בונעמען האָט עס פאַרדראָסן: „וואָס-זשע לויפט ער אַוועק? און אַז אַ רב, איז וואָס? ס'מעג אים אָנשטיין. נישקשה, ער, בונעם, איז אַ דעלעגאַט! ער האָט זיי געבראַכט הילף! אין אַמעריקע נעמען זיך די רבנים ניט אַזוי איבער"...

אַסך ערגערן זיך האָט אָבער בונעם קיין צייט ניט געהאַט. ער דערפילט זיך באַלד אַביסל אומבאַקוועם: אַ חתן, וועמען ווילד-פרעמדע מענטשן, מחותנים, הערן ניט אויף די גאַנצע צייט צו באַטראַכטן פון דער זייט. און די צונג בייסט; ס'ווילט זיך גלייך אָנהויבן פרעגן און פרעגן... נאָר מען דאַרף האַלטן פּאַסאָן: אַ דעלעגאַט!

און איצט זיצט ער דאָ, אויפן שניידנדיקן ראַנד פונם אייזערנעם בעטל, ווי אַ תפוס... תפוס? שאַ, איז דאָס ניט טאַקע עפּעס אַ שפּיצל? איז ער אָפּט מאָל ניט אַרעסטירט דאָ? דעריבער אפשר האָבן עס אייניקע דעלעגאַטן אַזוי שווייגנדיק געשמייכלט צו אים די גאַנצע צייט — דוכט זיך, טרויעריק אַזוי און מיט אַ רחמנות-אויסדרוק אויפן פּנים, מיט אַן אויסדרוק פון שולדיקייט, הלמאי זיי קענען אים ניט וואָרענען קעגן דער געפאַר, אין וועלכער ער ווערט אַריינגעשלעפּט? אַ קשיא אויף אַזאַ לאַנד — שפּילסט זיך מיט די באָלשעוויקעס! טשעקאַ!

בונעם איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, איז צוגעלאָפן צום פענצטער — קיין גראַטעס זיינען אויפן

פענצטער ניט געווען, אָבער ארויסשפּרינגען פון פענצטער וואָלט פונדעסטוועגן געווען ריזיקאַליש: צו הויך... ער איז צוגעלאָפן צום טיר, זי אויפגעפּראַלט: ניין, קיינער איז הינטער איר ניט געשטאַנען. ער האָט זיך אַליין אַנגעהויבן ארומטאַפּן פון אַלע זייטן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, אַז ער איז ווירקלעך ניט קיין געבונדענער. דערווייל האָט ער אַנגעטאַפּט זיין אַמעריקאַנישן פּאַספּאָרט אין בוזעם־קעשענע. ווי אַ זעלטענע, טייערע קמיע האָט עס אים אַביסל בארואיקט... ער האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט; פונדעסטוועגן האָט ער אָנגעהויבן ציילן די מינוטן, וואַרטן מיט אומגעדולד אויף בערקוזשעס אָנקומען.

אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט האָט אַ האָטעל־פענצטער אָפּגעוואָרפן אַ קוואַדראַט געלבלעכן ליכט. בונעם איז ווידער אויפגעשטאַנען פון בעט, איז צו צום פענצטער. ווירקליך, אַן עלעקטרישער לאַמטערן אויף אַ הויכן סלופּ האָט זיך דאָרט אין גאַס אָנגעצונדן... אַ גאַנצע ריי אַזעלכע אָנגעצונדענע לאָמפּן האָט באַזוימט דעם מאַרק אַרום, אויף וועלכן די האָטעל־פענצטער האָבן ארויסגעקוקט. זע נאָר... ווען בונעם איז פונדאַנען אַוועקגעפאָרן איז אין שטאָט ניט געווען קיין עלעקטרישע באַלייכטונג — בלויז אין צוויי ערטער: אין פּאָוויציקס ביר־זאַוואָד און אין דער שוועבעלעך־פאַבריק, וועלכע האָבן אויך דעמאָלט פּאַרמאָגט אייגענע קליינע עלעקטרישע סטאַנציעס. קוקנדיק אויף די היפּשע מילכיק־נעפּלדיקע עלעקטרישע באַלן, ארום וועלכן נאַכט־פלאַטערלעך האָבן שוין אָנגעהויבן ארומטאַנצן, האָט ער זיך נאָכאַמאָל אַ חידוש געטאָן:

— זע נאָר...

אויב אַזוי, איז דאָך די שטאָט פונדעסטוועגן אָלרייט: האָבן זיך ארויפגעאַרבעט, די לאַפּאַצאַנעס! וואָס אמת איז, דאָס, די עלעקטריע, צווינגט טאַקע בונעמען צו קריגן אַביסל אָפּשיי פאַר דער שטאָט, פאַר זיין אַמאָליקער היים־שטאָט. אָבער איז עס זיין היים־שטאָט?... ווייל אין דער זעלביקער צייט, וואָס ער האָט דאָס שטאָלץ־געפיל איבער דעם, וואָס זיין שטאָט האָט זיך ארויפגעאַרבעט, דערפילט דאָך בונעם צו איר אַ קליין, קליין ביסעלע פון אַ מין... פרעמדקייט.

אונטן דרייען זיך אַסך מענטשן, דאָס רוב יונגוואַרג. ווער זיינען זיי, אָט די מענטשן? עס האָבן אויסגעברענט ליכט־פּאַראַלעל־

אַגראַמען אויפֿן ברוק פֿונם מאַרק די פֿענצטער פֿון עטלעכע גרעסערע קראָמען, וועלכע זיינען נאָך געווען איצט אָפֿן. ווען זיינען זיי, אָט די קראָמען? שאַ... אָט די קראָמען האָבן, דוכט זיך, געדאַרפֿט זיין איציקל אייכענבוימס... בונעם געדענקט נאָך גוט אָט יענעם רייכן גבירישן מאַגאַזין, וואוהין ער אַליין האָט אַפֿילו קיינמאָל אין לעבן ניט אַריינגעשמעקט, נאָר פֿלעגט פֿונדעסטוועגן ליב האָבן פֿאַרבייגיין אים אַמאָל, באַטראַכטן מיט דרך־ארץ און נייגיר די לאַנגע גערויכערטע לאַקסן און פֿעטע רוקנס פֿון „באַליקן" אַלערליי, וואָס פֿלעגן אַרונטערהענגען פֿון די ביישטידלען פֿון דער קראָם־טיר; די קעסטלעך שוואַרצן און רויטן קאַוויאַר אין די שויפֿענצטער, די געעפֿנטע שאַכטלעך מיט אַלערליי קאָנפֿיטורן... יאָ, אָבער ווען געהערט אָט די קראָם אַ י צ ט? עפּעס אַ פֿרעמדע שטאָט... און אָט די יונגעלייט און מיידלעך אין האַלב־זעלנערישן אָנטאָן, וואָס זשומען און רוישן אונטן אין גאַס, סאַמע אונטער די האָטעל־פֿענצטער — וואָס איז פֿאַר ז י י בונעם?... און ער האָט מיטאַמאָל אַ מאָדנע געפֿיל: אַ געפֿיל ווי ער וואָלט נאָך אינדערצאָמתן דערוויל ניט אָנגעקומען אין זיין אַלטער היים־שטאָט, און דאָס אַלץ זעט ער בלויז אין חלום...

ג.

פֿונם דאָזיקן חלום האָט בונעמען אויפֿגעוועקט עפּעס אַ גערויש אונטער אים — אַ פֿאַרדעכטיק גערויש, ווי פֿון אונטערן בעט אַרויס... און דער אַמעריקאַנישער תּפֿוס האָט אַ ציטער געטאָן. ס'איז אָבער געווען בלויזע גאָרניט. אימיצער האָט בלויז אָנגעקלאַפּט אין טיר — פֿאָרזיכטיק, אַפֿילו ניט־זיכער, ווי אַ הונט וואָלט געקראַצט.

בונעם האָט פֿונדעסטוועגן אויפֿגעדרייט די עלעקטריע מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ... ער האָט אָבער באַלד און מיט אַ פֿעסטן באַשלוס געעפֿנט די טיר.

אויפֿן שוועל איז געשטאַנען בערקוזשע. הויך און דאַר, אין אַ שמאָלינקן קאָרטענעם פּידזשאַק. אויף זיינע דינע בלוטלאָזע ליפּן — אַ זיך־אַנטשולדיקנדיקער שמייכעלע.

— איך שטער אודאי...

— ניין, ניין ... — בונעם האָט זיך ווירקלעך שטאַרק דער־פּרייט. — אדרבא, קום אַריין ... איך וואַרט אויף דיר מיט אומ־געדולד, אמת ... אָבער צוערשט לאָמיר עפּעס אַ כאַפּ טאָן — מיר'ן עסן וועטשערע צוזאַמען ... דו'סט זיין מיין גאַסט ...

— וועטשערע, — האָט בערקאָוויטש זיך פאַרוואונדערט. — אַ דאַנק, איך האָב שוין אָפּגעגעסן ... הע־הע ... האָסט שוין אַפּנים פאַרגעסן, אַז פרייטיק־צו־נאַכטס עסט מען וועטשערע ביי זיך אין שטוב צוזאַמען מיט אייגענעם הויזגעזינט ... שאַ, ווי איז אין אַמע־ריקע ? אַפּנים, ניט אַזוי ?

— אַזוי גאָר, היינט איז פרייטיק־צו־נאַכטס ? זע נאָר, און איך האָב עס גאָרניט געוואוסט !

— נו יאָ ... אָט דעריבער האָבן זיי זיך דאָך עס אַלע אַזוי געאיילט, איך איבערגעלאָזט אַליין ... איר האָט שוין זיי אַזוי אויך געצוואונגען אַריינפּאַרן היפּש אין שבת אַריין ... נאַטירלעך, ס'איז ניט אייער שולד, ס'איז דער באַן ... — בערקאָוויטש האָט זיך שעמע־דיקערהייט כמעט אַנטשולדיקט. — ס'איז אפילו ניט די אַמאָליקע צייטן, פונדעסטוועגן איז ערב־שבת, פאַרט ערב־שבת ...

בונעם האָט זיך אויפגעהויבן, האָט אַרויפגעלייגט די רעכטע האַנט אויפן האַרצן, האָט אַביסל אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ברוסט־צו, ווי אין אָפיציעלן אויסדרוק פון באַדויערן. און וואו האָט ער עס זיך אַזעלכע פיינע שטיק אויסגעלערנט, בונעם ? אָך, אונזער בונעם איז געוואָרן אין יוראָפּ מער אַמעריקאַנישער דזשענטל־מאַן, ווי ער איז עס געווען אין אַמעריקע ...

— אַי עם ווערי סאַררי ... דאָס הייסט, עקסקיוז מי ...(1 עס פאַרדריסט מיך באמת ... ווער האָט דאָס געקענט וויסן ? מיר אַמעריקאַנער, יו נאָו, זיינען שוין לאַנג אָפּגעוואוינט פון אָט די זאַכן... אָבער שאַ ... — האָט בונעם זיך פאַרוואונדערט. — מיר זיינען דאָך אַלע געפאָרן פון וואָקזאַל אויף דראָזשקעס ? ... און ס'איז דאָך שוין געווען טונקל ? נאָך ליכט־בענטשן ! ...

— מילא־נו ... — אויף בערקאָוויטשעס דאַר פּנים האָט זיך ווידער אויסגעקנייטשט אַ שמייכעלע, — ס'איז פאַרט פונדעסטוועגן ניט אַמאָ־ליקע צייטן ...

— נו, און דער רב... — האָט בונעם אים אַלץ ניט אָפּגע־לאָזט, ווי אַ שטרענגער אויספאָרשונגס־ריכטער, — דער רב אַליין האָט אויך נעבעך געמוזט מחלל־שבת זיין?

— דאָס הייסט... ווי זאָל איך אייך זאָגן... מיטגעפאָרן אויף דער דראָזשקע איז ער דאָך מיט אונז ניט מיטגעפאָרן... נאָר אודאי האָט ער איבער דיר... איבער אייך געמוזט מסתמא פאַרשפּעטיקן דעם קבלת־שבת... און חוץ דעם האָט ער זיך נעבעך געמוזט שלעפּן צו דער שטאָט אַזאַ שטיק וועגס צופוס...

— אַ־אַ, אַזאַ פאַרדרוס... אַזאַ פאַרדרוס... — האָט בונעם דערפילט ווי עס שטילט זיך זיין פריערדיקער פאַראיבל אויפן רב, הלמאי יענער איז אַוועק פון אים פריער פון אַלעמען. — אָבער וואַרט נאָר... אויב אַזוי... אויב ס'איז היינט שבת, איז וואָס־זשע זיינען עס דאָרטן אַנטקעגן אָפּן די קלייטן אויפן מאַרק?

— אָ, אָט יענע... דאָס זיינען דאָך ניט קיין אידישע קלייטן... דאָס הייסט, קיין גויאישע זיינען זיי אויך חס־ושלום ניט — אַזוי אָבער, אַלגעמיינע... סאָוועטישע, הייסט עס... כאָטש אַלע פריי־קאַזשטשיקעס זיינען דאָרט אידן, די זעלביקע וואָס אַמאָל... אײ־בעריקס — האָט בערקוזשע זיך פאַרכאַפּט — איז דאָ ביי אונז ווי איינער וויל: אַז דו ווילסט, האַלטסטו שבת, אַז דו ווילסט ניט — האַלטסטו ניט... צ ו ו י נ ג ע ן דיך צו האַלטן שבת, צווינגט דיך חס־ושלום קיינער ניט... — האָט בערקוזשע פאַרענדיקט מיט אַ קלוגן חוזק־שמייכעלע, און ס'איז ניט קלאָר געווען אויף וועמען איז אָט דער חוזק געוועגדט. — שאַ... — האָט ער בונעמען אויף צוריק אָנגעהויבן אינטערוויואירן, — און ווי איז דען ביי אייך אין אַמעריקע? אין אַמעריקע איז עס סיידן ניט אַזוי?

— נו, הערסטו — האָט בונעם אַ הויב געטאָן ביידע הענט אינדערהויך. — אַ משל, אַ פאַרגלייך... ביי אונז אין די סטייטס איז עפּעס אַנדערש... ס'הייסט, ס'איז ביי אונז אויך אַזוי: ווי איינער וויל... מער ניט וואָס ביי אונז איז עס זייער שווער צו ווען, אַוורעמל... פאַרשטייסט, די סוירקאָמסטענסעס2) ביי אונז זיינען גאָר אַנדערע... מען קען ניט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ, גוטער ברודער... אַז דער צווייטער האַלט ניט קיין שבת, קענסטו עס אויך ניט טאָן... דער יצר־הרע פון געלט איז גרויס! אָבער ביי אייך — שטוינט שוין בונעם — פאַרוואָס זאָל מען ביי אייך

האַלטן די געוועלבן אָפן אום שבת? וואָס האָט איר דערפון? די גוים קויפן דאָך אודאי אין זייערע אייגענע קלייטן, ביי אַניסימאָוון מסתמא... זעסט, ווי איך געדענק! — האָט בונעם איינצייטיק אי געפרייט זיך אַליין, אי געבריה'ט זיך פאַר בערקוזשען, וואָס ער געדענקט נאָך אַזעלכע קליניקייטן פון אַמאָל.

— ערשטנס, — האָט אים יענער צוריק־געענטפערט, — איז אַניסימאָווס קלייט שוין לאַנג ניט מער אַניסימאָווס, ס'איז שוין איצט אַ סאָוועטסקע קלייט... און צווייטנס — האָט בערקוזשע ווידער אויסגעקנייטשט אַ קלוגינקן צווידייטיקן שמייכעלע, וואָס ס'איז ווידער שווער געווען דערפון צו וויסן, צי דאָס טוט אים הנאה, אָדער גאָר פאַרקערט. — פאַרוואָס עפּעס, מיינסטו, גראָד גוים? אידן קויפן טאָקע אויך...

— גיי שוין, אָבער איך גלויב ניט, אַז אידן וועלן פון זיך אַליין האַלטן אָפן די געוועלבן אום שבת... — האָט בונעם זיך אַלץ געעקשנט. — מסתמא צווינגט מען זיי...

בערקוזשע האָט זיך די גאַנצע צייט געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט: ער האָט ניט געקענט טרעפן מיט וואָס פאַר אַ מיינונג ער וועט דאָ האַווירן דעם אַמעריקאַנער. נאַטירלעך, ער האָט בונעמען גוט געדענקט פון אַמאָליקע צייטן — אַ פּשוטער שלוש־סעודות געווען... אַ פרומער? וואָס שייך זאָגן — קיין אפיקורס טאָקע ניט, אָבער קיין פרומער אודאי ניט. גלאַט אַזוי — אַ מענטש אַ שוסטער... אָבער ווען בערקוזשע האָט איצט דערזען פאַר זיך בונעמען ווי אַ רייכן וויכטיקן שררה, האָט זיך טאָקע פאַרוואָלט אביסל אַ פּוץ צו טאָן: מען איז, נישקשה, פאַר אָט דער צייט אַליין אויך געוואָרן אַנדערש, אַליין געוואָרן גרויס־שטעטיש... אָבער ריידן אים אַנטקעגן איז פונדעסטוועגן פאַרט געווען אַ ריזיקע. ווער ווייסט אים דאָרטן וואָס פאַר אַ מענטש ער איז עס איצט... ווער ווייסט וואָס דערפון אַלעמען קען נאָך אַמאָל אַרויסקומען... יענער קען נאָך מאַכן אַ ראַפּאָרט קיין אַמעריקע!

— נו, כ'האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז דאָס זיינען קלייטן סאָוועטסקע... — האָט בערקוזשע זיך באַצייטנס אָנגעהויבן אַרויס־צופּלאָנטערן. — דאָס זיינען דאָך דער צעראַפּקאָפּ... דער געוועלב פונם קאָמכאָז...3) דער...

— ווארט נאָר, ווארט... כאַפּ ניט אזוי... ווי האָסטו גע־
זאָגט? דער צעראַפּכאַז? גרוזינער, הייסט עס... אָבער ווארט
אָקאָרשט... אויב איך מאַך ניט קיין מיסטעיק, דאַרף דאָך גאָר
זיין דאָרט איציקל אייכענבוימס געשעפט...

— ג ע ו ו ע ן... — האָט בערקוזשע ארויסגעזאָגט מיט
א טראָפּ, און ס׳איז ווידער ניט געווען קלאָר — מיט פרייד, צי מיט
באַדויערן.

א ווײַלע איז געוואָרן שטיל, פּונקט ווי בונעם וואָלט ארומגע־
טראַכט איצט פאַר זיך טיפער דאָס אַלץ, וואָס ס׳איז באַהאַלטן אונ־
טער דעם איינציקן וואָרט „געווען"; און ער האָט ארונטערגעלאָזט
דעם קאָפּ, פאַרזונקען אין סאַמע טיפע מחשבות.

ד.

בערקוזשע האָט אים דערווייַלע באַטראַכט פון דער זייט: ברייַ־
טער געוואָרן בונעם, פעטער, מיט אָפּגעגאָלטע וואָנצן — עפּעס גאָר
א נייַע הויט געקראָגן אויף זיך!... און א קאָסטיום טראָגט ער
אַזוינס, וואָס מען זעט גאָרניט אין די היגע מקומות. בערקוזשע איז
גרייט צו שווערן, אַז אין דער גאַנצער שטאָט — אין דער גאַנצער
שטאָט נאָר? — אינם גאַנצן לאַנד, אינם גאַנצן עס. עס. עס. ער.4)
פאַרמאָגט קיינער ניט אַזאַ מין רייכן אָנצוג, ווי אָט דער. געדיכטע
ענגלישע וואָל, א ליכטיקער שטאָף באַשפּריצט מיט שפּרענקעלעך,
ווי מיט זאַלץ־און־פעפער. און סאַראַ שיינע זיידענע העמד יענער
טראָגט עס — זי בלישטשעט אַזש ביי יעדן קנייטש און בויג זיינעם.
און סאַראַ שניפּס, סאַראַ וואונדערלעכע פאַרבן — זיי מיניען זיך
אינם לאָמפּן־ליכט, ווי די קנייטשן פון אַן עכטער טערקישער פאַ־
טשיילע... און וואָס אַן אַמעריקאַנער קען זיך עס פאַרגינען —
אפילו א נאָזטיכל אויף אויסשמאַרקען זיך האָט ער דיר אויך א
זיידנס, און ער טראָגט זי סאַמע אין דער אויבערשטער קעשענע פון זיין
פּידזשאַק!...

— א גרויסער עושר געמוזט דאָרט ווערן, בונעם, —פינקלען
שוין באַצייטנס ביי בערקוזשען די גרינע אויגעלעך, ווען ער גיט זיך
א שטעל פאַר, וואָס ער וועט האָבן מאָרגן, אין שול ביים דאַווענען,
צו דערציילן און דערציילן אַזוי פיל חידושים פונם אַמעריקאַנער.

— א סוחר ערשטע גילדע, געווים... צי גאָר א גרויסער פאַבריקאַנט...

איז ווי קען ער אים דוצן, בערקוזשע, פונקט ווי עס טוט עס בונעם און פונקט ווי ער אַליין, בערקוזשע, איז עס אויך געווען געוואוינט אמאָל צו טאָן מיט אים? אמת, פון צייט צו צייט, ווען בערקוזשע פארגעסט זיך אָדער פאלט אריין אין באגייסטערונג, הויבט ער טאקע אָן בונעמען צו דוצן. אָבער באַלד פארשעמט ער זיך פאר בונעמען, כאַפּט זיך צוריק, כאַטש בונעם באמערקט עס קוים אַליין...

אָט הויבט ער זיך אויף, דער גרויסער אמעריקאַנעץ, גיט א טרייסל מיטן היפשן קאָפּ, טרייסלט, הייסט עס, אראָפּ פון זיך די שווערע רעיונות זיינע, און גיט טעאטראַליש א מאך מיט דער האַנט.

— נאַ, — זאָגט ער בלויז אַרויס, — ס'וועט נאָך פאר אַלץ זיין צייט...

און ער גייט צו צו דער וואַנט, און גיט א דריק דאָס גלעקל:

— הכלל — גיט ער צו מיט א זיפץ. — מען וועט באַשטעלן וועטשערע... איז דו, הייסט עס, טייערער פריינט, ווילסט טאקע ניט מיט מיר מיטהאַלטן? זיכער?

עס באוויזט זיך באַלד אויף דער שוועל א באדינער — ווידער דער זעלביקער ברייט־בערדיקער פויער מיטן ווייסן פארטוך אַרום די לענדן.

בונעם ווענדט זיך צו אים גרויסמוטיק — ס'איז אים שוין איצט, אפנים, קלאָר, אז קיין באנדיט איז יענער זיכער ניט.

— נו, טייערינקער, וואָס אשטיינגער וועט איר מיר עפּעס געבן עסן... אויף וועטשערע?

דער פויער האָט שולדיקערהייט זיך אַנגעהויבן באַקוקן צווישן די פאַנאַנדערגעשפּרייטע פּיס.

— איך ווייס? דער בופעט איז, דוכט זיך, שוין געשלאָסן...

— דער בופעט? הערסט, אַן איינפאַל פון א לאַפּאַצאַן... מען זאָגט אים, דוכט זיך, קלאָר: וועטשערע — זאָגט ער דיר בופעט... איך וויל עסן א רעגעלע וועטשערע — מיט פאַרשפּייזע, מיט דעסערט, און אַלץ!...

— דעסערט... — האָט בערקוזשע זיך אין געדאַנק פלינק פאַרצייכנט דאָס וואָרט. — דעסערט...

— פאַרשפּייזע? — האָט דער באַדינער טיף געקוועטשט מיט די פּלייצעס און האָט, ווייזט אויס, קודם כּל געוואָלט אָראָפּוואַרפן די שולד און די אחריות פון אָט די דאָזיקע פּלייצעס. — פאַרשפּייזע? פון וואַנען זאָל איך וויסן? א י ך וויים ניט... אפשר שטעלן איך דעם סאַמאָוואַר?

בונעם האָט זיך צוגערוקט צו אים גאָר נאָנט, האָט א טורעם געטאָן איבערן דערשראָקענעם פויער מיט זיין גאַנצער מאַסיווער פיגור.

— וואָס טוט זיך דאָ... מען פאַרשטייט שוין דאָ קיין מענטשן ניט? מען בעט ביי אייך וועטשערע, עסן, עסן! האַם! האַם! — האָט ער זיך אָנגעהויבן שטופּן א פינגער גלייך אין מויל אריין, ווי ער וואָלט געהאַנדלט צו א קליין קינד. — גיט ער מיר גאָר א סאַ־מאָוואַר... וואו איז אייער פּאַרוואַלטער? — האָט ער אומגעדולדיק א דונער געטאָן.

אין עטלעכע מינוט אַרום שוין האָט זיך אין צימער באַוויזן דער פּאַרוואַלטער. ער איז געווען איצט אָנגעטאָן אין א סורדוטל און מיט א שטייפער מאַנישקע אויפן ברוסט — א מין מעטר ד'אָט. אויפן פּנים זיינעם האָט געגלאַנצט א צוגעלאָזטער שמייכל און צווישן די פינגער האָט געקנאַקט א וויים בלעטל פּאַפּיר.

ניין, קיין וועטשערע קען מען טאַקע איצט ניט קריגן. ס'איז שוין צו שפּעט. א רעסטאָראַן? יאָ, דער האָטעל איז טאַקע א האָטעל־רעסטאָראַן. אָבער דער רעסטאָראַן פונקציאָנירט בלויז ביי־טאָג... און אין אָוונט וואָס עסט מען? אָ, ער פאַרשטייט אויס־געצייכנט — ס'איז דאָ נאָך אַלץ ניט ווי אין איראָפּע, כע־כע... איז אין אָוונט קענען געסט עסן קאַלטס... פונם בופעט, אשטייגער.

— מער ניט וואָס דער בופעט איז איצט פאַרמאַכט — גיט ער זיך א קראַץ אין פּאַטילניצע, עפּעס גאָרניט מעשה מעטר ד'אָט. — ס'איז דאָך שוין שפּעט...

— אפשר ווילט איר, בירגער, א הייסינקן סאַמאָוואַר? — טרייסט ער אויך בונעמען — מען קען אים גלייך הייסן אויפשטעלן... איינס און צוויי ווערט ער פאַרטיק... ביי אונז איז א מאָדערנע סיסטעם...

בונעם האָט אויסגעלופּעט זיינע קיילעכדיקע גרויסע אויגן אָט אויפן פּאַרוואַלטער, אָט אויף בערקאָוויטשן. וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס פּאַרט? מען וויל אים דאָ אויסהונגערן? אַ קאָנספּיראַציע עפּעס?

— הם... שפּעט... — האָט ער ניט־גלויביק און צערייצט איבערגעקרימט דעם מעטר ד'אָט. — ביי אונז איז ניטאָ קיין שפּעט... ביי אונז אין אַ האָטעל — ביי אונז אין אַמעריקע — קען מען קריגן צו עסן ווען מען וויל!...

דער פּאַרוואַלטער ענטפערט אויף דעם קיין וואָרט ניט, נאָר פּירט פּאַנאַנדער מיט די הענט, מיט אַ געפעלנקייט: נו, יאָ, אודאי... מען ווייסט... אַ קליינינקייט, אין אַמעריקע! דאָ איז אָבער ניט אַמעריקע...

— איך פאַרשטיי ניט... — הערט אָבער בונעם אַלץ ניט אויף צו שטוינען — אָבער צו אייך פּלעגן דאָך אַמאָל פאַרפאָרן די שענ־סטע לייט... דוואָריאַנעס! אַלל־ראַיט, איז ניט קיין רעגעלע וועט־טשערע... — גייט ער שוין אויף הנחות — איז מאַכט מיר כאָטש אַ קאָטלעט... אַ וויל קאָטלעט מיט פרענטש פּראַיד פּאָטייטאָס...(5 אָדער אַזוי עפּעס אַ סטייק?

— אַ וואָס? — שעמט זיך גאָר ניט דער מעטר ד'אָט אַרויס־צואווייזן זיין ניט־וויסן.

— אַ סטייק... אַ סטייק... — פאַרלירט שוין בונעם אינ־גאַנצן זיין געדולד, און זיינע אויגן שפּריצן אַזש פונקען — איר האָט סיידן קיין סטייק קיינמאָל ניט געגעסן?

— אָ, אַ סטעקס, אַ ביפשטעקס, הייסט עס... — באַרואיקט אים דער מעטר ד'אָט גאָר בנעימותדיק. — אָ, אודאי... ביי אונז קען מען אויך קריגן אַ ביפשטעקס אַ לאַ קאַרט... וואָס מיינט איר עפּעס! אָט זעט אַליין... — ער האָט אויפגעהויבן דאָס קנאַקנדיק בלעטל פּאַפּיר, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין רעכטער האַנט און האָט מיט דעם זינגעריש אַ פאָכע געטאָן אין דער לופט. — אָט, איר זעט דען ניט אַליין?... דאָס איז אונזער מעניו... ביי אונז קען מען אַלץ מאַכן! ביי אונז איז אַ מאָדערנע סיסטעם... מער ניט, איצט איז שוין דער קוכער לאַנג אוועקגעגאַנגען!... דער קוכער, פאַרשטייט איר, איז ביי אונז אַ מיטגליד פון פאַראיין און אַרבעט זיינע באַשטימטע שעהן. הכלל, מען וועט אייך שטעלן אַ סאַמאָוואַרטשיק, פאָלגט מיך...

ה.

די גאַנצע צייט, וואָס אָט דער ערנסטער דיאַלאָג ווערט אָנגעפירט, זיצט בערקוזשע אויף אַ שפּיץ שטול און לויפט אַרום מיט זיינע גרינגע אויגעלעך פון איינעם צום צווייטן.

פון גרויס באַגייסטערונג פאַלט ער אַריין אין זיין געוויינטלעכער צערודערונג. ער הויבט אָן באַוועגן מיט זיינע אָרעמס נאָכאַנאַנד ארויף און אַראָפּ, ווי ער וואָלט זיך געלאָזט ערגעץ אַוועקפליען; עס רוקן זיך אים מחמת דעם אַרויס די קורצע אַרבל פון זיין דיגינקן און שמאָלינקן קאָרטעגעם פידזשאַקל. זיין ווייס העמד אָן קאָלנער איז ביים ברייטן גאָרגל פאַנאַנדערגעשפּיליעט — אפשר איז עס אַן אויבערהעמד, און אפשר בלויז אַן אונטערשטע העמד. זיין ווייסער זומערדיקער קאַרטוז מיטן טוכענעם דאַשיק איז ביי אים פאַררוקט העט־העט אויף דער פּאַטילניצע.

— אַך־אַך־אַך... וואָס ער וועט עס האָבן מאָרגן צו דערציילן אין שטאָט — דערציילן און דערציילן!...

ער קוקט אָט אויף איינעם, אָט אויפן צווייטן מיט אַ הנאה־פלאַקערל אין די אויגן, ווי ער וואָלט זיי געפּרואווט אויף אַזאַ אופן אָנרייצן איינעם אויפן אַנדערן, ווי ער וואָלט מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט אויף אַ פאַרשאַרפטע קריגעריי צווישן זיי. אָבער דער־עיקרשט קען ער גאָרניט אַראָפּנעמען די אויגן פון בונעמען: ווי ער רעדט עס מיטן זאַווכאָז[6] — ווייל דער פאַרשוין מיט דער שטייפער מאַנישקע אין דעם שוואַרצן און אויסגעריבענעם סורדוטל איז דאָך ניט נאָר מעטר ד'אָט, נאָר זאַווכאָז אויך — סאַראַ שטעלן זיך קעגן אים, ווי אַ געבוירענער פּריץ, ווי אַ גרויסער טשינאָווניק עפּעס!...

— ס'איז נאָך אָבער ניט אַלץ... — מורמלט ער פאַר זיך אין פריידיקער דאַנקבאַרער אויפרעגונג. — מען וועט דורכן אָוונט דאַרפן אויסגעפינען נאָך אַסך זאַכן, אַסך... ס'איז אפילו שפּעט, אָבער אויב בונעמען וועט נאָר ניט אַרן...

מיט דינסטגרייטקייט שלאָגט ער פאָר אַרויסצוגיין אין גאַס, — ער ווייסט ערגעץ אַן אָרט, וואו ער וועט קענען קריגן איצט אַ שטיקל פיש. איבעריקס — האָט ער באַלד זיך מודה געווען מיט אַ פאַרשולדיקטן שמייכל, פּונקט ווי ער האָט דאָ געהאַט בדעה אָפּצוטאָן בונעמען דעם גרעסטן שפּיצל — דאָס האָט ער געמיינט זיך

אריבערצוכאַפּן טאַקע צו זיך אַליין אַהיים און זען וואָס מען קען פון דאָרט ברענגען.

און אַז ער קומט צולויפן צוריק אין אַ האַלבע שעה אַרום אַ פאַרסאַפּעטער און אַ גליקלעכער, און טראָגט אין האַנט דעם אוצר — איין טעלער באַדעקט מיט אַ צווייטן, ווי עפּעס אַ טייערן שלח־מנות — געפינט ער שוין ביי בונעמען אויפן טיש נאָך טעלעכע שפּייזן: שימלדיקע טערקישע ניסלעך, פאַרלעגנע פּיסטאַשקעס, אַ שפּאָדקע מיט יאַדערס7), אַ טעלער מיט צעקנייטשטע פאַראיאָריקע עפּל — פאַר פרישע עפּל איז נאָך איצט צו פרי אין יאָר... עס פעלן דאָ אפילו ניט קיין צוקערקעס אין פאַרביקע פּאַפּירלעך און עטלעכע שטיקלעך ניט־איינגעוויקלטן שאָקאָלאַד מיט אַ גרויליכן שימל באַצויגן — וואָס האָט מען דען געקענט האָבן צום מעטר ד'אַט? ער האָט אויסגעקראַצט פון די בופעט־שאַפקעס אַלץ, אַלץ וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט... אפילו ליכט האָט ער דאָך אויך געבראַכט עטלעכע סטעאַרינאָווע! זיי האָבן געברענט איצט אויפן טיש אין צוויי זילבערנע לייכטערס און פאַרשפּרייט אַרום זיך יום־טובדיקייט — ס'האָט אויסגעקוקט ווי מען האָט זיך דאָ געגרייט אויף עפּעס אַ גרויסער פייערלעכער סעודה.

— אַ סאַמאָוואַר אַ הייסינקן וועט מען אייך אויך באַלד ברענגען... — דאָס פּנים פונם מעטר ד'אַט פּלוס זאָווכאָז האָט געגלאַנצט אַזש פון אַ פאַרלאַנג צופרידנצושטעלן. — און דאָ האָט איר ליכט: די עלעקטריע ביי אונז, פאַרשטייט איר מיך, שליסט זיך צען אַזייגער... איז טאָמער וועט איר וועלן זיצן שפּעטער...

ביי בונעמען האָט זיך די שטימונג ביסלעכווייז אויפגעהויבן. דער סאַמאָוואַר, וועלכן מער האָט באַלד אַ זידנדיקן און אַ קאָכנדיקן אַריינגעבראַכט אויף אַ שוואַרצן אָפּגעקאַלופּעטן טאַץ, האָט פאַרשפּרייט אַרום זיך גרינגקייט און געמיטלעכקייט. ס'האָט זיך אין בונעמען געגעבן אַ וועק־אויף אַן אָפּהילך פון אַמאָליקן לעבן, פון אַמאָליקער היימישקייט.

ער האָט אַ וואונק געטאָן צו בערקוזשען, יענער זאָל זיך נענטער צורוקן צום טיש. אַליין האָט ער זיך אוועקגעזעצט ביים טיש מיט אַ מינע פון גרויסער חשיבות, אין דערוואַרטונג צו הערן באַלד פון בערקוזשען וועגן גאָר גרויסע און וויכטיקע זאַכן. אויב ניט קיין וועטשערע — טאָ זאָל ער כאָטש אויסגעפינען דעם באַשייד אויף

די פילע פראגן, וועלכע האבן אים געביסן דעם גאנצן אוונט די צונג, און וועלכע ער האט דערוויל ניט געוואוסט אין וועלכער ארדענונג צו שטעלן.

און בערקוזשע זיצט אים אנטקעגן — מיט ניט ווייניקער אויפרעגונג און נייגיריקער דערוואַרטונג.

ז.

בונעם האט אנגעגאסן טיי אי זיך, אי בערקוזשען. דער לעצטער, כאטש ער האט זיך דערנעענטערט אביסל מער צום טיש, איז נאך אלץ געזעסן אויפן שפיץ פון זיין שטול, האט זיך מער ניט געקאנט פארגינען — פאר אים איז שוין גענוג געווען דער גרויסער תענוג אליין צו קענען זיין דער ערשטער צו כאפן א שמועס מיטן דעלעגאט.

— רוק־זשע זיך צו נענטער, אוורעמל... וואוהין האסטו זיך עם פאררוקט, וואוהין...

— נישקשה, מיר איז דא אויך גוט, פאניע ראכאווסקי... איך וויל אייך ניט מעשאיען...

— וואס הייסט מעשאיען... וויים איך וואס... פראווע ניט קיין צערעמאניעס... מיר אמעריקאנער זיינען מענטשן דעמאקראטישע... ביי אונז איז ניט יוראפ — ביי אונז איז א ריעל דעמאקראסי8)... פארשטייסט וואדאמין?9) — בונעם האט גערעדט מיט פיל באגייסטערונג; אין דעם נערוועזן צושטאנד פון דערוואַרטונג, אין וועלכן ער האט זיך איצט געפונען, איז אים גרינגער געווען אריינצופאלן אין אזא מצב. — ביי אונז, אז דו ווערסט רייך, פרעגט דיך קיינער ניט וואס דו ביסט געווען פריער... ביי אונז איז ארים און רייך אינגאנצן גלייך... יא...

— און וואס איז עם פאר א פאניע ראכאווסקי... — האט זיך בונעם אלץ מער און מער באגייסטערט פון זיין אייגענער דעמאקראטישקייט. — רוף מיך פליין: מיסטער רייטשאוו...

בערקוזשע האט אויף אים אנגעשטעלט א פאר ניט־פארשטייענדיקע אויגן. בונעם האט זיך הויך פאנאנדערגעלאכט.

— אך, איך פארגעס מיך אלץ, אז איך האב דא צו טאן מיט א גרינעם... ס׳וועט מיר נעמען צו לאנג עם דיר צו עקספלייר־

נען... אַט אַזוי הייסט מיין נאָמען אויף אַמעריקאַניש... הכלל, רוף מיך בונעם, ווי אַמאָל, און געצעטלט די ביזנעס10)... כאָטש איך בין שוין ווייט ניט דער אַמאָליקער בונעם, יו נאָו...

בערקוזשע האָט אַ שמייכל געטאָן הכנעהדיק, כאָטש ניט אָן שטאָלץ.

— נו, ניט אַלץ איז ביי אונז אויך ווי אַמאָל... איר האָט דאָך שוין מסתמא אַליין באַמערקט...

— יאָ, ווי געפעלט עס דיר? — בונעם האָט דערשפּירט, אַז דאָ הויבט זיך ענדלעך אָן דער רעכטער שמועס. — אין אָן ערשט־קלאַסיקן האָטעל זאָל מען ניט קריגן וואָס צו עסן! הער נאָר אַ חכמה — איז וואָס־זשע פאַר אַזעלכע נסים האָט עס די רעוואָ־לוציע אויפגעטאָן ביי אייך, אויב אַזוי?

בערקוזשע האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט בלויז הילפלאָז פאַנאַנדערגעפּירט מיט די הענט. ס'האָט געהייסן: ער בעט דעם אַמעריקאַנער גאַסט ער זאָל אַזוי גוט זיין און אַראָפּנעמען די שולד פאַר דער רעוואָלוציע כאָטש פון זיינע, בערקוזשעס, שפּי־ציקע און מאָגערע אַקסלען.

— הכלל, רוק זיך צו... — האָט זיך בונעם אָנטוישט, וואָס דער „רעכטער שמועס" האָט זיך ווידער ניט אָנגעהויבן. — אָ, דו האָסט שוין אָפּגעגעסן אין דער היים? וואַרט נאָר... — בונעם האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט צו בערקוזשען, האָט מיט איינמאָל אַריינגעגעבן כמעט דאָס גאַנצע פלייש פון אַ היפּשן עפּל. — ווי־זשע ביסטו עס אַזוי גיך געקומען צוריק? דו וואוינסט דאָך אַזש אין טעלעפּעני... איר האָט דאָך דאָרט אָן אייגענע שטוב...

— ג ע ה א ט... — האָט בערקוזשע ווידער געענטפערט מיט אַ טראָפּ, און האָט צוגעגעבן אַביסל פאַרטראַכט און אומע־טיקלעך. — ס'איז וועגן דעם אַסך צו דערציילן... פון יענעם הייזל איז שוין לאַנג קיין שריד ופליט ניט געבליבן. מיר וואוינען שוין אַ פּאָר יאָר אין שטאָט... דער בלינדער האַרוואַטשיק איז איצט מיט אונז: אָן אייביקער שכן אונזערער, בע־בע... דאָס הייסט, ריכטיקער זיינען מיר שכנים ביי אים, כאָטש מיר פאַר־נעמען צוויי חדרים מיט אַ קיך, און ער — בלויז אַ קאַמער, אַ טונקעלן אַלקער... דאָס גיט ער אונז פּראַוואַזשיטעלסטוואָ — ער איז אַ קוסטאַר, אַזוי הייסט עס היינט... אַ גאַנץ לעבן געווען

א פּשוטער דראָטשאַרזש און אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן א גאַנצער מאַכער... א... א... קוסטאַר!...

ניין, בערקאָזשע איז טאַקע פאַרבליבן אַלץ דער זעלביקער. האָט ער נאָר אָנגעהויבן, איז ער שוין גרייט געווען נאָכאַנאַנד צו מאָלן און צו מאָלן. נאָר בונעם האָט אים איבערגעשלאָגן.

— אַ, האַרוואַטשיק... — האָבן זיך זיינע אויגן פאַרצויגן אין א שמייכל פון לייטזעליקער דערינערונג. אָבער באַלד איז זיין געזיכט ווידער געוואָרן ערנסט און וויכטיק. און בערקאָזשעס פּנים, ווי א שפּיגל, האָט תיכף אויך אָנגענומען אַן ענלעכן אויסדרוק.

— זאָג נאָר, אָקאָרשט, טייערער... איך פאַרשטיי ניט... איך האָב נאָך פון וועג געקלאַפּט א דעפּעשע דעם ראַבינער... אַפּאָלינאַרי סלאָנימסקין... ער דאַרף דאָך זיין דער פאָרזיצער פונם קאָמיטעט — און ער האָט זיך אפילו ניט באַוויזן... האַ?

— אָ, דער קאַזיאָני ראַווין... — בערקאָזשע האָט זיך פאָרזיכטיק אומגעקוקט צו דער טיר און האָט אביסל אַרונטערגעלאָזן זיין שטים, ווי ער וואָלט פּלוצלונג דערפילט א שוואַכקייט, — אויף אים פרעג זיך בעסער ניט נאָך... דאָס איז מן עצה טובה... — זיין קול איז נאָך שטילער געוואָרן. — מען האָט אים מיט א יאָר צוריק פאַרשיקט ווייט, ווייט פון דאַנען... ער איז מסתמא געווען א געפערלעכער פּרעסטופּטשיק, א קאָנטר־רעוואָלוציאָנער... א קאַדעט, דוכט זיך, צי א קערענשטשיק...

— אזוי, אזוי... — האָט אויך בונעם אַרונטערגעלאָזט זיין קול. ער האָט צוגערוקט זיין אייגענעם שטול נענטער צו בערקאָזשען; ער האָט זיך געקליבן צו הערן די ווייטערדיקע געהיימניספולע נייעס, וואָס אים איז דאָס, ווייזט אויס, זייער וויכטיק געווען צו וויסן פאַר זיין אַרבעט.

— און בכלל איז שוין ביי אונז איצט מער ניטאָ קיין קאַזיאָני ראַווינעס... אין ערגעץ ניט...

— אזוי, אזוי... נו, און הער סאַלאָמאָן סטראַשון? דער אייגנטימער פון דער שוועבעלעך־פאַבריק? פון „בליץ”? אונזער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו יאָרק האָט אים אויך אָנגעמערקט פאַר א מיטגליד פונם רעליף־קאָמיטעט.

— וואָס מיר בליץ, ווער מיר פאַבריק... — האָט בערקאָזשע א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.— די פאַבריק איז שוין לאַנג

אוועק מיטן פייער, און סאַלאָמאָן סטראַשון האָט שוין לאַנג עוקר געווען פון דאַנען... ווער ווייסט, וואו ער וואַלגערט זיך איצט אַרום אויף דער וועלט, — אין פּאַריז, זאָגט מען, צי אין זאַגראַניצע...

— אזוי... אזוי... — בונעם הויבט שוין אָן צו פּויקען אומרוואיק מיט די פינגער־קנעכלעך איבערן טיש. יאָ, די נייעס זיינען באמת זייער איבעררעאשנדיקע... ווילן וויל ער נאָך אסך, אסך פרעגן; ס'איז אָבער גלייכער, דוכט זיך, אז ער וועט פרעגן וואָס ווייניקער... אָבער איין פראַגע האָט מען דאָך געדאַרפט פרעגן:

— ווער־זשע וועט זיין איצטער דער קאָמיטעט? ווער וועט אים אָנווייזן אין שטאָט אַלץ... וואו איין און וואו אויס?

— מילא, בערקוזשען ווייסט ער... די ניו יאָרקער לאַנדסמאַנשאַפט האָט דאָך אים טאַקע אַרויפגעשטעלט אויפן צעטל. ער איז אויך די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט געווען באַוואוסט ווי אַ קאָכלעפל, ווי אַ מויל אויף שרויפן, וואָס עס איז גלייכער מיט אים זיך ניט אָנצוהויבן. אָבער ווער וועלן זיין די איבעריקע?

— די איבעריקע האָט איר דאָך אַלע געזען ביים וואָקזאַל...

— זאָגט בערקוזשע מיט גאָר אַ ניכטערן קול. — אייניקע פון דעם קאָמיטעט האָבן דאָך אייך טאַקע באַגלייט אויף דער דראָזשקע ביז צום האָטעל.

— איך קען זיי אָבער קיינעם ניט... — פאַרשטייט בונעם בשום־אופן ניט. — וואָס הייסט... ווער זיינען זיי דען?

— נו, וועט איר זיך מיט זיי באַקענען... — איז בערקוזשעס קול אַלץ ניכטער. — נישקשה, ס'זיינען אַלע אייגענע מענטשן. דעם רב, ר' עוזרל, קענט איר דאָך...

— יאָ... אָבער די איבעריקע? ווער האָט זיי אויסגעקליבן?

— ווער? — בערקוזשע האָט אָנגעהויבן שטאַמלען. — וואָס הייסט ווער? מיר... מיר אַלע... זיי...

— ווער זיי?

בערקוזשע האָט זיך נאָך מער אָנגעהויבן זאַאיקען.

— וואָרט־זשע אויס... האָט געדולד... — האָט ער זיך געפּרוּווט ראַטעווען מיט אַ געלעכטערל, — אז איך וועל אייך אַלץ אויסדערציילן אויף פריער וועט איר דאָך גאָר ניט האָבן וואָס

צו טאָן דאָ אַליין... וואַרט אויס, אַז איר וועט דאָ זיין אַביסל לענגער, וועט איר שוין אַליין אָנהויבן אַלץ צו פאַרשטיין...

בונעם האָט ניט געענטפערט אויף דעם, נאָר זיין פּנים האָט זיך פאַרכמורעט. ער האָט פאַרטראַכטערהייט אָנגעהויבן בייסן זיך אַ נאָגל פונם ווייז־פינגער פון דער לינקער האַנט. דער נאָגל איז געווען אַ ציכטיגער, אַ מאַניקירטער, אַ בלוילעך־אָפּגעפּאַלירטער. כאַ־כאַ, שוין גאָרניט קיין שוסטערישער... בערקוזשע האָט פאַרזאָרגט אַ טראַכט געטאָן, אַז פונדעסטוועגן האָט מען דעם דעלעגאַט ניט געדאַרפט דערצערנען.

— שאַ, — האָט ער אים אָנגעהויבן אינפאָרמירן מיט אַ מילדן קול. — האָט איר דען ניט געזען אויפן וואָקזאַל — דאָרט הינטער דעם עולם, ביי דער גרויסער גלאָק, אַ יונג מיידל אין אַ לעדערנער קורטקע? מיט אַ קאַרטוז אויפן קאָפּ און מיט אַ דיקן פּאָרטפעל אונטערן אָרעם.

— ניין. — האָט בונעם קוים מסכים געווען אַרויסצונעמען דעם ווייז־פינגער פון מויל. — איך האָב ניט געזען... איך געדענק ניט... דאָרט זיינען דאָך געווען אַסך אַזעלכע... נו, איז וואָס־זשע?

— איז וואָס־זשע... — האָט זיך בערקוזשע, פון זיין זייט, כמעט אַליין באַליידיקט. — דאָס מיידל וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט הינטער אַלעמען, האָט מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. — זי איז דאָ זייער אַ וויכטיקע מאַכערין... זי האָט דאָ אין אַלץ אַ גרויסע דעה... — איז בערקוזשען איינגעפאַלן, אַז ער וועט פאַרשאַפן בונעמען גרויס נחת־רוח מיט דער אינפאָרמאַציע — ווייסט, ווער זי איז?

— ניין... — האָט בונעם קאַלט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען. — ווער?

— דאָס איז דאָך רחמלע... רחמלע גיטערמאַן... געדענקסט ניט, בונעם? כאָטש פון וואַנען זאָלסטו געדענקען? זי איז דאָך נאָך דעמאָלט געווען אַ ברעקל... אַ גאָרניט... הכלל, גיטערמאַן דער איינבינדער, וואָס אויף דער פּאָקראָווסקע גאַס, געדענקסטו? דאָס איז זיין איינגסטע טאָכטער...

— עס פרייט מיך זייער... — האָט זיך בונעם אויפגעשטעלט און זיך מיט קאָמישער העפלעכקייט פאַרנויגט אין דער

לופט פון צימער, אויף רעכטס און אויף לינקס, פונקט ווי דאָרט וואָלט אימיצער געשטאַנען. — „פּליז טו מיטשיו!" בקיצור, — האָט ער זיך צוריקגעזעצט און מיט אומגעדולדיקער ערנסטקייט זיך ווידער געווענדט צו בערקוזשען. — װ ו ע ר זי איז — אינ־טערעסירט מיך באמת ווייניק צו וויסן... אָבער ו ו אָ ס איז זי? און וואָס געהערט זי זיך מיט מיר אָן?

— זי איז אַלץ... — האָט בערקוזשע צונויפגעזשמורעט זיינע אויגעלעך. — אַדנים סלאָוואַם — זי איז די אַנפירערין מיטן סעקרעטאַר פונם קרייזישן אויספירקאָם...

איצט האָט שוין בונעם אויפגעעפנט אַ גרויס מויל, און זיינע באַנקעוואַטע אויגן זיינען נאָך ברייטער געוואָרן. ער האָט קיין איינציק וואָרט ניט פאַרשטאַנען.

— זי איז, הייסט עס, די גלאַוונע מאַכערין אינם אויעזדנעם איספּאָלקאָם. — האָט עס בערקוזשע בעסער געפּרואווט דערקלערן. — פאַרשטייסט נאָך אַלץ ניט? נו, ווי זאָל איך עס דיר פּאָרט דערקלערן... זי איז אַ מין, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, אַ... אַ... אַ פּאָמאָטשניק איספּראַווניק!... פאַרשטייסט דאָך שוין, האַ? — האָט בערקוזשע פאַרענדיקט מיט טריאומף און געוואָרט אויף אַן אויסדרוק פון גוואַלדיקער איבערראַשונג אויף בונעמס פּנים. — און אַ פּשוט מיידל, ביז גאָר, זאָג איך דיר... גיטער־מאַן דעם איינבינדערס טאָכטער!

אָבער, מישטיינס געזאָגט, מיט וואָס אָט דער נאַאיווער מענטש האָט עס געקלערט צו איבערראַשן אַן אַמעריקאַנער!... ניין, אויף בונעמס געזיכט האָט זיך גאָר באַלד באַוויזן אַן אויסדרוק ניט פון איבערראַשונג, נאָר פון באַליידיקונג. אָט דאָס־אַ... אָט דאָס שטיקל־איך־בעט־איבער־אייער־כבוד — האָט עס ז י אויך געצוואונ־גען אויסצוקלייבן אַ נייעם קאָמיטעט אַנשטאָט אונזערן? אַנשטאָט דעם וואָס אַמעריקע האָט אַפּוינטעד?11)

— וואָס שייך זאָגן געצוואונגען, — האָט בערקוזשע ווי גע־פּרואווט צו פאַרטיידיקן דאָס אומבאַקאַנטע מיידל אין דער לעדער־נער קורטקע. — געצוואונגען האָט מען אונז אפילו ניט, נאָר פאַר־אינטערעסירט האָט מען זיך אין אונז, פון זייעריקע, הייסט עס... האָט מען אונז דעמאָלט רעקאָמענדירט אַ נייעם צעטל מיט מענטשן פאַרן קאָמיטעט — נו, קען מען דאָך קיין חזירים ניט זיין...

ניט אזוי? — די דינע ליפּן פון זיין ברייט מויל האָבן זיך חוזקדיק פאַנאַנדערגעצויגן, פון וואָס זיין מויל איז געוואָרן נאָך ברייטער, —די מויל־ווינקלען האָבן אים דערגרייכט כמעט ביז צו די אויערן.

— נו, דאָס איז אַלץ ציגענע באָבקעס... — האָט זיך בונעם מיט כעס אַ שטעל־אויף געטאָן און אַ זעץ געגעבן מיט אַ פויסט אין טיש. — ביי מיר, ברודערקע, וועלן ניט גיין אַזעלכע זאַכן, נאָ סער!... איך, ברודערקע, אָנערקען ניט אייער קאָמיטעט, און דאַצאָל... איך בין אַן אַמעריקאַנער סיטיזען! — האָט ער זיך אַ העפטיקן קלאַפּ געטאָן אין ברוסט. — דו ווייסט וואָס דאָס מיינט? דאָס מיינט, אַז איך פייף אויף אייער ווייבערשן פּאַ־מאָטשניק איספּראַווניק!... נעווער מיינד, מיר וועלן נאָך זען! וואָרים אויב נאָר עפּעס, אויב זיי וועלן פּרוּוון מאַכן מיט מיר „מאַנקי־ביזנעס”, באַקלאָג איך מיך גלייך פאַרן אַמעריקאַנער קאָנ־סול... שיק איך אים גלייך אַ קייבל!

ז.

אין צימער האָט זיך איינגעשטעלט אויף אַ היפּשער ווײַלע אַן אומבאַקוועמע שווײַגעניש.

עס האָט זיך געדוכט: די ביידע מענטשן האָבן זיך אומגע־קערט ברוגזדיק איינער צום אַנדערנס רוקן — האָבן זיך שטאַרק צעקריגט און אָפּגעגט איינער פונם צווייטן אויף אייביק.

בונעם, מיט אַ פאַרעקשנטן אויסדרוק אויפן פּנים, האָט געקייט אַ שטיקל חלה מיט פיש און האָט געלאָזט די ברעקלעך חלה און די פיש־ביינדלעך געדיכט אַרונטערפאַלן אויף זיינע טייערע הויזן פונם ליכטיקן ענגלישן וואָל־שטאָף. ניין, וויכטיקערע זאַכן זיינען אים איצט געלעגן אין קאָפּ... און בערקוזשע האָט זיך אין פאַר־לעגנהייט געפּאַרעט מיט עפּעס אַ קלעפּעדיקער האַרטער צוקערקע, וואָס בונעם האָט אים פריער אַריינגעשטופּט אין האַנט. ער האָט געשוויגן. זיינע אויגן האָבן זיך שטייף צונויפגעזשמורעט, ווי ער וואָלט געדרעמלט, נאָר פון צייט צו צייט פלעגן זיינע אויגעלעך זיך עפענען אויף אַ קליינטשיק שפּעלטעלע, טאַקע ווי ביי אַ דרעמלדיקער קאַץ, — ער פלעגט זיך אויפכאַפּן און פאַרזיכטיק אַ סמאָטשקע טאָן די צוקערקע — און פלעגט זיך באַלד פאַרשעמען. ער האָט

ווידער פאַרזשמורעט די אויגן... עס האָט זיך אים זייער שטאַרק געוואָלט אוועקלייגן די צוקערקע צוריק אויפן טעלער, נאָר די צוקערקע האָט זיך ווי צוגעקלעפּט צו זיינע פינגער... ער האָט זיך, חוץ דעם, געשעמט אוועקצולייגן צוריק אויפן טעלער אַ שוין־אָנגעהויבענעם קאָנפעקט. אַך, אַ ברירה האָט ער געהאַט? האָט ער פון צייט צו צייט געלאָזט עפּעס אַ קליין שפּעלטעלע פון זיינע אויגעלעך, האָט זיך ווי אַ וועק געטאָן, און האָט די צוקערקע ווידער געשמאַטשקעט.

יאָ. יעדער פון זיי איז געווען איצט שטאַרק פאַרטיפט אין זיינע מחשבות.

וועגן וואָס־זשע האָבן זיי ביידע איצט געטראַכט? און פאַר־וואָס האָבן זיי עס אויסגעמידן, אין פאַרלויף פון היפּשע עטלעכע מינוט, אַ קוק צו טאָן אפילו איינער אויפן צווייטן? ווער קען זיך עס אונטערנעמען מיט זיכערקייט צו זאָגן פון וואָס אַ צווייטער מענטש טראַכט. בונעם — מעגלעך אַז דאָס האָט ער געטראַכט פון דער ניי־געשאַפענער לאַגע בנוגע דער פאַרטיילונג פון די אַמע־ריקאַנישע הילפס־מיטלען, און פון דעם ווי אַזוי ער וועט דאַרפן פון איר אַרויסקריכן — צי דאַרף מען ניט אָפּטמאָל תיכּף קייבלען קיין אַמעריקע נאָך „אינסטראַקשאַנס”? אָבער ס'איז דאָך אויך מעגלעך, פון דער אַנדער זייט, אַז געטראַכט האָט ער גאָר איצט פון דעם פון וואָס ער האָט איינגנטלעך ניט אויפגעהערט צו טראַכטן די גאַנצע עטלעכע שעה צייט זינט ער איז אַראָפּ דאָ אין שטאָט פון באַן — פון זיין משפּחה, פון זיין ווייב און קינדער...

אמת, די גאַנצע צייט פון זיין נסיעה פון אַמעריקע אַהער האָט זיך זייער שטאַרק וועגן „דעם” ניט געוואָלט טראַכטן — אַזעלכע מחשבות פלעגן צופיל דעם קאָפּ אים פאַרפּלאָנטערן און אומרואיק מאַכן. האָט ער עם דעריבער טאַקע תמיד אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער: אַז ער וועט קומען אַהיים — ווייל מיטן פּ י ז י ש ן דערנענטערן זיך צו דער אַלטער היים זיינער איז אים שוין ענדלעך רעכט געווען זי אָנצורופן אויך מיטן אַלטן נאָמען — אַז ער וועט קומען אַהיים וועט אים דאָך אַלץ שוין זיכער קלאָר ווערן... אַז ער וועט קומען אויפן אָרט פון חורבן, וועט ער דאָך זיכער אַלץ געוואויר ווערן — מען וועט אים שוין זיכער פון זיין גרויסן אומגליק דערציילן.

נאָר וואָס טוט זיך דאָ? אָט זיצט לעבן אים אַ נאָענטער מענטש, אַ גוטער באַקאַנטער פון אַמאָל, רעדט מיט אים וועגן אַלערליי שטאָטישע נייעסן; נאָר וועגן דעם וואָס אים, בונעמען, אינטערעסירט אַזוי שטאַרק צו וויסן, לאָזט יענער ניט פאַלן די גאַנצע צייט אַפילו קיין איינציק וואָרט.

— ווי זאָל מען עס דערקלערן, האַ?

און בונעמען לויפט דורך אַ קאַלטער שוידער איבערן לייב: מסתמא איז שוין דער בראָך אַזוי גרויס, אַז פאַר בערקווזשען איז עס פשוט צו־פיינלעך אָנהויבן וועגן דעם מיט אים צו ריידן. באַמערקט ער דאָך טאַקע אַליין מיט אַ ווינקל־אויג ווי בערקווזשע וואַרפט אויף אים פון דער זייט בגנבהדיקע בליקן, זשמורעט צונויף און זשמורעט פאַנאַנדער זיינע אויגעלעך — בליקן, מסתמא, פול מיט רחמנות און אויספּרואוואונג...

אָבער וויבאַלד אַז קיין מענטש קען מיט זיכערקייט ניט זאָגן פון וואָס אַ צווייטער מענטש טראַכט — האָט טאַקע אויך בונעם דאָ אַ טעות געהאַט. אמת, בערקווזשע האָט טאַקע געוואָרפן אויף אים פון דער זייט האַלב־צעטומלטע און אויספּרואווּנדיקע בליקן. נאָר — חוץ דער אומבאַקוועמלעכקייט מיט דער קלעפּעדיקער צו־קערקע, ניט אויפצועסן און ניט אַרויסצוואַרפן — איז דאָס אויך געווען מחמת גאָר עפּעס אַנדערש...

ווען בונעם איז אויסגעבראָכן, מיט אַ ווײַלע צוריק, אין גרויס גרימצאָרן און האָט אָנגעהויבן סטראַשען מיטן אַמעריקאַנישן קאָנ־סול, האָט בערקווזשע זיך ניט אויף קיין קאַטאָוועס דערשראָקן: צי האָט ער ניט אפשר צופיל אַרויסגעפּלאַפּלט פאַרן פרעמדן... און ווי איז, אַז די זאַך וועט טאַקע קומען צום אַמעריקאַנישן קאָנסול און ער, בערקווזשע, וועט נאָך אויך אַריינגעשלעפּט ווערן אין „דעם"? אַ פיינע מעשה. מער פעלט אים ניט...

אָבער מען מוז מודה זיין:

אין דער זעלביקער צייט וואָס בערקווזשעס פלאַטערנדיקע, היין־און־הערדיקע נשמה האָבן אָנגעפאַלט אָט די זאָרגן, איז אין אים אויך אויפגעשטיגן אַ שטאָלצער פאַרדרוס — אים האָט שטאַרק, פּאַטריאָטיש אַפילו, פאַרדראָסן אָט דער דאָזיקער בונעמס צאָרנ־דיקער אויסברוך:

— וואָס־זשע... וואָס שטייט עס אים אזוי ניט אָן דער קאָמיטעט? און אז ניט קיין גבירים, איז וואָס? קוקט נאָר אָן אָט־אָ די קיילעכדיקע געגאָלטע אַמעריקאַנישע צורה — וואָס בלאָזט ער עס פון זיך אזוי?... און אז ער איז שוין זאט און אָפּגע־פרעסן און גלאַנציק? — ער איז דאָך, אָבער, פּאָרט אַליין מער ניט ווי אַ געוועזענער קאַפּול...

ניין, ער ווייסט נאָך, אַפּנים, ניט, אַז דער דאָזיקער אַמערי־קאַנער, אַז דאָ זיינען באַלמעלאָכעס אַסך גרעסערע יחסנים פון אַמאָליקע גבירים; ער דאַרף נאָך ערשט, אַפּנים, געוואויר ווערן, אַז די שענסטע באַלעבאַטים מיט דער גרעסטער דעה אין שטאָט זיינען היינט דווקא די קוסטאַרן.

ווייל ער אַליין, בערקווזשע — אַז מען וויל, איז ער דאָך אויך איצט אַ קוסטאַר. יאָ, ער איז שוין פון לאַנג געוואָרן אויס לופט־מענטש; ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט אַ פּראָ־דוקטיווער אַרבעט: ער מאַכט אַליין און פאַרקויפט די לעצטע צייט אַליין ברויט־קוואַס. און דער אַמעריקאַנער דאָרט...

— זאָג נאָר, טייערער... — האָט בונעם, ענדלעך, מיט אַן אַנטשלאָסענער מינע אַראָפּגעווישט פון זיך די חלה־בריקלעך און די פיש־ביינדלעך און מיט אַ שטאַרקן רודערן איבער דער פּאָדלאָגע צוגערוקט זיין שטול סאַמע צו בערקווזשען, — זאָג נאָר, טייערער... איך האָב געוואָלט ביי דיר עפּעס פרעגן...

ער האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און שאַרף און דורכ־דרינגלעך און לאַנג פאַרקוקט אין די אויגן.

— קענסטו מיר, אפשר, דערציילן עפּעס... האָסטו, אפשר, עפּעס געהערט פון... פון מיין משפּחה?

בערקווזשעס ווינקלדיקע און שפּיצעדיקע צורה האָט זיך גלייך נאָך מער אָנגעשפּיצט. ער האָט פאַרדעכטיק אָנגעהויבן אַריינצו־שטעכן אויף־דער־העלפט אויפגעעפנטע, אויספאַרשנדיקע אויגעלעך אין בונעמען:

— וועגן אייער פאַמיליע? יאָ, פאַרוואָס ניט... געהערט אביסל... וואָס, אייגנטלעך, ווילט איר וויסן, פאַניע ראַכאָווסקי?

בונעמס האַרץ קלאַפּט הויך. בערקווזשע, וועלכער זיצט איצט קעגן אים פּנים־אל־פּנים, מוז עס אודאי אויך הערן.

— ווען... ווען האָסטו זיי געזען צום לעצטן מאָל?

— די קינדער אייערע? — מעסט בערקוזשע רואיק יעדעס וואָרט — וואָרט, לאָמיר זען...

בערקוזשעס ענטפער האָט בונעמען געקלונגען עפּעס זייער געוויינטלעך און וואָכעדיק.

— די קינדער אייערע, וואָס אמת איז, האָב איך שוין לאַנג ניט געזען... אָבער דאָס ווייב אייערס... דאָס הייסט, כ'מיין סטערען... איר האָב איך געזען דאָ אין שטאָט ערשט פּאַריקע וואָך.

בונעם איז אויפגעשפּרונגען; זיינע אויגן זיינען מיט איין מאָל אריינגעקראָכן אין זייער בולטער פּאָזע.

— וואָס מיינסטו, געזען... — ס'האָט אויסגעזען, ווי דאָס וואָלט געווען אַ שרעקלעכע בשורה, אַזוי בלייך איז געוואָרן זיין פּנים. — זיי... זיי לעבן דען נאָך?

— גאָט איז מיט אייך... וואָס הייסט, צי זיי לעבן נאָך? פאַרוואָס זאָלן זיי עפּעס ניט לעבן? פאַרקערט, זיי זיינען אויסגעוואַקסן זייער גראָטענע קינדער... ווינדער אייערער איז שוין גאָר אַ לייט... און ער שפּילט ביי דער סאָוועצקער וואָלאָסט אַ גרויסע ראָלע!

בונעם האָט זיך איבערגעבויגן איבער בערקוזשען, אים אָנגעכאַפּט פאַר ביידע אַקסלען און אים אָנגעהויבן צו טרייסלען. עס איז געווען באַשיינפּערלעך, אַז ער פאַרשטייט שלעכט יענעמס ווערטער. עס האָט זיך, דעריבער, געדוכט: דאָס וויל ער אויף אַזאַ אופן ארויסטרייסלען פון יענעם אַביסל מער קלאָרקייט...

— אָבער סטערע... דו זאָגסט, אַז דו האָסט זי אַליין געזען? מיט דיינע אויגן געזען?

— נו, יאָ, גאָט איז מיט דיר, בונעם! שוין־זשע ניט מיט מיינע אייגענע אויגן? — האָט בערקוזשע זיך געצאַפּלט. — מיט וועמענס דען־זשע אויגן? ערשט לעצטע וואָך... אַז זי וואוינט דאָך ניט ווייט פון דאנען...

בונעמס איבערראַשטקייט איז אַלץ געשטיגן מיט יעדער מינוט. ער האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק וואָרפן, אַז עס האָט זיך געקענט אפילו דוכטן, אַז דאָ ווערט ער שוין ווידער טעאַטראַליש; אינדעראמתן, אָבער, זיינען עס געווען איצט טאָקע זיינע ווירקלעכע געפילן, זיינע מענטשלעכע געפילן.

— הייסט עס, אז זי לעבט.. .אלע, זאָגסטו, לעבן זיי...

— האָט בונעם געזאָגט ניט־גלויבעריש — איז וואָס האָסטו די גאַנצע צייט געשוויגן? פאַרוואָס האָסטו עס מיר גלייך ניט גע־זאָגט?

— כ׳וויים... — האָבן בערקוזשעס דינע אָקסעלעך זיך גע־הויבן — כ׳האָב געמיינט, אז אייך וועט עס אפשר ניט זיין אָנגע־נעם... איך מיין, מען זאָל מיט אייך אָנהויבן וועגן דעם א שמועס...

בונעם האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגן. אויב מעגלעך, זיי־נען זיי איצט נאָך גרעסער געוואָרן.

— ביסט משוגע, צי חסר־דעה, צי ביידע זאַכן... וואָס הייסט, ניט־אָנגענעם... ניט אָנגענעם צו הערן פון מיין משפּחה, פון וועלכער איך האָב שוין אזויפיל יאָרן קיין וואָרט ניט געהערט?

בערקוזשע האָט אראָפּגעלאָזט די אויגעלעך, ווי שולדיקערהייט און פאַרשעמט.

— אז כ׳וויים... מען דערציילט דאָך ביי אונז, אז דו האָסט שוין פונדאָסניי חתונה געהאַט... — האָט ער אַזוי ווי געשטאַמלט. — אז דו האָסט שוין אַן אַמעריקאַנישע ווייב... הא? מיט אַמעריקאַנישע קינדערלעך אפילו... שווארצינקע, זאָגט מען אפילו... אמתע אַמעריקאַנישע...

— טפו, טפו, טפו... — האָט די בלייכקייט אָנגעהויבן אָפּ־גיין פון בונעמס פּנים. — ווער — איך האָב חתונה געהאַט? און מיט א נעגערטע נאָך? אַלע בייזע חלומות אויף מיינע שונאימס קעפּ!... וואָס הייסט, חתונה געהאַט? פאַר וועמען האַלטסטו מיך עפּעס, בערקוזשע? פע..

— איך זאָג עס ניט, פּאַניע ראַבאָווסקי... — האָט בערקוזשע זיך הכנעהדיק אַנטשולדיקט. — מען זאָגט... ביי אונז אין שטאָט האָבן עס אַלע אזוי פאַרשטאַנען... מען האָט עס געוואוסט אפילו, קען מען זאָגן, אויף זיכער...

— וואָרט־זשע נאָר... דערצייל מיר בעסער אַלץ אַקוראַט, פּאָריאַדקעם... — האָט בונעם זיך באַלד אָנגעהויבן בארואיקן און פאַרגעסן אָן דעם פריערדיקן רעכטפערטיקן צאָרן זיינעם, הלמאי מען האָט גאָר אזוינס אויף אים געקענט אויסטראַכטן; ער האָט בעסער געוואָלט הערן נאָך און נאָך פון דאָס אומגלויבלעכע, פון דאָס ניט־געריכטע, וואָס האָט געקלונגען ווי א גרויסער נס. —

זאָגסט, אז אַלע לעבן, אז אויך סטערע לעבט... וואר־זשע גע־
פינט זי זיך?

— זי געפינט זיך דווקא דאָ ניט ווייט. זי זיצט אין א קאָ־
לעקטיוו...

— ווי־זשע זעט מען זי? — האָט בונעם זיך אָנגעהויבן
בעטן ביי בערקווזשען. — איך מיין, אז מען קען דאָך זי זען; מען
וועט דאָך מיך צו איר צולאָזן? אָן אייגענעם מאַן, הא?

— ו ו ע ר וועט צולאָזן? — האָט בערקווזשע ניט פאַר־
שטאַנען.

— איך מיין, ז י י דאָרטן... אין קאָלעקטיוו, וואו זי
זיצט... דער סמאָטריטעל...

— וואָס הייסט, צי מען וועט דיך צולאָזן? — האָט בער־
קווזשע זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער. — א קאָלעקט־
טיוו הייסט ביי אונז, א קאָלאָניע אזא, א נייע קאָלאָניע... פון
אידישע כלעבאָראָבן... און דיין סטערע איז אויך געוואָרן דאָרט
א קאָלאָניסטקע... כאַ־כאַ־כאַ... — פּלאַצט בערקווזשע ווידער
ארוים. — צי „מען וועט צולאָזן”! א שאלה אביסל! מען קען
עס מאַכן איינס־און־צוויי! אבי איר ווילט זי נאָר זען...

— וואָס הייסט, צי איך וויל זען? — האָט זיך, מיט טרערן
פון פרייד אין די אויגן, בונעם געחידושט. — אָן אייגן ווייב זאָל
מען ניט וועלן זען? נאַטירלעך, אויב זי אַליין, הייסט עס...

בערקווזשע איז אויפגעשפּרונגען און אים אָנגעהויבן בארו־
איקן:

— אַך, וואָס רעדסטו... צי זי! איך בין זיכער, אז ווען
זי וואָלט געוואוסט, וואָלט זי תיכף אַליין אהערגעקומען... שאַ,
וואַרט אַקאָרשט...

ער האָט זיך א פּאָר מאָל א פּאַטש געטאָן אין שטערן.

— מאָרגן איז שבת... וועט זיין שווערלעך צו קריגן א
פור... חוץ דעם, דוכט מיר, אז ס'פּאַסט ניט פאַר אייך גלייך
אוועקצופאָרן אהין... די גאַנצע שטאָט וואַרט דאָך דאָ אויף
אייך!... מען דאַרף דאָך זען אָנהויבן עפּעס צו טאָן אין אונזער
ענין... כ'מיין, מיט דער געבראַכטער הילף פון אמעריקע.

— נו־נו... מ'עט שוין זען... מ'עט שוין טאָן...
אודאי... — האָט בונעם אָנגעהויבן גיין איצט אויף א דרך. —

מען וועט זיך שוין פּרוואוון צונויפרײדן... אָבער, ווי זעט מען סטערען?...

צום ערשטן מאָל פאַרן היינטיקן אָוונט האָט זיין קול געקלונגען אזוי הילפלאָז; ער האָט זיך דערפילט מיטאמאָל אינגאנצן אין בערקווזשעס רשות.

— שאַ, איך האָב אַן איינפאַל... — האָט בערקווזשע באַשיינפערלעך אַליין גרויס הנאה געהאַט פון דער וויכטיקער ראָלע, אין וועלכער ער האָט זיך מיטאמאָל דערפילט. — דאָ געפינט זיך איצט אין שטאָט דער אַלטער ר׳ בער... טאַקע פון זייער קאָלעקטיוו, פון דער קאָלאָניע, הייסט עס... איך האָב אים דאָ היינט בייטאָג אַליין געזען אָנקומען מיט זיין וועגעלע... ער שטייט איין ביי די ראַביקאָוויטשעס אין איינפאָר־הויז... און ער דאַרף זיך, מסתמא, גלייך אומקערן צוריק. איז...

— איז זאָל איך, הייסט עס, נעמען און צופאָרן מיט אים גלייך אַהין? — האָט בונעם אונטערגעזאָגט מיט אַ באַרייטווייליקייט און געהאַרכזאַמקייט. אָך, דער גרויסער אַמעריקאַניעץ איז פאַרט מער ניט געווען ווי אַ געוויינטלעכער מענטש, מיט אַלע געוויינטלעכע מענטשלעכע שוואַכקייטן...

— ניין, הלמאי... הלמאי זאָלט איר עס טאָן... — האָט בערקווזשע דערפילט אין זיך די פליכט אָפּצוהיטן דעם דעלעגאַטס כבוד. — ניט גלייך... איר נעמט און שרייבט בלויז אַן אַ בריוועלע, אַז איר זענט דאָ אין אַ מזלדיקער שעה און אַז איר ווילט זיך מיט איר זען; סטערע וועט שוין תיכף קומען צופליען... אָהאָ, איר קענט ניט די ווייבער...

ח.

אין יענער נאַכט איז פאַרוואָגלט געוואָרן דער שלאָף פונם גרויסן אַמעריקאַנער, — פונם הילפס־שליח, — פון בונעמען.

עס איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט, ווען בערקווזשע האָט אים פאַרלאָזן מיטן טאָפּלטן צוזאָג, אַז ער וועט מאָרגן ווידער קומען צוגיין, און אַז ער וועט שוין זען אָפּזוכן אין שטאָט ר׳ בערן און אָפּריידן מיט אים, אַז אויפן וועג צוריק אין קאָלעקטיוו, זאָל

ער פאַרפאָרן צו בונעמען אין האָטעל און מיטנעמען דאָס בריוול פאַר סטערען.

ווען ער איז פאַרבליבן אַליין, האָט בונעם אַרויסגעשלעפּט זיין גאָלדענע קוואַל־פּען און זיך אַנידערגעזעצט שרייבן דאָס בריוול:

— צו מיין טייערער און פיל געליבטער ווייב, סטערע, תחי... ערשטנס...

יאָ, דאָס איז זיכער געווען דער ריכטיקער אָנהויב, אַ באַ־קאַנטער אָנהויב, אַן איינגעפאָרענער אָנהויב. נאָר וויטער האָט שוין בונעם קיין איינציק וואָרט ניט געקענט אַרויסברענגען. בשום אופן ניט.

ער האָט זיך געפילט מאָדנע שווער און אָנגעשטרענגט; אַשטייגער, ווי ער וואָלט איצט געדאַרפט שרייבן אַ בריוול ניט צו זיין אייגן ווייב, נאָר... צו וועמען? ניין, טאַקע ניט צו קיין פרעמדנס ווייב, פאַרשטייט זיך; נאָר צו אַ פרוי וואָס איז אַמאָל געווען זיין ווייב — אַשטייגער, צו אַ אַ געגטער פרוי... ער האָט דאָך סטערען שוין אַזויפיל יאָרן ניט געשריבן קיין בריוול.

דער מוח איז געווען אָנגעצונדן און אין האַרץ האָבן געקלאַפּט האַמערס. עס האָט זיך ניט איינגעזעסן אויפן אָרט; ער איז נאָכ־אַנאַנד אויפגעשטאַנען און זיך צוריק אַנידערגעזעצט, אויפגעהויבן זיך און זיך צוריק אַנידערגעלאָזט. ביז ער האָט סוף־כל־סוף פאַר־לאָזן דעם טיש און זיך באַשטימט אַנידערגעפלאַנצט מיט זיינע צוויי הויכע געזונטע פיס ביים פענצטער, האָט אים פאַנאַנדערגעשפּאַרט און זיך איינגעגעבן אינם דרויסן מיט זיינע בולטע גרויסע אויגן.

דער דרויסן איז איצט שוין געווען שטיל — פון לאַנג שוין שטיל. אַזוי, אַז דאָס פאַנאַנדערגעפּראַלטע פענצטער האָט מיט זיין הילך דערשראָקן די שטילקייט, האָט אויפגעוועקט פון זייער דרעמל אַ פּאָר טויבן וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט איינגענעסטלט אויף נאַכטלעגער איבער די גזימסן פון אַ שכנותדיקן האָטעל־פענצטער. מיט אַ וואָרקען און אַ געדעמפּטן פליגל־קלאַפּעריי האָבן זיי זיך אַרונטערגעלאָזט אין אַ באַלכסונדיקער ליניע צום מאַרק־צו. בו־נעמס בליקן — נאָך זיי.

קיין באַלויכטענע קוואַדראַטן אָדער פּאַראַלעלאָגראַמען פון גע־וועלבישע טיר־און־פענצטער האָבן שוין לאַנג אין מאַרק ניט גע־ברענט. קיין יונגוואַרג אויפן טראָטואַר — ניט געטומלט. אַרום־

און־ארום — אזא אומגעוויינטלעכע, אזא טויטע שטילקייט, וועלכע בונעם האָט שוין לאַנג, לאַנג, פון יאָרן־לאַנג, ניט געשפּירט, ניט פאַרדעכטיקט אַפילו אַז אַזעלכע שטילקייטן זיינען נאָך ערגעץ פאַראַן; ס'איז געווען ווי די דרויסנדיקע שטילקייט וואָלט געווען גאָר פון אַן אַנדער וועלט. נאָר אויב אין דרויסן איז עס איצט געווען אַזוי שטיל האָט עס דערפאַר אָבער געברענט איצט און געטומלט גאָר שטאַרק אינעווייניק, אין בונעמען...

— איז הייסט עס... איז וואָס וועט זיין איצט?

סטערע — ווי קוקט זי איצט אויס? ער האָט זיך געפּרואווט זי פאָרשטעלן. אַז זי איז פאַר דער צייט אַסך עלטער געוואָרן — דאָס איז דאָך געווען אַ קלאָרע זאַך: עס איז דאָך שוין העכער צען יאָר אַז ער האָט זי פאַרלאָזן. בפרט נאָך, אַז מען האָט איי־בערגעלעבט אַזעלכע גרויזאַמע צייטן.

אָ, זיכער, זי האָט זיך געמוזט אַסך עלטערן — ברייט גע־וואָרן, צעפּאָרען, אָפּגעלאָזן — אַ דערשלאָגענע פאַריאַכנעוועטע אידענע... עס האָט דעריבער אַביסל געשראָקן די פאָרשטייענדיקע באַגעגעניש מיט סטערען, ווי עס שרעקט אַ באַגעגעניש מיט אַן אַלט־געוואָרענער אַמאָליקער געליבטער, וועלכע מען האָט מיט יאָרן און יאָרן צוריק פאַרלאָזן — עס איז שווער אַריבערצוטראָגן דאָס שולד־געפיל פאַר אָט דער צעבראָכנקייט אירער, פאַר וועלכער מ'האָט זיך חייב... יאָ, סטערע מוז דאָך שוין אודאי אויסקוקן איצט ווי זיינע אַ מאַמע; אַך, וואָס עס קען ווערן פון אַ מענטשן!

אָבער נאָך מער ווי סטערעס אייגענער אומגליק — דאָס אומ־גליק פון אַ פאַר־דער־צייט אַלט־געוואָרענער פרוי — האָט בונעמען באַאומרואיקט איצט די צוקונפט, זייער אַלעמענס צוקונפט. וואָס־זשע וועט זיין איצטער, אַ? מען וועט זיי אודאי באַדאַרפן מיט־נעמען מיט זיך, אַרויסראַטעווען זיי פון דאַנען. אָ, דאָס לאָזט זיך אודאי מאַכן, כאָטש דאָס וועט אים דאַרפן אָפּקאָסטן זייער אַ שיינע מטבע... אָבער אין אַמעריקע — גיי ברענג צופירן אַהין מיט איין קלאַפּ אַ גאַנצע משפחה מיט גרינע! און אַן עלטערע אידענע... וואָס פאַר אַ לעבן וועט ער שוין מיט איר דאָרט האָבן, מישטיינס געזאָגט.

— מילאַ, די קינדער... — גאָט אַליין, דער בוחן־לבבות, זעט, ווי ער, בונעם, נעמט זיך ניט צופיל איבער און איז גרייט צו גיין אויף הנחות. — מילאַ, די קינדער... יונגע מענטשן —

זיי וועלן זיך אויסגרינען... אָבער זי אַליין, סטערע — וואָס וועט ער טאָן מיט א י ר אין אַמעריקע? וויאַזוי וועט ער זיך באַווייזן מיט א י ר פאַר לייטן?

אין דרויסן איז די נאַכט געווען אַ ליכטיקע. אַ גרויסע לבנה — בלויז מיט אַ קליינעם פּגם אויף דער לינקער זייט, ווי אַן אָרונטערגעשאָבן שטיקל זילבערנס — איז געווען איצט אוממ־באַוועגלעך אַריינגעשטעקט אין סאַמע מיטן פון אַ ציכטיקן הימל, אָן אַ ברעקל פון אַ וואָלקן. בונעם דערפילט אין זיך מיטאַמאָל עטוואָס אַזוינס וואָס ער האָט שוין זייער, זייער לאַנג ניט גע־פילט. עס ווייעט אויף אים אָן אַ שטימונג פון אַן אַמאָליקן ליכ־טיקן זומערדיקן פרייטיק־צו־נאַכטס. ניין, ער האָט שוין גאָר לאַנג, לאַנג — פאַר די אַלע הונדערטער און הונדערטער פרייטיק־צו־נאַכטן און שבתים וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אַמעריקע — ניט געפילט אויף דער נשמה אפילו אַ סימן פון דעם, וואָס ער האָט געפילט איצט.

אָנהויב אָווגט, ווען די גרויסע קלייטן זיינען נאָך געווען אָפן אויפן מאַרק און אַ וואָכעדיק־לעבעדיקער עולם האָט זיך אַרומ־געדרייט איבער די טראָטואַרן, האָט ער עס גאָרניט געשפּירט. אָבער איצט אין דער שפּעטער נאַכט, האָט ער ניט נאָר אין זיך, נאָר אויך אין דרויסן אויפן מאַרק דערשפּירט אַ שטילע יום־טוב־דיקייט — עס איז אויסגעקומען ווי די שטאָט וואָלט איצט געפייערט אַ יום־טוב צוליב זיין אָנקומען אַהער...

מיטאַמאָל האָט אַ ביינאַכטיק ווינטל אַ בלאָז געטאָן פון אַ זייטיק געסל, אַ דריי געטאָן מיט שטרויעלעך און פּאַפּירלעך אויפן מאַרק. אַ זייגער, אַ שטאָט־זייגער, האָט דעמאָלט זיך ערגעץ פאַנאַנ־דערגעקלונגען, הויך און לויטער.

— איינס... צוויי... דריי...

בונעם האָט אָנגעהויבן אַרומזוכן מיט די אויגן אינם לבנה־ליכטיקן מאַרק: העכער אַביסל, אויפן דאַך פון אַ דריי־שטאָקיקן בנין אינם רעכטן ווינקל פונם מאַרק, האָט זיך געקנייטשט און געבוואַליעט אין דער לופט אַ רויטע פאָן. ס׳איז אודאי אַ מלוכה־אַנשטאַלט, האָט בונעם אַ טראַכט געטאָן. יאָ, דאָס איז דאָך די אַמאָליקע אופּראַווע! זע, ווי די רויטע פאָן פלאַטערט איצט נאַכ־אַנאַנד אין דער ליידיקער ביינאַכטיקער לבנה־ליכט באַלויכטענער

לופט איבערן מאַרק, פלאַטערט טאַקע מיט אַן אמתן טעם פון יום־טובדיקייט... און בונעמס האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן — פון שרעק, צי פון דערוואַרטונג: ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט וועלן אויפן ביינאַכטיק־ליידיקן מאַרק פאַרקומען עפּעס אומגעוויינט־לעכע פּאַסירונגען...

אַז בונעם בלאָנדזשעט ווייטער מיט די אויגן, דערזעט ער: פּונקט קעגן אים, אָבער אין סאַמע הינטערגרונט פונם מאַרק, איז געשטאַנען אַ קלויסטער, אַ ווייסער קלויסטער מיט בלויע קופּאָלן אויף אַלע ווינקלען. אין דער ליכטיקער נאַכט האָט זיך געזען ווי די צלמים אינדערהויך, מיט די אַרונטערהענגענדיקע קייטעלעך אויף זייערע זייטן, זיינען אַלע איבערגעבויגן, שטאַרק אויסגעקרימט — אָט־אָט, און זיי פאַלן, דוכט זיך, אַלע אַרונטער אויף דער ערד. דאָס ווינטל קלאַפּט נאָכאַנאַנד אין די אָפּגעשונדענע שטיקער בלעך וואָס הענגען אַרונטער פון די קופּאָלן־דעכלעך. אַ קלויסטער זאָל אַזוי אויסזען!... דער קלויסטער האָט באַשיינפּערלעך געהאַלטן אין פאַנאַנדערפאַלן, אין איינזינקען.

ווי אומגעוויינטלעך דאָס אַלץ איז געווען... יאָ, אַסך ענ־דערונגען זיינען קענטיק פאַר אָט דער צייט פאַרגעקומען אין שטאָט. און דאָס וואָס ער, בונעם, שטייט דאָ איין אַנטקעגן דעם קלויסטער אינם רייכסטן שטאָט האָטעל, וואו עס האָט זיך אים קיינמאָל ניט געחלומט, אַז ער וועט ווען־עס־איז דאַרטן איינשטיין — איז דאָס אַליין ניט קיין גרויסע, קיין אומגעוויינטלעכע ענדערונג?

און בונעם דערפילט זיך מיטאַמאָל איינגעוויקלט אין אַ ליכטן וואָלקנדל פון פריידיקער צופרידנקייט און פון גרינגן געמיט. עס האָט זיך שוין מער ניט געגלוסט איצטער אומצוקערן זיך צום בריוו, צום ווייב, צו די צעטומלענדיקע געדאַנקען וועגן דער נייער לאַגע אין וועלכער ער האָט זיך מיטאַמאָל געפונען. מען דאַרף זיך לייגן שלאָפן; עס איז שוין שפּעט. אין דער לופט האָט זיך שוין גע־פילט, אַז עס וועט אינגיכן אָנהויבן טאָגן.

ט.

אַרומגענומען מיט אַ מוראַדיקער, באַטש געשמאַקער, מידקייט, איז בונעם צו צום בעט, אַ הויב־אויף געטאָן די קאַפּע. ער האָט

שוין באַצייטנס דערפילט דעם תענוג פון אַריינוואָרפן זיך אין אַ ווייכער בעט, פונקט ווי אַן אויסגעמאַטערטער דערשוויצטער מענטש, וואָס שטייט נאָך ביים ברעג טייכל, דערפילט שוין באַצייטנס דעם פאַרגעניגן פון אַריינשליידערן זיינע מידע אברים אין דעם קילן דערפרישנדיקן וואַסער.

ער איז געבליבן שטיין מיט אַן אויסדרוק פון גרויסער שטוי־נונג אויפן פנים: הערסט, מען האָט זיך פאַרגעסן אפילו אויסבעטן אים דאָס בעט! אַך, די היגע פאַראַנדקעס...

אפילו קיין קישן, קיין ליילעך האָט מען ניט אַוועקגעלייגט. דער נאַקעטער מאַטראַץ, מיט פאַרדעכטיקע זשאַווער־פלעקן אין עטלעכע ערטער, האָט וויניק געלאָקט מיט זיין דאַרן סקעלעטישן אויסזען.

בונעם האָט געדולדיק אַ קוועטש געטאָן מיט די פלייצעס, האָט אָנגעקלונגען און אָפּגעוואַרט עטלעכע מינוט. קיינער איז ניט געקומען. ער האָט צום צווייטן מאָל אָנגעקלונגען, אָנגעקלונגען שוין מיט אַ געבייזער. אין האָטעל־בנין איז אַלץ געווען שטיל. מינוט איז פאַרלאָפן נאָך מינוט — אויסערגעוויינטלעכע לאַנגע מינוטן — נאָר פון קאָרידאָר האָט זיך קיין איינציקער שאָרך צו אים ניט דערטראָגן.

— וואָס־זשע וועט דאָ איצט זיין, האַ? — נעמט בונעם פאַנאַנ־דער זיינע הענט אין גרויס פאַרלעגנהייט. — איז דער האָטעל־בנין אינגאַנצן פוסט? געפינט ער זיך פּילייכט איצט גאָר איינינקער אַליין אין דער גאַנצער געביידע?

— וואָס טוט זיך דאָ, האַ? — האָט בונעם זיך אַרויסגעבויגן דורכן אָפענעם פענצטער.

עס האָט אים מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט אַ גרויס פחד. ער איז צוריק געלאָפן צום גלעקל, האָט זיך אין אים איינגעגעסן מיט די פינגער, — זיך אַזש צו אים צוגעקלעפּט.

איבערן איינגעשלאָפענעם האָטעל האָט זיך איצט נאָכאַנאַנד געטראָגן אַ פּישטשנדיק דראָבנע געקלינגעריי, וואָס האָט געוואָיעט דורך דער נאַכט ווי אַ שרעקנדיקער סיגנאַל, ווי אַ רוף נאָך רעטונג.

בונעם האָט אַליין ניט געוואוסט ווי לאַנג דאָס אַלץ האָט געדויערט. אַ שוויים האָט אים אָנגעהויבן ענדלעך אַרויסטרעטן אויף זיין שטערן. אינגיכן האָט זיך אים אפילו שוין אינגאַנצן

אויפגעהערט גלויבן, אז אימיצער וועט זיך נאָך אָפּרופן; אָבער קלינגען האָט מען פונדערסטווייגן געמוזט, נאָכאַנאַנד קלינגען, קלינגען...

קיין טריט האָט מען אַלץ פון ערגעץ ניט געהערט.

און ווען פון הינטער אים האָט סוף־כל־סוף זיך אין אַ ווײַלע אַרום שטיל געעפנט די טיר, האָט זיך בונעם ערשט פונדאָסניי איבערגעשראָקן. עס איז געווען ווי די טיר וואָלט זיך געעפנט פון זיך אַליין...

דאָס געשטאַלט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שוועל, איז אָבער געווען נאָך איבערגעשראָקענער פאַר בונעמען... עס איז געווען אַן אַלטע גויע אין איין האַלקע וואָס איז אין אײַלעניש געווען אַריבערגעוואָרפן איבער אַן אונטערשטן שלאָפהעמד פון גראָבן לײַוונט. זי האָט די גאַנצע צײַט צוגעהאַלטן די דאָזיקע האַלקע מיט איין דאַרער אײַנגעשרומפּטער האַנט, און מיט דער צווייטער האַנט האָט זי פאַרבאַהאַלטן אירע אַלטע אײַנגעדאַרטע ברוסטן — די צוויי וואָרצלען־עקלעך, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון דער אַרונטערגעגליטשטער אונטערשטער העמד אַרויס. און אפשר האָט זי עס גאָר צוגעהאַלטן אַזוי איר אַלט האַרץ וואָס איז ביי איר געשפּרונגען איצט פון שרעק.

— טשאַהאָ וואָס, הראַזשדאַנין... באַרין... — איז זי גרייט געווען זיך איבערצוצלמען. — אַלע דאָכטורא טרעבאַ? (12

בונעם האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות אײַנצוהאַלטן, ווײַל זײַן אויפרעגונג איז געווען זייער גרויס. אָן אַ וואָרט כמעט האָט ער איר האַלב־שטום באַוויזן אויף דעם ניט־אויסגעבעטן געלעגער.

— קישן־לײַלעך ברענגען... שנעל...

— און איר אַליין, — איז דער שרעק אויף דער גויעס פּנים פאַרביטן געוואָרן אויף דערשטוינונג. — האָט איר דען ניט אייערע אייגענע?

איצט האָט זיך שוין בונעם מער ניט געקענט אײַנהאַלטן. ער האָט אויף איר אַ דונער געטאָן:

— פון אַ מ ע ר י ק ע האָב איך געדאַרפט ברענגען אַהער בעטגעוואַנט אויף צום שלאָפן?

— אָבער מיר געבען דאָך ניט ק י י נ ע ם פון אונזערע נעסט קיין בעטגעוואַנט!... — האָט זיך די גויע געקראַצט אין

צעמישטקייט. — אַלע אונזערע געסט ברענגען מיט זיך זייערע אייגענע... און ווי, איר האָט טאַקע ניט?

דער גויעס פאַרשלאָפענע האַלב־פאַרקלעפּטע אויגן האָבן אומ־גלויביק באַטראַכט דעם רייכן גאַסט.

בונעם גלאָצט דעמאָלט אויס אַזעלכע פייערדיקע אויגן... זיי קריכן אים אַזש אַרויס איינגאַנצן אין דרויסן פון די אָרביטן, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט זיי ממש פיזיש אָנרירן אַט די ווילדע פאַרשווינטע. די גויע הויבט אָן ציטערן, מאַכט אַ טראָט צוריק און נעמט זיך אָן פאַר דער קליאַמקע.

— פון אַ מ ע ר י קע אָהער געדאַרפט שלעפּן מיט זיך אַ ליילעך, אַ קאָלדרע, אַ קישן? — ברענט ער איר מיט זיינע בליקן. — וואָר־זשע געפין איך מיר דאָ, — אין אַ משוגעים־הויז, צי אין אַ האָטעל? ברענגט אָהער אייער פּאַרוואַלטער! תיכף, די מינוט!

אַ דערשראָקענע, אַ שטאַרק־שולדיקע רוקט זיך דעמאָלט די גויע אַרויס הינטערווייַלעכטס דורך דער טיר.

— ווער ווייסט אים, וואו ער איז איצט... — פּרעפּלט זי פאַר זיך און צלמט זיך אין דער שטיל. — אָ, צרות מיינע גרויסע, אַז אַלע שלאָפן דאָך שוין ביי אונז פון לאַנג, פון לאַנג...

בונעם דערפילט זיך איצט שוין גאָר שטאַרק מיד. ער פאַלט שווער אַנידער אויפן בעט, ווי אַ טויטער. ער האָט קוים כוח פון זיך אַראָפּציען זיינע מלבושים. כאַפּט זיי דער שוואַרצ־יאָר... מילא, וועט ער זיך שוין לייגן אַזוי אויפן נאַקעטן מאַטראַץ. אַ ברירה האָט ער?

מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך אָבער אָן עפּעס אַ זאַך וואָס ער טוט געוויינטלעך יעדע נאַכט פאַרן שלאָף. שוין אַ האַלב־אויסגע־טאָנענער גייט ער אַרויס אין קאָרידאָר. מען הערט, דוכט זיך, זיינע הילכנדיקע פּראָטעסטירנדיקע טריט דורכן גאַנצן איינגעשלאָ־פענעם האָטעל — ער טאָפּטשעט מיט זיינע שווערע פיס איבערן קאָרידאָר, ווי קיינער וואָלט נאָך איצט גאָרניט געשלאָפן, ווי עס וואָלט נאָך געוועזן איצט תחלת אָוונט. עס איז שוין אָבער פאַר־טאָג; דורך די אָפענע פענצטער כאַפּט זיך אַריין אַ זומערדיק באַגינען־ווינטל, נישטערט לוסטיק אַרום אין פוסטן ליכטיקן חדר,

פאַכעט מיט אַ פּאָהחאנגל, די קוואדראטן פון די צעפּראַלטע פענצ־טער הויבן אָן דעמאָלט שאַריען, ווערן וואַסערדיק.

אין אַ צוויי מינוט אַרום רייסט זיך בונעם צוריק אַריין אין צימער, ווידער אינגאַנצן אָן אויפגעבראַכטער.

— נו, זאָגט נאָר אַליין... — פירט ער פאַנאַנדער מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך אויסגעטענהט מיט אימיצן, — אַשטייגער, מיט דער ליכטיקער לאָמפּ־באַלויכטענער פוסטקייט פון צימער, צי מיטן פרישן באַגינען־ווינטל. — קיין פּאַפּיר האָבן זיי אפילו ניט אין קלאָזעט... עס קומט אויס, אַז כאָטש נעם כ'ווייס גאָרניט וואָס... וויי־וויי, סאַראַ לאַנד! סאַראַ לאַנד! אַסך האָבן זיי דיר אויפגעטאָן מיט זייער רעוואָלוציע!

יאָ, דאָס איז שוין געווען אַביסל צופיל... ווייל אויב עס איז אַזוי אין דעם גרעסטן רייכסטן ערשט־קלאַסיקן האָטעל וואָס אין סאַמע צענטער שטאָט — איז וואָס קען מען שוין דערוואַרטן אין אַנדערע ערטער, אין געוויינטלעכע הייזער... און בונעמס קיילעכ־דיקע ריין־גענאָלטע מאָרדע רוקט זיך דעמאָלט אַרויס פאָראויס מיט אַ פעסטן באַשלוס:

— ניין, מען טאָר זיי דאָ פאַר קיין פאַל ניט איבערלאָזן, די משפחה... מען מוז זיי תיכף פון דאַנען אַרויסראַטעווען...

ער זעצט זיך שנעל אַוועק צום טיש אַ באַגייסטערטער און גיט זיך אַ כאַפּ פאַר דער קוואַל־פען.

יאָ, איצט איז אים שוין אַלץ קלאָר. ניין, ער טאָר מער ניט טראַכטן פון פאַריז; ער מוז זיך אומקערן מיט דער משפחה צוריק אין אַמעריקע... דאָס איז זיין „דיוטי" — זיין הייליקע פליכט פון אַ פאָטער און אַ מאַן.

— די קינדער וועלן דאָרטן גיין אין האַי־סקול — שרייבנדיק סטערען דעם בריוו, לויפן אים פאָראויס די געדאַנקען — כאָטש זיי זיינען שוין פאַר דער צייט אודאי שטאַרק אויסגעוואַקסן... נו, איז טאַמאַרע וועט זיך אויסלערנען סטענאָגראַפיע און וועט דערנאָך אַרבעטן אין אָפיס... און וויגדערן — אים וועט ער אַוועקגעבן אין אַ „פּרעפּסקול" וואו ער וועט זיך צוגערייטן פאַר קאַלעדזש...

אין אַ פּרעפּסקול, ווייסט בונעם, קען מען אַריינטרעטן, עס מאַכט ניט אויס אין וועלכן עלטער. אַט יענער סטודענט, מיט

װעלכן בונעם האָט זיך באַקאַנט מיט יאָרן צוריק אין קירזשנער־שאַפּ און װעלכער איז דעמאָלט געװען זיין ענגלישער לערער, האָט אויך געהאַט געקליבן „קאַונטס" אין אַ פּרעפּסקול, און יענער איז שוין געװען גאָר, גאָר אַ דערװאַקסענער יונגערמאַן.

— און דערנאָך װעט װיגדער זיך לערנען אין קאָלעדזש אויף לאָיער... צי גאָר אויף אינזשעניער, אויב ער װעט עס בעסער װעלן...

בונעם װאָלט אודאי געװאָלט אַז זיין זון זאָל זיך לערנען אויף לאָיער: אין דעם איז דאָ אַ גרויסער „פיוטשור". בונעם װייסט, אַז די גרעסטע פּאָליטישנס פון ניו יאָרק זיינען אַלע לאָיערס. לאָיערס מאַכן זיך תמיד אַ גוטע קאַריערע. אָבער פונדעסטװעגן... מיט אויפגעװאַכטער פּאַטערישער פרייד, װעלכע שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם גוטן שמייכל װאָס פּלאַטערט איצט אַרום זיין גרױס פלײשיק מויל, דערמאָנט זיך בונעם װי װיגדער, אַ קינד נאָך, פלעגט ליב האָבן צו מייסטרעװען, צו סטראָיען, צו פּאָרען זיך מיט קאַסטנס און װאַגאָנטשיקעס...

— יאָ, הכלל, מ'עט שוין זען... אפשר טאַקע אַן אינזשי־ניער...

און בונעם װערט באַלד פול מיט גרויס באַגייסטערונג איבער זיין אָנגענומענעם באַשלוס, צו מקריב זיין זיך פאַרן גליק פון זיינע קינדער. מער ניט, די איינציקע גרויסע שטרויכלונג איז איצט גע־בליבן סטערע אַליין.

יאָ, װאָס װעט שוין װערט זיין זיין אייגן לעבן, בונעמס, װען ער װעט מיט זיך ברענגען קיין אַמעריקע צופירן אַן עלטערע פרוי, אַ אידענע, װעלכע זעט שוין מסתמא אויס װי זיינע אַ מאַמע... אָבער ניין, —ער מוז אויך דאָס אין זיך גובר זיין, בונעם: ער מוז מקריב זיין זיין פּערזענלעך גליק פאַר דעם גליק פון זיין גאַנצער פאַמיליע. און איבעריקנס... ניו יאָרק איז אַ ריזיקער כרך — סוף־כל־סוף קען זיך יעדער איינער געפינען דאָרט זיין אייגן שטיקל גליק, ערגעץ אָן־אַ־זייט, אפילו אויב ער האָט אַן אַלט־געװאָרן װייב.

און אינם בריװ, װאָס איז אויפגעשריבן געװאָרן יענע נאַכט צו סטערען, איז געשטאַנען:

„צו מיין טייערער און פילגעליבטער װייב סטערע תחי'. ערשטנס קום איך דיר טאָן מעלדן אַז איך בין באַרעכאַשעם גע־

זונט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אָמיין צווייטנס טו איך דיר טאָן מעלדן אַז איך בין געקומען צופאָרן נעכטן ערעוו שאַבעס אהיים און האָב זיך דערוואוסט צו מיין גרויסער פרייד אַז איר זענט אַלע דאנקען שעמעסבאָרעך לעבעדיק און געזונט איז בעט איך דיר דו זאָלסט נעמען די ערשטע פור און קומען צופאָרן אהער ווייל איך ברען פון אומגעדולד צו זען דיך מיט די קינדער דיין גע־טרייער מאַן בונעם".

בונעם איז צו צום פענצטער, אַ שטאָלצער מיט זיך וואָס ער האָט געטאָן זיין פליכט. אין דרויסן איז געלעגן אַ היימישער שבתדיקער פרימאָרגן, אין וועלכן עס האָבן שוין אָנגעהויבן טשווי־טשערן די ערשטע פויגעלעך, וואָראָבייטשיקעס צי שוועלבעלעך — ווער האָט זיי דאָרטן געוואוסט: בונעם איז געוועזן איצט צו מיד, אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן פאַרשיידענע בענקשאַפט־געפילן דאָרטן... ער האָט בעסער פאַרהאַקט די פענצטער, דאָס טשוויטשערן פון די פויגעלעך זאָל אים ניט שטערן דעם שלאָף, האָט אַרונטערגעלאָזט די שווערע שטאָרן פון אָפּגעריבענעם פּליוש וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אין האָטעל פון די אַמאָליקע פּריצישע צייטן, און ער האָט זיך אַ שליידער געטאָן אויפן מאַטראַץ.

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום האָט שוין אַ רעגלמעסיק כראָפּען פליסיק געזעגנט די ווענט פון האָטעל.

דריטער קאַפּיטל

פּנים צו פּנים

א.

מאַנטיק, באַלד נאָכמיטאָג, איז שוין סטערע געזעסן אינם וואָגן, וואָס האָט זי געפירט פון קאָלווירט אין שטאָט אריין, זען זיך מיט איר מאַן.

די גאַנצע פאַבריקע נאַכט האָט זי כמעט ניט צוגעטאָן קיין אויג. דאָס האָט מען געקענט זען פון די בלויע רעדער אונטער די אונטערשטע אויגנלעדלעך. גלייך ווי זי איז געקומען צו זיך פון דער ערשטער איבערראַשונג, בעת ר׳ בער האָט איר מיטגעטיילט די ידיעה וועגן בונעמס קומען צופאָרן, האָבן זיך אויך אין איר קאָפּ אָנגעהויבן ראַיען ספקות — מחנות אָנגעפלויגענע בינען.

אמת, אז ער זאָל האָבן דאָרט פאַר אָט דער צייט חתונה געהאַט — דאָס אפילו האָט זי אויף אים קיינמאָל ניט געגלויבט. איר שטאָלץ האָט ניט דערלאָזן דעם געדאַנק, אז מען זאָל זי קאָנען אויסבייטן אויף א בעסערער. כאָטש, צוריקגערעדט, האָבן אין אזא צייט דאָך געקענט פּאַסירן אַלערליי זאַכן... אָבער דאָס ברויוול זיינם — עס האָט גערעדט קלאָרע ווערטער, און וועגן דעם איז שוין מער ניט געווען וואָס צו צווייפלען.

אָבער אפילו אזוי, האָט זי זיך אויך ניט געקענט פאָרשטעלן איר פאַרשטייענדיקע באַגעגעניש מיט בונעמען... ווייל סטערע האָט דאָך שוין פון אזא לאַנגער צייט אויפגעהערט צו פילן, אז בונעם — דאָס איז איר מאַן. ס׳האָט דעריבער צעטומלט די פאָר־שטעלונג פון דעם וואָס עס וועט דאַרפן פּאַסירן צווישן זיי ביידן, אויב עס וועט פּאַסירן, און וויאַזוי ס׳עס וועט פּאַסירן.

אַלנפאַלס, זיך זען מיט אים האָט מען דאָך געדאַרפט פאַרן... חוץ דעם, האָט זי דאָך סיי־ווי געטראַכט זיין די וואָך אין שטאָט. זי האָט געוואָלט איינקויפן דאָרט אַ שטיקל וואָלוועלע סחורה, אַ שטיקל קרעטאָן אָדער ציץ, אויף אויפצונייען זיך אַ ספּאָדניצע פאַר דער אַרבעט.

פונדעסטוועגן איז סטערע געווען איצט אויסגעפּוצט אין איר בעסטן קלייד — אַ קלייד פון אַ טונקל־בלויען האַלב־זיידענעם שטאָף. אויפן קאָפּ און האַלז — אַ שפּיצן־שאַל. און נעכטן פאַרן שלאָפן האָט זי זיך אפילו אויסגעצוואָגן דעם קאָפּ מיט רומיאַנעק־בלעטלע... נאָר דאָס טוט זי דאָך סיי־ווי פון צייט צו צייט, אמת, זי האָט זיך אויך היינט אינדערפרי אינגאַנצן אויסגעבאָדן אַ נאַקעטע אין טייך, אָבער דאָס איז דאָך געווען דערפאַר, וואָס היינט איז געווען אַ הייסער טאָג און ס׳איז געווען אַ גוטער געדאַנק זיך אָפּפרישן אַביסל, איידער מען לאָזט זיך אין אַזאַ זאַמדיקן וועג אַריין.

יאָ, דער וועג אין שטאָט אַריין איז טאַקע געווען אַ געדיכט־זאַמדיקער. און סטערע האָט ריכטיק געטאָן, וואָס זי האָט איבער אַלעמען אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ גרויען לייוונטענעם זאַמד־כאַלאַט. שוין וואָכן און וואָכן, אַז עס איז קיין רעגן ניט געגאַנגען. דער יונגוואַלד פון קורצע יאָדלע־בוימלעך, די גרוים פון קוסטעס, איז געווען דורכאויס באַשאָטן מיט שרפהנדיקן שטויב, און האָט אונטער אים קוים געאָטעמט, ווי אונטער אַ ברענענדיקן אַש. אויף די פעלדער האָבן זיך די טרוקענע זאַנגען געבויגן, איבערגעבראָכן.

דאָס מאָל האָט ר׳ בער גענומען די בריטשקע — דאָס פּאַראַד־וועגעלע פונם קאָלווירט — רויט־געפאַרבט מיט געלע רעדער־שפּיצן. אָ, דער ממזרישער קאָפּ, דער אַלטער לץ... ער אַליין האָט דאָך זיך אויך היינט אויסגעפּוצט אין אַ לאַנגן סורדוט, אין אַ ריינעם העמד מיט אַן אָפענעם אָפּגעלייגטן קאָלנער. ס׳איז געווען פּונקט ווי ער וואָלט געפאָרן עפּעס אויף אַ חתונה... אַרום האַלז האָט ער אויסגעבונדן אַ האַלב־זיידן טיכל, וואָס קיינער וואָלט קיינמאָל ניט פאַרדעכטיקט, אַז ער פאַרמאָגט אפילו אַזוינס...

און זיך אַליין נאָר האָט ער עס אַזוי אויסגעפּוצט? ער האָט אפילו אין זינען געהאַט צו באַדעקן דעם פערדס רוקן מיט אַ

רעדנע. געהייסן האָט עס כּלמרשט — קעגן דער זון און קעגן די דאָקושנדיקע פליגן, אָבער דעם געשפּאַן האָט עס פונדעסטוועגן צוגעגעבן כּמעט אַ פּריצישן אויסזען.

ר׳ בערן איז איצט געווען זייער גוט אויפן האַרצן. ער האָט אונטערגעקנאַקט מיט דער בייטש אין דער לופט, דאָס פערד האָט געביטן די פיס גאַנץ לעבעדיק און פלינק. צו סטערען האָט ער נאָך די גאַנצע צייט קיין איינציק וואָרט ניט אַרויסגערעדט; ער האָט זי געלאָזט אַליין מיט אירע געדאַנקען.

זיי זיינען באַלד אַריינגעפאָרן אין אַ ברייטער שאָטנדיקער אַלייע, מיט אַלטע קאַשטאַנען־בוימער ביי ביידע זייטן וועג, וואָס האָבן זיך אינדערהויך צונויפגעוואָקסן מיט די קרוינען. ווי קליינע גאָלדענע אָראַנזשן זיינען דאָ געהאַנגען גרויסע געלע קאַשטאַנען אין זייערע שאָלעכצן. אַז די בייטש האָט אַ הילך געטאָן, זיינען פון צווישן די צווייגן אַרונטערגעפאַלן פייגעלעך, ווי לעבעדיקע פרוכטן. ר׳ בער האָט אונטערגעפייפט צו די פייגעלעך, ווי ער וואָלט זיי גערופן זיך טיילן מיט זיין פרייד.

און אָט איז שוין די שוועבעלעך־פאַבריק „בליץ”. איצט איז זי אַ חורבה. רויטע ווענט שיילן פון זיך דאָס ליים, ווי מצורעים — זייער הויט. פענצטער אָן שויבן — בלינדע אויסגערונענע אויגן. אין דער לופט הענגען אויף משקולתן די באַלקאָנען פון דעם פאָרנשטן פאַבריק־קאָרפּוס — הענגען ווי אָפּגעהאַקטע און ניט־דערהאַקטע אברים: לעבעדיקע און נאָך בלוטנדיקע הענט־און־פיס, וואָס הענגען אויף אָדערן־זיילן און אָדערן־שטאַבעס. און אין די היפּשע פאַבריק־חורבות זיינען פונדערהויך אַריינגעשטאָכן הויכע נאַקעטע קוימענס ווי ריזיקע פיינטלעכע שפּיזן.

אַ טרויעריק בילד... ס׳איז מער ווי אַ בילד פון אַמאָליקן חורבן — ס׳קוקט אויס, ווי דער חורבן קומט נאָך איצט אויך פאָר, און בלוט רינט נאָך איצט אויך פון וואונדן, וואָס זיינען נאָך פריש און רויט־צעעפנט... קוקנדיק אויף דעם קען זיך שוין דער אַלטער ר׳ בער מער ניט איינהאַלטן. אויף דער העלפט קערט ער זיך אום פון די קאָזלעס צו סטערען; די לייצעס קלייבט ער צונויף אין דער רעכטער האַנט, און מיט דער לינקער דריקט ער זיך אַזש די ברוסט.

— הערסט, סטערעניו, ווען נאָר איך פאָר דאָ פאַרביי, רייסט מיר אַזוי די האַרץ — ניט אויסצוהאַלטן... פאַרוואָס פאַרריכט

מען עס ניט — ווען וועט מען עס שוין אַלץ פאַרריכטן, ווען? אייער קנאַקער (דאָס האָט ער געמיינט וויגדערן; דערביי טייטלט ער מיט דער רעכטער האַנט, וואָס מיטן לייצעם־קנויל, אויף הינטן, פונקט ווי דאָרט הינטן, ערגעץ צווישן די יאָדלע־בוימער, וואָלט טאַקע איצט געשטאַנען אָט דער „קנאַקער") אייער קנאַקער האָט דאָך אַנומלטן געזאָגט אַז נאָך היינטיקס יאָר וועט מען זיך דאָ נעמען פאַר די רעסטאַווריר־אַרבעטן... נו־נו? עך, ווען מען וואָלט דאָ צוריק אויפגעשטעלט די פאַבריק, וואָלט עס דאָך געווען ממש אַן אוצר פאַר אונזער שטאָט, אַ גאָלד־גרוב! און אַפילו פאַר אונזער קאָלווירט אויך... — פאַרכאַפּט זיך דער אַלטער, מיט אַ שולדיקייטס־געפיל צוליב דעם רחמנות וואָס ער האָט אָקאָרשט אַרויסגעוויזן דער שטאָט.

סטערע ענטפערט אָבער אויף זיינע וואַרים־איבערגעגעבענע רייד בלויז מיט אַ „יע, אודאי"... און דער אַלטער פאַרשטייט ווידער, אַז מען דאַרף זי בעסער לאָזן איצט צורו.

— איז וויאַזוי וועט פאָרט זיין זייער ערשטע באַגעגעניש?

— הערט סטערע אַלץ ניט אויף צו טראַכטן איין און דעם זעלביקן געדאַנק. וואָס עס וועט זיין ווייטער, שפּעטער, — וויאַזוי „דאָס" וועט זיך אויסלאָזן — האָט זי אין דער מינוט ניט אַזוי אינטערעסירט. ס'האָט אָבער באַאומרואיקט און אַפילו געשראָקן דאָס וואָס דאַרף פאָרקומען אָט גאָר באַלד, — סך־הכל אין אַ שעה אַרום...

אַז זיי זיינען אָנגעקומען אין שטאָט, איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך, כאָטש עס איז געווען נאָך גענוג ליכטיק.

אַ זומערדיקער פאַרנאַכט. אין דרויסן, אין דער בלייך־בלויער לופט האָט פון די אַרומיקע שטאָט־גערטנער, וועלכע האָבן זיך געפּונען אויף די גאַסן וואָס פירן צום מאַרק, געשמעקט מיט אַגרעסן און וויינפּערלעך, און צווויט פון פלוימען־בוימער.

בונעם איז שוין אַ לענגערע צייט געשטאַנען אויפן האָטעל־גאַניק און אָפּגעוואַרט דעם גאַסט. ער איז געשטאַנען אין דעם הויפּט־אַריינגאַנג פונם האָטעל, צווישן די צוויי געזונטע נאַקעטע פיגורן מיט די ריזיקע גיפּס־ברוסטן און אַלאַבאַסטער־געקרייזלטע בערד. און מחמת ער איז געשטאַנען אויף זיין אָרט אַזוי שטייף און אומבאַוועגלעך, מיט אַזאַ אָפיציעלן אויסדרוק אויפן פּנים,

האָט זיין אייגענע גרויסע פיגור אויך אויסגעזען ווי אזא היפּשע סטאַטוע, אַן אויסגעגאָסענע פון גיפּס און אַלאַבאַסטער.

אַז סטערע האָט דערזען, פונדערווייטן נאָך, אַט דעם וויכטיקן פּריץ שטייענדיק צווישן די אַלאַבאַסטער־פיגורן, איז איר געוואָרן עפּעס זייער מאָדנע... דאָס האַרץ האָט זיך צונויפגעקאַרטשעט פון קילקייט. בונעמס פּנים, אַן אַ סימן פון וואָנצן, איז געווען איצט נאָך קיילעכדיקער אַפילו ווי אויפן בילד וואָס ער האָט איר אַמאָל צוגעשיקט — ווי דאָס פּנים פון אַ שטאַרק־אויסגעפּאַשעטן קסיאָנדז עפּעס. און אַז ער האָט אָנגעהויבן שמייכלען צו איר פון גאַניק אַרונטער זייער צוגעלאָזן, זייער פריינטלעך, איז זיין פּנים געוואָרן דעמאָלט נאָך קיילעכדיקער און זאַטער — אַן אמתע פולע לבנה.

אַזוי, אַז אַרונטערקריכנדיק פון בריטשקע, האָט סטערע דער־פילט ווי דער קאָפּ דרייט זיך איר זייער שטאַרק... איצט דאַרף זי זיך דאָך מיט אים צעקושן, ווי? אָבער איידער וואָס ווען, דערפילט זי שוין איר קאָפּ אויף זיין אַקסל, און אויף אירע באַקן אַ פייכטקייט. אפשר איז עס געווען פון זיין קושן, און אפשר האָבן עס טאַקע ביי איר אַליין אַרונטערגעקאַפּעט אַ פּאָר טרערן... פאַרוואָס זאָל מען דאָס ניט גלויבן? אין אַט דעם אויגנבליק האָט זי זיך דאָך געקענט דערמאָנען אַן גאָר אַסך שיינע און נאָנטע זאַכן וואָס האָבן זייביידן צונויפגעבונדן אַמאָל־אַמאָל, — יאָ, אַמאָל־אַמאָל! — נאָך איידער ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמע־ריקע... אודאי, מען קען עס טאַקע גלויבן. און בכלל — ווער קען זיך עס פאַנאַנדערקלייבן אין אַ פרוים נשמה אין אַזאַ מינוט.

זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צו אים — אין אַ מינוט אַרום, אין צוויי, צי אין פינף — ווער פילט עס די צייט אין אַזעלכע אומשטענדן? אירע אויגן האָבן אַלץ געקוקט אַביסל מיט פאַרשעמט־קייט און אַביסל מיט אומצוטרוי, ווי זי וואָלט ניט געגלייבט זיין קושן און וואָלט זיך געשעמט פאַר אירע אייגענע טרערן. זי האָט אָבער דערזען אויך אויף זיין פּנים טרערן...

יאָ, בונעם איז געווען גערירט פון דעם באַגעגעניש מיטן ווייב. ער איז געווען איצט איבערפולט מיט רחמנות און תשובה־געפיל: „עך, די אָרימענקע... — האָט ער גלייך אונטערגעפירט

א סך־הכל. — ווי זי האָט זיך עס פאַר אָט דער גאַנצער צייט א שפּאַר ביסל געמוזט אַנליידן"...

— נו, וויין ניט, וויין ניט... — האָט ער איר קאָפּ גע־דרוקט צו זיין מעכטיקער ברוסט און זי געטרייסט. — אבי מיר זעען זיך ווידער אין ריידן... יאָ, וועגן די קינדער... — האָט ער, א דורכגענומענער פונם תשובה־געפיל, געאיילט טאַקע גלייך אויפן אָרט אָנהויבן דורכצופירן דאָס נאָך פון אייערנעכטן אָנגע־צייכנטע פּראָגראַם זיינס, ווי צו טאָן זיין פליכט לגבי דער צוריק־געפונענער משפחה. — נאָר מען וועט שוין וועגן דעם אַלץ ריידן... לאָמיר בעסער ארויפגיין אָפּסטעז... צו מיר אין צימער אריין.

קענגן זיי, איבער דער גאַס, האָט זיך אויפן מאַרק צונויפגע־קליבן א היפּש געזעמל ליידיקגייערס וועלכע האָבן זיי שוין דאָ אָפּגעוואַרט עטלעכע שעה, כדי צו זיין אַנוועזנדיק ביי אָט דער סצענע. סטערע האָט געפילט אויף זיך אַלעמענס אויגן, האָט גע־פּלאַקערט און געפלאַמט פון בושה, האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. זי האָט זיך בשום אופן ניט געריכט, אַז די ערשטע באַ־געגעניש זייערע זאָל פּאַרקומען גראָד אויפן גאַס. האָט ער דען ניט געקענט גלייכער אָפּוואַרטן איר ביי זיך אין צימער, וואַרטן ביז זי וועט צו אים ארויפקומען?

— ברענגט ארויף אירע זאַכן, ר' איד... די טשעמאָדאַ־נעס... — האָט זיך בונעם געווענדט צו ר' בערן. — אָך, דו ביסט דערווייל נאָך געקומען אַזוי, גאָר אָן גאַרנישט? — האָט ער זיך געוואונדערט, פּונקט ווי ער וואָלט געוועזן איבערצייגט, אַז דאָס איז סטערע איצט שוין געקומען גרייט צו לאָזן זיך נאָך היינט ביינאַכט מיט אים אין וועג אריין, קיין אַמעריקע. — נו, ס'מאַכט ניט... — האָט ער זיך און איר פונדעסטוועגן גוטמוטיק באַ־רואיקט. — מיר וועלן זען אַלץ באַזאָרגן... האָב נאָר ניט קיין עגמת־נפש... אַלץ וועט שוין זיין אַלל־רייט!

ב.

אינדערהויך ווייסט אַזש בונעם גאָרניט וואָס צו טאָן מיט איר פון גרויס פרייד — טאַקע פון אמתער, פון האַרציקער פרייד. אויפן טיש וואַרט שוין אויף סטערען גרייט כיבוד. א גרויסע

שיסל ביזן ברעג אָנגעפילט מיט היפּשע בלוילעכע און ציטיקע אַגרעסן, באַדעקטע מיט אַ לופטיקער אַרומרינגלונג פון צאַרטע דינע הערעלעך. אַ טעלער מיט הויפנס און הויפנס בלישטשענדיקע שטיינג־לעך פון רויטע און בלייכע וויינפּערלעך... דאָס זיינען איצט די פּרוכטן פון סעזאָן. בארן אייניקע זיינען אויך פאַראַן — „גדוילן" רופט מען זיי דאָ — לענגלעכע, גלאַטע, זיך־רויטלענדיקע „פּאַננעס". אָבער אָט די בארן זיינען גיכער באַשטימט פאַרן אויג, ווי פאַרן גומען, ווייל זיי זיינען איצט נאָך האַרטלעך און האַרב, האָבן נאָך ניט דעם מעליקן טעם, וואָס ס'צעגייט זיך אַליין אין מויל, פון רייפע „פּאַננעס".

עס פעלט אויך ניט אויפן טיש קיין הויכע פלאַש ליכטיקן ריזלינג־וויין, וואָס קיניגט מאַיעסטעטיש צווישן אַ פּאָר געשליפענע גלעזלעך.

בונעם רוקט איר צו אַ פאָטעל אויף צום זעצן זיך, נאָר סטערע שטייט נאָך אַלץ אין פאַרלעגנהייט ביים פענצטער, וואַרפט אויף בונעמען שעמעוודיקע שמייכלען און שפּילט זיך מיט דער טונקלער שפּיצן־שאַל וואָס זי האָט דערלויבט איצט אַרונטערצו־פאַלן פון דעם קאָפּ אויף איר האַלז אַרונטער.

— נו, זעץ זיך שוין אַנידער, סטערע... — וואָס שטייסטו ביי דער ווינדע ?‏1) — זאָגט ער איר ענדלעך אַרויס מיט אַ פאַ־טערלעכן רחמנות־טאָן, אָבער זיין פאַרלעגנהייט איז בלויז אַביסל קלענער פון אירער. — שטיי ניט לעבן ווינדע, כ'בעט דיך, ס'בלאָזט אַ ווינטל: וועסט נאָך קעטשן אַ קאָלד2).

ווען סטערע וואָלט אפילו געווען פאַרשטאַנען זיין מאָדנעם לשון — וואָלט זי אים איצט אויך ניט פאַרשטאַנען... אַזוי לויפן איר איצט די בלוטן אין קאָפּ, קלאַפּן אין די שלייפן. אָבער ענדלעך זעצט זי זיך אַנידער אין דעם אָנגעוויזענעם פאָטעל. בונעם קוקט אויף איר ווייניק, בעת אפילו ער רעדט צו איר, ווי ער וואָלט אויסגעמיטן צו פאַרשעמען זי, אויב ער זאָל נעמען פון דער נאָענט באַטראַכטן איצט איר אַלט־געוואָרן צעקנייטשט געזיכט. ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן ווייטער. ער גייט צו צום גלעקל און הויבט אָן קלינגען.

דערווייל באַרואיקט זיך סטערע ביסלעכווייז, זי האָט דאָך ניט קיין מורא צו פאַרשעמען בונעמען — הויבט זי דווקא אָן פון דער

זיית באטראַכטן בונעמען, בעת יענער קלינגט. זע, ווי שטאַרק ער
האָט זיך עס געביטן — אַ גאַנצער פּריץ געוואָרן! סאַראַ אַנטאָן,
סאַראַ מלבושים... אפילו זיין ריידן איז אויך אַזוי אומפּאַר־
שטענדלעך, אַזוי פרעמד. אפנים, אַז דאָס רעדט מען עס אַזוי אין
אַמעריקע, ביי אים דאָרטן...

— נו, זיצסט שוין? — זעצט ער זיך איר באַלד אַנטקעגן
אויף אַ שטול. — אָל־רייט, גוט אַזוי... מאַך זיך היימיש...
ווילסט אַ גלעזל ווין? מען וועט באַלד אַריינברענגען צובייסן.
יעס... און וואָר־זשע זיינען די קינדער?

— טאַמאַרע געפינט זיך דאָ ניט ווייט... — אינפאָרמירט
אים סטערע זאַכלעך און קיל. — דאָס הייסט, אפילו ניט אַזוי
שטאַרק נאָענט אויך... אַ זעקס־זיבן שעה רייזע פון דאַנען...
זי לערנט זיך אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכניקום. און וויג־
דער...

— אָ, יעס, יעס... — לאָזט ער איר אפילו ניט ענדיקן;
ער ווייזט בכלל אַרויס סימנים פון גרויס צעטומלטקייט און אויפגע־
רעגטקייט. — מען האָט עס שוין מיר דערציילט... איז, וויגדער,
זאָגסטו, גייט גאָר אין פּאָליטעכניקום? דאָס איז זייער גוט...
כ'האָב טאַקע אויך אַזוי געטראַכט: טאָמער וועט ער זיך וועלן
לערנען ביי אונז אויף אינדזשיניר וועט עס אים צונוץ קומען...
יאָ, מען דאַרף זיי מאָרגןביידן טעלעגראַפירן — איצט איז דאָך
שוין אודאי שפּעט — זיי זאָלן גלייך קומען אַהער צופאָרן.

פּלוצלונג האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. בונעם האָט זיך
אַזש אַ טרייסל געטאָן. עס איז אַריין דער האָטעל־באַדינער. זע,
בונעם האָט זיך גאָר פאַרגעסן אַז ער האָט דאָך מיט אַ ווײַלע צוריק
אַליין געקלונגען, — וואָס טוט זיך עס מיט אים? ער קומט אָבער
באַלד צו זיך און הויבט אָן באַשטעלן ביי אים אַ רייכע וועטשערע
—אַ וועטשערע פאַר צווייען.

— אַלזאָ... פאַרשטאַנען? אָבער אַלץ זאָל געמאַכט ווערן
ווי געהעריק איז... אויף פּוטער... — האָט ער שטרענג באַ־
פוילן. — און די ביפשטעקסן זאָלן זיין ניט שטאַרק איינגעפּרעגלט...
אַזוי, מידיום...(3. און מיט גרינסן, צום סוף מאַלצייט, ניט מיטן
פלייש צוזאַמען — אין באַזונדערע טעלערלעך — עפּעס חוץ קאַר־
טאָפל גיט איר מיר דאָ קיינמאָל גאָרניט קיין גרינסן... מיר

אמעריקאנער האָבן ליב אַסך גרינסן, יו נאָו... — האָט ער פאַרענדיקט מיט גרויס וויכטיקייט.

דער באַדינער האָט אויף אַלץ איינשטימיק און בארייטוויליק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, כאָטש ניט אַלץ האָט ער נעבעך פאַרשטאַנען.

— אַלזאָ... נאָכאַמאָל, פאַרשטאַנען? אויב אַזוי איז אַלל־רייט... — צו בונעמען האָט זיך צוריקגעקערט זיין זיכערקייט אין זיך און זיין חשיבותדיקייט; זיין קול האָט זיך געהויבן. — און צוערשט זאָלט איר מיר ברענגען אַן איינגעמאַרינירטן הערינגל מיט ציבעלקעס... און דעם אייל און דעם עסיק — האָט ער ווייטער געשריען — זאָלט איר מיר ברענגען אין באַזונדערע פלעשעלעך, ניט אַריינגעכליאָפּעט אין טעלער אַריין, ווי נעכטן... אַלזאָ, פאַר־שטאַנען? נו, מאַרש... און האָריאָפּ!(4)

סטערע הערט אַלץ ניט אויף די גאַנצע צייט חידושלעך צו באַטראַכטן בונען: איי, ווי ער איז זיך עס פאַנאַנדערגעוואָקסן... ברייטער געוואָרן — זיכער; אַפילו ווי העכער געוואָרן אויך... בכלל — נאָך פיל לייביקער און שווערער געוואָרן ווי אַמאָל. וואָס דען, הונגערן האָט מען דאָרט, אין דער גאָלדענער מדינה, אָט די אַלע יאָרן אודאי ניט געדאַרפט... און פון דער אכילה, ווי זי זעט איצט, האַלט מען אין אַמעריקע זייער שטאַרק.

יאָ, מילא... אָבער פאַרוואָס שרייט ער עס אַזוי אויפן קעל־נער? זי האָט ממש אירע אייגענע אויערן ניט געגלויבט: סאַראַ שטרענגע באַפעלערישקייט אין קול, טאַקע נאָר ווי ער וואָלט פון געבוירן־אָן אַנדערש ניט צוגעוווינט געווען ווי צו קאָמאַנדעווען מיט משרתים. זי האָט זיך אַזש פאַרשעמט פאַרן באַדינער, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער טיר מיט אַזאַ געהאָרכזאַמער מינע און מיט פאַרמאַכטע ליפּן נו, ער ווייסט נאָך אודאי ניט, בונעם, אַז היע אין סאָוועטן־לאַנד, שרייט מען שוין מער ניט איצט אויף קיין קעלנערס. מען וועט עס אים טאַקע דאַרפן זאָגן ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

אָבער דער קעלנער אַליין, ווייזט אויס, האָט דוקא יאָ שטאַרקן דרך־ארץ פאַרן אַמעריקאַנער גאַסט. ער גייט אַרויס פון צימער הינטערוויילעכטס, מיט אַ פאַרנויג. דעמאָלט, נאָך אַ מינוטיקער שטילקייט, קערט זיך בונעם ווידער אום צו סטערען.

— נו, דערציילזשע מיר, טייערע... — דורך אַט דער מינוטיקער שטילקייט האָט בונעם באַוויזן אַרויסצופּאַמפּען פון זיך די אויפגעבלאָזענע וואַזשנעקייט און אַריבערצוגיין צוריק אויף אַ צאַרטערער און שטילערער נאַטקע. — דערצייל... וויאַזוי האָט איר עפּעס די גאַנצע צייט געלעבט... יעס, איך ווייס, — איר האָט זיך דאָ נעבעך גענוג אָנגעמוטשעט...

— אַט, כ׳ווייס, וואָס איז דאָ צו דערציילן... — קווענקלט זיך סטערע און הויבט אויף די אַקסלען. — ביי אייך האָט מען דאָך אודאי אויך געהערט דערפון... פון אַלעמען... וואָסי, די בלעטער אייערע האָבן דען וועגן דעם ניט געשריבן?

— הערסט, זי פרעגט נאָך אַ שאלה. — באַליידיקט זיך אַזש בונעם; אין זיינע רייד וואָס ווערן באַגלייט פון אַ גאַוהדיקן שמייכל קלינגט דער שטאָלץ פון אַ פּאַטער, ווען ער רעדט פון זיין געראָטן קינד. — זי שפּילט זיך עפּעס מיט אַמעריקע! נאַרעלע, ביי אונז אין אַמעריקע... דעם זעלביקן טאָג וואָס ביי אייך איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם, האָבן מיר עס שוין געוואוסט... טאַקע סאַמע דעם זעלביקן טאָג! נאַרעלע, וואָס מיינסטו עפּעס, אונזערע פּייפּערס זיינען אפשר די בעסטע אין דער גאַנצער וועלט! יאָ — האָט ער זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז ער לאָזט איר דאָך אייגנטלעך ניט עפענען קיין מויל. — איך מיין דאָך ניט אין דזשענעראַל...(5. איך וויל דו זאָלסט מיר דערציילן, ווי א י ר האָט דורכגעמאַכט די צייט — דו מיט די קינדער...

— כ׳מיין... וואָס איז דאָ צו דערציילן... — סטערע, פון איר זייט, שמייכלט דעם קלוגן שמייכל פון אַן עלטערן, ווען צו אים שטייט צו אַ קינד מיט אַזעלכע דערעסנדיקע נאַאיווע פראַגעס.

— מען קען עס דען אויסדערציילן מיט ווערטער? און גלאַט, צוליב וואָס דאַרף מען עס? עס איז דאָך שוין נאָך אַלעמען, דאַרף מען וועגן דעם ליבערשט פאַרגעסן.

נאָר בונעם באַשטייט אָבער אויף זיינס. און סטערע מוז דערציילן אים דערנאָך בשעתן עסן פאַרשיידענע זאַכן פון די פאַרלאָפענע יאָרן — אַלערליי קליניקייטן און ניט־וויכטיקייטן, וואָס עס פאַלן נאָר איר איצט איין אין קאָפּ... ניין, דער אמת איז טאַקע, אַז אין קאָפּ פאַלן איר איצט פון זיך אַליין קיין שום וויכטיקע זאַכן ניט איין. זי מוז זיך באמת שטאַרק, שטאַרק אָנ־

שטרענגען כדי אים קענען צו דערציילן כאָטש אייניקע עפּיזאָדן פון דער אַמאָליקער צייט. ס'איז איר מיטאַמאָל ווי זי וואָלט אים גאָר־ניט געהאַט צו דערציילן פון דעם אַלעמען וואָס זיי האָבן דאָ ווירק־לעך איבערגעלעבט אָט די אַלע יאָרן — ווי זי וואָלט געדאַרפט ערשט אויסטראַכטן מעשות מיט וועלכע אים דאָ צו טראַקטירן... אַשטייגער, ווי אַן אָנגעקומענער גאַסט פון דער פרעמד באמת זיך אַרויסצוקוועטשן פון זיך נייעס, ווען די אַרומיקע שטייען צו אים רק צו נאָכאַנאַנד „ער זאָל עפּעס דערציילן". יאָ, ס ' א י ז איר געווען מאָדנע.

זי איז אָבער נאָך צופרידן וואָס בונעם, דוכט זיך, הערט סיי־ווי ניט אַזוי שטאַרק דאָס, וואָס מען דערציילט אים. קוים וואָס זי פאַרענדיקט אירע רייד — און אָפט איידער נאָך זי האָט זיך באַוויזן אפילו רעכט אָפּצושטעלן — הויבט ער שוין אָן אויף אַ הויכן און גליקלעכן קול צו דערציילן איר פון ז י י נ ע מעשות — מעשות פון אַמעריקע און פון אירע וואונדער — פון איר פיל גרויסקייט און פיל רייכקייט — וואָס פאַר אַ גאָלדן לאַנד דאָס איז, און ווי גליקלעך עס לעבן דאָרט אַלע, אַלע מענטשן...

ג.

בונעם הערט אויףריידן בלויז דעמאָלט ווען ער פאַרטיפט זיך אינם עסן אויפן טיש.

און דעמאָלט, פאַרקערט, הערט סטערע שטילינקערהייט אויף צו קייען און הויבט ווידער אָן בגנבה צו באַטראַכטן בונעמען. זי וויל גענויער דערטאַפּן די ענדערונגען וואָס זיינען אין אים פאַר אָט דער לאַנגער צייט פאָרגעקומען.

ער עסט עפּעס אומגעוויינטלעך אַזוי, בונעם. אודאי עסן עס מסתמא נאָר פּריצים אַזוי. זע נאָר, ווי ער האָט עס זיך אַרומ־געבונדן אַ טישטוכל אַרום און אַרום זיין פעטן האַלז, און פאַר־בונדן עס מיט אַ היפּשן פליגלדיקן קניפּ פון הינטן. און די גאַנצע צייט — די גאַנצע צייט! — האַלט ער דאָס מעסער אין דער רעכטער האַנט, און דעם גאָפּל אין דער לינקער האַנט. אפילו אויף קיין איין מינוט לאָזט ער זיי ניט אַרויס — ניט אפילו ווען ער באַנוצט זיי שוין מער ניט, ניט אפילו בעת ער דערציילט גאָר

עפּעס סטערען וועגן אַמעריקע — אויך דעמאָלט האַלט ער דאָס מעסער דוקא אין דער רעכטער האַנט, און דעם גאָפּל דוקא אין דער לינקער האַנט... ווי צוגעקלעפּטע! און ווען ער רעדט צו איר, האַלט ער זיי אָנגעשטעלט מיט די שפּיצן קעגן סטערען, ווי ער וואָלט זיך געקליבן מיט זיי צו באַפאַלן איר, ניט אַנדערש...

דאָס געשיר איז פון אַ רייכן סאָרט, באַבלימטע און באַמאָלענע טעלער און שיסעלעך; און דאָס זילבערוואַרג איז סאָליד, שווער, פּריציש — נאָך פאַרבליבן פון די אַמאָליקע צייטן. סטערע רירט זיך צו צו זיי מיט פאַרזיכט און מיט אָפּשיי. און זע, ווי גרינג און זי־כער באַנעמט זיך עס בונעם מיט זיי! פּונקט ווי אינדערהיים פלעגט ער גאָר אַמאָל ניט עסן פון פּשוטע צינענע לעפל, און דער איינ־איינציקער גאָפּל אין שטוב פלעגט ניט באַנוצט ווערן פון עטלעכע מענטשן צוזאַמען ביים טיש...

בונעם אָבער מאַכט זיך דערפון גאָרניט אויס — ער איז דאָך שוין פון לאַנג געוואוינט דערצו... פאַרקערט נאָך: איידער ער האָט זיך געזעצט עסן, האָט ער אפילו קריטיש באַטראַכט דאָס זילבערוואַרג פון אַלע זייטן, האָט נאָך מיט ביטול פאַרקרימט די ליפּן: „ביי אונז אין אַמעריקע דערלאַנגט מען ניט אין אַ רעסטאָ־ראַן אַזעלכע אָפּגעריבענע לעפל צום טיש, מעגסט עס מיר הייליק גלויבן".

אָט, איצט רוקט ער צו צו זיך די היפּשע געבלימלטע זופּ־וואַזע — אַ טייערע כלי, כאָטש שוין אַ צעשטשערבעטע אין אַסך ערטער — וואָס שטייט אין מיטן טיש אַ צוגעדעקטע. עס זעצט פון איר אַ פּאַרע. מיט אַ גרויסן זילבערנעם שעפּער גיסט ער אָן איין טעלער, שטעלט אים אַוועק לעבן סטערען. דערנאָך אַ צווייטן — און שטעלט אים אַוועק לעבן זיך. אַך, וואו האָט ער עס זיך אויסגעלערנט אַזעלכע קאַוואַלערישע מאַנירן, בונעם?...

אַלץ איז גוט, אַלץ איז וואויל. נאָר מיטאַמאָל שפּרינגט ער אויף פון טיש ווי אַ געביסענער. ער גיט אַ שליידער זיין לעפל אויף דער ערד. עס דערהערט זיך אַ שווערער מעטאַלענער קלונג. ער לויפט צו צום וואַנט־גלעקל און הויבט שוין אָן ווידער צו קלינגען.

— אַזאַ געמיינהייט... — ווערט זיין פול פּנים צונטערדיק אויפגעפלאַמט, כאָטש זיינע בולטע אויגן שמייכלען אין דער זעל־

ביקער צייט העלדיש אזוי און איבערנעמעריש צו סטערען. — אזא חוצפה... דערלאנגען מיר א לעפל, איז צו איר צוגעקלעפט עפעס א שטיקל טייג... נישקשה, פאר מיין געלט קען מען מיר געבן א ריינעם לעפל!

דאס גלעקל קלינגט אלארמירנדיק איבערן גאנצן האטעל, ניט אנדערש ווי צו א שרפה. סטערע דערשרעקט זיך אזש. זי שטעלט זיך אויף גיך אויף, בויגט זיך איין, הויבט אויף דעם געפסולטן לעפל, ווישט אים ארום.

— אך, בונעם, לאז אפ... ס'איז דאך א קלייניקייט... איך בעט דיך, מאך ניט אן קיין סומאטאכע איצט... ס'פאסט ניט פאר מיר... נאדיה מיין לעפל, נא... איך וועל עסן מיט דיינעם...

זי איז אויך אינגאנצן רויט געווארן, זי וויל ניט אז א פרעמדער זאל אריינקומען, ווי זי וואלט זיך געשראקן אז באקאנטע זאלן זי נאך דא ניט טרעפן אין האטעל־צימער אליין מיט א פרעמדן מאנספארשוין...

אז ס'קומט באלד אריין דער דערשראקענער באדינער, וויל אים בונעם לכתחילה אזש דורס זיין מיט די בולטע ראקישע אויגן זיינע. נאר ער גיט א קוק אויף סטערען, איבערלייגט זיך, גיט זיך א קראץ אין קאפ. נו, גוט... מילא, זאל עס שוין בלייבן אזוי. אבער דעם דינער דארף מען דאך עפעס זאגן, נאך וואס האט מען אים גערופן. בונעם גיט זיך פונדאסניי א קראץ אין פאטיל־ניצע, ווי ער וואלט פון דארט געוואלט ארויסקראצן עפעס א גוטן תירוץ.

— יא... — רופט ער זיך ענדלעך אפ. — וואס האב איך אייך געוואלט זאגן... אהא, איך דערמאן מיך שוין... אייער, ווי הייסט ער דארטן... אייער זאווכאז — ער האט מיר אינ־דערפרי פארשפראכן ענדלעך, ענדלעך צו געבן מיר היינט ביינאכט פרישע בעטוועש. הא? וועט עס דאך אודאי זיין אין צייט? נו, איז זאלט איר אים פונדעסטוועגן נאכאמאל דערמאנען וועגן דעם...

און אז דער דינער, מיט א צושטימענדיקן קאפ־שאקל, איז שוין גרייט אוועקצוגיין, —

— יא... און נאך א קישן אויך... פארגעסט ניט...

דער דינער פירט אריבער זיינע אויגן פארשטייענדיק פון בור־

נעמען אויף סטערען; ער גיט דערביי א קוים־באמערקבארן שמיי־
כעלע, — אן אינעווייניקסטן שמייכעלע, הייסט עס, פאר זיך אליין.
ער ענטפערט בלויז:

— זארגט זיך ניט, בירגער!.... ס'איז שוין אלץ צוגעגרייט
געווארן.

סטערע זיצט מיט ארונטערגעלאזענע אויגן און עסט איר
זופ. זי מאכט זיך ווי זי וואלט גארניט געהערט פון דעם אלעמען,
גארניט באמערקט.

ד.

דערווייל איז שוין געווארן גאר שפעט. דער גערויש וואס
האט זיך געטראגן אהער פון גאס די גאנצע צייט פונם עסן, ווי
א נויטיקער אקאמפאנימענט, איז שוין כמעט אינגאנצן פארשוואונדן.
מען האט ניט באמערקט ווי אנטקעגן די פענצטער, אין מארק, האבן
דערווייל שטיל און רווישלאז זיך אנגעצונדן לאמטערנעס.

דאס עסן איז שוין געענדיקט. ביידע, מאן און ווייב, הויבן
זיך אן פילן איצט אומבאקוועם, האבן מער ניט פון וואס צו ריידן.

— עס... — רוקט איר בונעם אונטער דעם פלאטשיקן גע־
פלאכטענעם טעלער מיט פרוכט. — פארוואס עסטו מער ניט?

ער וואונדערט זיך, בונעם, וואס עס וועט זיין איצטער. דארף
ער איר עפעס זאגן, צי וואס?... ער גייט זיך דורך איבערן צימער.
ער ווארפט אויף איר זייטיקע בליקן. און ערשט איצט דערזעט
ער — גיכער דערפילט ער עס — אז סטערע איז פאר אט דער
לאנגער צייט גארניט געווארן אזא אלטע יאכנע ווי ער האט זיך
עס לכתחילה פארגעשטעלט. אמת, האר גרויע שלאגן זיך שוין
ארוים ביי איר אויפן קאפ דא און דארטן; אבער איר פיגור איז
בשום אופן ניט קיין אפגעלאזענע, זי איז נאך אלץ שטייף און
קרעפטיק, פונקט ווי אמאל. אמת, אונטער די פולע פייכט־ברוינע
אויגן זעט זיך ביי איר א געדיכטע נעץ פון ווערים־קניטשעלעך;
אבער דאס פנים אירס איז דערפאר געווארן איצט זוניק־אפגע־
ברענט און פריש און שמעקעדיק־ברוין, טאקע נאר ווי ביי א פויערטע.
עס שמעקט אזש בונעמען פון אט דעם פנים מיט אזא מין פרישקייט,
ווי פון אן אקארשט־געבאקענעם ברויט.

— איך האָב ליידער מער ניט מיט וואָס דיך איצט צו מכבד זיין... — רעדט ער צו איר זייער זיס און עפּעס אַזויווי שטילער. — איז דיר כאָטש געפעלן געוואָרן די וועטשערע? יאָ, דער דעסערט איז ניט געווען אַזאַ וואַזשנער דעסערט... דער קלובניק איז געווען אַביסל אַן אָנגעפּוילטער...

ער זעצט זיך צו איר צו גאָר נאָנט, נעמט זי אָן וואַרים ביי אַ האַנט. ער שמייכלט זיך אַזש פאַנאַנדער מיט אַ גליקלעכן דערי־נערונג־שמייכל.

— ביי אונז, ווייסטו, עסט מען אין דער צייט „סטראָבערי שאָרט קייק"...6) ווייסט אודאי ניט, וואָס דאָס איז, האַ? — קוקט ער איר אָן מיט רחמנות. — ניין, דו ווייסט טאַקע ניט... ס'איז אָבער שווער צו דערקלערן דיר וואָס דאָס איז אַזוינס, וויבאַלד האָסט עס קיינמאָל ניט געגעסן... ווי זאָל איך דיר זאָגן? ס'איז אַזוי גוט... ס'איז אַזאַ מין טאָרט וואָס עס האָט טעם גן־עדן... יעס סער!

נאָר סטערע זיצט אַלץ מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן. בונעם הויבט זיך ווידער אויף פון זיין זיץ־אָרט און באַנייט זיין שפּאַנען איבערן צימער. פאַרוואָס שווייגט זי עפּעס? פאַרוואָס זיצט זי די גאַנצע צייט מיט אַזעלכע אַרונטערגעלאָזענע אויגן, האַ? יאָ, זי מוז זיך אודאי פילן אין עפּעס שולדיק קעגן אים...

צוריק גערעדט, ווייסט ער נאָך אַלץ, בונעם, גאָר ווייניק פון דעם וואָס עס איז מיט איר דאָ פאָרגעקומען די גאַנצע צייט... און ווי איז, אַז עפּעס האָט דאָ מיט איר פאַר אָט דער צייט טאַקע פּאַסירט? — גייט פּלוצלונג דורך זיין קאָפּ אַ מוראַדיקער פאַר־דאַכט. — האַ? עפּעס שרעקלעכס... אַשטייגער, ווי מען פּלעגט עס לייענען מיט אַ קורצער צייט צוריק אין די צייטונגען, טאַקע ביי אונז אין אַמעריקע...

בעת אַזעלכע שוידערלעכע פּאַגראָמען און שחיטות — אַלץ איז דאָך געווען מעגלעך. און בונעם בלייבט אַ ווײַלע שטיין, הויבט איר אָן באַטראַכטן פון הינטן מיט אַ דורכדרינגענדיקן ענגבערדיקן בליק, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסלייענען, אַרויסבויערן פון איר דעם שרעקלעכן סוד.

סטערע פילט אָט דעם שאַרף־אָנגעשטעלטן בליק אויף זיך, איר ווערט מאָדנע ניט־גוט אַזוי פון דעם ענגבערן אין איר

פלייצע און ס'ווילט זיך איר גלייך, שוין זיך אויפהויבן און אוועק־גיין. אָבער מען דאַרף דאָך פאַרט אביסל זיצן, וויבאַלד מען האָט נעגעסן וועטשערע צוזאַמען. יאָ, אַוועקצוגיין אַזוי, פּלוצלונג, איז ניט שיין; מען דאַרף פונדעסטוועגן פירן אַ שטיקל שמועס אויך...

— נו, טאָ דערציייל־זשע מיר איצט דו עפּעס... ווי אַזוי האָסטו געלעבט די גאַנצע צייט אין אַמעריקע... —דרייט זי זיך האַלב אוים און ווענדט זיך צו אים מיט אַ גוטן לויכטנדיקן שמייכל. — ווייסט, ביי אונז דאָ האָט מען שוין גערעדט אַז דו האָסט דאָרט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט.

בונעם לאַכט זיך הויך און ברוסטיק פאַנאַנדער. — האַ־האַ־האַ... און דו האָסט עס אודאי גלייך געגלויבט, האַ? ניין, איך ווייס, דו האָסט עס געווים ניט געגלויבט. — אָבער באַלד ווערט ער ערנסט; ער פאַרשטייט דאָך הלמאַי מען האָט אַזוינס אויף אים געקענט גאָר אויסטראַכטן, — וויבאַלד אַז מען האָט פון אָבער קיין איינציק וואָרט ניט געהערט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד. אָבער, —

— דו ווייסט דאָך אַליין, סטערע. — פאַרטענהט ער זיך פאַר איר אין אַ שולדיק־אומשולדיקן טאָן. — יוראָפּ און אַמעריקע זיינען פאַר דער צייט געווען ווי... ווי זאָל איך דיר זאָגן? טאַקע נאָר ווי די וועלט און יענע וועלט!

— נו, דערציייל־זשע מיר עפּעס אביסל פון יענער וועלט...

— האָט זי, לוסטיק שוין, אויפגעלאַכט און האָט אויף בונעמען צום ערשטן מאָל פאַרן גאַנצן אָוונט אַ קוק געטאָן מיט אָפענע אַרויס־רופנדיקע ווייבערישע בליקן. — האָסטו פאַר אָט דער צייט עפּעס כאָטש גוט פאַרבראַכט, אויף... יענער וועלט? און ווי איז אַמע־ריקע „וואָאָפּשצשע" — איז עס טאַקע אַזאַ וואונדערלעך לאַנד, ווי מען הערט זיך עס אָן אַזויפיל דערציילן?

פון דעם, פון איר לוסטיקן ווייבערישן טאָן, ווערט בונעם ביי זיך דרייסטער, און זיין פריערדיקער פאַרדאַכט פאַרשווינדט ביי אים אינגאַנצן. ווייס איך וואָס, סאַראַ ווילדע געדאַנקען עס קענען עס אים איינפאַלן! יעדנפאַלס, מען וועט ביי איר קענען פרעגן וועגן דעם אביסל שפּעטער... אין אַ פּאָר טעג אַרום... צי אפשר טאַקע אפילו מאָרגן אינדערפרי... אָבער וואָס איז די איילעניש איצט, שוין?

ער רוקט זיך צו צו איר גאַר נאָנט, וויקלט ארום זיין אָרעם ארום איר האַלז.

— מען וועט דיר נאָך געגוג דערציילן וועגן דעם, סטערעלע... ביליוו מי, ס'איז טאַקע דאָ אָן־א־שיר צו דערציילן און צו דער־ציילן פון אַמעריקע... ס'איז דאָך שוין אָבער איצט שפּעט... כ'מיין, אַז עס איז שוין צייט צולייגן זיך שלאָפן... ווי מיינסטו... נ־ניין?

— כ'מיין אויך אַזוי... — הויבט זיך סטערע גלייך אויף פון שטול. — עס מוז שוין טאַקע זיין זייער שפּעט... ווי שפּעט איז איצט? מען דאַרף שוין גיין... הערסט ווי זי איז זיך עס פאַרזעסן אביסל.

דער זייגער אויף דער געביידע פון איספּאַלקאָם7) הויבט טאַקע פּונקט איצט אָן צו קלינגען, ווי ער וואָלט דאָס געענטפערט אויף סטערעס פראַגע. סטערע הערט זיך איין, ציילט. בונעם העלפט איר אויך ציילן. עפּעס קלינגט עס אויס גאַר אָן־א־שיר שעהן... יאָ, ער קלינגט איצט אויס טאַקע פולע צוועלף. האַלבע נאַכט.

— הערסט, ווי זי איז זיך עס פאַרזעסן אביסל...

זי הויבט אָן צו גרייטן זיך אין וועג אריין. זי רוקט אַרויף דעם שפּיצן־שאַל אויפן קאָפּ, נעמט אַרונטער מיט גרויס פאַרזיכט אַ פּאָר שפּייז־ברעקלעך און פּרוכט־הערעלעך פון איר יום־טובדיק קלייד, — ס'איז דאָך איר איינציקער גוטער מלבוש.

בונעם בלייבט שטיין אָן לשון.

— איז וואוהין־זשע גייסטו?... ס'איז דאָך שוין אַזוי שפּעט... — ער ווערט צונטערדיק־דרויט, הויבט אַזש אָן צו שטאַמ־לען. — כ'מיין... דו בלייבסט דען דאָ ניט נעבטיקן?

— ניין, אַ דאַנק, בונעם... איך מוז גיין. אויף מיר וואַרט מאָרגן אין קאָלעקטיוו אַסך אַרבעט.

אָבער בונעם איז אַזוי צעטומלט און צעמישט פון אָט דער אומגעריכטער ווענדונג, אַז ער הערט אפילו ניט איר ענטפער.

— איז וואוהין־זשע גייסטו? — דערשרעקט ער זיך ווידער פאַר עפּעס. — דו האָסט דען דאָ אימיצן... אין שטאָט?

ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען זיין פאַרדאַכט, גיט סטערע אַ קרוּ־מען שמייכל, מיט אַ ווינקל מויל.

— איך? פונוואַנען? ניין, איך האָב קיינעם ניט... די קינדער זיינען דאָך ניטאָ אין שטאָט, כ'האָב דאָך שוין דיר דער־ציילט... ניין, איך פאָר איצט צוריק אַהיים, אין קאַלווירט אַריין. גלויב מיר, ס'איז ביי אונז מאָרגן גענוג דאָרטן דאָ וואָס צו טאָן.

— אודאי, אודאי... — שמייכלט בונעם אַ פאַרלוירענער. — איך שטעל זיך פאָר... ס'איז דאָך שוין אָבער נאָך האַלבע נאַכט איצט... ס'איז דאָך שוין אודאי אַרום צוויי אַזייגער!

— מאָל דיך, ס'איז אַפילו בלויז צוועלף... ערשט, די מיד־נוט, געשלאָגן צוועלף... האָסט דאָך אַליין געציילט? חוץ דעם, וואַרט דאָך אויף מיר ר' בער אין ראַביקאָוויטשעס איינפאָר־הויז; מסתמא האָט ער שוין געכאַפּט אַ גוטן דרעמל פאַר דער צייט, וואָס איך בין דאָ, און דאָס פערד האָט זיך שוין אויך גוט אויסגערוט. וועט מען קענען גלייך איינשפּאַנען.

בונעם, דער מאַנסביל בונעם, ווייסט ערגעץ און פילט: דאָס גלייכסטע וואָלט געווען ווען ער רעדט מיט איר ניט קיין סך, נייט צו איר צו נאָענט, נעמט זי אָט־אַזוי שטייף אַרום, קוועטשט זי צו צו זיך שטאַרק־שטאַרק. יאָ, דאָס וואָלט אודאי געווירקט בעסער פון אַלערליי רייד זיינע. נאָר גראָד אויף דעם פעלט איצט בונעמען אויס מוט. ער דערפילט צו סטערען פלוצלונג אַביסל אַן אָפּשיי, ווי דאָס וואָלט גאָרניט געווען זיין אייגן ווייב, נאָר... עפּעס אַ ווייטע קרובה.

— אָבער אַליין ביינאַכט אין אַזאַ ווייטן וועג... — עצהט ער איר שוין איצט בלויז צוליב גוטפריינטשאַפט וועגן. — האָסט גאָר פאַר קיינעם קיין מורא ניט? דיך אַרט גאָר ניט?

— ניין, גאָרניט אַרט מיך... און פאַר קיינעם האָב איך קיין מורא ניט... — רייסט זיך ביי סטערען אַרויס אַ פאַרשייטע באַמערקונג, און זי קוקט בונעמען גלייך אין די אויגן אַריין: — נו, אַמעריקאַנער מיינער, וואָס דענקסטו א י צ ט וועגן מיר? — אָבער ניין, סעריאָזנע... ווי איך זע, שטעלסטו זיך פאָר אַז ביי אונז קומען נאָך איצט אויך פאָר פאָגראָמען און באַנדיטישע אָנ־פאַלן... איז האָסטו אַ טעות.

בונעם בלייבט שטיין קעגן איר אַ פאַרלוירענער, אָן אַ וואָרט. סטערען געפעלט דווקא די פאַרלוירנקייט זיינע — ערשט איצט הויבט

זי אָן צו דערפילן אויפשווימען אין איר הארצן א ווארימקייט צו אים: דוכט זיך, דאָס ערשטע מאָל פאַרן גאַנצן היינטיקן אָוונט... זי שטייט אים אנטקעגן און באַטראַכט אים מיט ברענענדיקע און ברייט־פאַנאַנדערגענומענע אויגן. ס'גיט איר עפּעס אַזוי אַ צי צו אים, — אין הארצן, אָדער ערגעץ אַנדערש — ווער קען וויסן וואו.

זי פאַרבייסט אָבער באַלד עקשנותדיק אַ ליפּ. ניין, ס'איז טאַקע גלייכער אַזוי. ס'האָבן איר פריער אין אָוונט אַסך זאַכן אין בונעמען באַליידיקט; און ס'האָט שטאַרקער פון אַלץ פאַרדראָסן זיין זיכערקייט — די זיכערקייט פון דעם אַפּגעפרעמדטן מאַן, וועלכן זי האָט שוין אַזויפיל יאָרן אין די אויגן ניט אָנגעקוקט — די זיכערקייט אַז שוין די ערשטע נאַכט וועט זי בלייבן ביי אים נעכטיקן!

— וואַרט... — האָט זי מיט זיך אַליין איינגעטענהט. — ס'איז נאָך דאָ צייט... מען וועט נאָך זען...

— כ'האָב פונדעסטוועגן געמיינט... — הויבט בונעם ווידער אָן צו שטאַמלען. — כ'האָב פונהעסטוועגן געמיינט אַז דו וועסט בלייבן נעכטיקן דאָ... כ'מיין צוליב דעם... מיר האָבן דאָך נאָך אַזויפיל פון וואָס איבערצורײדן... האַ? וועגן די קינדער און אַלץ... שאַ, וואַרט... — האָט פּלוצלונג בונעמס פּנים אויפגעלויכטן. — לאָמיר דיר כאָטש באַווייזן די מתנות... כ'האָב דאָך אייך געבראַכט מתנות... עקסטראַ געקויפט אין פּאַריזש פאַר דיר און פאַר די קינדער...

ניין, דער אָרימער בונעם האָט באַשטימט געהאַט אַ טעות: פאַרקערט, ער האָט שיִר ניט אינגאַנצן קאַליע געמאַכט דאָס גוטע געפיל וואָס סטערע האָט דערשפּירט אין זיך צו אים מיט אַ פּאָר מינוט פריער. די רייד וועגן די מתנות האָבן אויף סטערען געהאַט פונקט די פאַרקערטע ווירקונג. וואָס, ער מיינט אפשר אַז מיט די מתנות וועט ער זי אָפּקויפן? אירע ליפּן האָבן זיך ווידער קוים־באַמערקבאַר אַ קרים געטאָן אַרום דעם לינקן מויל־ווינקל.

— נו, יאָ, אודאי וועט מען נאָך ריידן... פאַרוואָס דען ניט... איך וועל ווידער קומען צופאָרן אין אַ פּאָר טעג אַרום. היינט אָבער קען איך בשום אופן ניט בלייבן, בונעם.

און ווידער דערפילט זי אַ מין רחמנות צו אים, אַ רחמנות צו זיין איצטיקער פאַרלוירנקייט און שטאַמלדיקייט. זי גייט פלוצלונג צו צו אים גאַר נאָנט, נאָר קוקט ניט אויף אים, בעת זי רעדט אַרויס די ווערטער:

— חוץ אַלצדינג, בונעם... איך בין שוין עטלעכע טעג ניט מיט אַלעמען. מען וועט זיך דאָך נאָך זען, בונעם... אַ גוטע נאַכט.

און אויף געזעגענען זיך האָט זי אים אויסגעצויגן די האַנט.

ח.

אין דער צייט וואָס בונעם האָט זיך אַ שלאָפלאָזער געוואָרפן אויף זיין געלעגער — כאָטש איצט איז עס שוין געווען גוט און ווייך אויסגעבעט און איבערגעצויגן מיט ריינע ליילעכער — און האָט ביי זיך באַשלאָסן אַז יאָ, עפּעס האָט אודאי פּאַסירט מיט איר אין די לעצטע מהומה־יאָרן און דעריבער האָט זיך עס סטערע אויפגעפירט היינט ביינאַכט אויף אַזאַ ניט־געריכטן אופן, — אין אַט דער צייט איז שוין סטערע געזעסן אויף דער בריטשקע, וואָס האָט איר געפירט צוריק אין קאָלווירט אַריין.

ס'איז שוין געווען גאָר אַ שפּעטע נאַכט־שעה ווען זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון שטאָט. דעריבער, כאָטש די נאַכט איז געווען אַ זומערדיקע, איז איצט געווען גאַנץ קיל. סטערע איז געזעסן איינגעוויקלט אין אַן אַלטער קאָלדרע, אַן אָנגעפּיקעוועטע מיט שטרויעלעך. זי איז געזעסן אויף די קאָזלעס, לעבן ר' בערן.

דאָס וועגל האָט זיך געשלעפּט דורכן וועלדל. צוליב פאָרזיכטיקייט וועגן האָט ר' בער פונדעסטוועגן אַראָפּגענומען די גלעקלעך, כאָטש איינגנטלעך ווער וועט זיי דאָ טשעפּן איצט. סטערע, אין דער אָפּגעקראָכענער שוואַרצער קאָלדרע, האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטע פויערטע, אוןביידע צוזאַמען — אַן אַלט פויעריש פאָרפאָלק.

איז עס געווען די ווירקונג פון דער איינזאַמקייט פון דער אַרומיקער נאַכט, אַ שטילע פאָלעסישע נאַכט אין וואַלד, מיט אַ פולער שפּעטנאַכטיקער לבנה אין הימל און מיט פאַרבאָרגענע

זומפּן צווישן די צעקנאָדערטע ווערבע־בוימער וואו פרעש האָבן איצט דערקוואַקעט זייער לעצטע נאַכט־שירה? נאָר ווידער שווייגט סטערע די גאַנצע צייט, אויפן וועג צוריק אַהיים — ווי נעכטן בייטאָג, אויפן וועג אין שטאָט אַריין.

תחילת האָט זי אַ געפיל פון חרטה הלמאי זי איז אַוועקגעפאָרן „אַזוי". ס'איז געווען קלאָר אַז זי האָט מיט דעם בונעמען שטאַרק ווי געטאָן. נאָר וואָס האָט זי געקענט טאָן — אַז זי האָט פאָרט געפילט אַזוי... ווען זי וואָלט יאָ פאַרבליבן דאָרטן נעכטיקן, וואָלט עס איר געווען ווי זי וואָלט געגאַנגען נעכטיקן אין אַ האָטעל מיט אַ פרעמדן מאַנספּאַרשוין — ניין, אפילו מיט אַ ט אָ פּ ל ט־פרעמדן מאַנספּאַרשוין.

און ווי ער האָט עס געשריען אויפן דינער ווען יענער האָט ניט געבראַכט צו דער צייט דאָס עסן — טראַכט סטערע פונדאָסניי איב'ער כמעט מיט אַ פערזענליכן פאַראיבל — „ביי אונז ווערט עס פאַרטיק אין צוויי מינוט!" ער מיינט מסתמא אַז וויבאַלד ער האָט מיט־געבראַכט מיט זיך געלט, דאַרפן זיך אַלע בויגן פאַר אים, שטעלן זיך פאַר אים ראַטשקאָם... הם... פאַר זיין געלט, דענקט ער אודאי, איז זיינס די גאַנצע וועלט.

ביז סטערע דערפילט זיך ענדלעך שטאָלץ וואָס זי האָט געטאָן אַזוי ווי זי האָט געטאָן — ס'איז כמעט אַזאַ מין געפיל ווי זי האָט זיך אַליין ניט געלאָזט פאַרקויפן פאַר געלט... יאָ, אָבער וואָס וועט איצט זיין — וואונדערט זיך סטערע ווייטער — און וואָס וועט פון דעם אַלעמען אַרויסקומען?

עס ווערט פאַרטאָג. די לבנה ווערט בלייכער, קריגט איינגע־פאַלענע באַקן, באַשאָטנטע, ווי פון אַ גאַנצער נאַכט ניט־שלאָפן. פון אַ לעוואַדע אויף יענער זייט וועג הויבט אָן ציען מיט אַ שטאַרק־קילער פייכטקייט. די לופט ווערט וואַסערדיק־גרוי.

אָבער כאָטש אין דרויסן איז איצט קיל, פילט זיך סטערע היים און אומרואיק אונטער דער קאָלדרע. זי מאַכט זי לויזער. אָט די אַלע יאָרן וואָס בונעם איז געווען אין אַמעריקע, האָט זי דאָך מיט קיין מאַן קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן — מיט קיין שום מאַן. און ערגעץ אין איר, זי וויל עס אַליין ניט צוגעבן, ווייגט עס אפשר אויף איצט הלמאי עס האָט פּאַסירט היינטיקע נאַכט אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט: נאָך אַלעמען איז דאָך בונעם פאָרט

געוועזן איר מאַן. גע'גט האָבן זיי דאָך זיך ניט. ס'איז שוין אפשר געוועזן גוט וואָס זי האָט אים געזאָגט אַ ליגן, אַז זי איז קראַנק — וועט מען נאָך זען, וועט מען נאָך זען...

אַז זיי קומען ענדלעך אָן אין קאַלווירט און פאָרן אַרויף אויפן בערגל וואו עס געפינט זיך דאָס גרויסע פּריצישע הויז, די קאָלעק־טיווע צוזאַמענוואוינונג, איז שוין יונגער טאָג. דער אַלטער פּאַלאַץ, האָרוואַטס אַמאָליקער גוט, האָט זיך דער ערשטער אויפגעוועקט פון שלאָף און וואַשט זיך שוין אַרום מיט מאָרגנליכט.

עס לויפן אַנטקעגן דעם פערד־און־וואָגן מיט אַ געבילעריי אַ פּאָר הינט. קיין מענטש קומט אָבער ניט אַנטקעגן; מען שלאָפט נאָך.

ר' בער שמעקט די לופט — נייַן, זאָגט ער מיט אַ קרעכץ, נאָך אַלץ גאָרניט... און ער לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ. אין דער לופט שפּירט זיך ניט קיין שום אָנזאָג אויף אַ רעגן. אָן דעם קאָליר פון דער אויפגייענדיקער זון קען מען דערקענען: אויך הייַנט וועט זייַן אַ טרוקענער און סאַרפנדיקער טאָג. און סטערע באַטראַכט די ערד אין דערבייאיקן גאָרטן וואָס ליגט אַ צעשטויבטע, אַ צעטריקנטע און אַ צעלעכערטע; דער בייַנאַכטיקער טוי איז אויף איר גאָרניט קענטיק אפילו. די דאגות וועגן אַ רעגן מעקן אין איר גלייַך אָפּ די פאַרפּלאָנטערטע מחשבות פון דער פאַריקער נאַכט.

אַז זי לאָזט זיך גיין צום גאַניק, קומט איר אָן אַנטקעגן, פון הינטערן שטיינערנעם בנין פונם וואָלאָוויק, אַ הויכע לאַנגע פיגור מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ און מיט אַ שטעקן אין האַנט. סיי צוליבן גרויסן שטעקן און סיי צוליב דעם וואָס אָט די פיגור איז איינגע־הילט אין אַזאַ מין לאַנגן לייוונטענעם מלבוש וואָס דערגרייכט כמעט ביז צו די פיאַטעס, און אפשר גאָר מחמת די לאַנגע גלייכע האָר אויפן אַנטבלויזטן קאָפּ — צוליב דעם אַלעמען וואָלט מען געקענט דענקען אַז דאָס שפּאַנט איצט אַרויס פון הינטערן וואָ־לאָוויק אַ מאָנאַך. אינדערעמתן אָבער איז עס בלויז אַ פויער פון אַ שכנותדיקן דאָרף וועלכער איז גוט באַקאַנט מיטן גרונט פון דער גאַנצער געגנט אַרום. דער קאָלעקטיוו „נייַ־לעבן" האָט אים געדונגען ער זאָל עס העלפן זיי אויסזוכן אַ פּאַסיק אָרט אויף אָנצוהייבן די אויסגראָבונגען פאַר אַ ברונעם.

דער דאָזיקער גוי — ווער ווייסט אים: איז ער טאַקע אַזאַ מין מכשף, אָדער דאָס פירט ער בלויז ביי דער נאָז די ניט־געניטע אידישע איבערוואַנדערער? ווייל ער האָט ארומגערינגלט דעם גאַנצן ענין שוין עפּעס מיט צופיל סודות...

ער ווייסט, האָט ער דערקלערט די איבערוואַנדערער, פון אַזאַ מין גראָז, אַן אויסטערלישן גראָז... איז אויב דאָס דאָזיקע גראָז בלייבט טרוקן אין דער פאַרטאָגיקער שעה, איז אַ סימן אַז אין גרונט איז אויף דעם אָרט פאַרבאָרגן אַ וואַסערקוואַל... אויב אָבער אָט דאָס גראָז נעצט זיך, פונקט ווי די איבעריקע גרעזער ארום אים — איז אַ סימן אַז אין גרונט איז אויף דעם אָרט קיין קוואַל ניטאָ, און גראָבן אַ ברונעם איז אַן ארויסגעוואָרפענע ארבעט...

איז סאַמע כאור, ווען די פולע און שטאַרק־שטילע פאַרטאָגיקע לבנה האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרגיין און די זון האָט נאָך ניט באַוויזן אויפצוגיין, פלעגט אָט דער לאַנגער פויער זיך לאָזן שפּאַנען איבער די פאַרטאָגיקע פעלדער. פון צייט צו צייט שטעלט ער זיך אָפּ. מיט דעם גרויסן מאַנאַכישן שטעקן אין האַנט קלאַפּט ער אָן אין גרונט, און הערט זיך איין — דאָס הערט ער זיך איין אין דער ארומיקער, לבנה־ליכט באַלויכטענער שטילקייט, צי אונטער דער ערד ריזלט דאָ ניט אַ קוואַל...

סטערע, וועלכע האָט די גאַנצע צייט באַטראַכט אָט דעם לאַנגן פויער מיט אַ היפּש ביסל אומצוטרוי, איז שוין גרייט געווען פאַר־בייגיין אים און זיך אפילו ניט אָפּשטעלן. יענער אָבער האָט אויס־געצויגן צו איר זיין לינקע פרייע האַנט, וואָס אָן דעם שטעקן, — האָט זי אויסגעצויגן האָריזאָנטאַל, מיט אַ שווייגנדיקער און באַפע־לערישער מינע... דערביי זאָגט ער ארויס בלויז איין־איינציק וואָרט:

— יעסט...(8.

סטערען גיט דאָס האַרץ אַ שטאַרקן קלאַפּ. — וואָס איז דאָס... וואָס בעבעט ער... וואַסער איז דאָ? צי האָט יעמעלטשוק געפונען טאַקע אַ ברונעם?

— יאָ... — שאָקלט יעמעלטשוק שטרענג מיטן קאָפּ; זיין פּנים פאַרבלייבט אַלץ שווייגנדיק און אָן אויסדרוק, כאָטש זיין מויל רעדט. — דאָס וועט שוין זיין איינמאָל אַ ברונעם... —

און זיין פּנים איז דערביי אַזוי כמורנע און ערנסט, ווי ער וואָלט געהאַט איצט גאָר אָנגעזאָגט די טרויעריקסטע בשורה. — דאָס וואַסער מעסט דאָרט אַסך קלאַפטער אין דער טיף... קומט, כ'וועל אייך וויזן...

סטערנע גיט זיך אַ ריס צוריק, און אָטעם יאָגט זי נאָך ר' בערן:

— ר' בער, האָט קיין פאַראיבל ניט וואָס איך לאָז אייך ניט גיין זיך צוליינגן אַביסל... זייט אַזוי גוט און גייט אויפוועקן די מאַנסבילן...

פון פריידן קען זי קוים איבערגעבן דעם אַלטן אַקוראַט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, וועגן דער גרויסער בשורה.

—יעמעלטשוק... אַ ברונעם...

און זי לויפט צוריק צום הויז. מיט איין שפרונג איבער עט־לעכע טרעפּלעך איז זי שוין אינדערהויך אויף דער וועראַנדע. זי גיט אַ כאַפּ דאָס אַרבעטס־קליידל אירס וואָס הענגט אויף אַ פלעקל, קוועטשט עס צונויף אין אַ קנויל און לאָזט זיך גיין גיך מיט דער סטעזשקע וואָס פירט אַרונטער צום טייך.

פערטער קאַפּיטל

אויפן מאַרק

א.

אין משך פון די קומענדיקע פּאָר וואָכן איז בונעם שטאַרק פאַרנומען מיטן אויספירן זיין שליחות, מיט זיין אַרבעט פון א הילפס־דעלעגאַט.

נו, אודאי. צוערשט האָט ער זיך טאַקע געוואָרפן, געשמיסן זיך, געסטראַשעט אפילו. ניין, ער וועט בשום אופן ניט אָנערקענען די נייע שטאָט־קאָמיטע, וואָס איז נ י ט באַשטימט געוואָרן פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו יאָרק. און ער האָט געקייבלט קיין ניו יאָרק נאָך אינסטרוקציעס.

טאַקע א דעלעגאַט, א בריק צווישן גליקלעכן אַמעריקע און אומגליקלעכער אַלטער היים, א וויכטיקער אַמבאַסאַדאָר. אָבער שטעלן איינגאַנצן אויף זיך אין אַזא וויכטיקן ענין, ווען די לאַגע האָט זיך געשאַפן אַזא קאַפּויעריקע, האָט ער פונדעסטוועגן ניט געוואָלט, מורא געהאַט.

און אין א פּאָר טעג אַרום איז פון אַמעריקע אָנגעקומען דער קורצער ענטפער:

„אָנגענומען. מיטאַרבעטן. איינצלהייטן פאָלגן אין א בריוו".

וואָס איז אין בריוו געשטאַנען? — וואָס האָט געקענט שטיין אין דעם בריוו? ס'איז גאָרנישט געווען צו מאַכן... די וואַגאָנעס מיט די אַמעריקאַנישע הילפס־פּראָדוקטן זיינען שוין פאַר דער צייט אָנגעקומען אין רוסלאַנד. האָט מען זיי אפשר געזאָלט ניט פאַנאַנדערטיילן, צוריקפירן קיין אַמעריקע? די באָלשעוויקעס האָבן זיך טאַקע געקענט זיין ביטערע יונגען און ראַזבוינִיקעס;

און „סאָוויעט־ראַשיע״ — אַ ווילדע מדינה, אַ האַלב־ציוויליזירט לאַנד, וואו מען קען אין אַן אַפּטייק אפילו קיין שטיקל עקס־לאַקס ניט קריגן... אָבער ניט אַזעלכע שטיינערנע הערצער זיינען געווען די לאַנדסלייט אין ניו יאָרק.

— ווי מען זאָל דאָרטן ניט טיילן, — האָבן די קעפּ פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו יאָרק באַשלאָסן, — ע פּ ע ס וועט דאָך אָנקומען יעדן איינעם.

אין גליקלעך זיינען נאָך געווען אַט יענע משפּחות וואָס האָבן צו דער זעלביקער צייט אויך געקראָגן פון זייערע קרובים אין אַמע־ריקע אַ קעסטל מיט שפּייז — חזיר־שמאַלץ און פּאַסאָליעס, קאַווע מיט קאָנדענסירטער מילך... ווייל פון דער אַלגעמיינער לאַנדס־מאַנשאַפט־הילף — וואָס האָט דען אויף יעדן פון זיי געסטאַיעט? פון דעם אַלעמען איז די שטאָט־באַלעבאַטים אָנגעקומען טאָקע מער ניט ווי עפּעס: אַן אַלטער מאַנטל וואָס הענגט אַרונטער ווי אַ זאַק, אַן ענגע פּאָר שיך וואָס קוועטשן אַן מאָזאָליעס אויף די פינגער, אַ קאַפּעליוש אין וועלכן דער קאָפּ פאַרזינקט אינגאַנצן און וועלכער הענגט גנביש אַרונטער איבער די אויגן... און וועמען גאָר — אַ פלעשל מיט ריצנאייל, אַ שאַכטל מיט בינע־פּראַשקעס...

— וואָס האָט בונעם געקענט טאָן — וואָס האָבן נעבעך די קעפּ פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו יאָרק געקענט טאָן? אַז די היגע דעה־זאָגער פונם קאָמיטעט — אוי־ווי, די אמתע דעה־זאָגער! די אמתע! — זיינען דאָך באַשטאַנען אויף דעם מען זאָל דאָס רוב פונם נייעם וועש און כמעט אַלע מעדיקאַמענטן אינגאַנצן אַוועקגעבן אין די „אַנשטאַלטן״ אַריין — אין דעם קינדער־גאָרטן, און דעם „טראָפּן מילך״, אינעם יתומים־הויז, אין דער אַרבעטס־שול...

אַט די לייט אין די לעדערנע קורטקעס, אין די הויזן מיט די גרויסע פּאַסן רימען אויף קניען און הינטער־חלקים, וואָס זיינען גע־ווען ווי לעדערנע אָנוואוקסן אויף פאַרהאַרטעוועטן לייב — יאָ, זיי זיינען די גאַנצע צייט מיט בונעמען געווען זייער איידל, זייער העפלעך, אודאי. אָבער זיי זיינען פונדעסטוועגן געווען אויך ניט ווייניקער איינגעעקשנט, און פעסט געשטאַנען אויף זייערס.

ניט אַזוי גיך אפילו האָט זיך עס בונעם אונטערגעגעבן. ער האָט נאָך אַלץ איינציקע מאָל געפּרוּווט צוציען צום קאָמיטעט אַ פּאָר פון די עלטערע באַלעבאַטים, פון די חשובערע שטאָט־אידן,

וועלכע זיינען ביי אים געווען אויפן מיטגעבראכטן ניו יאָרקער צעטל. מילא, די יעניקע וועמעס געביין עס איז שוין דאָ לאַנג אין שטאָט ניט געווען... אָבער פאַרוואָס ניט ראַביקאָוויטשן, אשטייגער? ראַביקאָוויטשן פונם איינפאָר־הויז? טאַקע פאַרוואָס ניט? ניט מען האָט אים פאַריאָגט פון שטאָט און ניט ער איז אַליין אַנטלאָפן פון דאָרטן. פאַרקערט, איינמאָל, צופירנדיק סטערן אהינצו, וואו עס איז איינגעשטאַנען איר פערד־און־וואָגן, האָט בונעם נאָך באַמערקט איבערן אמאָליקן איינפאָר־הויז אַ שפּאָגל־נייעם שילד, אַ שילד מיט גרויסע אותיות, אין רויטער פאַרב:

— איינפאָר־הויז פונם קאָאָפּעראַטיוו „רויטער מאָרגנשטערן”.

— הייסט עס דאָך, אויב אַזוי... נו, איז מיט וואָס איז ע ר ניט כשר, אשטייגער?

און מאָדנע — צו וואָס האָט זיך עס בונעם אַזוי געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט פאַר אָט יענע עטלעכע מענטשן? דער אמת איז דאָך, אַז אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען ער איז דאָ אין שטאָט נאָך אַליין געווען אַ תושב, האָט ער מיט אָט די חשובע באַלעבאַטים גאָר, גאָר קנאַפּ געהאַט צו טאָן... נישט אין גע־שעפט, ניט אין גאַס און ניט אין שול. אפילו דער שוסטער זייערער איז ער אויך ניט געווען — פאַר די חשובע שטאָט־באַלעבאַטים איז בונעם שוין געווען גאָר אַ צו־גרויסער לאַטוטניק. ניין, אפילו ווי אַ שוסטער האָט ער דאָך ביי זיי אין שטוב קיין דריסת־הרגל ניט געהאַט; חוץ טאַקע אפשר ביי די ראַביקאָוויטשעס: ביי זיי פלעגט בונעם יאָ קריגן גאַנץ אָפט אַביסל אַרבעט. ניט קיין נייע קאַמאַשן חלילה אויפצונייען, בלויז אַ פּאָר אָפּצאַסן אַרויפלייגן אַמאָל, אַ פּאָר פּאַדמיאָטקעס אונטערצושלאָגן... און אויך מיט ראַביקאָוויטשן איז ער קיין גרויסער שמעלקע קיינמאָל ניט געווען. אָפּברענגען די אַרבעט פלעגט בונעם תמיד דורכן „שוואַרצן אַריינגאַנג”, דורך דער קיך־טיר וואָס פירט אַרוים אויפן אייביק־בלאָטיקן הויף פונם איינ־פאָר־הויז...

אָבער אפשר טאַקע דערפאַר האָט עס בונעמען אַזוי געריצט דער אויסזיכט צו זיצן מיט יענע לייט ביי איין טיש, אין אַ קהלשן ענין, ווי אַ גלייכער מיט גלייכע? וואָסי, איז איצט בונעם אַליין ניט געווען איינער פון די חשובסטע מענטשן אין שטאָט, גליך מיט די העכסטע, אַזוי הויך ווי יעדער איינער פון זיי? אויב ניט נאָך

העכער... יאָ, זאָלן זיי זען די אַמאָליקע נגידים — די מאָסטאָור־ליאַנסקים, די גערטשוקס און די ראַביקאָוויטשעס — וואָס פון בונעמען איז געוואָרן אין דעם ווייטן גאָלדענעם לאַנד!

האָט בונעם איינגעטענהט, זיך געדונגען מיט די „לעדערנע מענטשן”, די נייע שטאָט־באַלעבאַטים, געפּראוווט אפילו ווערן אין כעס... ביז בערקוזשע נעמט אים איינמאָל אָן־אַ־זייט, און רוימט אים איין שמייכלענדיק אַ סוד אין אויער:

— אַי, גוטער ברודער, וואוהין קריכסטו עס!... — האָט זיין שמייכעלע געקענט באַדייטן אי אַ פריינטלעכע עצה, און אי אַ פאַרבאָרגענעם אָפּחוזק. — איך פאַרשטיי, דיר גלוסט זיך אין די הויכע פענצטער אַריין... שעם זיך ניט... אָבער מענטש איינער! אויב אַזוי, קריכסטו דאָך גאָר אין אַ בלאָטע... נאַ־רעלע, די הויכע פענצטער זיינען איצט גאָר, גאָר ערגעץ אַנדערש...

איז בונעם האָט זיך טאַקע סוף־כּל־סוף געמוזט אָפּזאָגן, אויף וויפל ס׳איז שייך געווען דעם הילפס־קאָמיטעט, פון זיינע אַמבי־ציעס צו קריכן אין די הויכע פענצטער אַריין. אָבער דעמאָלט האָבן די „הויכע פענצטער” ניט פאַרפעלט אָנהויבן צו קומען צו אים. ריכטיק: אַז עס איז באַשערט אַ מענטשן גליק, גייט עס אים טאַקע פון טיר און פון פענצטער...

פון וואַנען האָבן זיך עס גענומען ביי בונעמען אין אָט יענע קרייזן אַזויפיל באַקאַנטע, אַזויפיל גוטע פריינט? פון וואַנען? אָנ־געזעענסטע שטאָט־באַלעבאַטים — פון די הייזער פון די מאָסטאָור־ליאַנסקים, פון די גערטשיקס און אַנדערע — מענטשן וועלכע האָבן אים אין די אַמאָליקע יאָרן אפילו קענען ניט געוואָלט, קומען צו אים איצט ניט געבעטערנערהייט מיט וויזיטן אין האָטעל אַריין, לאַדן אים איין צו זיך, מאַכן ספּעציעל גרויסאַרטיקע מיטאָגן און וועטשערינקעס, וואו מען איז אים מכבד מיטן שענסטן און בעסטן וואָס מען קען נאָר קריגן אין שטאָט. אפשר האָבן זיי עס געוואָלט באַצאָלן אים פאַר דעם קאַקאַאָ און שאָקאָלאַד, פאַר דעם טיי־און־צוקער און די קאַווע און די אַלע אַנדערע גוטע זאַכן וואָס בונעם האָט זיי, ניט־געמיינטערהייט, געשיקט פון אַמעריקע אין דער ביי־טערער צייט, ווען אָט די אַלע גוטע זאַכן פון בונעמס אַמעריקאַנישע פּעקלעך צו סטערען פלעגן סוף־כּל־סוף אַריינפאַלן אין ז י י ע ר ע מיילער אַריין?... אפשר. ווער ווייסט?

בונעם האָט עס זיכער ניט געוואוסט, ניט פאַרדעכטיקט אפילו; סטעדע האָט אים דאָך וועגן דעם קיינמאָל קיין וואָרט ניט דערציילט. אָבער אַזוי צי אַזוי, — מען קען ניט זאָגן אַז בונעם זאָל דערפון קיין נחת ניט האָבן, אַז דער בויך זאָל אים דערפון שטאַרק ווי טאָן... בונעם פאַרקלענערט טאַקע אויף קיין האָר ניט זיין אייגענעם ווערט, זיין אַמבאַסאַדאָרישע וויכטיקייט; אָבער דאָ, אין זיין אייגענער שטאָט, ווען ער דערמאָנט זיך וואָס פאַר אַן אָרט ער האָט דאָ אַמאָל פאַרנומען... ניין, אַז ער זאָל ווען־עס־איז ביים לעבן אַזוי שטאַרק אויפגעריכט ווערן — אויף דעם האָט זיך טאַקע בונעם קיינמאָל ניט געריכט.

כאָטש אביסל איז עס פונדעסטוועגן בונעמען אויך פיינלעך. אָ, ער פאַרשטייט, דער דורכגעטריבענער אַמעריקאַנער, אַז אַלע דערוואַרטן זיי מסתמא עפּעס פון אים. אָבער וואו קען ער זיך דען אָננעמען געגנוג פאַר אַלעמען!... געבן זיי אפשר אַן אָפּגעבאַרעט קאַפּעליושל, אַן אָפּגעריבענעם מאַנטל, אַ פאַרלאַטעט אויבערהעמד? ניין, פאַר אַזעלכע מענטשן וואָלט מען אודאי געדאַרפט טאָן אַסך, אַסך מער. נאָר וואָס קומט אַרויס: דער הונגער קאָמיטעט... די לייט אין די לעדערנע קורטקעס...

כאָטש ס'קוקט אפילו גאַרניט אויס אַז זיי, אָט די באַלעבאַטים, זאָלן זיך אין אַזאַ מין הילף נויטיקן. עס וואונדערט זיך אפילו בונעם: זיי גייען נאָך אַלע אָנגעטאָן איצט אין אַזעלכע שיינע פוטערלעך אונטערגעשלאָגן מיט טכויר און מאַרדער און פיי, מיט קעלנער פון זיידענעם געקרייזלטן קאַראַקול... אויב זיי פאַרקויפן ניט פון זיך אָט די פוטערלעך — חשבונט בונעם פאַר זיך — איז דאָך מסתמא נאָך ניט אינגאַנצן אויס מיט זיי? שאַ... פון וואַנען נעמען זיי עס געלט אויף צוצוגרייטן פאַר אים אַזאַ פיינעם כיבוד? אַ כיבוד מיט איינגעמאַכטס פון קלובניק, מאַלענעס און רעטעך; טיי דערלאַנגט מען מיט טעצלעך סאָק פון קאַרשן און וויינפּערלעך... ביי די מאַסטאָוואָליאַנסקים האָט מען אפילו געשטעלט וויין אויפן טיש, אַ הויכע שיינע פלאַש מיט אַ לאַנגן האַלז, וואָס אפילו אין אַמעריקע האָט בונעם אַזאַ וויין קיינמאָל ניט געטרונקען...

אָבער בונעם פאַרשטייט אַז דאָס אַלץ איז אפילו קיין ראיה ניט; ביי אַזעלכע איידעלע באַלעבאַטישע מענטשן איז די פירונג

גאַר, גאַר, אַן אַנדערע: זײ װעלן דען גײן באַװײזן אַ פרעמדן װאָס עס טוט זיך בײ זײ אין שטוב? מען קנײפּט זיך די באַקן... זײ װעלן העון גײן מאַכן אַ רחמנות־פּנים פאַר אַ פרעמדן? פאַרקערט נאָך... עס קומט אױס װי זײ װאָלטן זיך געפילט גאָר שולדיק קעגן אים, זײ פאַרטענהן זיך נאָך הלמאַי זײ קענען ניט קריגן צום טײ קײן פרישן ציטרין:

— בײ אײך אין אַמעריקע... בײ אײך שטעלט מען זיך מסתמא ניט פאַר אַז אין סאָװעטן־לאַנד קען מען כמעט קײן ציטרינען ניט קריגן, האַ? בײ אונז אין שטאָט — ממש פאַר געלט ניט... אַ־יאָ, איר װאָלט עס ניט געגלױבט, פאַניע ראַכאָװסקי? נו אָט, איר װעט טאַקע האָבן װאָס צו דערצײלן...

אין אַ צװײ־דרײ װאָכן אַרום איז שױן בונעם אײנגאַנצן פאַר־טיק מיט די מיטגעבראַכטע הילפס־פּראָדוקטן און געלט־מיטלען.

די קינדער זײנע האָט ער נאָך אַלץ ניט געזען. ער האָט דאָך ניט געקענט פאַרלאָזן די שטאָט. די אַרבעט האָט אים אײנגאַנצן פאַרשלונגען, ממש דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט. ער האָט געמוזט אַכטונג געבן מיט בײדע אױגן, די חברה זאָל דאַרטן ניט מאַכן קײן קונקל־מונקל, קײן טונקעלע ביזנעס מיט די אַמעריקאַ־נישע זאַכן... און װער װײסט עס, סוף־כל־סוף, צי דאָס האָט זיך אים װי געהעריק אײנגעגעבן?

איצט אַלנפאַלס ציט ער ערשט אָפּ דעם אָטעם אַביסל פרײער. ער הױבט אָן בײטאָג אַרומשפּאַצירן אַביסל איבער די גאַסן. ס׳איז ליכטיק, ס׳איז װאַרים, ס׳איז טאַקע דער ריכטיקער פּלעזשור,1) ביליװ מי! װען האָט ער עס אַזױ רואיק, אַזױ בנעמותדיק שפּאַ־צירט? שױן אַזױ לאַנג ניט, אַזױ לאַנג... און נאָך אינמיטן העלן טאָג! אין ניו יאָרק איז ער תמיד געלאָפן. תמיד האַרי־אַפּ, תמיד ריק געכאַפּט אַ טרײן, אָדער פאַרשפּעטיקט אַ טרײן... יאָ, בונעם איז געװען װי אַלע מענטשן אין אַמעריקע.

שפּאַצירנדיק אַזױ איבער דער שטאָט, קוקט בונעם אױף אַלץ מיט גרעסטן חידוש, מיט נײע אױגן. די שטאָט אַלײן האָט זיך אפילו קנאַפּ געענדערט, פּונקט װי עס װאָלטן פאַר אָט דער צײט ניט פאַרלאָפן העכער 10 יאָר פון בונעמס לעבן אױף יענער זײט אָקעאַן!... ער באַמערקט ניט אַז פאַר אָט דער צײט זאָלן האָבן

צוגעקומען נייע מויערן, נייע הייזער. די זעלביקע גאַסן. מער ניט — סאַראַ שווערע עפּעס נעמען אויף די שילדן! און די שילדן זיינען נייע, גרויסע, פּרישע, — גאַספּראַם, לעספּראַם, סעלטאָרג, מאָסשוויי־פּראָם... גיין, אַ שאָד די ציינער. ס'איז קלאָר אַז דאָס זיינען ניט קיין פאַמיליעס, נאָר גיכער געהיימניספולע צייכנס אַזעלכע. און די גאַסן — סאַראַ אויסטערלישע נעמען אויך זיי טראָגן איצט! אַשטייגער, דער פּראָספּעקט הייסט איצט גאָר: „פּלאַץ פון ראָזע לוקסענבורג". און די שענסטע גאַס פון שטאָט, די אַמאָליקע פּאָקראָווסקי־גאַס: „די גאַס פון לענינען"...

ב.

די ערשטע פּאָר וואָכן נאָך בונעמס אַהיימקומען איז די שטאָט געגאַנגען כאָדאָראָם.

און סיידן נאָר זיין אייגענע געבוירן־שטאָט? איבער אַלע אַרומיקע שטעטלעך און ישובים וואָס ליגן ביים ברעג פון דעם זעלביקן פּלאַכזאַמדיקן פּריפּיעט־טייך, אָדער זיינען פאַרוואָרפן אין די זומפּיקע געדיכטעגישן פון די פּאָלעסיער וועלדער — אין קאַפּיטקעוויטש און אין נאַסאָוויטש, אין נאַרוואָליע און אין יורעוויטש, אין סקריהעלאָוו און אין פּעטראַקאָוו, אַזש ביז דער פּוילישער גרעניץ אויף איין זייט און ביז די גרעניצן פון וואָלין אויף דער צווייטער זייט — איבער די וויטסטע און פאַרוואָרפנסטע ווינקלען, האָבן זיך פאַנאַנדערגעטראָגן די קלאַנגען וועגן דעם אָנקומען פון אַ דעלעגאַט פון אַמעריקע — זיך פאַנאַנדערגעטראָגן ווי אַ וואַלד־פייער.

מענטשן האָבן איבערגעגעבן פון מויל צו מויל די גרויסע פרייליכע בשורה, ווי וועגן דעם אָנקום פון אַ נייעם דערלייזער. און אויב מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָט מען, מיט פאַרשטאַרקטער האַרץ־קלאַפּעניש און מיט אויפגעלויכטענע אויגן, אפשר אין אָט די זעלביקע געגנטן אויפגענומען די אומבאַשטימטע קלאַנגען פון אַ משיח וואָס האָט זיך באַוויזן ערגעץ אין די וויטע מזרח־לענדער — פון אַ ניט־זיכערן דערלייזער שבתי־צבי, צי פון אַ משיח יעקב פראַנק — איז מעגלעך ניט מינער געווען איצט דאָס האַרץ־קלאַפּעניש און ניט שוואַכער די פייערלעך פון דערוואַרטעניש אויף גרויסע ישועות און גליקן וואָס עם האָט זיכער גע־

בראַכט יעצט פאַר אַלעמען אַט דער נייער, אַט דערווירקלעכער משיח — דער דעלעגאַט פון דעם וויטן לאַנד אַמעריקע.

קהלות, אויסגעמאַטערטע דורך אַזויפיל יאָרן פון מלחמות, פון בירגער־קריג און פאַגראָמען; אָפּגעגאַנגענע מיט דאָס לעצטע ביסל בלוט פון זייער אַזוי אויך תמיד בליכן און בלוטאָרימען קיום; אויסגעשעפּטע פון די לעצטע כוחות, מחמת די אָנשטרענגונגען צו־צופּאַסן דאָס פאַרבליבן אייגן ביסל אָרים־לעבן צו די נייע רעגי־רונגען, צו די נייע וועלט־ענדערנדיקע אָרדענונגען; מענטשן שוין אויף דער גרעניץ פון פאַרגייענדיקע האָפענונגען און לעצטער פאַר־צווייפלונג, — האָט מען דאָך געמוזט אויסקוקן אויף עפּעס אַ וואונדער, אויף עפּעס אַ נס וואָס זאָל געשען... ווייל ניט אַנדערש ווי נס און וואונדער האָבן דאָ געקענט ברענגען גיכע הילף און רעטונג.

פון שטעטלעך, וואַלד־פאַרוואָרפענע און זומפּן־פאַרשטעקטע, האָבן זיך אָנגעהויבן שלעפּן אין אָרימע צעלעכצטע בעל עגלהישע בוידן און אויף טרייסלענדישע פויערישע וועגעלעך שלוחים פון די אַרומיקע קהלות, אידן און אידענעס, קינד־און־קייט, פאַרווילדער־וועטע און באַוואָקסענע... אַזוינע וואָס האָבן געהאַט נאָענטע צי וויטע קרובים אין דעם גאָלדענעם לאַנד, און אַזוינע וועמעס איינ־ציקע קרובהשאַפט מיטן וויטן לאַנד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָרטן וואוינען דאָך אויך אידן...

מען איז געקומען מיט לייוונטענע טאָרבעס אויף די אַקסלען, מיט קבצנישע קוישלעך אין די ציטערנדיקע הענט, מיט קאָרזינקעס, וואָס האָבן זיך ביי די ראַנדן שוין פאַנאַנדערגעפלאָכטן און פאַנאַנ־דערגעדרילעוועט, מיט גראָבע פויערישע זעק — גרייטע אויפצוקלייבן די הילף, די מתנות — גרייטע אָפּצונעמען דעם חלק וואָס קומט זיי אַרויס, — זייער טייל פון די אַמעריקאַנער גליקן...

וואָכנלאַנג האָט מען זיך דערנאָך אין שטאָט אָפּגעוואַלגערט, באַלאַגערט טיר און פענצטער פון אַלערליי אַנשטאַלטן, אויסגענוצט זכות־אבות, פאַרבינדונגען, אַרומגעלייגט די טראָטואַרן, באַקלעפּט דעם שטיינערנעם גאַניק אונטער די אַלאַבאַסטער־סטאַטועס און די שמוציקע הינטער־טירן וואָס האָבן געפירט צו דעם ערשטן מלוכהישן האָטעל, וואו בונעס איז איינגעשטאַנען.

און בונעם דערפילט זיך דעמאָלט נאָך מער דערהויבן און וויכטיק, וואָס ער ווערט אויף וואָכן נאָכאַנאַנד דער העלד און דער רעטער פון דער גאַנצער אַרומיקער געגנט, וואָס אַזויפיל אויגן קוקן צו אים אַרויף, וואָס אַזויפיל הערצער קלאַפּן צו אים... אָבער האָט ער דען געקענט מער טאָן וויפיל ער האָט געקענט? ער האָט דאָך געהאַט קלאָרע „אינסטראָקשאָנס": די הילף פון דער לאַנדס־מאַנשאַפט איז בלויז פאַר זיין שטאָט — און אויך אין שטאָט האָט מען זיך ניט געקענט געבן גענוג אַלעמען באַטיילן.

און ווירקלעך:

ס'האָט גענומען בלויז אַ פּאָר וואָכן צייט און די דערוואַר־טונגען און האָפענונגען פון די מחנות אָנגעפּאָרענע מענטשן זיינען צערונען געוואָרן, אַסך גיכער איידער די משיח־האָפענונגען אין די זעלביקע מקומות פון אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק... אָבער קיין כעס, קיין פאַרדרוס האָט פונדעסטוועגן קיינער אויפן דעלעגאַט ניט געטראָגן, אפילו דערנאָך. ניט אין דער געגנט אַרום, און ניט אין זיין אייגענער שטאָט.

אמת, קיין גרויסע ישועות האָט ער טאַקע פאַר קיינעם ניט געבראַכט, די שטאָט מיט די שכנותדיקע שטעטלעך זיינען אויף קיין פאַל ניט באַשאָטן געוואָרן מיט אַ מבול פון דאָלאַרן, מיט אַ האָגל פון געלט־שטיקער. איינעם אַ פּאָר אַמעריקאַנישע קאַלאָשן וואָס זיינען צו־אײדל פאַר די היגע ווינטערדיקע פרעסט, און וואָס איצט, אין זומער־צייט, קענען זיי אודאי צו גאָרניט צוניץ קומען — און אַ צווייטן, אַ פלעשל ריצן־אייל; איין קבצן אַן אַלטן זיידן אויבער־העמד מיט פאַנטאַזיע־בלימעלעך — און אַ צווייטן, אַ פּעקעלע מעדיצינישע וואַטע... יאָ, ניט קיין גרויסע גליקן. אָבער אַ פריידיקע אויפרעגונג האָט ער דאָך פאָרט אַריינגעבראַכט אין שטאָט, פאָרט פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ ליכטיקן אָפּגלאַנץ פון אַ ווייטער וועלט — אַ וועלט אַ רייכער, אַ זאַטער, אַ רואיקער.

און בונעמס לאַנדסלייט, וואָס ריכטן זיך שוין מער ניט אויף ישועות פאַר זיך אַליין, האָבן דאָך פונדעסטוועגן פאָרט אַ געשמאַקע טרייסט בעת זיי וואַרימען זיך אָן אים און אָן זיין מיט־געבראַכטן שיין... שיין בלויז? אַ גרויסע ליכט! ליכט פון אַ אידן אַ גביר, אַ גרויסן עושר, אַ פרייען און אַ גליקלעכן מענטשן...

דאָס איז געווען דער ערשטער אַמעריקאַנער וואָס די שטאָטלייט האָבן ווען־עס־איז אָנגעקוקט. און אַז בונעם גיט זיך אַזוי אַ שפּאַציר איבער די גאַסן אין זיין ליכטיקן אָנצוג פון ענגלישן וואָל, מיט זאַלץ־און־פעפער באַשפּרינקלט; אין זיינע שפּאָגל־נייע רויטע שיך מיט די אויסטערלישע שטעפּונגען און מיט די ברייטע נעזער; אין זיין קראַוואַט פון אָן־אַ־שיר קאָלירן וועלכע מיניען זיך אין דער זון פון ליכטיקן זומער־טאָג — איז דען ניטאָ אויף וואָס צו קוקן, וואָס? היינט זיין קאַפּעליוש? ווער זעט עס דען איצט אַזאַ מין קאַפּעליוש פון ווייכן האָריקן פליוש? ניין, מען זעט עס טאַקע מעה ניט...

היינט די גרויסע קיילעכדיקע שפּאַקולן מיט די דיקע האָלאַבליעס און רעמלעך פון טשערעפּאַכע־ביין, מיט וועלכע בונעם שיידט זיך נאָך אַלץ ניט ווען ער גייט אַרויס אין גאַס, ווייל די בראָטנדיקע זומער־זון איז אויף דער יבשה פונקט אַזוי שעדלעך פאַר די אויגן, ווי בעת דער נסיעה אויפן ים... אָ, צו אַלץ ווערט אַ מענטש צוגעוואוינט, און בונעם האָט זיך אַזוי צוגעוואוינט צו זיינע ברילן אַז אים הויבט זיך שוין אָן דוכטן, אַז ער קען אָן זיי זיך מער גאָר ניט באַגיין.

— זע נאָר, אַ גאַנצער קאָפּ־מענטש געוואָרן דאָרטן... — קאָמענטירט דער ליידיקגייערישער עולם אויפן מאַרק, נאָכשפּירנדיק בונעמס פוס־טריט פון־דער־וויטנס. — אַ מבין סאַרא שפּאַקולן? ממש אַ פּראָפעסאָר...

אָבער ניט נאָר זיין אינטעליגענץ, זיין אין אַמעריקע אויסגעשאַרפטן קאָפּ — אויך זיין עשירות, דעם ווערט פון זיינע גרויסע געשעפטן אין אַמעריקע שאַצט מען אים אונטער די אויגן... אי, בונעם...

א י ן די אויגן רופט מען אים פונדעסטוועגן ניט בונעם, נאָר פּאַניע ראַכאָווסקי; אפילו די יעניקע וועלכע האָבן אים גוט געקענט פון אַמאָל ווי אַ פּראָסטן חי־וקים, ווי אַ פּשוטן קאַפּול. און בונעם שפּאַצירט איבער די גאַסן, נויגט זיך מעשה־שׂררה צו אַלעמען, צו אַלעמען — אפילו צו גאָר אומבאַקאַנטע מענטשן, וועלכע נעמען פאַר אים אַראָפּ דאָס היטל אין גאַס. אָ, ער ווייסט זייער גוט ווי הויך ער שטייט דאָ איצט אין אַלעמענס אויגן! פונדעסטוועגן נויגט ער זיך און ענטפערט אָפּ אַבסאָלוט יעדן איי־

נעם אויף זיין באגריסונג! געדענקט ער דען ניט די גאָלדענע ווערטער פון יענעם פריידיקן און לעבנסלוסטיקן אַלטיטשקן, וואָס האָט אים באַגלייט אין ניו יאָרק צו דער שיף? „אַמעריקע, יו נאָו, איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד... אַמעריקע דאַרף זיין אַן עקזעמפּל פאַר גאַנץ יוראָפּ!...” און ווי אַ ליכט־זייל שיינען איצט אָט די גאָלדענע ווערטער פאַר דעם געטרייען תּלמיד, פאַר בונעמען.

ג.

אָט איז היינט אַ זונטיק־נאָכמיטאָג אויפן מאַרק.

אינדערפרי איז געווען אַ יאַריד־טאָג, אַ פולער מאַרק מיט פויערים און פויערטעס, מיט דאָרפישע וועגענער. נאָר זיי זיינען שוין איצט לאַנג ניטאָ; זיי זיינען זיך פרי צעפאָרן. געבליבן אויפן מאַרק זיינען בלויז די דאָרטיקע, די שטאָטישע הענדלער און פאַרקויפערינס.

ארום און ארום מאַרק — אַסך געשעפטן געשלאָסענע, געשעפטן מיט פאַרהאַקטע און פאַררוקטע פרענטעס. בונעם ווייסט ניט צי זיי זיינען עס געשלאָסן צוליב זונטיק, אָדער זיי זיינען עס שוין אַזוי אויף תּמיד, אויף אייביק געשלאָסן און פאַרהאַקט. די געשלאָסענע קלייטן ארום און ארום — זיי קוקן אויס ווי אַ שוואַרצע ראַם, ווי אַ טרויער־ראַם ארום דעם מאַרק.

אינמיטן מאַרק: קופּקעלעך פערדישער מיסט, צעשפּרייטער מיסטיקער שטרוי, צעשאָטענע שאָלעכצן פון מיליאָנען גאַנצע צעקנאַקטע סעמעטשקעס... צווישן די קופּקעלעך מיסט פון פערד און בהמה דרייען זיך ארום אידן און אידענעס מיט פּעק הויזן איבער די אַקסלען אריבערגעוואָרפן, מיט הויפנס טאַנדעטנע זשילעטן וואָס הענגען שווער ארונטער די אָרעמס, מיט הענגלעך צונויפגעבונדענע פאַרלאַטעטע שיך. און חוץ זיי: נאָך איניקע אַלטע פוילישע פריצטעס שטייען ביי די זייטן מאַרק ארום קופּקעלעך אַלטווארג וואָס ליגט אָנגעהויפט אויף לייַלעכער, וועלכע זיינען אויסגעשפּרייט איבערן מיסטיקן שטרוי. עס געפינען זיך אין אָט די קופּקעלעך פון פאַרשיידענע זיידענע שמאַטקעס ביז טייערע ביינערנע האָר־נאָדלען און לויזע איינציקע קנעפּלעך פון פאַרשיידענער גרויס

און קאליר, — פארצייטיקע קנעפלעך, פריצישע קנעפלעך, באדעקטע מיט אטלאס און זיידנס. און אינמיטן פון אט די אנגעהויפטע קופּעס, צווישן איינצלנע רעשטלעך־טעלער פון אלטע טייערע סערוויזן און אלבאמען מיט דיקע באגילדעטע טאוולען, שטארצן ארויס ווי קליינע מצבות: א פריצישער בליץ־לאמפּ אויף א הויכן „פוס" פון געזילבערטן מירמלשטיין, א בראנזענער מלאך מיט פאנאנדערגעשפּרייטע פליגל וואס רייסט זיך מיט אלע כוחות אוועקצופליען אין די מרחקים פון דעם שווארצן פעדעסטאל צו וועלכן ער איז צוגעפּעסטיקט.

די פאראַרימטע פריצטעס האלטן זיך אביסל אן־א־זייט פונם איבעריקן עולם, פון די טומלדיקע אידישע הענדלערס; זיי שווייגן מיט זייער פארבליבענעם יחוס פון אמאליקע צייטן... זיי זיינען די איינציקע וועלכע שטייען די גאנצע צייט אויף איין ארט און ווארטן געדולדיק אויף א קונה. כאטש זיי זעען גיכער אוים ווי מוזייאישע אויפזעערס איבער אנטיקווארישע זעלטנקייטן... אין זייערע אלטע אפּגעריבענע יאַקלעך, אין זייערע צעדרייטע שיך מיט הויך־ארויפגעקראכענע נעזער, אין זייער אלט־מאדיש פארקאמטע פריזורן מיט שפּיציקע בייגלדיקע „קובליקעס" — זעען זיי דען אליין ניט אוים ווי אלטע פארלעגערטע חפצים? סיי־ווי — זיי שטייען ביי זייערע בערגלעך שטיל אזוי און לייטיש, — ניט ווי פארקויפערס, נאר ווי בלויזע שומרים.

אבער די אידישע הענדלער און הענדלערקעס באזארגן שוין גאנץ גוט אליין דעם נויטיקן מארק־טומל. זיי רוען קיין מינוט ניט, זיי יאגן נאכאנאנד ארום ווי פארסמטע — זיי יאגן זיך נאך אומגעזעענע קונים וועלכע ווילן זיך בשום אופן ניט באווייזן.

— קיינער וויל ניט ארייננקריכן אין מיינע הויזן... — באקלאגט זיך א מיידל מיט א פּאר געזונטע פּיסקעס און מיט ליפּן ווי זי וואלט אקארשט אויפגעגעסן א גאנצע שיסל מיט יאגדעס. ס'איז נאר צום שטוינען וואס דאס מיידל קען אויסקוקן אזוי געזונט — פון וואס, אן ערך? ס'איז אן ארים מיידל, און זי קומט איצט אודאי ניט צופארן פון קיין דאטשע... ס'איז אודאי מער ניט ווי פּראסט געזונט ברויט און פּראסטע געזונטע לופט; און אויך דאס אפשר, וואס זי איז ניט קיין סטענאגראפיסטקע אין א ניו יארקער אפיס, און טוט ניט אן יעדן אינדערפרי, בשעת זי לאזט

זיך איינשלינגען פון א שווארצער סאבוויי־לאך, א טייערן מאנטעלע פון קאַטיק...

פון בײדע אָרעמס באַמבלען זיך איר אָרונטער עטלעכע פּאָר מוראדיק־שטייפע קאַרטענע הויזן, וואָס קוקן אוים ווי זיי וואָלטן געווען געמאַכט ניט פון שטאָף, נאָר פון קאַרטאָן, צי גאָר פון היל־צערנע ברעטלעך... זי איז שוין מיד ארומלויפנדיק אזוי א גאַנצן טאָג און זי באַקלאָגט זיך מיט אַן אומעטיקן שמייכל:

— ניטאָ גאָר קיין בעלנים אויף אריינצוקריכן אין מיינע הויזן...

— אָבער אין דיין קליידל? — גיט צו איר א זשמורע מיט אַן אויגל א מיטליעריקער איד אין א האַלב־צעפּליקטן פּידזשאַקל און מיט א ברייטער בעזימדיקער באָרד.

מילא, דאָס מיידל — א פּאַראָרימט באַלעבאַטיש מיידל וואָס ניט נאָר זי אַליין, נאָר אפילו אירע עלטערן האָבן זיך מיט אזא מין ארבעט קיינמאָל ניט באַשעפטיקט — ביי זיך אין שטוב האָט זי אַזעלכעס זיכער קיינמאָל ניט געהערט. נאָר אפשר, ווייל דאָס האָט געזאָגט אזא מין איד מיט אזא מין באָרד — איינער וואָס איז שוין אודאי געגוג אַלט אויף צו זיין איר טאַטע — האָט דאָס מיידל אויף דער גראָבקייט ניט קיין פּאַראיבל. און איבעריקנס, וועט זי זיך עס גיין איבערנעמען דאָ אויפן מאַרק, הערסטו...

אָבער דער איד מיט דער בעזים־באָרד וויל שוין באַלד אַליין באַוויזן דעם מיידל מיט די הויזן, און טאַקע אַלעמען ארום, אַז דאָס האָט ער זיך אזא ווערל געטאָן ניט דערפאַר ווייל נבול־פּה ליגט עם אים אַזוי איצט אין קאָפּ. ניין... אין קאָפּ ליגט אים איצט גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש.

— עך, — טוט ער א זיפץ צום מיידל. — שלימזל דו... האָסט כאָטש פאַרדינט היינט פופציק קאָפּיקעס? ניין? איך — אויך ניט...

די פופציק קאָפּיקעס — דאָס דאַרף מען פאַרן פינאַינספּעק־טאָר2). ווען נאָר ער באַוויזט זיך — און ער באַוויזט זיך, דער שווארצער קאָטער, ניט ווייניקער פון איינמאָל א טאָג, אויב ניט אָפטער! — נעמט ער זיך פופציק קאָפּיקעס שטראָף ביי יעדן וועלכער פאַרמאָגט ניט קיין האַנדלס־דערלויבעניש. אויב מען קען זיך נאָר ניט אַרויסדרייען פון אים...

דער איד מיט דער בעזים־באָרד איז, ווייזט אויס, א איד א חשוב. נאָך איצט נאָך רופט מען אים ניט אַנדערש ווי ר׳ טעוול, ר׳ טעוועלע אפילו... ניט געקוקט אויף זיין אָפּגעריסענעם הילוך, אויף זיין קאַליר־לאָזן פּידזשאַק, אויף זיינע אויסטערליש־צעדרייטע שיך, שריט די אמאָליקע חשובקייט זיינע אַרויס פון יעדער האָר פון זיין ברייט־צעקעמטער יחוסדיקער באָרד, און אפילו פון די פילע סוחרישע קנייטשן פון זיין פאַרביטערט געזיכט.

יאָ, ער איז פאַרביטערט — פאַרוואָס זאָל ער עפּעס ניט זיין פאַרביטערט? דרייסיק יאָר האָט ער אַליין געהאַט א קלייט, א גרויסע קלייט פון פאַרטיקע מלבושים, דאַמסקע און מאַנסבילשע... טאָקע דאָ ניט ווייט, אין סאַמע צענטער פון שטאָט. און אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט מען ביי אים די קלייט צוגענומען — גוט. נאַציאָנאַליזירט, זאָגט איר — מילא, פאַרפאַלן. ער באַקלאָגט זיך פאַר קיינעם ניט, ער פאַרלאַנגט גאָרניט. ער פאַרשטייט אַז רעוואָלוציע איז רעוואָלוציע; קיין בן־יחיד ביי דער סאָוועצקער וולאַסט איז ער אודאי ניט... איינס אָבער וויל ער וויסן: לעבן אים וויל מען לאָזן, — יאָ, צי ניין? איינגעטלעך, מער ווי דאָס וויל ער דאָך ניט וויסן...

— איך בעט אייך, וואָס מוטשעט איר מיך... — שפּריצט זיין מויל מיט פאַרביטערונג, בעת ער נעמט פאַנאַנדער די ברייטע פּיכטע הענט זיינע, פולע מיט טענה. — גוט, מען דאַרף אַרבעטן, מען דאַרף ניט זיין קיין קספּלוטאַטערס אויף יענעמס פּלייצע... איך זאָג דען, אַז יאָ? אַז איך בין מיט אייך מסכים אין אַלץ, אַז אָך־און־וויי צו מיר... מסכים, מסכים! אדרבא, גיט מיר אַרבעט עפּעס אויף א פאַבריק, וועל איך אַרבעטן!... אלא וואָס דען — איר האָט פאַר מיר ניט קיין שום אַרבעט — איר האָט פאַר זיך אַליין אויך ניט? הערסטו, טאָ לאָזט־זשע מיך כאָטש האַנדלען...

אָט אַזוי טענהט ער זיך אויס מיטן עולם אידן און אידענעס וואָס שטעלן זיך בילעכווייז אָפּ אַרום אים אינמיטן זייער פאַרהאַ־וועטן געלויף. זיי הערן אים אויס ביזן סוף. זיי טוען עס ניט אַזוי אויס ניי־גריקייט, — וויפל מאָל האָבן זיי שוין געהערט פון אים די זעלביקע טענות! ר׳ טעוול איז דאָך דער איינציקער וועלכער פאַרשטייט די „לאַנגע" בעסער פון אייך, פון אַלעמען... מער

ניט, פאַרוואָס טאַקע ניט פאַרגינען אַ אידן דעם איינציקן פאַרגע־נינגן זיינעם?

און חוץ דעם, איז סײ־ווי איצט ניטאָ, אויפן מאַרק קיין סימן אפילו פון אַ קונה. ווערט שוין אפשר זיך אַליין גרינגער אויפן געמיט אויסצוהערן יענעמס טענות, וואָס זיינען די אייגענע. און אז מען ענטפערט אָפּ אויף ר׳ טעוועלעס פאַרביטערטע רייד מיט ביטערע וויצעלעך — ענטפערט מען דאָס אפשר טאַקע זיך אַליין:

— נו, טאָ פאָרט אַריבער קיין מאָסקווע, ר׳ טעוול, גיט אָן אַ פּראָשעניע גלייך אין „ציק” אַריין... מען וואַרט דאָך דאָרט אויף אייך...

— און מען כאַפּט זיך טאַקע פאַר איינוועגס אַריין אין קרעמל אויך, און מען זעט זיך מיט אַן אייגענעם מענטשן...

— און מען הערט דערוויל אין מאָסקווע אַ אידיש וואָרט...

— און מען קריגט גלייך צוריק די אייגענע קלייט, דעם מאַ־גאַזין גאָטאָוויך פּלאַטיעוו, מוזשסקע אי דאַמסקע...

אָט אזוי וויצלען זיי זיך עס נאָך אָט די שלעפּערס דאָ, אָט די בלוט־זייגערס, אָט די „ספּעקולאַטערס”, וואָס בויגן זיך איינדרייען אונטער דער משא פון די גאַנצע בערג מיט קאַרטענע הויזן, שטיפע און האַרטע ווי ברעטלעך; אונטער דער משא פון די שטויסן גראָבע העמדער פון פּויערישן לייוונט, וואָס דריקן אַקסלען און אָרעמס... אַלע, אַלע וויצלען זיי זיך דאָ — ווער מיט ווערטער און ווער מיט ביטערן, פאַרשטייענדיקן שמייכל, וואָס שטעכט מער ווי הונדערט קרעכצן.

צווישן זיי אַלעמען איז בלויז דאָ איין־איינציקער מענטש וואָס וויצלט זיך ניט — ניט איצט און ניט קיינמאָל ניט, און דאָס איז ר׳ אָרע דיין.

אַ איד אַ נגיד געווען אַמאָל, ר׳ אָרע; דיין איז ער געוואָרן אין שטאָט ניט צוליב פּרנסה, נאָר מחמת זיין גרויסער לומדות און „מענטשן־קענעריי”. צו זיין וואָרט ביי אַ דין־תורה פלעגן מיט גרעסטן אָפּשיי זיך צוהערןביידע צדדים. ער שטייט דאָ די גאַנצע צייט מיט די איבעריקע מאַרק־מענטשן און הערט אויס אָן אַ וואָרט דעם פאַרביטערטן טענות־האָבער. נאָר באַלד טרעט ער אַרויס פונם קרייזל און לאָזט זיך גיין איבערן מאַרק.

אויף אַ שטריקל אַרום האַלז העננגט אים אַ קליין קעסטעלע, אַ מין געשטעלעכל פון מיט אַלערליי צעלניק־קליינקייטן, מיט קע־מעלעך און שפּילקעלעך, מיט מאַטיקעס פֿאָדים און מיט נאָדל־קאָנווערטלעך. און ר׳ אָרע דיין גייט זיך זיין גאַנג איבערן מאַרק און רימט די סחורה מיט זיין געוויינטלעכן אומעטיקן ניגון.

— אַ, נאָפּ־טאַ־לין ? ... — זינגט מיטן זעלביקן אומעטיקן גמרא־ניגון פון לומדים אין קלויז ווען זיי חזרן פאַרקאָכטערהייט עפּעס אַ שווערע סוגיא. — אַי, נאָפּ־טאַ־לין ? אַי־אַי־אַי, נאָפּ־טאַ־לין ...

ד.

נאָך אים — לאָזן זיך די אַנדערע. איינציקווייז, איינציקווייז, איינער, נאָכן צווייטן.

און ביסלעכווייז הויבט זיך אויפן מאַרק ווידער אָן דער געיעג און דאָס שמאַיעניש.

דער טאָג איז אַ לאַנגער, אַ זומערדיקער. איילן זיך איז ניטאָ וואוהין. די גרויסע גליקן, די גרויסע פריידן וואָס וואַרטן אויף יעדן איינעם אין שטוב ? אין שול גיין, איז נאָך אויך צופרי. חוץ דעם, איז אין שול איצט אומעטיקלעך, אומהיימלעך און פּוסט... אַז מען קומט אַהין אַריין, ווערט איינעם עפּעס קאַלט אַזוי אין אַלע אבֿרים, גאַרניט ווי אַמאָל.

כאָטש צוריק גערעדט, דערוואַרטן דאָ אויפן מאַרק אויך קיי־נעם ניט קיין גרויסע גליקן. קיין קונה זעט זיך עפּעס די גאַנצע צייט ניט אין אויג. אַלע מענטשן דאָ, קוקט אויס, פאַרקויפן, און קיינער קויפט גאָרניט. נאָר פונדעסטוועגן, אַז מען לאָזט זיך אַוועק ווידער איבערן מאַרק און יעדער שרייט אויס זיין סחורה, יעדער זינגט אויס זיין ניגון — דערמונטערט מען זיך אַביסל, קריגט מען עפּעס פרישע האָפענונגען.

אויפן ווייטסטן טראָטואַר באַווייזט זיך בונעמס רואיקע שפּאַ־צירנדיקע געשטאַלט — ער שטעלט לאַנגזאַמע, יום־טובדיקע טריט.

בונעמען איז יום־טובדיק איצט אויפן געמיט מחמת אַסך זאַכן.

ס'איז אים יום־טובדיק, צום אַלעם ערשטן, מחמת דעם וואָס מיט סטערען האָט ער זיך ענדלעך פאַרשטאַנען, זי האָט סוף־כל־סוף באַמערקט זיינע ספקות. דאָס איז געשען מיט אַ פּאָר טעג צוריק. ריכטיקער, מיט אַ פּאָר נעכט צוריק. יאָ, מיט אַ פּאָר נעכט צוריק איז געווען ביי אים אַ גליקלעכע נאַכט, אַ נאַכט פון פרייד, אַ נאַכט פון איבערבעטונג — אַ נאַכט וואָס האָט באַרואיקט בונעמס צעבויטעטע געמיט און איינגעשטילט זיינע פּראָסטע מאַנס־בילשע ספקות און אייפערזוכט.

אָבער דאָס איז פונדעסטוועגן ניט געווען די איינציקע סיבה מחמת וועלכער בונעם האָט זיך געפילט די לעצטע טעג אַזוי יום־טובדיק. שוין עטלעכע טעג ווי ער פילט זיך געשמאַק אַזוי, רואיק — אויף דער נשמה און אומעטום. ניין, טאַקע ניט יום־טובדיק, נאָר חול־המועדיק... איין אַרבעט האָט ער דאָך שוין אָפּגעטאָן, איין פרייידיקע באַלוינונג האָט ער דאָך שוין געהאַט — און איידער ער דערוואַרט דעם צווייטן יום־טוב, דאָס באַגעגעניש מיט די קינדער און דאָס ענדלעכע אָפּריידן זיך מיט דער משפחה וועגן דער צייט פון זייער אַרויספאָרן קיין אַמעריקע, — און פרייע צייט איז דאָ געגוג — נעמט בונעם אָן פון אַלע זייטן און מאַכט אַלעמען וויזיטן, שפּאַצירט זיך בונעם איבער די גאַסן מיט די הענט אין די קעשענעס, באַטראַכט זיך מיט נייגעריקייט פון אַ פרעמדן די ענדערונגען אין שטאָט, קוקט זיך מיט אַ קריטיש אויג צו צו דער נייער וועלט אַרום...

בשום אופן ניט קיין קליינער טייל פון זיין פרייד קומט דאָך אויך דערפון וואָס די גאַנצע צייט פילט ער אין זיין בוזים־קעשענע די וואַרימקייט פון דעם אַמעריקאַנער פּאַס... אָ, ס'איז זייער גוט צו פילן, אַז דאָ איז ער בסך־הכל אַ גאַסט — אַ גאַסט אין אָט דער ווילדער וועלט, אין אָט דער איבערגעקערטער וועלט — האָט ער שוין ניט געהאַט געגוג, איבערגענוג געלעגנהייטן אויף צו איבערצייגן זיך אין דעם אין משך פון די עטלעכע וואָכן, וואָס ער געפינט זיך דאָ אין שטאָט?

יאָ, ס'איז זיכער געווען געשמאַק צו טראַכטן אַז פון אָט די אַלע באָלשעוויסטישע שלעק און פּורעניותן איז ע ר אינגאַנצן פּטור. בונעם געפינט זיך דאָך דאָ אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע פון אַן אויסדערוויילטן מענטשן: ע ר איז איינציייטיק אי אַ

היגער, אי ניט קיין היגער... און ו ו ע ן ער וויל נאָר, הויבט ער זיך אויף, נעמט זיך זיין פאַמיליע און פליט צוריק אוועק אין ז י י ן לאַנד.

— זאָלן זיי זיך אַלע שלאָגן דאָ קאָפּ אָן קישן... — פלעגט ער זיך באַמערקן אין געדאַנק ווען נאָר ער פלעגט זיך אָנשטויסן אָן זאַכן וואָס פלעגן שלאָגן צו הארצן. — מיינע ביזנעס נו...

איז יעדן טאָג שפּאַצירט ער זיך אַזוי איבער די גאַסן, די הענט אין די קעשענעס אָדער גאָר אין זיידענע זומער־הענטשקעס — צוליבן שוויס, הייסט עס. אָט, שטעלט ער זיך איצט אָפּ ביי אַ שיינעם שוי־פענצטער פון עפּעס אַ געוועלב. עפּעס אַ געוועלב? ס'איז דאָך טאַקע די גרויסע אַפּטייק. ווי דערקענט ער עס ניט? קריניצקים אַמאָליקע אַפּטייק. כאָטש היינט הייסט זי אַנדערש, היינט הייסט זי: „ערשטע מלוכהשע אַפּטייק”.

דאָס שוי־פענצטער, ביי וועלכן בונעם שטעלט זיך אָפּ, איז זייער אַ שיינס. עס איז אויסגעפּילט פון אַזעלכע פיינע גלעזערנע פּאָליצקעס — ברעטלעך פון דיקן גלאָז וואָס הענגען אויף מעשענע קייטלעך, אויסגעשייערטע און גלאַנציקע, ווי גאָלד. און אויף די דיקע גלעזערנע פּאָליצקעס — ציכטיקע, קאָלירטע פלעשלעך, פלאַקאָנטשיקעס פּאַרפיום וואָס זייער דופטנדיקער ריח, דוכט זיך, שלאָגט זיך דורך אפילו דורך די פענצטער־שויבן.

אינם שוי־פענצטער ווערט רעקלאַמירט איצט, ווייזט אויס, אַ פּאַרטיע אָקאָרשט דערהאַלטענע פּאַרפיומען. איז איבער די זאַפּראַן־קאָלירטע פליסיקייטן, אין די גרינע פלעשלעך מיט די עטיקעטקעס פון פּאַפּירענעם גאָלד, ציט זיך אויף אַ ברייטער טאַשמע אַן אויפשריפט מיט גרויסע אותיות, —

— קולטור — גאַראַנטיע פאַר אונזער זיג! —

און אונטן, אויפן דנאָ פונם שויפענצטער, זיינען אויף אַ שווארצן עמאַלירטן ברעטל אויסגעלייגט מיט ווייסע אותיות די שורות פון נאָך אַ לאָזונג:

— היגיענע — דער פונדאַמענט פון קולטור — דאַרף זיין צוגענגלעך צו אַלעמען, צו די ברייטסטע מאַסן!

איז אַנטקעגן אָט דעם שוי־פענצטער איז זיך איצט געשטאַנען בונעם, די לינקע האַנט מיט זיכערקייט פאַרוקט טיף אין קעשענע, און די רעכטע — גלעטנדיק מיט נחת די ריין־אָפּגעגאָלטע גאָמבע:

— הא? דוכט זיך, ניט טייער... א קליינער פלאקאַן — איין פערטל מיליאָן רובל. מיטעלער — פיר הונדערט טויזנט קערבלעך... א גרויס פלעשל — בסך־הכל — א האלבער מיליאָן...

וואָס־זשע האָט עס א באַטרעף ביי בונעמען? א גאָרניט מיט א ניט... אויב אַזוי, איז בונעם איצט אַסך מער ווי א מיליאָנער — בסך־הכל באַטרעפט עס דאָרטן אויף אַמעריקאַניש געלט איינגאַנצן עטלעכע סענט, אַרום א דאָלאַר איינגאַנצן... אָך, וואָס פאַר א וואונדערלעך לאַנד אַמעריקע איז... און בונעמס גדולה איז אין לשער.

יאָ, מען דאַרף טאַקע אַריינגיין, קויפן עטלעכע פלעשלעך — א מתנה סטערען, טאַמאַרעלען, און זיך אַליין טאַקע אויך צו באַנוצן נאָכן אָפּגאָלן זיך... אַז וואו קריגט מען דאָ אַזא גאָלדענע זאַך ווי „ביי ראָם”, אַשטייגער?

אויפן מאַרק האָט מען שוין דערוווּסט פון דערוווּסטנס באַמערקט בונעמען.

— אָן איז ער דאָך...

— ווער? אונזער אַמעריקאַנער?...

— יאָ... ער גייט, ער גייט...

אין די ווערטער פילט זיך א ניט־באַהאַלטענער שטאָלץ, א ליבשאַפט אַפילו. יאָ, בונעמען איז געראָטן, ס'האָט אים שטאַרק אָפּגעגליקט דאָרט אינם גאָלדענעם לאַנד. אָבער דאָס געפיל איז ביי זיי אַלעמען ווי זיי וואָלטן אויך יעדער געהאַט אין זיין גליק כאָטש א שטיקל חלק...

— האָסטו געזען ווי א מענטש ענדערט זיך עס אין אַמעריקע? ממש ניט צו דערקענען...

— אַז מען האָט געלט אין קעשענע, קריגט מען שוין אַן אַנדער צורה אויך...

— ווי אין פסוק שטייט: אַז מען האָט געלט, האָט מען שוין ד י וועלט און יענע וועלט... אין וויפיל, אַשטייגער, קען מען אים שאַצן?

און ס'הויבט זיך אָן צווישן עולם א דינגעניש. נאָך א טויזנט דאָלאַר, נאָך צען — אַפילו אונטער די אויגן לאָזט איינער דעם צווייטן ניט קריוודען דעם אַמעריקאַנערל... אָ, ס'איז אודאי ניט אַזוי גרינג צו איינציקן זיך אויף דער פינקטלעכער סומע, וואָס

ס׳האָט געקענט באַטרעפֿן בונעמס פֿאַרמעגן. אַז ס׳איז אָבער געווען אַן אמתער אוצר וואָס האָט אָנגעטראָפֿן אין די שווערע צענדליקער אַלפֿים דאָלאַרן — ווענן דעם האָט דאָך גאָר קיין שום ספק ניט געקענט זיין.

אַסך שווערער איז שוין געווען זיך איינזען ווענן דעם, ו ו י א ז ו י בונעם האָט עס דאָרטן, אין דער גאָלדענער מדינה, זיך אָנגעשטאָפּט מיט אַזויפֿיל דאָלאַרן. קיין גוואַלדיקער קאָפּ־מענטש, קיין שאַרפֿער מוח, איז בונעם, דוכט זיך, קיינמאָל ניט געווען — ווי קומט ער צו געשעפֿט!... איז זאָל עס זיין טאַקע פּשוט — ווי אַ שוסטער? חוץ דעם, וואָס עס ליגט זיך בשום אופֿן ניט אויפֿן שכל, אַז פֿון שוסטעריי זאָל מען ווערן אַזאַ עושר, האָט דער איצטיקער בונעם טאַקע אין קיין פֿאַל ניט געהאַט דעם אויסזען פֿון אַ שוסטער.

— גייט שוין, גייט... פֿון וואָס מענטשן חידושן זיך...

— האָט בעסדיק געשפּריצט דער פֿאַרביטערטער ר׳ טעוול און געטרייסלט זיין ברייטע בעזים־באָרד. — אַפּנים אַז איר ווייסט גאָר ניט אַז אין אַמעריקע קען מען רייך ווערן פֿון אַ ליאַדע גאָר־ניט? מען ווייסט, מען ווייסט דאָך שוין פֿון לאַנג... אַפֿילו פֿון אָנגייען קנעפּלעך אויף פּליודערן קען מען דאָרט אויך ווערן אַ מיליאָנטשיק, נאַראָנים... איך האָב אַליין געהאַט אַ פֿריינט...

ניט־איינשטימענדיקע קולות שלאָגן אים איבער פֿון אַלע זייטן.

נו, אויף אַזויפֿיל, ר׳ טעוול!...

ס׳איז פּאָרט געווען שווער צו גלויבן, אַז פֿון אָנגייען קנעפּ־לעך אויף די הויזן זאָל מען ווערן שטיין־רייך! אָבער אויב טאַקע אַז יאָ, האָט דאָך בונעם שוין געמעגט פֿאַרבלייבן אַ שוס־טער אויך... פֿון קנעפּלעך אָנגייען יאָ, און פֿון שוסטעריי ניט?

— גייט שוין, גייט... — קרימט זיך ווידער די בעזים־באָרד.

— אַ שוסטער! מער האָבן זיי שוין דאָרטן ניט געפֿונען וועמען אויסצוקלייבן פֿאַר אַ דעלעגאַט, ווי אַ קאַפּול...

דער עולם רייצט זיך מיט אים: ס׳איז גוט צו רייצן זיך מיט איינעם וואָס איז אַ כעסן, מיט איינעם וועלכער איז איבערציינגט, אַז ער פֿאַרשטייט די „לאַגע״ בעסער פֿון אַלעמען, און בכלל אַלץ...

— אַן אַקציע דיר מיט אַ אידן... און אַז אַ קנעפּלעך־נייער איז שוין ביי אייך רעכט?

— ווער זאָגט דען אייך אַ קנעפּל־נייער — איך האָב עס דען געזאָגט, פויערשע קעפּ? — בייסט צוריק דער פאַרביטערטער מענטש. — כ'האָב בלויז גערעדט פון אַמעריקע וואָפּשטשע... און וועגן בונעמען ווייסט מען ניט, מסתמא איז ער דאָרט געוואָרן אַ גרויסער סוחר, האָט אַ גרויסע שניט־קראָם אודאי... איר האָט דען ניט געזען דעם אָנצוגל אין וועלכן ער גייט עס אָנגעטאָן? אַ גראַף קליידט זיך ניט שענער.

— יאָ. — שטימט ענדלעך אימיצער פונם געזעמל איין. — אויף אַמעריקע איז אַלץ צו גלויבן... אַך, אַמעריקע, אַמעריקע...

און אויף אַ ווײַלע ווערן אַלע שטיל, בלייבן שטיין אינם קרייז אומבאַוועגלעך, ווי פאַרכישופטע. יעדער טראַכט פאַר זיך זיינע געדאַנקען, און טרוימט זיינע טרוימען, — טרוימען פונם פאַרשפּראָכענעם לאַנד, וואוהין זיי האָבן אַמאָל אפשר ניט געוואָלט פאָרן און וואוהין זיי האָבן שוין איצט, אוי־ווײַ, ניט געקענט מער אַריינקומען.

ה.

עס פאַרלויפן אַזוי היפּשע עטלעכע מינוטן.

דאָס מענטשן־געזעמל בלייבט שטיין אַזוי אָן באַוועגונג ווי איינגעדרימלט. די רייען געשלאָסענע און פאַרהאַקטע געוועלבן אַרום — אַ הויכע צוים פון תפיסהדיקער פאַרמשפּטקייט וואָס רינגלט אַרום אָט דאָס געזעמל פון האַלב־פאַרגליווערטע מענטשן; אַ טרויער־ראָש וואָס טיילט זיי אָפּ פון דער גאַנצער לעבעדיקער וועלט.

דער ערשטער, וועלכער וועקט זיך אויף פונם פאַרגליווערטן קרייז, איז ווידער ר' אָרע דיין, ר' אָרע מיטן צעלניק־קעסטלעלע וואָס הענגט אים אַרונטער אויף אַ שטריקל אַרום האַלז. אָן אַן־איינציק וואָרט, אָן אַ קרעכץ אפילו, לאָזט ער זיך ווידער גיין איבערן מאַרק. ער הויבט אָן אויסזינגען מיט זיין אומעטיקן גמרא־ניגון.

— נאַפּ־טאַ־לין? אי־אי־אי, נאַפּ־טאַ־לין...

נאָך אים שאָקלט זיך שוין יעדער אַוועק אין זיין זייט, יעדער פאַר זיך, מיט זיין ניגון — יעדער אין זיין געבראָכענער ליניע איבערן מאַרק.

דערוויל איז שוין בונעם ארוים פון אפטיק. ער טראָגט איצט אַ שיין־פּאַרפּאַקט פּעקעלע אין האַנט. ער לאָזט זיך גיין צום סאַמע צענטער מאַרק. אויפן פּנים האָט ער איצט אַ גליקלעך און לייטזעליק שמייכעלע; ער גרייט זיך צו שמועסן מיט זיינע אומגליקלעכע ברידער און צו טרייסטן זיי.

אַז דער מאַרק באַמערקט ווי עס דערנענטערן זיך אָהער די גרויסע ברילן מיט די ראַמען פון האָרנביין, דער טייערער פליור־שענער קאַפּעליוש — ווערט ער כהרף־עין שטיל, פּאַרשטאַרבן אין דערוואַרטעניש.

— גוד מאָרנינג... — מוז פונדעסטוועגן בונעם אַרונטער־נעמען אויף אַ ווײַלע דאָס דאָזיקע אָנשיקעניש, די גרויסע ברילן זיינע, כדי ער זאָל זיין כאָטש אַביסל אומשטאַנד צו דערקענען צווישן מאַרק־עולם באַקאַנטע פּנימער, אַמאָליקע גוטע ברידער. — ווי גייטס?

יעדער קוקט אויפן צווייטן — י ע נ ע ר זאָל דער ערשטער אָנהויבן ריידן... אָבער איינער נעמט זיך סוף־כל־סוף אָן מיט מוט, ענטפערט אַפילו מיט אַ וויצל, כאָטש אַלץ מיט אַ שמייכעלע פון דרך־ארץ.

— גייטס? ס׳גייט שוין גאָר ניט, פּאַניע ראַבאָווסקי... עס שטייט... עס שטייט אינגאַנצן...

דער, וועלכער האָט זיך עס דער ערשטער אָנגענומען מיט מוט אויף צו ענטפערן דעם אַמעריקאַנער, איז אַן איידל־הויטיקער יונ־גערמאַנטשיק מיט שיטערע בלאָנדע הערעלעך אויפן קין און מיט אַ היפּשן פּאַק ספּאָדניצעס, וועלכע ער נעמט לײַדנשאַפטלעך אַרום מיט ביידע אָרעמס. דער ערשטער געענטפערט דעם אַמעריקאַנער, לויכטן אויף זיינע אויגן מיט שטאָלץ־פייערלעך. ער קוקט זיך אַרום אויפן עולם — וואָס, אפשר ניט גוט אָפּגעענטפערט?

אָ, מאירל, נאָטע קאָמיסיאָנערס איידעם, איז ניט אַבי ווער; די גאַנצע שטאָט האָט אים געקענט ווי אַ יונגערמאַן אַ משכיל, אַ וואויל־קענענדיקן, אפשר דער אָנגעלייענסטער מענטש אין שטאָט. איז ער טאַקע ניט געווען דער איינציקער מענטש אין שטאָט וועל־כער פלעגט אין די אַמאָליקע צייטן אויסשרייבן דעם „השלוח״? און שפּעטער איז ער אויך געווען איינער פון די געציילטע צוויי

מענטשן אין שטאָט, וועלכע האָבן זיך אָבאָנירט אויף דער „אי־דישער וועלט". יאָ, אַלץ פלעגט מאירל לייענען, אַלץ—אידיש, העברייאיש. אין שטוב ביי אים קען מען נאָך היינט אויך געפינען, נאָך פון פאַר דער מלחמה, אין דיקע לעדערנע איינבונדן מיט גאָלדענע שניט, אַלע מאספים פון „העתיד", אַזוי גוט ווי אַ משניותדיקן „ווילנער פנקס" אין שווארצן לייוונט; ריזיקע כרכים פון די אילוסטרירטע ביילאַגעס „גליונות לשבת" פון דער אַמאָליקער „הצפירה", אַזוי גוט ווי די שווערע חשובע בענדער פון שלום־עליכמס „פאָלקס־ביבליאָטעק", צי גאָר די נייאינקע בראָשירטע זאַמלביכלעך פון דער נייער אידישער ליטעראַטור, וואָס פלעגן נאָך דערגרייכן אַהער אין דעם פאַרוואָרפענעם פּאָלעסישן שטעטל פון דער ווייטער וואַרשע און פון דער ווייטער ווילנע.

אַלץ פלעגט זיך מאירל איינשאַפן, אַלץ, אידיש, העברייאיש. פאַרוואָס ניט? זיין שווער, זאָל לעבן, נאָטע קאָמיסיאָנער, איז געווען אַ איד אַן אָנגעשטאָפּטער מיט גאָלד, און נאָך מיט אַ ברייטער האַנט דערצו. וואָס־זשע האָט דאָס איידימל זיינס געהאַט אַמאָל מער צו טאָן ווי צו מאַכן כמעט טעגלעכע באַזוכן דעם שטאָטישן מוכר־ספרימניק און נישטערן דאָרט צווישן די געשטעלן, און באַטאַפּן אַלע פּאָליצעס — און איבערשטייגן אויף אַזאַ אופן אין זיין בילדונג אַלע מענטשן אין שטאָט? חוץ דעם, עס האָט זיך טאַקע שפּעטער אַרויסגעוויזן אַז ער האָט מיט דעם געטאָן אַסך קליגער פאַר זיין פעמפּעקעוואַטן שווער, פאַר נאָטע קאָמיסיאָנער: דער שווער איז געבליבן איצט אָן אַ גראָשן געלט ביי דער נשמה, אָבער מאירל איז פאַרבליבן ביי זיין גאַנצער אינטעליגענץ און געלערנקייט... ניין, קיינער האָט ד אָ ס ביי אים ניט געפּרואווט אפילו צו קאָנפיסקירן.

יאָ, מאירל ווייסט אַסך און קען אַסך; מער ניט, ווער דאַרף עס אַזוי גויטיק בילדונג היינטיקע צייטן... אין קאָפּ זיינען ביי אים טאַקע געלעגן, אויסגעסדרט צי כאָאָטיש צוונויפגעמישט, אָן־אויפגעלעבט; מען קוקט פון מאירלען אויפן אַמעריקאַנער, און צוריק. ניין, זיי האָבן זיך ניט וואָס צו שעמען מיט זייער אייגענעם אַ־שיר דורכגעלייענטע ראָמאַנען און אַרטיקלען, ספורים און מאמרים — ממש פּאָליצעס גאַנצע, ממש פּעק... אָבער אַך, אַסך גליקלעכער וואָלט ער געווען ווען, זאָגן מיר, כאָטש אָט דער

איינציקער פּאַק קאַלירטע פּויערשע ספּאַדניצעס אויף זיינע אָרעמס ווערט ביי אים ביז פאַרנאַכט כאַטש אַ קליין ביסל גרינגער...

מילא... אַזוי ווי עס איז, איז עס. דער עולם אַרום ווערט טשעמפּיאָן קעגן דעם אַמעריקאַנעם ריז... מען דערוואַרט מיט טשיקאַוועסט אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פונם ווערטער־דועל. און מאירל אַליין? אויב ניט דער פּאַק מיט די קרעטאָנענע ספּאַדניצעס, וואָלט כאַטש גוט געווען ווען זיין אוצר מיט געדאַנקען און באַ־טראַכטונגען — אַט דער אוצר וועלכער דריקט אים אַזוי מיט זיין שווערקייט מחמת דער אוממעגלעכקייט צו טיילן זיך מיט אים מיט וועמען עס איז פונם עולם אויפן מאַרק — ווען אָט דער איידעלער, נאָר שווערער אוצר ווערט ביי אים, לכל הפּחות, איצט אַביסל אויסגעליידיקט... ווען ער קען נאָר אָט דעם אַמעריקאַנעם יחסן באַווייזן, אַז אין אים, אין מאירלען, שטעקט עפּעס מער ווי בסך־הכל אַ הענדלער מיט פּויערישע האַלקעס! אַך, ווען ער קען נאָר כאַפּן מיט אים אַ שמועס, דערקלערן אים, וואַרפן אים אַ ליכט אויפן היגן לעבן! אַבער וואָס קומט אַרויס? אַז דער אַמע־ריקאַנער האַלט זיך מעשה דיפּלאָמאַט. אין דער אַנוועזנהייט פון אומבאַקאַנטע מענטשן האָט בונעם מורא זיך אַריינצולאָזן אין לאַנגע שמועסן וועגן היגן לעבן. אַז ווער ווייסט דאָרטן... אפשר גאָר שפּיאָנען, אונטערגעשטעלטע לייט פון דער טשעקאַ? אין אַזאַ לאַנד דאַרף מען זיין געהיט.

ער ענטפערט דעריבער תמיד אומבאַשטימט און זיך־אַרויס־דרייענדיק אויף פראַגן וואָס קענען אים נאָך חלילה אַריינשלעפּן אין אַ ווידעראַנאַנדיקן שמועס מכוח היגע ענינים.

— נו, יאָ, כ׳מיין צו זאָגן... אמת, די פאַבריק ביי אייך שטייט טאַקע... אַבער ס׳איז דאָך בלויז אויף אַ קורצער צייט, האַ? וואָס זאָגט איר? מיין פרוי, זאָל לעבן, האָט עס מיר אויך אַזוי געזאָגט — מיין ווייגדערל האָט עס איר אַליין פאַרזי־כערט... און מיין ווייגדער, ווייסט איר דאָך אַליין, ווייסט וואָס ער רעדט. נו, מען פאַרשטייט דאָך — נאָך אַ רעוואָלוציע... האַ, ווי מיינט איר?

— ווי מיינען מיר... — קנייטשט זיך מאירל און קוקט מיט אַ שמייכעלע אויפן עולם אַרום. — כ׳וויים, ווי ז אָ ל ן מיר מיינען... מיר מיינען אודאי אויך אַזוי... אודאי, רעוואָלוציע

איז דיר ניט קיין קליניקייט... פארקערט, רעוואָלוציע איז בכלל זייער א גוטע זאך; פאסקודנע אין איר זיינען בלויז די ערשטע פאר צענדליק יאָר...

און ער קוקט זיך ווידער אַרום אויפן אַרומיקן עולם — פאַר באַשטעטיקונג און דערמוטיקונג צו ווייטערדיקע ענטפערס דעם אַמעריקאַנעם. איין מענטש, אַ צווייטער פונם געזעמל, גיט דערמאָלט אַ הירזשע, אַזאַ מין לאַך, און דריקט אויס דערמיט צופרידנ־קייט מיט מאירלס קלוגע ענטפערס; אָבער דאָס רוב עולם בלייבט שטיין שווייגנדיק, אודאי אויס גרויסן אָפּשיי צום דעלעגאַט.

בונעם קען אָבער ניט לײַדן וואָס דער עולם שטייט אים אַנט־קעגן עפּעס אַזוי־אָ... מיט אַרונטערגעלאָזטע נעזער. און ער הייבט זיי ווידער אָן צו טרייסטן.

— וואָס מיינט איר, ביי אונז אין אַמעריקע איז קיינמאָל קיין רעוואָלוציע ניט געווען? ביי אונז איז אויך אַמאָל געווען אַ רע־וואָלוציע, נאָך אַ מין! נו, איז וואָס... מענטשן איינע, ס'טרעפט אומעטום...

— נו, יאָ, מען האָט געהערט... — ווערט מאירל דערפון ניט נתפּעל. — דזשאָרדזש וואַשינגטאָן... אברהם לינקאָלן... מען האָט געלייענט... דאָס איז אַלץ אָבער געווען לאַנג צוריק... איצט איז דאָך שוין ברוך השם נישקשה אין אייער מדינה... וואָס, ניין? — און מאירל גיט אַ לאַכעלע מיט אַ צוגעזשמורעט אויגל. בונעם אַליין מעג זיך עס אָננעמען פאַר אַ חניפהלע, אָבער נישקשה... דער אַרומגעקליבענער עולם פאַרשטייט גאַנץ גוט דעם טיפן שטאָך.

— מען שמועסט... — ציט מאירל לאַנגזאַם די ווערטער. — מען זאָגט יאַקבי, אַז איצט איז ביי אייך שוין פונדעסטוועגן ניט צו פאַרזינדיקן... האַ? אַלנפאַלס, ברויט האָט ביי אייך אודאי יעדער איינער צו דער זאַט, יאָ? און אַפילו פלייש אויך, שמועסט מען, האָט ביי אייך יעדער אין שטוב, כאָטשבי איינמאָל אין דער וואָך... ווי?

— הם, פאָני מען... 3) — באַטראַכט אים בונעם פון אויבן אַרונטער. — פלייש איינמאָל אין דער וואָך!... ביי אונז איז עס גאָרניט אַזאַ יחוס, פלייש. ביי אונז עסט מען דערעיקר טשיקן און סטייקס און... און... וויעל קאַטלעטס4). יעדן טאָג, אַפילו צוויי מאָל אַ טאָג, אויב איינער האָט נאָר אַ גוטן מאָגן. פלייש

בלויז? ביי אונז איז כאָטש וועד צעזעצט עסנדיק!... נאָטיר־לעך, מען דאַרף אויף דעם אַרבעטן, יו נאָו... אָבער אַז מען אַרבעט, האָט מען ביי אונז...

פויזע. טרוימערישע פויזע פון דעם אַרומיקן עולם האַלט אָן אַ גאַנצע פּאָר מינוט.

ז.

— און ביי אונז איז פליייש זייער טייער... — דערהערט זיך באַלד אַ קוויטשיק קולכל. מען קוקט זיך אום: אַ אידענע, אַ שרעקלעך־פעטע און שרעקלעך־קיילעכדיקע, אַ בויך — און איי־בערגעקערטער מולטער, אַ טאַליע — אַ ביר־פעסל.

— ביי אונז קאָסט אָפּעט אַ האַלב פונטל פליייש אַ גאַנצן מיליאָן רובל.

— אַ מיליאָן!... — פאַלט מען אויף איר אַרויף פון אַלע זייטן. — וואָס האָקט זי אַ טשייניק, יוכבד...

די פעטע אידענע, זיך רויטלענדיק און שעמעוודיק ווי אַ קליין מיידעל, — אַ פּנים האָט זי טאַקע דווקא גאָר אַ יונגן — דערציילט דעמאָלט אַן אַנעקדאָט וועגן איינעם אַ היגן באַלעבאָס וואָס האָט געשיקט זיין ווייב אויף אַ דאַטשע. די דאַטשע האָט דעם אידן אָפּגעקאָסט אַ מיליאָן קערבלעך. און צוגעקומען איז דעם ווייבל אַ י י ן האַלב פונטעלע פליייש... כי־כי־כי...

דער עולם קוועטשט מיט די פּלייצעס, קוקט שולדיק אויף בר־נעמען: מען בעט ביי אים שוויינגנדיקערהייט מחילה פאַר אָט דעם נאַרישן אַנעקדאָט. וואָס אַ אידענע קען עס איינפאַלן צו דערציילן!

די אידענע מיט דער ריזיקער טאַליע האָט שוין אַליין אויך חרטה פאַר איר דרייסטקייט. זי פּרואווט זיך אויסצובאַהאַלטן צווישן די הינטערשטע רייען פונם געזעמל. און וואָס האָט איר געשטופּט דווקא זיך וועלן אויסצופיינען פאַרן אַמעריקאַנער, — און זי האָט נאָך גאָר קאַליע געמאַכט...

אָבער גאָט אין הימל, אַ גרויסער נס איז געשען: דעם אַמע־ריקאַנער איז דער וויץ דווקא יאָ געפעלן! כאַ־כאַ, אַ מיליאָן רובל — איין פונטעלע פליייש! אַ פיינער דזשאָקס), כ'לעבן... מ'עט עס דאַרפן איבערדערציילן אין אַמעריקע... אומבאַדינגט!

און וואו אשטייגער, אויף וועלכן אָרט, איז איר צוגעקומען אָט דאָס פונטעלע פלייש, האַ? ער וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסן... גאַנץ דעמאָקראַטיש ווענדט ער זיך צו דער זיך־אַוועקרוקנדיקער אידענע:

— אָבער דערפאַר איך אַליין, מיין טייערינקע, פעלט שוין אין ערגעץ ניט קיין פונטעלע פלייש, איאָ ניין? אין ערגעץ ניט?

איז דער עולם אודאי צופרידן וואָס אַלץ האָט זיך געענדיקט בכי־טוב. העלפט מען אפילו בונעמען אַרוים מיט אַ געלעכטערל.

— אָ, דאָס מיינט איר אודאי די טאַליעלע אירע... דאָס איז ניט אירס — אַליין איז זי דוקא אַ דאַרינקע. דאָס האָט זי עס אַזוי אַרומגעוויקלט אַרום זיך איר סחורה, די קליידלעך מיט די ליילעכער, טאָמער קומט פּלוצלונג אָן דער פינאַנספעקטאָר... יוכבד האָט שוין אַ פּאָר מאָל געכאַפּט דעם אמתן פּסק. זי נעמט קיינמאָל ניט אַרוים קיין קוויטל, האָט מען ביי איר שוין עטלעכע מאָל קאָנפיסקירט דאָס גאַנצע ביסל סחורה...

מען וויצלט זיך, מען חכמהט זיך — יאָ, וואָס פעלט זיי דען? מען דערציילט זיך עס דאָך אין פריידן. פאַרן פינאַנספעקטאָר איז דאָך איצט ניטאָ וואָס מורא צו האָבן. אַזוי שפּעט באַווייזט ער זיך קיינמאָל ניט אויפן מאַרק. עס איז שוין פאַרנאַכטלעך. די זון פאַרגייט. שאָטנס ליגן זיך אויפן מאַרק, פון די הייזער אַרום — א מ ת ע שאָטנס... שאָטנס פלאַטשיקע, שאָטנס אָן לעבן. דעמאָלט גיבן די לעבעדיקע שאָטנס, וואָס מיט די האַנדל־אוצרות זייערע צוגעדריקט צום ברוסט, אַ טראַכט:

— ס'איז שוין צייט צו גיין אַהיים... צייט צו דער מאָגע־רער וועטשערע.

ווער פון זיי עס וועט זיך נאָך אפילו אַריינכאַפּן אין שול אַריין, צו אָן אָרימען יתומדיקן מעריב. אַ וואָכעדיקן, אַ טאָפּלט־וואָכעדיקן. און בונעם אַליין האָט נאָך אויך עפּעס צו טאָן. ער איילט אַוועק אין האָטעל אַריין, אינם ערשטן מלוכהשן האָטעל אַריין, אינם ערשטן מלוכהשן האָטעל וואָס איז אויף יענער זייט מאַרק. היינט אין אָוונט האָט ער באַזוך ביי בערקוזשען; דאָרטן וועלן זיך היינט צונויפקומען, צוליב בונעמס כבוד וועגן, עטלעכע אַמאָליקע גוטע פריינט זיינע. אַזוי האָט אים בערקוזשע אַליין געזאָגט.

איז ביסלעכווייז פאַרשווינדן די מענטשלעכע שאָטנס פונם

מארק — אַט די מענטשן וואָס זיינען שוין אַליין געוואָרן שאָטנס. זיי שלייכן זיך אַוועק, יעדער איינגעבויגן און איינגעהויקערט אונטער זיין פּאַק ניט־פאַרקויפטע סחורה, אונטער זיין פּאַק פאַרבליבענע צרות.

אויף זייער פּלאַץ שלייכן זיך באַלד אַרויף די פּלאַטשיקע שאָטנס פונם אַנשווימענדיקן אָוונט. זיי זיינען שטיל און רוישלאָז, ניט ווי די פריערדיקע; און אויב אפילו זיי קענען עס ניט דער־ווייזן, דוכט זיך דאָך: זיי ברענגען מיט זיך, אַט די שאָטנס, ווייכע טרייסט און זיסע באַרואיקונג.

עס קלינגען אויף אין אַ נאָנטן קלויסטער גלעקער, אַ כּאַפּטע אַ גאַנצע: גרויסע, לאַנגזאַמע און בּרומענדיקע וואָס טרייסלען אויף די לופט אין כוואַליעס; דינינקע, איידעלינקע, וואָס צימבלען נאָכ־אַנאַנד ווי אין מעשענע טעציִלעך.

איבערן אָפּגעליידיקטן מאַרק, איבער וועלכן עס האָבן שוין איבערגענומען די הערשאַפט די רוישלאָזע אָוונט־שאָטנס, לאָזן זיך פון אַ זייטיק געסל אַרויס צוויי טונקעלע געשטאַלטן, אַ העכערע און אַ נידעריקערע.

די העכערע געשטאַלט, אין אַ לאַנגער שטייפער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, פון אונטן שמאָל און פון אויבן ברייט, — דאָס איז דער הינער פּראָטאָיעריי מלכי־צדק. פונקט ווי אַמאָל טראָגט ער איצט אויך זיין לאַנגן שטעקן, מיט דער באַזילבערטער גאָלקע וואָס דערגרייכט אים אַזש ביזן שטערן. און פונקט ווי אַמאָל שלעפּט זיך אים איצט אויך נאָך פון הינטן אַ הינקענדיקער שאָטן, — אַן אָרימער גלח אין אַן אָפּגעריבענער ריאַסע...

דער פּראָטאָיעריי קוקט זיך ניט אום אויף קיין מינוט אפילו אין די זייטן; ער גייט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי ער וואָלט וואָס גיכער זיך אַדורכגנבענען דורכן מאַרק. דער הינקענדיקער שאָטן הינטער אים — דאָס זעלביקע.ביידע גייען עס איצט צום ווייסן קלויסטער מיט די בלויע קופּאָלן אויף אַלע פיר ווינקלען; ביידע גייען זיי איצט צום אָוונט־געבעט, אין דער קירך אויפן מאַרק אויף וועלכער עס בויגן זיך איין אינדערהויך די מעשענע צלמים פון צעפוילטקייט און פאַרזשאַווערטקייט, און עס הויבן שוין אָן צו קלאַפּן אינם אָוונט־ווינטל די אָפּגעריסענע שטיקלעך בלעך, וואָס הענגען אַרונטער פון די קופּאָלן־דעכלעך.

פינפטער קאַפּיטל

ציטרינען, באַנאַנעס, אַנאַנאַסן

א.

בונעם איז געזעסן אין האָטעל, געגעסן וועטשערע. איינער אַליין, איין מענטש אין אַ האָטעל־צימער.

דער גערוימער צימער איז געווען גאַנץ ליכטיק באַלויכטן; ער האָט אָבער שרעקלעך געשמעקט מיט פּוסטקייט. די ליכטיקע פּוסטקייט האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, האָט זיך איינגעהאָרכט אין די קלאַנגען פון מעסער־גאָפּל וואָס קלאַפּן זיך אָן אָן טעלער; אין די קלאַנגען פון אַ מויל, וואָס טשאַמקעט זאַפטיק און מיט אַ היפּשער הנאה.

בונעם קלייבט זיך באַלד מיט אַ וויזיט צו בערקאָוויטשען. ער ווייסט שוין פון זיין דערפאַרונג דאָ אין שטאָט, אַז מען וועט פאַר אים זיכער צוגרייטן אַ פיינעם כיבוד — אפילו זיי, אפילו די קבצנים... נאָר צו וועטשערע, צו אַ „רעגולער סאַפּער", קומט עס פונדעסטוועגן ניט. און בונעם עסט מיט הנאה, לעקט אויס אַקוראַט די טעלער מיט אַ שטיקל ברויט, איין געריכט נאָכן צווייטן. די זופּ איז געווען גוט — אַ היימישע זופּ; אין אַמעריקע האָט ער שוין לאַנג אַזוינס ניט געגעסן...

אַז מען דערלאַנגט אים דעם דעסערט, אַ קאָמפּאָט פון עפּל, רוט זיך בונעם אַביסל אָפּ. ער פאַרטראַכט זיך.

קוקנדיק אַזוי אויפן קאָמפּאָט מיט זיינע גרויסע באַנקעוואַטע אויגן, איז וועגן וואָס טראַכט איצט בונעם, — איז אים אפשר ניט געפעלן דער קאָמפּאָט? ניין, דער עפּל־קאָמפּאָט איז גוט, איז ריכטיק צוגעגרייט געוואָרן, די עפּל זיינען מיט אַ ריב־אייזן צעריבן געוואָרן אין אַ פּורע, אין אַן עפּל־סאָוס — „אַקוראַט ווי ביי

אונז אין אמעריקע". מיט א פאר טעג פריער, אז מען האט אים דערלאנגט אט דעם באליבטן מאכל זיינעם, איז עס באשטאנען פון גאנצע שטיקער אפגעקאכטע עפל. און בונעם האט דעמאלט געדולדיק — ער האט שוין פאר אט דער צייט אויסגעפונען אז מיט „זיי" דארף מען האבן זייער אסך געדולד — דערקלערט דעם מעטר ד'אט, ו ו א ס ער וויל. נו, פארוואס ניט?... האט מען אים צוליב געטאן. מען באגייט זיך טאקע דא מיט אים גאנץ שיין. מען טוט אים אלצדינג צוליב, אלץ... מען רעכנט אים אפשר דערפאר דערנאך גאנץ געשמאקע פרייזן. אבער עס האלט נאך ניט חס־ושלום דערביי, אז בונעם זאל דא בדלות ווערן, אינם ראטן־פארבאנד.

ניין, ניט וועגן זיין עפל־קאמפאט האט בונעם איצט געטראכט. געקוקט האט ער טאקע איצט אנגעשטרענגט אויפן קאמפאט־טע־לערל פאר אים, מיט די אפגעריבענע גרינע בלימעלעך אויף די ראנדן. אבער דורכן געלבלעכן עפל־פיורע, ניט דורכזיכטיק ווי עס איז געווען, האט בונעם איצט געזען געשטאלטן, — א מענטשלעכע געשטאלט, סטערען... אפשר איז עס געווען דערפאר: „יענע" נאכט, מיט א פאר וואכן צוריק, ווען סטערע איז דא געווען מיטן צווייטן באזוך, האבן זיי דעמאלט ביידע אויך געגעסן אויף דעסערט עפל־קאמפאט...

יענע נאכט איז שוין סטערע ביי אים יא געבליבן נעכטיקן. אוועקגעפארן צוריק אין קאלווירט אריין איז זי ערשט אויף מארגן, ארום מיטאג־צייט. אפגעשלאפן זיינען זיי דעמאלט ביידע העט שפעט אין טאג אריין, ווי נאך גאר א יונג פארפאלק וואס האבן א חודש צייט נאכאנאנד זיך ניט געזען. און ווען סטערע איז יענעם מאל אוועקגעגאנגען האט זי איבערגעלאזט הינטער זיך בונעמען א בארואיקטן, אפילו מיט א געפיל פון טריאומף...

האט בונעם, נאך אזא נאכט, געקענט דען פארדעכטיקן אז ווען סטערע האט זיך יענעם נאכמיטאג אומגעקערט אין קאלווירט אריין, האט זי ווידער דאס סאמע ערשטע גענומען און זיך אפ־געבאדן אין טייך?... אבער סארא חילוק עס איז געווען פון אט יענעם ערשטן אפבאדן זיך אין שארפן שניידנדיקן וואסער פונם פרימארגנדיקן טייך, מיט א פאר וואכן פריער... דאס וואסער א י צ ט, אינם הייסן זומערדיקן בייטאג, איז געווען לעבלעך,

אזוי ווי קלעפּיק. און ניט קיין ציכטיקייט און יונגמיידלשע פֿריש־קייט האָט סטערע איצט דערפֿילט אין אייגענעם נאַקעטן לייב ביים באָדן זיך, נאָר אַן עקל, — אַ מיאוסקייט, וואָס האָט געקראָכן אויפֿן לייב, געקלעפּט אויף דעם...

זי איז געגאַנגען יענעם נאָכמיטאָג ווייט־ווייט אינם זומערדיק־אויסגעטריקנטן פֿליטקן טייך, ביז וואַנען זי האָט דערגרייכט דעם מעגלעך־טיפֿסטן אָרט. דאָ איז דאָס וואַסער געווען קילער, שטראָמיקער; ס'האָט אויסגעזען ווי סטערע האָט געדאַרפֿט דאָס סאַמע ריינסטע וואַסער אויף צו אָפּוואַשן פֿון זיך אָט די מיאוסקייט, אויף צו אָפּרייניקן זיך פֿון דעם דאָס, וואָס האָט מיט איר פֿאַריקע נאַכט פּאַסירט...

אָי, פֿון וואַנען האָבן זיך עס צו סטערען גענומען אַזוינע אויס־טערלישע איידעלע געפֿילן? זי איז דאָך, דוכט זיך, געווען מער ניט ווי אַ פּשוט ווייבל און אַ געזונטער מענטש דערצו... נאָר אפשר איז עס געווען טאַקע דערפֿאַר וואָס זי האָט „דאָס" בכלל געטאָן, — פּשוט: איר פֿריש, געזונט בלוט האָט איר געטריבן דערצו, כאָטש איר הארץ איז דערביי ניט געווען; און איצט — זי האָט זיך געפֿילט איצט שלעכט דערפֿאַר וואָס „דאָס" איז פֿאָרגעקומען צווישן די ווענט פֿון אַ האָטעל.

אָבער וואָס איז עס דען אַזאַ גרויסער חידוש אויף סטערען... בונעם אליין, נאָכדעם ווי דאָס ערשטע זיסע און אויפֿמונטערנדיקע טריאומף־געפֿיל איז אַריבער, האָט אויך ביסלעכווייז גענומען שפּירן אין זיך עפּעס אַן אַנטוישונג. אָ, אודאי האָט בונעם „דער פּראָס־טער חי־וקים, ניט אָנגעשטויסן זיך: אין סטערעס „איבערבעטן זיך" איז געווען מער דער באַשלוס פֿון אַ ווייב צו טאָן איר חוב, איידער די פּראָסטע הונגעריקע ליבע פֿון אַ פֿרוי וואָס איז געווען אַזויפֿיל יאָרן אָפּגעשיידט פֿון איר מאַן אין די ווייטע לענדער... ניין, זיכער ניט. אים איז פֿונדעסטוועגן פֿאָרגעקומען זייער מאָדנע גאָר עפּעס אַנדערש:

— אפֿילו א י צ ט, נ אָ ך דעם, איז איר אויך ניט איינ־געפֿאַלן צו פֿאַרבלייבן דאָ, שוין אינגאַנצן מיט אים... ווען דער פֿאָרשטייענדיקער נסיעה קיין אַמעריקע — ווידער קיין איינציקן וואָרט ניט געלאָזט פֿאַלן! אַן אויסטערלישער, ווייניק־באַריידעוו־דיקער מענטש געוואָרן די דאָזיקע סטערע!

— נו, און ער אליין, בונעם? פאַרוואָס האָט ע ר וועגן דעם געשוויגן? איז מיט אים אַזוי געווען די מעשה: ביינאַכט איז דאָך עפּעס אַנדערש געווען צו טאָן. מען האָט גערעדט, געשמועסט וועגן די פאַרשיידנסטע זאַכן, די צייט איז גיך אַריבער... און איידער וואָס-ווען, איז מען איינגעשלאָפן, ווי געהרגעטע.

יאָ, בונעמען דערמאָנט זיך אפילו עפּעס איינע אַ קאָמישע פראַגע וואָס סטערע האָט אים געשטעלט, טאָקע בעת זי איז געבליבן נעכטיקן, ווען זי האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן אויסצוטאָן. פּלוצלונג שטעלט זי זיך אָפּ אינמיטן אויסטאָן און קערט זיך אום האַסטיק צו בונעמען. עס קוקט אויס ווי זי וואָלט פּלוצלונג חרטה געקראָגן, זי פאַרקנעפּלט צוריק אַ פּאָר שוין אויפגעקנעפּלטע קנעפּלעך פון איר קאָפטל. זי גיט אים האַסטיק אַ פרעג:

— „צי איז ער, בונעם, געווען אַ סאָלדאַט ביי די אַמעריקאַנער אין דער אַרמיי?"

כאַ-כאַ, אַן איינפאַל אַביסל פון אַ אידענע... ווי קומט ער צו זיין אַ סאָלדאַט ביי די אַמעריקאַנצעס — אין זיינע יאָרן! און בכלל — וואָס איז פאַר אַ שאלה אין מיטצע דערינען?

הכלל, ס'איז שוין דערנאָך געוואָרן רעכט... נו, און אויף מאָרגן האָט זי זיך דאָך געאיילט אין „קאָלעקטיף" אַריין, און ס'האָט זיך ווידער ניט געלאָזט ריידן מיט איר וועגן דעם, וועגן וואָס מ'האָט געמוזט ענדלעך אָפּריידן, — וועגן די הכנות אין וועג אַריין, קיין אַמעריקע. מילא, ס'איז נאָך דאָ צייט. בונעם איז מיט צוויי-דריי ענערגישע שלונג פּאַרטיק געוואָרן מיט זיין דערסערט. נו, ס'איז ניטאָ וואָס צו זאָרגן זיך... אַלץ וועט שוין זיין אַלרייט. ער קען דאָך עס, אַלנפאַלס, אָפּלייגן ביז ער וועט שוין זיך האָבן געזעגן מיט די קינדער. ער האָט אויף זיך אַרויפגעוואָרפן אַ לייכטן זומער-מאַנטל, און זיך געלאָזט גיין צו בערקוזשען אויפן וויזיט.

ב.

בונעם פאַרקערעוועט דורכן מאַרק אויף דער לענין-גאַס. לענין-גאַס? ער דערקענט זייער גוט די גאַס, דאָס איז דאָך די פּאַסקראַוואָסקי-גאַס, די אַריסטאָקראַטישסטע און נגידישסטע גאַס פון אַמאָ־

ליקע צייטן; די גאַס פון פּריוויט־צונאַכטיקע שפּאַצירגענג פון יונג־וואַרג, פון שבת־פאַרנאַכטיקן „דורכגיין־זיך" פון עלטערע באַלע־באַטים. שיינע מויערן, דאָס רוב צווישטאָקיקע, מיט פּאַליסאַדן אַרום זיי, מיט שיינע געפאַרבטע פּלויטן.

אָט איז אפילו דער קלוב פון די דוואָריאַנעס, מיט דער גרויסער וועראַנדע וואָס צירקלט אַרום דאָס הויז, מיט דער מוזיק־עסטראַדע אין הויף, וואו מוזיקע פלעגט שפּילן אַמאָל אין טאַבעלן־טאָג, צי בעת „לימינאַציע"1)... וואָס איז — בונעם דערקענט דען ניט די גאַס, די הייזער? גאָרניט האָט זיך דאָ געענדערט. מער ניט — די גאַס האָט איצט געטראָגן אַ נייעם נאָמען פאַר בונעמען — אביסל אַן אָפּשרעקנדיקן נאָמען: לענין־גאַס, די גאַס פון לענינען...

יאָ, און אפשר זיינען אויך די איצטיקע פּאָליציילייט אביסל איידעלער געוואָרן, — זיי פאַרמאָגן שוין ניט אַזעלכע שיכורע צורות ווי די אַמאָליקע גאָראָדאָוואָיעס... די איצטיקע האָבן טאַקע איי־דעלערע געזיכטער, רויטע טאַשמעס אַרומגעזוימט אַרום די היטלען, הייסן שוין מיליציאָנערן. בונעם געדענקט נאָך פון גאָר אַמאָל, פון די צייטן פון דער אַ מ אָ ל י ק ע ר רעוואָלוציע, פלעגן די ציצליסטן מיט אַזאַ נאָמען אָנרופן זייערע „דרוזשינעס" — זייערע אָרדענונגס־לייט — בעת זיי פלעגן מאַכן זייערע מאַניפעסטאַציעס און דעמאָנסטראַציעס: פּשוטע חברה־לייט זיינען עס געווען, סטאָ־ליאַרעס און שוסטער־יונגען, ווי בונעם אַליין. און איצט רופן זיך אַזוי אָן די גאָראָדאָוויעס.

פון דעם ווערט בונעמען באַלד טאַקע גוט אַזוי, אביסל היימ־לעכער... קיין גוואַלטיקע מורא רופן אָט די מיליציאָנערן ביי בור־נעמען ניט אַרויס. עפּעס זיינען זיי אַזעלכע שעמעוודיקע, האַלב־שוויינגנדיקע.

מיט אַ געשריבענעם אַדרעס אין האַנט דרייט זיך דאָ בונעם אַרום אַ שטיקל צייט, זוכט דאָס הויז. בערקוזשע האָט אים אפילו געפּרואווט אָפּמאָלן ווי אַזוי ער זאָל דאָס הויז טרעפן. אָבער בור־נעם, מעשה צעבאַלעוועטער אַמעריקאַנער, האָט ניט אַנדערש געוואָלט אַ געשריבענעם אַדרעס — אַ נומער, אַ גאַס... וואָס דען, אַזוי פירט זיך טאַקע ביי לייטן! איצט קען ער אָבער בשום אופן ניט געפינען דעם נומער. אויף די טויערן זעט מען גאָר קיין נומערן ניט... וואָס־זשע טוט מען?

קיין נייע נומערן זיינען, דוכט זיך, פאַר אַט דער גאַנצער צייט דאָ ניט צוגעקומען. נו, ווען מען איז עס טאַקע געלעגן אין קאָפּ צו סטראַיען זיך אין אַזעלכע מהומה־יאָרן, אין אַזאַ גוג־ומגוג צייט... די גאַסן זיינען שוואַך באַלויכטן, די הייזער זיינען האַלב־פינצטער, אין די קאָרידאָרן ברענען ניט קיין לאָמפּן, פון די מויער־ווענט שיילט זיך אַרונטער די פאַרב. אין איין און דעם זעלביקן הויז זעט מען אויסגעהאַקטע פענצטער, שוואַרצע אויסגערונענע לעבער־אויגן — און זייט ביי זייט לויכטן זיך שויבן, וואוינען שוין מענטשן. אַן אָפּגעריסענער אויבערשטער טייל פון אַ רינע קלאַפּט זיך אַן אַ ציגל־וואַנט, ווי אַ זיך־באַמבלענדיקער קאָפּ פון אַ געהאַנגענעם.

פונדעסטוועגן איז די גאַס נאָך איצט אויך אַן אַריסטאָקראַ־טישע גאַס, די הויפּט־גאַס פון שטאָט. דער „דוואָריאַנסקי קלוב" שטייט נאָך אַלץ אויפן זעלביקן אָרט. בונעמען קוקט עס אויס זייער מאָדנע. אַזעלכע גרויסע ענדערונגען זיינען פאַר דער צייט פאָרגעקומען אין זיין, בונעמס, איינענעם לעבן — און גאָרניט; דער דאָזיקער בנין שטייט נאָך אַלץ אויפן זעלביקן אָרט אַ גאַנצער, ווי גאָרניט וואָלט פּאַסירט... דאָס האָט אויסגעקוקט זייער אויס־טערליש, זייער אומווירקלעך.

איבערן אַריינגאַנגס־טויער — אַ בויגן עלעקטרישע לעמפּלעך באַלייכטן איצט העל אַ שטיק גאַס, פונקט טאַקע ווי אין בונעמס צייטן, בעת אין קלוב פלעגט פאָרקומען אַ באַל פון דער אָרטיקער נאַטשאַלסטווע. בונעם לאָזט זיך גיין אַהינצו; אַמאָל פלעגט דאָרט פאַרן טויער תמיד שטיין אַ גאָראָדאָוואָי. וועט ער ביי אים פרעגן אויף בערקוזשעס אַדרעס. און ווירקלעך: אינעם אינזעלע ליכט, וואָס עס וואַרפט אויף דער גאַס די היפּשע שילד עלעקטרישע לעמפּלעך, שטייט טאַקע אַ מיליציאָנער. ערשט איצט לייענט בונעם איבער די גרויסע אותיות פון דער עלעקטרישער שילד: „אַרבע־טער־קלוב".

— אַזוי?... איז דאָך עפּעס אַן ענדערונג יאָ פאָרגעקו־מען... זעסט אָקאָרשט, וואוהין קבצנים דערלאַנגען עס איצט...

דער מיליציאָנער, מיט דער האַנט אין אַ ווייסער הענטשקע, ווייזט בונעמען איידל אָן אויף אַ צווייסטאָקיק מויערל וואָס געפינט זיך הינטערן קלוב, פאַררוקט אין אַ זאַקאַאולעק. בונעם לאָזט זיך גיין אַהין. דאָס דאָזיקע הויז דערקענט שוין בונעם גאָרניט. ניין,

פון אמאָל געדענקט ער עס אבסאָלוט ניט. הייסט עס, ס׳איז פונ־דעסטוועגן יאָ צוגעקומען פאר דער צייט, וואָס ער איז דאָ ניט גע־ווען, א שיין צווישטאָקיק מויערל. דער אריינגאנג איז דורך דער פאראד־טיר; די שאלאָוואניעס — זיילן פון שווארצן מירמלשטיין, פול מיט גאָלדענע אָדערלעך וואָס שלאָגן זיך דורך אינם טונקל פונם אָוונט, ווי זון־שטראלן, פון בייטאָג פארגעסענע.

און בונעם ווייסט אליין ניט פארוואָס — אפשר טאָקע מחמת אָט דער פאראד־טיר פון מירמלשטיין — נאָר מיטאמאָל גיט עס אים א טיאָכקע אין הארץ:

— זע, דאָס מוז אודאי זיין קארפלס מויערל...

ג.

יענע נאכט פארזיצט זיך בונעם ביי בערקווזשען אין שטוב העט־העט שפעט.

יאָ, ער האָט געטראָפן. מען האָט פאר אים צוגעגרייט כיבוד, א גרויסן כיבוד. דער טיש איז געווען אָנגעשטעלט מיט כל־טוב, טעלער מיט פארטריקנטע מאַנדעלעך און הארטע צוקער־לעקעכלעך, א בייכיקער פלאַש עפל־קוואס, אייניקע פלעשער מיט ברויט־קוואס... בערקווזשע איז דאָך איצט א קוסטאר אויף קוואס־מאכן, ער האָט דעריבער מכבד געווען דעם גרויסן גאסט מיט די פראָדוקטן פון זיין אייגענער פראצע.

אין שטוב איז דושנע, הייס. אפשר מחמת דעם סאמאָוואר אויפן טיש — טיי נאָך, אין אַזאַ היץ! און אפשר — מחמת דער ענגקייט אין שטוב. דער חדר איז א גערוימער, אָבער מען קען, דוכט זיך, דאָ זיך גאָרניט קיין קער טאָן. מען שטייט און מען זיצט דאָ קאָפּ אויף קאָפּ.

ווען בונעם איז אריינגעקומען האָבן זיך אלע אויפגעשטעלט, ווי ווען ס׳וואָלט אריינגעקומען א גוטער איד.

ווער זיינען דאָס די אלע מענטשן אין שטוב? דערוויל דער־קענט בונעם בלויז האָרוואטשיקן און די בערקווזשיכע. זיי זיצן אויבן־אָן. האָרוואטשיק איז נאָך אלץ בלינד מיט אָפענע אויגן, און די בערקווזשיכע איז שוין איצט אינגאנצן געליימט. אירע פיס

זיינען געוואָרן אמתע צוויי מאָנומענט־שטיקער — שיידלען אָנגע־גאָסענע מיט גיפּס, צי צעמענט. קוים וואָס זי רירט מיט זיי.

דערפאַר אָבער רירט זי נאָך אַלץ זייער שטאַרק מיט דער היפּשער גוליע אירער אויפן שטערן, וואָס קוקט אוים ווי אַ האָרן פון אַן אויסטערלישער חיה. און זי פאַרמאָגט נאָך אַלץ איר אמאָ־ליקן מויל אויף שרויפן. זי זיצט מיט איר ברייט־צעפּאָרענער פיגור, וואָס פאַרנעמט ביים טיש גאַנצע צוויי־דריי ערטער, און קוקט אויף בונעמען מיט גליקלעכע אויגן.

— אָט דאָס הייסט אַמעריקע... — רייבט זי נאָכאַנאַנד די געשוואָלענע הענט אָן דער ספּאָדניצע, ווי זי וואָלט זיך געקליבן מאַכן אַ ברכה איבערן גרויסן גאַסט. — האַ, וואָס האָב איך שוין פון לאַנג געזאָגט? ס׳איז אַ גאָלד־גרוב, ניט קיין מדינה... נו־האַ, זעסט באָטש, האָרוואַטשיק? טו נאָר אַ קוק...

האָרוואַטשיק שווייגט. האָרוואַטשיק ענטפערט ניט. אויב מען זאָל ניט רעכענען פאַר אַן ענטפער דעם בערישן ברום וואָס ער לאָזט פון זיך אַרויס, ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי דער בערקאָ־זשיכע זי זאָל אים לאָזן צורו. איז ער אפשר ניט איינשטימיק מיט איר, האַ? די בערקוזשיכע וויל שוין אויפעפענען אויף אים איר גרוים מויל; נאָר זי פאַרשעמט זיך אביסל פאַרן גאַסט.

די איבעריקע מענטשן קען בונעם ניט. זיי זיצן ביי די ווענט, ביים טיש, אָדער אין די ווייטסטע ווינקלען פון שטוב — שוויינג־דיקע, ווי אָרימע געסט אויף אַ שמחה. אַ ווײַלע דוכט זיך אפילו אוים ווי זיי וואָלטן געקומען אַהער אויף עפּעס אַ געהיימען פאַר־הער... ס׳איז געדיכט, ניט אויסצוהאַלטן.

— נו, האָרוואַטשיק, זיך ענדלעך דערלעבט נחת... — וויצלט זיך בונעם מיטן אַלטן. — בערקוזשע האָט מיר שוין דער־ציילט... דו ביסט איצט ביי דער מלוכה אויף פּענסיע? להבדיל, אַ גענעראַל אַ גאַנצער...

בונעם זיצט אויפן חשובסטן אָרט, פילט זיך אָן־אַ־שיר וויכ־טיק, שוויצט אינגאַנצן פון דער גרויסער היץ אין שטוב.

פאַרוואָס עפנט מען ניט קיין פענצטער אין דער זומער־נאַכט אַרוים? צי בערקוזשע וויל עס אויסבאַהאַלטן פאַר זיך אינגאַנצן דעם טייערן אַמעריקאַנער אוצר, צי ער גרייט זיך עס טאָקע צו דערציילן בונעמען אַזעלכע געהיימיסספולע זאַכן? און יענע מענטשן

ביי די ווענט, אויסגעפּוצטע אין שבתדיקע מלבושים, — אָפּגעריבענע, אָבער, קענטיק, ציכטיק־אויסגעבערשטלטע ביזן לעצטן שפּרינקעלע און שטויבעלע, — װ ו ע ר זײנען זײ עס: עדות, הא? צי אָנקלעגער גאָר?

בונעם זיצט אויבן־אָן, פאַרוואָרפן א פוס איבער א פוס, באַטראַכט אַלעמען מיט גרויס משיקאַוועסט. ניט געקוקט אויף דער גרויסער שטיקעניש, רויכערט ער פונדעסטוועגן א מוראַדיק־דיקן ציגאַר, דער רויך גייט אויף פון אים נאָכאַנאַנד, ווי פון א זיך־רויכערנדיקן װואולקאַן.

— נו, נו, זיך דערלעבט צייטן... — רייצט זיך בונעם ווייטער, צי דאָס ווילט ער זיך זיך גאָר גוטמוטיק. — האָרוואַטשיק — א פּענסיאָנער!

אז ווער ווייסט אים דאָרטן, בונעמען... זיין קײלעכדיק און אָפּגעקאָרמעט פנים דריקט אוים אַזויפיל גוטמוטיקייט, פונדעסטוועגן איז רעכט צו גלויבן: עס פאַרדריסט אים אַביסל אויף האָרוואַטשיקן, הלמאי יענער איז נאָך אַלץ בלינד אויף ביידע אומבאַוועגלעך־אָפּענע אויגן... ס׳קומט אוים: אָט דער האָרוואַטשיק מיט זיינע בעלמע־פאַרצויגענע אויגן, איז דער איינציקער דאָ אין שטוב וועלכער ווערט ניט נתפעל פון בונעמס אַרויפשטייג; דער איינציקער, וועלכער הויבט ניט אָן צו זען אפילו די גרויסע גדולה, צו וועלכער בונעם האָט דערגרייכט!

און צוריקגערעדט: האָט מען עס טאַקע געקענט זיין אַזוי זיכער אז האָרוואַטשיק זעט דורכאויס גאָרניט, אַבסאָלוט גאָרניט? די אויגן זיינען זיינע דאָך בלויז אויף דער העלפט געווען איבערגעצויגן מיט בעלמעס. אז ער הויבט אָן אַמאָל „קוקן״ אויף אימיצן נאָכאַנאַנד מיט אז אומבאַוועגלעכן קוק, קען יענעם ווערן שטאַרק אומהיימלעך, — שוין גאָר, גאָר שטאַרק אומהיימלעך... ס׳איז שווין צו גלויבן דעמאָלט אז דער בלינדער האָרוואַטשיק זעט דווקא יאָ דעם מענטשן וועלכן ער װ ו י ל זען, — זעט אים אפשר פון אינעווייניק דורך און דורך... אז ווער ווייסט אים דאָרטן!

בונעמס פאַרדרוס וואַקסט דעריבער, וואַקסט... וואו איז עס אהינגעקומען יענעמס אַמאָליקע נייגיריקייט צו הערן דערציילן וועגן די ווייטע לענדער און זייערע וואונדער, וועגן די אוצרות וואָס

וואַלגערן זיך דאָרט אין די גאַסן? ער פרעגט בונעמען קיין איינציק וואָרט ניט אפילו. ער שפּיצט בלויז פּאַרזיכטיק אָן זיינע אויערן און שווייגט. דעם בלינדן מענטשן דוכט זיך אפשר צו פאַרנעמען אין בונעמס קול אַביסל אַ... חוזק־קלאַנג. און מיט אַ קלאָרער רואיקער שטים, ווי אַלעמאָל, רופט ער זיך ענדלעך אָפּ:

— ס'איז קיין חידוש ניט הלמאי דו וואונדערסט זיך עס אזוי, בונעם... אין אַ בורזשואזנער מדינה באַגייט מען זיך ניט מסתמא אזוי מיט אויסגעדינטע האַרעפּאַשניקעס... ביי אונז אָבער...

— איר הויבט זיך בעסער ניט אָן מיט אים, פּאַניע ראַ־כאָווסקי... — האָט זיך אָפּגערופן די בערקווזשיכע; פון גרויס התפּעלות האָט זי אַזש אָנגעהויבן בונעמען צו אירצן. — איין קלייניקייט... האַרוואַטשיק איז ביי אונז געוואָרן אַ גאַנצער רע־וואָלוציאָנער... פון די פאַרברענטסטע...

— וואָס דען מיינט איר... — ענטפערט דער בלינדער, און זיין גלייכע און הויכע פיגור דריקט אויס אָן־אַ־שיר שטאָלץ און שווייגנדיקע ווירדע. — קיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנער בין איך אודאי ניט.

בערקווזשע ווערט אויפמערקזאַם אויפן וויכוח, איילט צו, פּראַוווט באַרואיקן האַרוואַטשיקן. ווי אַ באַלעבאָס, פילט ער אויף זיך די אחריות קעגן בונעמען פאַר יעדן איינעם דאָ, בפרט נאָך פאַר האַר־וואַטשיקן, וועלכער איז בסך־הכל אַליין דער באַלעבאָס פון דער גאַנצער דירה... פון לעבן דער טיר, פון אויף יענער זייט לאַנגן טיש, וואו ער איז געשטאַנען און געפירט אַ שטילן שמועס מיט עפּעס אַ מענטשן אין אַ רייכן פוטערל מיט נאָך גאָר אַ פרישן קאַראַקולענעם קאָלנער — איילט ער שנעל צו; ווי אַ האָז, גיט ער אַ שפּיץ־אָן די אויערן, אַ שנאָפּ אהער, אהין.

— האַ? וואָס?

בערקווזשע איז נאָך אַלץ דער זעלביקער דאַר־אויסגעצווי־גענער פאַרשוין וואָס אַמאָל; ער מאַכט זייער אַ יונגן איינדרוק, דערהויפּט לעבן דער ווייב זיינער. מער ניט: די האָר זיינע זיינען שוין שטאַרק גרוי. די בערקווזשיכע האָט שוין פּשוט מער קיין פיס ניט אויף וועלכע צו שטיין אויפן מאַרק מיט אירע עפּל־קאָשיקעס.

דער פּרנסה־עול ליגט איצט אינגאַנצן אויפֿן מאַן, דעם קוואַס־מאַ־כער, דעם קוסטאַר. צייטן בייטן זיך.

פֿלינק גיט ער אַ שנאַפּ מיט דער נאָז אַהין, אַהער, אַ באַוועג מיט די אויערן, ווי אַ ציטערדיקער האָז. ער באַרואיקט דעם בלינדן, רוקט אים אונטער אַ פֿריש גלעזל קוואַס וואָס שוימט נאָך... ער באַטראַכט מיט אַן אונטערטעניקן שמייכעלע בונעמען — פֿילט זיך יענער ניט חס־ושלום געטראָפֿן? אָבער ניין. מיט אַ דונער פֿון אַ גוטמוטיקן געלעכטער מאַכט בונעם אינגאַנצן צונישט האַרוואַ־טשיקס שטאָך.

— האַ־האַ... אַ פֿיינער רעוואָלוציאָנער, זעסטו טאַקע... און אַליין וואוינט ער דיר אין אַ רייכן מויער, סאַמע אויף פּאָק־ראָווסקי־גאַס... שוין איינמאָל אָלרייט! אָבער שאַ, — ווענדט ער זיך צו בערקוזשען, וועלכער בלייבט אַ ווײַלע שטיין, איבערגע־בויגן איבער אים, ווי אַ וויכטיקער בעל־יועץ. — אויב איך מאַך נאָר ניט קיין מיסטעיק...2) איז דאָס ניט אָפּטמאָל קאַרפּלס מויער? געדענקסט, קאַרפּעלע מיט די גרויסע בריליאַנטן... פֿון אַפֿריקע... ווען איך בין אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע, דערמאָן איך מיך, האָט ער דעמאָלט אָנגעהויבן פֿאַרלייגן אַ פֿונדאַמענט פֿאַר אַ מויערל טאַקע דאָ ערגעץ... אויב איך מאַך נאָר ניט קיין מיסטעיק... גע־דענקסט?

— איך געדענק, הלמאי זאָל איך ניט געדענקען... — ענט־פֿערט בערקוזשע. — ווען ער איז דעמאָלט געקומען צופֿאָרן פֿון אַפֿריקע, צי דער שוואַרץ־יאָר ווייסט אים פֿון וואו, האָט ער דאָ אין שטאָט טאַקע געגנוג אָנגעקנאַקט, אויפֿגעריסן אַלעמענס מוי־לער... יאָ, דאָס איז טאַקע געווען אַמאָל זיין מויערל...

— וואָס־זשע, מען האָט אים פֿון דאַנען אַרויסגעטריבן? טאַקע אינגאַנצן אַרויסגעטריבן? — מאַכט בונעם אַ געהיימניספֿולע מינע, און ער דערפֿילט אַ רחמנות צום מענטשן, וועלכן ער האָט אַמאָל אַזוי ניט פֿאַרגונען.

— ניין, אַרויסגעטריבן ניט... מען האָט אים בלויז אויפֿ־לאָטנאַיעט...3) אָבער ער וואוינט דאָ אויך. טאַקע אינם זעל־ביקן הויז, נאָר אין קעלער... אַמאָל האָט ער איינער אַליין פֿאַר־נומען דאָס גאַנצע מויערל. יאָ.

— אזוי... אזוי... — האָט זיך בונעם פאַרטראַכט. אפשר טאַקע פון דעם וואָס ער האָט מיט יאָרן צוריק אומזיסט מקנא געווען קאַרפּלען און זיין „סטראַיען־זיך". — אזוי, אזוי... געווען טאַקע אַ פּאַסקודנע חזירל, פונדעסטוועגן איז אויף אים אַ רחמנות, באמנות אַ רחמנות... גלאַט נעמען אַ מענטשן... נו, איז ווי־זשע לעבט ער איצט? כ'וואָלט פונדעסטוועגן אַ בעלן געווען אים צו זען... פאַרוואָס האָסטו אים אויך ניט פאַרבעטן אויפן אָוונט? אַן עוולה, כ'לעבן... אַ מענטש וואוינט דאָך אין זעלביקן הויז...

ווען בונעם וואָלט זיך אין אַט דער מינוט אויף אַן אמתן פאַרטראַכט וועגן איינער פון די סיבות, וועלכע האָבן אים באַוואויגן מיט יאָרן צוריק צו פאָרן קיין אַמעריקע, וואָלט ער אפשר נעדאַרפט גאָר איצט דערפילן צו קאַרפּלען אַ געפיל ניט פון רחמנות, נאָר פון דאַנקבאַרקייט... ניין? וואָס וואָלט דען פון בונעמען געוואָרן דאָ, מישטיינס געזאָגט, ווען ער וואָלט ניט אוועק מיט אַ צען־צוועלף יאָר צוריק קיין אַמעריקע, האַ?

— נו־נו, — פאַרענטפערט זיך בערקאָוזשע. — דו וועסט אים נאָך זען... אַ חידוש וואָס דו האָסט אים ביז איצט נאָך ניט געזען. ער דרייט זיך אַרום, דוכט זיך, אַ גאַנצן טאָג איבער דער שטאָט, קאַרפּל... ער איז איצט, פאַרשטייסטו מיך, אביסל... אביסל ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

און בערקאָוזשע האָט מיט אַ וויכטיקער מינע מיט אַ פינגער אָנגעוויזן זיך אַליין אויפן שטערן.

— משוגע? — האָט בונעם זיך אַ צאַפּל געטאָן. זע נאָר, ווי ער האָט זיך איבערגעשראָקן, — ווי פאָרן גורל פון אַן אייגענעם ברודער... נו, אַ שטיקל קרוב איז ער דאָך טאַקע זיינער, קאַרפּל; בלוט איז ניט קיין וואַסער.

— י־י־יאָ... — האָט בערקאָוזשע זיך געקנייטשט. — ס'הייסט... אויף אַ געווויסן אופן... וועסט שוין זען פאַר זיך...

— אזוי, אזוי... — האָט געענטפערט דערויף בונעם מיט גרוים געהיימניספולקייט. און ער איז נאָך געווען גרייט צו הערן און האָרכן, צו דערוואַרטן און צו פאַרנעמען אסך, אסך אַזעלכע וויכטיקע נייעס און גרויסע איבערראַשונגען.

ד.

ער האָט זיך ווידער געגומען ארומקוקן איבערן צימער.

ווער־זשע זיינען זיי פאַרט, אָט די אַלע מענטשן? בונעם קען זיי ניט. אפשר האָט ער זיי אמאָל יאָ געקענט. איצט אָבער זיינען אָט די פנימער אים פרעמד.

ער קוקט זיך שטאַרק איין. דאָס צימער איז אַ היפּשס, אַ גערוימס, ווי אַ נגידישע סאַליע. דער הויכער אויוון — פון קאָליר־טע גלאַנציקע קאַפּליעס — ציט זיך סאַמע ביז דער סטעליע. דער פּאָל — אויסגעלייגט מיט אַ פאַרפּלאָנטערטן געפלעכט פון געוועק־סטע ברעטלעך, אַ פּאַרקעט. הויכע ברייטע פענצטער; אָבער אָן אַ סימן פון גאַרדינעס, אָדער אפילו פשוטע פאָרהענגלעך אויף זיי. זיכער איז דאָס צימער לכתחילה באַשטימט געוואָרן פאַר אַ נגידישן סאַלאָן. איצט אָבער שטייען דאָ טעלעכע בעטן ביי די ווענט, קאַסטנס, אַלטע שטיקלעך מעבל. אויף אַ טאַפּטשאַן שטייט אַ פּרימוס. דאָרט קאָכט זיך עפּעס, דאָס פייער שיפּעט מוראדיק.

אַ גרויס צימער... דער לאָמפּ, וואָס ברענט אויפן טיש, שיקט ניט געגוג ליכט אין די ווינקלען, צו די ווענט. די מענטשן, וועלכע זיצן אויף די ווייטערע ערטער, ביים צווייטן עק לאַנגן טיש — בונעם קען ניט דייטלעך פאַנאַנדערשיידן זייערע פנימער: האַלב־אָפּגעמעקטע געשטאַלטן, צעשווימענדיקע פאַרשוינען.

און אַז בונעם קוקט זיך אַזוי איין נאָכאַנאַנד אין יענעם ווינקל, הויבט זיך דאָרט, פּאַמעליכקע און ניט־זיכער, אויף אַ געשטאַלט און שמייכלט צו אים אַנטקעגן. אַ קאַרליקל, אַ פּיצינקע אידעלע, אַ שמאָל שפּיצעדיק פנים, טונקל־גרוי ווי אַש. דאָס שפּיציקע פנים שמייכלט אים אַנטקעגן מיט אַ קרומען שמייכעלע, די שמאָלע אויגן פאַרציען זיך ווי ביי אַ קאַץ. דאָס מענטשל שטרעקט אויס צו בונעמען אַ האַנט אויף שלום־עליכם. ער איז מוראדיק קורץ. דער־לאַנגענדיק שלום־עליכם, ציט ער זיך דעריבער כמעט אינגאַנצן אויס אויפן טיש.

— זע נאָר... דער רבי? אַ, שלום־עליכם, ר' ברוך...

דאָס טונקל־גרויע פנים לייכט דעמאָלט אביסל אויף.

— האָסט מיך, הייסט עס, טאַקע דערקענט ?... זעסט, כ׳האָב זיי געזאָגט, דו וועסט מיך דערקענען... כע־כע... וואָס דען ? פאַרט מיינער אַ תלמיד געווען...

ער הויבט אָן שמייכלען שעמעוודיק, דערשלאָגן, הכנעהדיק. ווי קליין ער איז, מאַכט אים זיין יאָמערדיקער אויסזען נאָך קלענער, אַ העלפט פון זיין אַמאָליקער גרויס, און אמתער קאַרליקל! אַי, וואו איז עס אהינגעקומען זיין אַמאָליקע גזלנישע בייזקייט, זיין מלמדישע רוגזה, וואָס אפילו דער דערוואַקסענער זעקס־פוסיקער בונעם איז דערפון ניט געשאַנעוועט געוואָרן ? אַ נידערגעשלאָגן מענטשל, זיין גאָל בערדל איז שוין ניט מער האַרט ווי דראָט; זי איז קוויטיק־גרוי, אַ שטיק צוגעקלעפּטע קליאַטשע. אַ תחנונימדיקע שטים וואַרפט אַרויס זיך ווערגנדיקע ווערטער :

— כ׳האָב טאַקע די גאַנצע צייט געזוכט זיך צו טרעפן מיט דיר, בונעם, האָבן מיט דיר אַ שטיקל שמועס... נאָר דו ביסט דאָך אַ פאַרנומענער מענטש... הע, הע, מיין ניט חלילה עפּעס... נאָר גלאַט אַזוי... וועגן אַמעריקע און בכלל...

אַך, ווי צייטן בייטן זיך עס! אַמאָל פלעגט ער בונעמען מיט אַזויפיל מלמדישער הנאה קניפּן, ווען אפילו ניט מיט די לאַנגע שפּיציקע נעגל, איז מיטן שאַרפן שלאַנגישן צינגל. „וואָס טייטש „ויאסף״ ? פויער דו, חמורשער קאָפּ איינער!...״ אַמאָל פלעגט ער זיך אַזוי וואַרפן און שליידערן ביים פאַרשפּעטיקטן איינקנעלן מיט דעם דערוואַקסענעם בונעמען די פּרשה חומש מיט טייטש, און בונעם פלעגט אים דאָך אָנשטענדיק באַצאָלן דערפאַר! און היינט...

בונעם אָבער איז דעמאָקראַטיש, ער פאַררייסט ניט קעגן אים די נאָז. ער זאָגט צו אַז ער וועט זיך זען טאַקע טרעפן מיט אים, כאַפּן אַ שמועס וועגן אַמעריקע... באַזונדער ? יאָ, טאַקע איינ־גאַנצן אַ באַזונדערן שמועס אונטער פיר אויגן. כאָטש וואָס פאַר אַ סודות האָט ער עס דען מיט אים צו ריידן ? נאָר בונעם פאַרשטייט זייער גוט וועגן וואָס יענער וויל מיט אים שמוסן, וויבאַלד אַז ער וויל ריידן מיט אים דוקא אונטער פיר אויגן...

— יאָ, אַלע דאָ האָבן געוווּס געהאַט עפּעס אַ מיין, קומענדיק אַהער... — טראַכט בונעם ביי זיך.

צי האָט ער עס דען זיך געקענט פאַרשטעלן : דאָס זיינען זיי געקומען אַהער בלויז מיטן איין־איינציקן פאַרלאַנג אָנצוקוקן

דעם גליקלעכן אמעריקאנער, שמעקן די זעלביקע לופט מיט אים כאַטש אַ שטיקל צייט? צי האָט ער עס דען געקענט באַנעמען: אַט די צעטרייסלטע און צעטומלטע געשטאַלטן האָבן געוואָלט כאַטש אַ ווײַלע זיך וואַרימען אַנם גרויסן ליכט וואָס שטראַלט אַרויס פון דעם גליקלעכן פאַרשוין, מיטן אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט אין קעשענע? ניין, אודאי ניין. יעדער פון זיי האָט ניט אַנדערש געוואָלט ביי אים געלט, שטיצע... געלט, געלט...

יאָ, ס'איז אודאי אויף זיי אַלעמען אַ ביטערער רחמנות. אָבער וואָס קען ער, איין מענטש, טאָן פאַר זיי דאָ? פון די רעליף־געלטער און היאַס־טראַנספּאָרטן איז שוין איצט קיין לעק ניט געבליבן. און פון דער אייגענער קעשענע — קען ער זיך דען פאַר אַלעמען אָננעמען? חוץ דעם: ער האָט דאָך עפּעס אַ חוב צום אַלעם ערשטן קעגן אייגענעם ווייב, קעגן די אייגענע קינדער...

אָ, בונעם זאָגט זיך חלילה ניט אָפּ צו העלפן זיי; אַז ער וועט אם־ירצה־השם בשלום צוריקקומען קיין אַמעריקע וועט ער זיכער וועגן דעם ניט שווייגן, נישקשה, ער וועט אויפהויבן אַ טומל... יאָ, ער וועט אַלץ דערציילן; ער וועט אָפּגעבן אַ גענויען באַריכט פון אַלצדינג וואָס „ער האָט געזען מיט די אייגענע אויגן".

ה.

בערקאָזשע, דער גבאי, שטייט שוין ווידער אין טונקעלן הינטערגרונט פון צימער. ווידער שושקעט ער זיך דאָרטן מיט אימיצן.

באַלד קומט ער צו צום אויבן־אָן טיש, צו בונעמס אָרט. ער איז ניט אַליין. ער פירט אונטערן אָרעם, מעשה־אונטערפירער, עפּעס אַ מענטשן אין די עלטערע יאָרן.

שוין אויפן ערשטן קוק איז קענטיק: אַט דער מענטש צייכנט זיך אויס, פון דעם גאַנצן עולם אַרום, מיט אָן־אַ־שיר ליטווישקייט... אַמגרינגסטן איז אַט די ליטווישקייט צו באַמערקן אין דער זייער לאַנגער און זייער געדיכטער באָרד זיינער, וואָס איז ציכטיק־פאַרקעמט, און האָט ניט קיין איינציק שטויבעלע אויף זיך. ער איז אָנגעטאָן אין אַן אַלטן אָבער ציכטיקן רעדינגאָט, מיט קיילעכדיקע פּאָלעס, וואָס דערגרייכט אים בלויז אַ קליין ביסל אַריבער די קני.

— דאָס איז פּאַניע ראַביקאָוויטש... — האָט בערקוזשע אַרויסגעזאָגט מיט אַ פֿייערלעכן טאָן ווען ער האָט באַמערקט אַז בונעם איז געבליבן זיצן גלייכגילטיק אויף זיין אָרט און האָט באַטראַכט דעם אונטערגעקומענעם פּאַרשוין מיט קאַלטער פֿרעמדקייט.

— בירגער ראַביקאָוויטש, דאַרף מען אייגנטלעך א י צ ט זאָגן... — האָט ער צוגעגעבן מיט זיין שמייכעלע פֿון טאָפּלטן באַדייט. — געדענקסטו גאָרניט פּאַניע ראַביקאָוויטשן? פֿונם איינ־פֿאָר־הויז...

אָ, דאָ האָט שוין אַפֿילו בונעם אַליין ניט געקענט מער אָנהאַלטן זיין אַמבאַסאַדאָרישע ווירדע... ער איז געוואָרן רויט ביז איבער די אויערן. צי ער געדענקט פּאַניע ראַביקאָוויטשן? געוויס געדענקט ער! אייגנטלעך, מיט אים אַליין ריידן איז בונעמען ניט אַזוי אָפֿט אויסגעקומען אַמאָליקע יאָרן. ווען דער שוסטער פֿלעגט דורכן „טשאַרני כאַד" אָפּברענגען די אַרבעט, פֿלעגט עס דאָך ביי אים גיכער צונעמען די מאַדאַם, אָדער גאָר די דינסט. אָבער פֿונדעסטוועגן...

איצט איז ראַביקאָוויטש געקומען צו א י ם מיט אַ וויזיט. אויב ניט אַפֿילו דירעקט צו בונעמען אין האָטעל, איז אַהער, צו זיינעם אַ פֿריינט, צו בערקוזשען: וואָס איז דער חילוק... דאָס איז אויך עפּעס! און בונעם האָט זיך אַביסל פֿאַרלוירן, האָט זיך אויפֿגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך.

— אָ, שלום־עליכם... וואָס מאַכט איר עפּעס, פּאַניע ראַביקאָוויטש!...

דער ליטוישער מענטש אינם שוואַרצן רעדינגאָט האָט געהאַלטן אין האַנט אַ קליין פּעקעלע אַרומגעוויקלט מיט פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. מאַכנדיק אַ פּאָר טריט נענטער צו בונעמען, האָט ער דאָס פּעקעלע פֿאַרזיכטיק פֿאַנאַנדערגעבונדן און אַרויסגענומען פֿון דאָרט צוויי לימענעס. די לימענעס זיינען געווען אַרומגעוויקלט מיט צודערקעכטסן פֿון קליאַטשע — מען וואָלט געקענט דענקען: טייערע אַרץ־ישׂראלדיקע אתרוגים.

— לימענעס... פֿרישינקע... — האָט ראַביקאָוויטש זיי אונטערגעטראָגן בונעמען מיט אַ וואַזשנער מינע. — ספּעציעל פֿאַר אייך געבראַכט צופֿירן... צום טיי־טרינקען... פֿאַרנוצט זיי געזונטערהייט.

בונעם האָט געקוקט מיט דערשטוינונג פון דעם מתנה־ברענגער אויף בערקאָוויטשען — און צוריק. מיט אַ גבאישן שמייכעלע האָט בערקאָוויטשע אָנגעהויבן קלאָר מאַכן:

— פאַרשטייסט, לימענעס ביי אונז זיינען זייער אַ זעלטענע זאַך... ביי אונז אין שטאָט קען מען זיי בכלל ניט קריגן... פאַר קיין געלט ניט! נו, האָבן זיי עס דיר געבראַכט אַ מתנה...

— יאָ... האָט ראַביקאָוויטש באַשטעטיקט, מיט געפּילפּולקייט אין זיין שטים. — לימענעס ביי אונז זיינען טאַקע מיט גאָלד גליַיך... פאַריקע וואָך בין איך געווען אין קיעוו, האָב איך קוים געקראָגן צו קויפן דריי שטיקלעך... בעז קאָמפּלימענטאָוו, איך האָב טאַקע אײַך געהאַט אין זינען. כ'האָב מיר געטראַכט: אודאי מאַטערט איר זיך דאָ די גאַנצע צייט מיט אייער טיי — טיי אָן לימענע איז דאָך פּשוט אַן אָפּקומעניש... איך בעט אײַך...

און בונעם, דער גרויסער אַמעריקאַנער, דער העלד בונעם, איז ענדלעך געקומען צו זיך. ער האָט אויסגעפּלאַצט אין אַ גרויס געלעכטער.

— כאַ־כאַ־כאַ... ניטאָ וועמ ס'זאָל לאַכן, ביליוו מי... אַן איינפאַל! אַ לימענע פאַר אַ פּרעזענט... אײַ, אַ פּעטן[4]! — ער האָט שטאָלץ אויסגעשטאַרטשעט זיין ברייטע געזונטע ברוסט. — ביי אונז אין אַמעריקע זיינען לימענעס פּונקט אַזוי וואָלוול ווי ביי אײַך פּאָטייטעס, אַשטייגער... פון וואָס מענטשן מאַכן עס אַזאַ וועזן, אַנעסט טו גאָד...[5]) ביי אונז קריגט מען צו קויפן לימענעס און אָראַנדזשעס אויף יעדן טריט!

— אײַ־אײַ־אײַ... — האָבן זיך פון די ווייטסטע ווינקלען פון טיש געלאָזט הערן קרעכצן פון באַגייסטערונג. — אײַ־אײַ־אײַ...

מילא, ראַביקאָוויטשן פונם איינפאַר־הויז, אפשר האָט אים טאַקע מער ניט געפעלט איצט ווי דאָס. פון זיין גאַנצן זאַטן און ציכטיקן וועזן, פון זיין זאָרגפול־פאַרקעמטער באָרד, איז דאָך בשום אופן ניט געווען צו זען אַז ער זאָל חס־ושלום אונטערהונגערן דאָ אַמאָל. זיין איינפאָר־הויז האָט ביי אים קיינער ניט צוגענומען. אָ, דער דאָזיקער שיינער איד האָט זיך שוין געוואוסט ווי אַן עצה צו טאָן מיט דער נייער „וולאַסט", — איז דער איינפאָר־הויז אַפּי־ציעל מער ניט געווען אויף זיין נאָמען, איז עס שוין מכלומרשט געווען איצט אַ „קאָלעקטיוו". דער אמתער באַלעבאָס זיינער איז

דאָך סיי־ווי פאַרבליבן ראַביקאָוויטש. איז אפשר האָט ע ר קיין גרעסערע דאגות איצט ניט געהאַט ווי דאָס וואָס עס פעלן אים אויס לימענעס, קאַווע איז טייער, עכטער פעפער איז מיט גאָלד גלייך... אָבער אָט די אַלע לעבעדיקע מתים אין די ווייטסטע שאָטן־ווינקלען פון דעם גרויסן שלעכט־באַלויכטענעם צימער, — האָט ז י י שוין טאָקע מער גאָרניט אויסגעפעלט ווי ציטרינען און מאַראַנצן?

יעדער איינער פון זיי איז דאָך געקומען צו גיין אַהער מיט זיין אייגענעם אומגליק; יעדער איינער פון זיי, — מיט זיין אייגענער טרויעריקער געשיכטע, וואָס איז אפשר ניט געווען קיין סך אַנדערש און ניט פיל טרויעריקער פונם צווייטנס; יעדער איינער פון זיי, — מיט דער האָפענונג אַז דער אַמעריקאַנער וועט זיי אויף וועלכן ס'איז אופן גרינגער מאַכן זייערע צרות, כאָטש מיט דעם אַליין וואָס ער וועט זיי אויסהערן... און זע נאָר, ווי זיי האָבן זיך עס פאַנאַנדערגעקרעכצט וועגן ציטרינען, וועגן מאַראַנצן! פלעגן זיי, אין די בעסטע צייטן, ניט פאַרזוכן דעם טעם דערפון סיידן בלויז אין אַ קינפעט, צי ביי אַ שווערער שלאַפקייט, נאָך אַ לאַנגן קדחת? אָדער האָט זיך זיי אפשר געדוכט אַז מיט דעם הכנעהדיקן באַגייסטערן זיך פאַר דער גאָלדענער מדינה, וועלן זיי מער אויסנעמען ביים גרויסן אַמעריקאַנער?

— אַ־אַ־אַ... אַזאַ וואונדער־מדינה... אַזאַ גאָלדן לאַנד... האָסט געהערט? מאַראַנצן, ווי קאַרטאָפל...

בונעם דערפילט זיך ווידער אין דער מעלה... און אַז ראַביקאָוויטש — איז וואָס? וואָס איז פאַר אים געווען ראַביקאָוויטש א י צ ט? אויבן־אָן זיצט טאָקע בונעם און ראַביקאָוויטש בלייבט נאָך אַלץ שטיין פאַר אים אויף די פיס.

— לימענעס נאָר, מיינט איר? מאָדנע מענטשן וואָס איר זענט... ביי אונז עסט יעדער איינער אפילו באַנאַנעס — וויפיל ער וויל נאָר אַליין... און פיינעפל...(6 און...

און ווידער קרעכצט־אויף דער אַרומיקער עולם מיט אַ גרויס קרעכצן פון באַגייסטערונג. מילא, וואָס פיינעפל איז, איז אפילו דער נגידישער ראַביקאָוויטש אויך ניט מחויב צו וויסן. דערפאַר אָבער ווייסט ער שוין גראָד יאָ וואָס באַנאַנעס זיינען — אין קיעוו דער שטאָט, אין אַ גרויסן פרוכט־געשעפט אויף קרעשטשאַטיק, האָט ער אָט די פּרי איינמאָל געזען מיט די אייגענע אויגן, אין שויפענצ־

טער. און אפשר האָט ער טאַקע דאָרט געזען דאָס צווייטע אויך — ווי הייסט עס... פּינעפּלען?

און בשעת ראַביקאָוויטש נעמט זיך, מעשה וועלט־מענטש, צו מסביר זיין דעם קבצנישן עולם אַרום טיש וואָס פאַר אַ פּרי איז אָט דאָס „באַנאַנעס", ווי מען עסט עס און וואָס פאַר אַ טעם עס האָט, — קוקט דעמאָלט די בערקווזשיכע מיט אַן־אַ־שיר ליים־זעליקייט אויף בונעמען... זי האַלט אין איין ריידן פאַר זיך, אין איין „זאָגן" מיט אַ ניגון פון תחינות:

— וואָס דען... אודאי באַנאַנעס אוי־וויי איז מיר... וואָס האָבן מ י ר דען דאָ, מישטיינס געזאָגט? צרות האָבן מיר דאָ אויפן פּוד, מכות אויפן שאָק... יעדן טאָג — נייע אומגליקן, נייע גזירות... אוי־וויי איז מיר... באַנאַנעס...

און זי ווענדט זיך צום שווייגנדיקן, בלינד־קוקנדיקן בערקו־זשען, און הויבט אים אָן צופּן פאַר אַן אַרבל:

— אַז איך האָב אָבער אַלעמאָל געטענהט... מיט מיין איי־גענעם שלימזל האָב איך תמיד איינגעטענהט: פאַרוואָס פאָרסטו ניט קיין אַמעריקע, אומגליק מיינער... יעדער איינער ווערט דאָך דאָרט אויפגעריכט אין אַמעריקע. אוי־וויי איז מיר... אפילו דער גרעסטער גאָרניט...

ז.

אַז בונעם קערט זיך אום אַהיים יענע נאַכט, איז שוין גאָר שפּעט.

די קליינע שטאָט ביים פּריפּיעט־טייך מיט אירע הייזער פאַנ־אַנדערגעוואָרפן אין די טאָליקע גאַסן און איבער די שפּועס פון די בערג אַרום, ליגט שוין איצט איינגאַנצן אַ טויטע, אַ צעפּערטלטע, — אַ טויטע מיט זיבן טויטן.

קיין קלאַנג, קיין שאָרך. אויב אפילו מען קען נאָך פון צייט צו צייט דערהערן אַ ווייט בילן פון הינט אויף די גוישע פאַר־שטעט, רופט עס אויך ניט אַרויס קיין געפיל פון היימלעכקייט; ס'איז ווי דאָס וואָיען פון הינט איבער אַ גרויסן הויפן חורבות, איבער אַ פאַרוויסטער שטאָט.

בונעם אָבער קערט זיך אום צו זיך אין האָטעל אַריין אין גאָר א געהויבענער שטימונג.

ס'איז דאָך אודאי ניט צו גלויבן אז אָט די געהויבענע שטי־מונג נעמט זיך ביי אים פון עטלעכע גלעזער קוואס פון בערקו־זשעס היימישער פּראָדוקציע וואָס ער, בונעם, האָט דאָרט אויסגע־טרונקען. כאָטש גוטער קוואס, ערלעכער קוואס איז עס טאַקע גע־ווען; ס'האָט געזאָדן און געשיפּעט ממש ווי זעלצער־וואסער. מסתמא זיינען איצטיקע געהויבענע געפילן מער א פּועל־יוצא פון דעם געדאַנק וואָס רודערט זיך איצט, נאָכאַנאַנד און פריידיק, ביי בונעמען אין מוח:

— אַך, ווי צייטן בייטן זיך עס... ווי צייטן בייטן זיך!

אמת, זיין חלום פון „סטראָיען" זיך, פון אויסבויען זיך דאָ אין שטאָט אַן אייגענע היים אויפן באַרג, — א היים וואָס זאָל אַריבער־קוקן איבער דער גאַנצער שטאָט אין דער נידער און איבערן פּריפּיעט־טייך, וואָס שווימקט אירע ברעגן — אָט דער חלום זיינער איז טאַקע ניט מקוים געוואָרן... אָבער האָט דאָ ניט פּאַסירט אַזוינס וואָס האָט אַריבערגעשטויגן אַלע מעגלעכע, אַלע ווילדסטע חלומות זיינע?

אמאָל האָט ער געהאַט אַריינגאַנג צו ראַביקאָוויטשן בלויז דורכן „טשאָרני כאָד". אַז ער פּלעגט אמאָל אַפּטראָגן אהין א „פּאָטשינקע", פּלעגט עס בונעם — ניט ווי אין די אַנדערע הייזער — ברענגען איינגעוויקלט אין אַזא ספּעציעלער קאָלירטער טיכל. א קליניקייט, ראַביקאָוויטש! דאָס געפיל איז געווען: פאַר אַזא רייכן אָרט איז אפילו אומזיסט אַרבעטן שוין אויך א גרויסער כבוד... אין קיך פּלעגט ער דאָרט די גאַנצע צייט שטיין. זעלטן, זייער זעלטן ווען פּלעגט אים די דינסט אָנווייזן א האַלב־נאַסע טאַבורעטקע, צי אַן עק פון ניט־אַרומגעוואַשענעם טאַפּטשאַן, ער זאָל זיך דאָרטן צוזעצן. דאָס פּלעגט פּאַסירן בלויז דעמאָלט, ווען ער פּלעגט דאַרפן אַביסל לענגער צוואַרטן ביז די מאַדאַם וועט אים אַרויסשיקן דאָס געלט פאַר דער „פּאָטשינקע". און איצט... אַ, צייטן בייטן זיך, צייטן בייטן זיך...

איצט איז ראַביקאָוויטש א ל י י ן געקומען צו אים; ע ר איז געזעסן און י ע נ ע ר איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַר אים. איצט האָט אים י ע נ ע ר גאָר געבראַכט א פּעקעלע,

אויך א פּאַרזיכטיק־איינגעוויקלטס, און איינגעוויקלטס אין קלּיאַטשע און אין א דינינקן פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, מיט גאָלדענע אותיות אויף דעם... און אינעווייניק זיינען געלעגן: פרישע, זאַפטיקע געלע לימענעס.

נו יאָ, ביי בונעמען זיינען לימענעס ניט פון די גאַר וואַזשנע זאַכן, ער האָט שוין אין זיין לעבן אין אַמעריקע גענוג לימענעס אויסגעקוועטשט... אָבער איז דאָס פונדעסטוועגן ניט געווען היינט די סאַמע קרוין, דער שפּיץ פון בונעמס דערפאָלג?

ניין, מיט קיין זייטיקע כוונות, מיט קיין שום בקשות איז דער־אָ ראַביקאָוויטש זיכער ניט געקומען צו אים. פאַרן אַוועקגיין, שוין אַרויסבאַגלייטנדיק אים צו דער טיר, האָט ער בלויז א בעט געטאָן בונעמען מיט אַסך לייטישקייט אין זיין שטים:

— איר מעגט עס טאַקע דאָרט דערציילן... כ'מיין ביי אייך אין אַמעריקע... אַז איר וועט אם־ירצה־השם בשלום צוריק אָנ־קומען אַהין...

וועגן וואָס זאָל ער עס דערציילן אין אַמעריקע, בונעם, — דאָ זיינען ניטאָ קיין וואָלוועלע לימענס? נו, בכלל, וועגן אַלץ... ס'איז דאָ ברוך־השם גענוג צרות, אַרום־און־אַרום; בונעם האָט זיך שוין דאָ גענוג אָנגעזען. זע, וואָס איז געוואָרן פון ברוך־משה־מרדכים, פון קאַרפּלען, פון ראַביקאָוויטשן אפילו... בונעם וועט טאַקע דערציילן אין אַמעריקע פון דעם וואָס אַלע, אַלע ווילן זיי זיך מיט די לעצטע כוחות פון דאַנען אַרויסרייסן. מער ניט: וואָס העלפט זיי, די אומגליקלעכע, זייער רייסן זיך...

און בונעם גלייכט זיך אויס; זיין געשטאַלט ווערט נאָך העכער, איינדרוקספולער, וואַזשנער. א פּאָר איינצלנע עלעקטרישע לאַמטערנעס זייען נאָך פון זיך א וואַסערדיק בלייך ליכט, בעת בונעם קומט ווידער אַרויף אויפן מאַרק. ווען אימיצער פון זיין ניו יאָרקער לאַנדסמאַנשאַפט וואָלט אים איצט דאָ געזען, גייענדיק אַזוי מיט א שטאָלץ־אויסגעגלייכטער פיגור — א העלד, א גענעראַל א גאַנצער — וואָלט דאָך יענער זיכער געווען געצוואונגען צוצו־געבן:

— קיין מענטשן מיט א מער אימפּאָנירנדיקער געשטאַלט האָבן זיי דאָך בשום אופן ניט געקענט געפינען פאַר א דעלעגאַט... ניין, פאַר קיין פאַל ניט.

ס׳איז שוין געווען איצט קיל אין דרויסן, קיל ווי אַלע שפּעט־בייַנאַכט. נאָר בונעם וויקלט זיך ניט איין אין קיין שום מאַנטל. פּאַרקערט: ס׳איז אים וואַרים, היים אַזש... ער שפּיליעט פּאַנאַנדער זיין פּידזשאַק, ער מאַכט לויזער זיין קראַוואַט, ער צעכראַסטעט זיך... איידער ער שפּאַנט אַריבער די שוועל פונם ערשטן מלוכהשן האָטעל, טאַפּט ער אָן אין בוזים־קעשענע אַ קליין האַרט ביכעלע, וואָס ליגט דאָרט ביי אים תמיד, — סך־הכל עטלעכע בלעטלעך, צווישן אַ פּאָר האַרטע ברוין־רויטלעכע טאָוועלעך — זיין אַמעריקאַנישער פּאַספּאָרט... און אַ גליקלעכער צופרידענער שמייכל באַווייזט זיך אויף בונעמס ליפּן און גאַנצן געזיכט, ווען ער טרעט אַריבער די שוועל.

זעקסטער קאַפּיטל

אַ הימן צו אַמעריקע

א.

פאַרשטייט זיך:

ניט אַלעמאָל, ניט יעדן טאָג איז בונעם, אויף צוריקקער אין זיין היים־שטאָט, געווען פול מיט פרייד, פול מיט זיכערקייט.

עס זיינען געווען אויך אַנדערע טעג וואָס האָבן אויפגעוועקט זאָרגן, עס זיינען געווען אויך אַנדערע מאָמענטן וואָס האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן אונטערגראָבן בונעמס זיכערקייט.

אַשטייגער, סטערע זיין ווייב.

בונעמען איז זי אויסגעקומען זייער מאָדנע; צייטנווייז איז אים אפילו שווער געווען זי צו פאַרשטיין. אודאי איז עס געווען אַ גרויסע פרייד וואָס ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן: ער האָט נאָך אַ גאַנץ פריש און געזונט ווייבל. ווייבאַלד מען האָט געדאַרפט די משפחה מיטנעמען קיין אַמעריקע, איז דאָס באמת געווען אַ ניט־געריכטער געווינס: איידער אַ יאַכנע, וואָס וואָלט געמוזט פאַר־בלייבן אין אַמעריקע אַן אייביקע גרינע, איז שוין אודאי בעסער געווען אַ פריש ווייבל, אַ קלוגע פרוי נאָך אין די בעסטע כוחות. אַזאַ איינע וועט זיך זיכער גרינגער קענען צופּאַסן צום נייעם לאַנד און צום נייעם לעבן.

אויף אַזויפיל האָט בונעם אודאי קיין טענות ניט געקענט האָבן צו סטערען. מער ניט: עפּעס האָט זי זיך געהאַלטן צו אים אַביסל מיט רעזערוו, ניט גאָר אינגאַנצן צוגעלאָזן.

לכתחילה האָט בונעם געטראַכט: ס'וועט איננגיכן אַריבער. די ערשטע טעג שעמט זי זיך נאָך. מען איז דאָך געווען אַזויפיל יאָרן

איינגאַנצן אָפּגעפרעמדט. איינער איז אפילו ניט געווען זיכער, צי דער צווייטער לעבט נאָך. און זי האָט נאָך מעגלעך געטראַכט אַז ער האָט גאָר חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער...

ס'האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט פונקט פאַרקערט: מיט די פּאַרלויפנדיקע טעג איז אָט די ניט־צוגעלאָזנקייט געוואָרן נאָך בולטער, אפילו גערדיכטער, אויב מען קען אַזוי זאָגן.

ס'האָט אויסגעזען: זי באַהאַלט עפּעס פון אים, פון בונעמען... זיצנדיק ביי אים אין האָטעל־צימער — איין מאָל, צוויי מאָל פלעגט זי קומען צו פאָרן פון קאַלווירט אין שטאָט אַריין — פלעגט זי זיך אָפּט פאַרטראַכטן, פלעגט ווי ניט הערן וואָס דער מאַן רעדט צו איר.

ניט אַזוי גרינג און ניט אַזוי גיך אפילו האָט עס בונעם באַמערקט: צופיל איז ער געווען פאַרטאָן אין זיין אייגענער געהויבענער שטימונג, צו שטאַרק האָט ער אַליין ליב געהאַט צו ריידן... נאָר איינמאָל פונדעסטוועגן באַמערקט ער עס יאָ. אינמיטן אַ מבול פון באַרימערישע און האָפערדיקע רייד וועגן אַמעריקע און די גרויסע וואונדער פונם לאַנד, שטעלט ער זיך פּלוצלונג אָפּ:

— זע נאָר... איך רייד און דו, דוכט זיך, הערסט מיך גאָרניט...

סטערע האָט זיך אַ טרייסל געגעבן, ווי זי וואָלט זיך טאַקע געהאַט געפונען מיילן־ווייט פון אַלע זיינע רייד... זי האָט שולדיק אַ שמייכל געטאָן.

— אַ? יאָ, כ'האָב טאַקע פון עפּעס געטראַכט...

— פון וואָס אַשטייגער? — איז בונעם אַ בעלן צו וויסן.

— אָט, פון פאַרשיידענע זאַכן... — קנייטשט זיך סטערע; ניין, זי איז ניט גערן וועגן דעם אים צו דערציילן.

— מחשבותן... — גיט זי זיך באַלד אַ כאַפּ. — זע... כ'האָב עס דיר שיר ווידער ניט פאַרגעסן איבערצוגעבן...

און זי דערלאַנגט אים אַ פּירקאַנטיק בלעכענע קעסטעלע. אַ טיי־קעסטעלע צי אַ קאַלוואַ־קעסטעלע, דווקא אַ שיין קעסטעלע, דערצו נאָך איבערגעבונדן מיט אַ דין שפּאַגאַטל.

— אַ מתנה?

בונעם האָט זיך טאַקע פאַרוואונדערט, פונדעסטוועגן האָט ער צופרידן אַ שמייכל געטאָן פון זיין ווייבס אויפמערקזאַמקייט צו אים.

—עפן אויף, וועסטו זען... — האָט סטערע געענטפערט קורץ צו דער זאַך.

פון קעסטל נעמט בונעם אַרויס אַ היפּש פּעקל וואָס איז פּאַרזיכטיק אַרומגעוויקלט מיט אַ זיידן שנירל. ער בינדט עס פאַנ־אַנדער: הערסט, אינעווייניק געפינען זיך אַסך אַסיגנאַציעס, גרינע און בלוילעכע, אַלערליי געלט־בילעטן מיט קאָלירן ממש פון רעגנבויגן.

און בונעמען הויבט אָן הויך קלאַפּן דאָס האַרץ.

— וואָס איז עס פאַר אַ געלט? — באַטראַכט בונעם זיין ווייב מיט אַ געהיימניספולער מינע.

— וואָס הייסט וואָסערע געלט... — ענטפערט ווידער סטערע קורץ און זאַכלעך. — ס'איז דאָך דיין געלט...

— מיין געלט?

און סטערע דערקלערט אים: דאָס איז דאָס געלט וואָס ער האָט איר געשיקט פון אַמעריקע... דאָס געלט אויף איינצוקויפן אַ פּלאַץ.

בונעם דערפרייט זיך: זע נאַר, ווי עס האָט זיך פאַרוואַל־גערט... און ער האָט אין דעם אינגאַנצן פאַרגעסן! ער האָט אפילו וועגן דעם אינגאַנצן פאַרגעסן צו פרעגן איר! די גאַנצע צייט איז ער דאָך געווען אַזוי פאַרנומען, געהאַט אַזויפיל צו טאָן...

ער זאָגט איר אָבער ניט דעם אמת פאַרוואָס ער האָט איר ביז איצט וועגן דעם ענין גאָרניט געפרעגט: פּשוט, ער איז געווען זיכער אַז פון יענעם געלט איז שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבן... אין אַזאַ צייט! — ס'איז שוין זיכער געווען אויף וואָס צו פאַרטאָן עס.

— איך האָב עס ניט געוואָלט אָנרירן... דאָס געלט האָסטו מיר דאָך געשיקט אויף אויפצוזוכן אַ פּלאַץ, ניט אויף עפּעס אַנדערש...

— יאָ... — קראַצט זיך בונעם אין פּלייצע. — אַזאַ פּאַרדרוס, אַזאַ פּאַרדרוס...

ער הויבט אָן באַטאַפּן דאָס געלט, די גלאַטע כמעט זיידענע געלט־בילעטן. זיי פּילן זיך זייער געשמאַק אונטער די פינגער.

— הער נאַר! און איצט איז עס דאָך שוין גאָרניט ווערט ביי אייך!... — רופט ער זיך אָפּ מיט פאַרדרוס. — אַ־אַ־אַ... האָסט דאָך כאָטש געקענט עסן דערפאַר, טרינקען, איינקויפן זאַכן

פאַר דיר און די קינדער... און איצט איז עס גאָרניט ווערט, גאָר־ניט... איז צו וואָס האָסטו עס מיר געבראַכט אינגאַנצן?

— ווייל איך וויל עס מער ביי זיך ניט האַלטן. ס'איז דאָך דיינס.

סטערע קוקט אויף אים שוויייגנדיק, אַרויסרופנדיק. בונעם פאַרשטייט ניט דעם אויסדרוק אויף איר געזיכט. וואָס הייסט דיינס־מיינס, ס'איז אונזערס! וואָס, זי איז אפשר עפּעס אין כעס אויף אים? אודאי, פאַרדריסט איר אויך אָט דער דאָזיקער גרויסער פאַרלוסט... העכער פופצן הונדערט רובל! גוטע רובלען, אַמאָ־ליקע, אַלטע, אמתע!

בונעם הויבט איר אָן טרייסטן:

— מילא־נו... קיין גרעסערע אומגליקן זאָלן אונז ביידן מער ניט טרעפן... אין אונזער גאַנצן לעבן... הערסט, סטערע, וואָס איך זאָג דיר, — טרייסט ער זי מיט גוטע רייד. — ס'איז שוין אפשר גלייכער וואָס ס'האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט... און אַז מיר וואָלטן זיך שוין יאָ דאָ אויסגעבויט? הערסט, מען וואָלט עס דערנאָך סיי־ווי געוועזן ביי אונז צוגענומען... ווי ביי קאַרפּלען. אשטייגער! שאַ, האָסט כאָטש געזען דעם אומגליקלעכן? מען האָט מיר שוין דערציילט... אַ־אַ־אַ, וואָס עס האָט נאָר ניט פּאַסירט ביי איך פאַר אָט דער צייט...

ב.

נאָר סטערע זיצט שוין ווידער אַ פאַרטונענע, קוקט ערגעץ אָן־אַ־זייט. זי טראַכט שוין ווידער אירע אייגענע מחשבות. זע נאָר, וויפיל צער זי האָט עס דערפון, — טראַכט זיך בונעם.

— נו געזנוג שוין, סטערעניו... — הויבט ער זי אָן טרייסטן — זיי זיך ניט אַזויפיל מצער... דער דלות שטייט נאָך ברוך־השם דערווייל ניט פאַר אונזער טיר... נאַרעלע, אין אַמעריקע וועלן מיר האָבן אַסך אַ שענערע דירה, ווי דו האָסט זיך ווען־עס־איז פאַרגעשטעלט.

ער זעצט זיך צו צו איר, הויבט איר אָן גלעטן אַ האַנט. זי נעמט די האַנט ניט צו. פונקט, ווי זיין האַנט, איז אויך אירס ניט קיין איידל הענטעלע; זי איז אינגאַנצן באַדעקט מיט האַרטן אָנ־

וואוקס, מיט געלבלעכן ווילד־פּליש, ווי מיט שטיקלעך קאָרע, — א מאַנסבילשע האַנט. בונעמען אָבער, אין דער אויפגעגאַנגענער בענקשאַפט פון זיינע רייד וועגן אַמעריקע, איז איר האַנט געווען איצט פונקט אַזוי גלאַט און ווייך, ווי די האַנט פון א יונג באַלע־באַטיש מיידל, וואָס האָט קיינמאָל ניט אַריינגעטאָן א פינגער אין קאַלט וואַסער.

— נאַרעלע... כ'האָב נאָך דיר ניט אַלץ דערציילט... אין אַמעריקע האָבן מיר שוין פון לאַנג א פּלאַץ פאַר א הויז... א לאָט הייסט עס ביי אונז... אַזוי גיך ווי מיר וועלן בשלום אָנ־קומען אהיים, הויב איך מיך גלייך אָן סטראָיען. ס'עט שוין זיין איינמאָל א קאָטעדזש! א וואָן־פעמיליע־הויז וועט עס זיין, מיט אַלע לייטעסט אימפּרוואוומענטס1) און מיט סטאָקאָ באַדעקט... כ'וועל אפשר דערלעבן אויפבויען א גאַראַדזש אויך — פּלאַץ האָבן מיר גענוג... מ'עט זען... ווינדער וועט קענען דרייווען2) די מאַשין... אַלע יונגעלייט ביי אונז קענען דרייווען א מאַשין... נאַרעלע, אַזא הויז ווי איך וועל זיך אין אַמעריקע אויפשטעלן, וואָלט ביי אייך זיכער אָנגערופן געוואָרן א פּאַלאַץ!

— זע נאָר, זע נאָר... — לאַכט סטערע. — ביסט דאָך טאַקע, ווייזט אויס, געוואָרן אין אַמעריקע א גאַנצער מיליאָנער, אָן אַלל־רייט, ווי מען רופט עס ביי אייך... איך מיין: פאַר אַזא ניי פּאַלאַצל וועסטו שוין מוזן קריגן א ניי ווייב אויך... און טאַקע א אינגערע... וואָס וועט דיר דאָרט טויגן אַזא פשוטע אידענע ווי איך? נאַ, זע מיינע הענט, — בלויז מאָזאָליעס... קוק אָן מיין גאַנצן הילוך, מיינע מלבושים...

און זי הויבט אָן מאָדנע אַזוי קוקן אויף אים מיט ברייט־פאַנאַנדערגענומענע אויגן.

אָקאָרשט פאַר איר אָנקומען האָט זיך בונעם פריש אָפּגעראַ־זירט, זיך אָנגעשמעקט מיט „דוכעס"3) ביים צירולניק פונם ערשטן מלוכהשן האָטעל. מחמת דעם — און אויך דערפאַר ווייל ער האָט זיך אין פאַרלויף פון די לעצטע עטלעכע חדשים גאָר גע־שמאַק אויסגערוט — קוקט טאַקע בונעם אויס ניט נאָר פרישער פאַר סטערען, נאָר אפילו אינגער אויך, כאָטש זי איז גאָר אינגער פון אים אויף פולע זעקס יאָר. זיינע בונטיקע קראַוואַטן וועלכע ער בייט כמעט יעדן טאָג; זיין אונטערוועש פון טייערסטן לייוונט,

פון באַטיסט, מיט זיידענע טאַשמעלעך אַרומגעזוימט — וואָס אודאי מוזן טראָגן אַזוינס נאָר די גרויסע פּריצים; זיינע ריין־אויסגע־פּרעסטע נאַזטיכלעך וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך אפשר עטלעכע טוץ און וואָס, ווען ער נעמט איינס אַרויס אויף אָפּווישן די נאָז, איז עס במעט תמיד ביי אים נעט צונויפגעלייגט און צונויפגע־פאַלדעוועט; היינט דאָס בלוי־זיידענע טיכעלע מיט די פאַנטאַזיע־געמעלעכצן, וואָס שטעקט ביי אים תמיד אין דער אויבערשטער רעקל־קעשענע, — און גאָט ווייסט צוליב וואָס, ווייל אויף אויסצו־שנייצן אין איר די נאָז באַנוצט זי אפילו בונעם אויך ניט — אַן אמתער קאַוואַליער געוואָרן! ניין, פון דעם וואָס זי האָט דאָ איבערגעלעבט האָט ער דאָרטן קיין ברעקל ניט געוואוסט, קיין טראָפּן אפילו ניט געפילט...

בונעמען זאָגט זי דאָס אַלץ אפילו ניט אַרויס. אָבער ער דער־פילט אַליין אַזאַ באַהאַלטענעם שטאָך אין דעם לאַנגן בליק וואָס זי האָט אָנגעהאָנגען אויף אים... ווער ווייסט. — פאַלט אים פּלוצ־לונג איין. — אפשר איז ער פאַרט טאַקע שולדיק אַביסל קעגן איר. כאָטש ער האָט דאָך, דוכט זיך, געטאָן פאַר זיין משפּחה אַלצדינג וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזן — און אין יענע צייטן האָט זיך טאַקע מער ניט געלאָזן.

— ע, ס'איז אַ גוזמא... — לאַכט ער זיך פאַנאַנדער און גיט איר אַ פּעטשל איבער דער פּלייצע. — ביסט נאָך אַל־דרייט, נאַ־רעלע... קענסט פאַרשטעקן אין ספּאָדניצע נאָך אַנדערע צען מיידלעך... ביליוו מי4), איך ווייס וואָס איך רייד...

סטערע האָט אַרונטערגעלאָזן די אויגן, האָט אָפּגעווענדט דאָס פּנים אָן־אַ־זייט, אַז בונעם זאָל ניט באַמערקן דאָס מיאוסן־זיך, וואָס זי האָט אויסגעדריקט אין אָט דער מינוט, פאַרקרימענדיק די ליפּן.

— חוץ דעם, אין אַמעריקע וועסטו ערשט קומען צו זיך, אָנ־קלייבן נייע כוחות... אין אַמעריקע, יו נאָו, אַרבעטן ניט די ווייבער אַזוי שווער, ווי דאָ... נאַרעלע, וואָלסט געדאַרפט אָנקוקן אַן אַמעריקאַנער קיטשן! ווייס ווי אַ פּאַלאַץ, זאָג איך דיר! די ווענט זיינען אויסגעלייגט מיט קאַפל־שטיינער פון פאָל ביז דער סטעליע! קיין אויוונס אין קיך הייצט מען ביי אונז ניט, אָדער די פּרימוסן אייערע — ביי אונז גייט אַלץ אויף געז און אויף לעקטריע!

גייסט אריין ביי אונז אין א קיטשן, איז ווי ביי אייך אין א סאַליע... וואָס, גלויבסט מיר אפשר ניט?

און בונעם פלאַפּלט, און פלאַפּלט, און פלאַפּלט... ניין, סטע־רע גלויבט אים — פּאַרוואָס עפּעס זאָל זי אים ניט גלויבן? אויף אַמעריקע איז אַלץ צו גלויבן. מער ניט... זי וואָלט אַ בעלן געווען וויסן: וואָס איז עס אַזוינס אַ... קיטשען?

— אָווקאָז ווייסטו ניט וואָס אַ קיטשען איז... — גיט זיך בונעם אַ הילכיקן זעץ אין שטערן און כאַכאַטשעט זיך פאַנאַנדער.
— כאַ־כאַ־כאַ... פּויערישער קאָפּ איינער... ווי איז עס מיר גלייך ניט איינגעפאַלן אַזאַ פּשוטע זאַך... אַ קיטשען מיינט ביי אונז פליין5) אַ קיך...

— און דאָס אַלץ... דאָס אַלץ וואָס דו האָסט אויסגערעכנט געפינט זיך ביי אייך אין אַ קיך?

— אָווקאָז אין אַ קיך... וואו דען האָסטו געמיינט? און עס לויפט דאָרט קאַלטע און הייסע וואַסער... און... — זעצט פאָר בונעם זיין וואונדער־געשיכטע אין אַזאַ איילנדיקן און אויפ־גערעגטן טאָן פּונקט ווי דאָס וואָס ער האָט איצט געהאַלטן אין דערציילן וואָלט געווען עפּעס אַ מעשהלע פון תרגום־שני, און ניט קיין פולשטענדיקער אמת. — און אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט... הערסט? ו ו ע ן דו ווילסט נאָר, גיסטו דיר אַ דריי דעם קראַן — האָסטו גלייך הייסע וואַסער... אפילו סאַמע אינמיטן דער נאַכט...

— הייס וואַסער צאַפּט מען ביי אייך פון וואַנט? — קען זיך שוין מער סטערע ניט איינהאַלטן און לאַכט זיך פאַנאַנדער מיט איר זאַפּטיק און לייביק געלעכטער. נו, דאָס אַז שוין געווען ווירק־לעך אַביסל צו־פיל...

— נאַרעלע, דו דאַרפסט מיר ניט גלויבן — וועסט עס שוין אַליין זען מיט דיינע אייגענע אויגן! און ניט נאָר אין קיטשען, אפילו אין בעט־רום אויך... דאָס הייסט, אין וואַנע־צימער... ווייל ביי אונז איז אין יעדן אַפּאַרטמענט פאַראַן אַ וואַנע־צימער... מען דאַרף ניט לויפן אין מרחץ אָדער אין מקוה, כאַ־כאַ... צו יעדער צייט קענסטו זיך נעמען אַ וואַנע ביי זיך אין שטוב, — דרייסט אָפּ דעם קראַן און פאַרטיק... דאַצאָל! א י י ן וואַנע נאָר? אפילו דריי, אפילו פיר, אפילו צען...

און ער גלעט שוין סטערען די צווייטע האנט אויך, — ביידע הענט צוזאמען.

— און אז ס'קומט ווינטער, — זינגט בונעם ווייטער זיין הער־לעכע פאעמע, — דארף מען אין אמעריקע די הרובעס אויך ניט הייצן — דו גיסט ווידער א דריי א קראן — עס איז אזא מין רעדל — און ס'ווערט דיר ווארים אומעטום און אין איין מינוט צייט... סטים6) הייסט עס ביי אונז. ביי אונז זינגט מען אפילו אזא לידל:

דא אין אמעריקע גייט עס —
אויף סטים...
אלעם אויף סטים...
אלעם אויף סטים...

ער איז אויפגעשטאנען, האט אנגעהויבן וואוילינגעריש דרייען מיט די באקעס, ווי ער פלעגט עס זען אין ניו יארק טאן די גאסן־באיעס אויף די ראגן:

— מען האט חתונה — אויף סטים...
מען מאכט קינדער — אויף סטים...

סטערע האט אים אנגעקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן — זע נאר, איז דער מאן אירער משוגע געווארן, צי וואס? נאר בונעם האט זיך אלץ ניט געקענט אפשטעלן, און האט ווייטער געזונגען זיין הימן צו אמעריקע:

— נארעלע, וויפיל דו האסט ניט געהערט, איז עס נאך אלץ גארניט... האסט גאר קיין פאניאטיע7) ניט וואס פאר א לאנד אמעריקע איז... פארגלייכן רוסלאנד מיט אמעריקע... איז עס פשוט א דזשאוק8)... און נאר אין רוסלאנד? אויף דער גאנצער וועלט וועסטו ניט געפינען אזא לאנד ווי אמעריקע! א י ך ווייס וואס איך רייד...

סטערע קוקט אויף אים האַלב מיט אומגלויבן, האַלב מיט אומעט.

— נו זעסט, כ'האָב פונדעסטוועגן זיך ניט פאַרגעשטעלט אַז דו ביסט דאָרט געוואָרן אַ גאַנצער מיליאָנער...

—אַ מיליאָנער ? — לאַכט בונעם גוטמוטיק און פאַררוּיכערט מיט אָן־אַ־שיר זעלבסט־זיכערקייט אַ דיקע ברוינע האַוואַנאַ־ציגאַר. — מאַל זיך, פון מיליאָנערן זיינען מיר נאָך ווייט... נאָר פאַרוואָס עפּעס אַ מיליאָנער ? ביי אונז לעבט אַזוי יעדער איינער, אפילו אַ פּשוטער אַרבעטער...

— כ'ווייס ניט, ס'קען אפשר זיין... פונדעסטוועגן — פאַר די קינדער זאָלסטו ניט אַזוי... פליען... — עצהט אים סטערע מעשה גוטער פריינט. — אויב דו וועסט זיך אַזוי שטאַרק פאַנאַנ־דערזינגען פאַר זיי וועגן אַמעריקע, ווי דו האָסט עס געטאָן פאַר מיר, וועט איר זיך זיכער גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש צע־קריגן...

— וואָס איז דען ? — לאַכט בונעם גוטמוטיק, בעת ער שניידט אַרום מיט אַזאַ ספּעציעל מעסערל דעם „פּטום” פון זיין ציגאַר.

— ווייל זיי זיינען פאַרברענטע קאָמוניסטן, — ווערט סטערע ערנסטער. — אויב דו ווילסט מיט זיי גוט אויסקומען, טאָרסטו פאַר זיי אַזוינס ניט ריידן... דערציייל זיי פון דעם ווי שלעכט עס לעבט זיך אין אַמעריקע דעם אַרבעטער, סאַראַ ביטערע ליידן עס קומט אים אויס ביי אייך איבערצוטראָגן, סאַראַ סטראַ־דאַניעס די קאַפּיטאַליסטן פאַרשאַפן אים. און טאַקע אַזוי — פאַרוואָס עפּעס שווייגסטו גראָד וועגן ד ע ם ? דערציייל זיי בע־סער וועגן דער גרויסער כראָנישער אַרבעטלאָזיקייט אין אַמעריקע און וואָפּשטשע... וועגן אַלץ...

— יאָ. — איז בונעם צופרידן אַרויסווייזן איצט נאָכגיביקייט אַבי עס זאָל זיין גרינגער זיך צונויפריידן מיט סטערען. — יאָ... מען קען ניט זאָגן... אַרבעטלאָזיקייט זאָגסטו ? כ'ווייס ניט, אַליין אויף זיך איז עס מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו פילן, נאָר ס'קען זיין... אָבער איך פאַרשטיי ניט. — האַלט ער שוין מער ניט אויס. — פאַרוואָס זאָל איך זיי עפּעס דערציילן אַז דער

אמעריקאנער ארבעטער מוטשעט זיך, און סטראדאיעט, וויבאלד דאָס איז אַ... אַ ליגן?

און ער הויבט איר ווידער אָן גלעטן אַ האנט, באַרואיקן זי.

— איך זאָג דיר, סטערלע, אַז אפילו אַן ארבעטער אין אמע־ריקע לעבט ווי אַ גראף קעגן אַ היגן מענטשן... דאָס וואוינען, און דאָס עסן, און דאָס אָנטאָן זיך... און... וואָפּשטשע... דאָס אַלץ! ניין, איך נאַר דיך ניט אָפּ, סטערע! וואָס מיינסטו עפּעס בין איך?

— איך ווייס ניט. — לאָזט סטערע אַרונטער די אויגן. — מסתמא ווייסן דאָך די קינדער אויך וואָס זיי ריידן? אַלנפאַלס, אויב דו וועסט ניט טאָן ווי איך עצה דיר, מעגסטו זיכער זיין אויף פריער, בונעם, אַז זיי וועלן דיך פיינט קריגן... — קוועטשט סטערע מיט די אַקסלען, ווייל זי וויל זיך מיט אים מער ניט גלאָט אַזוי שפּאַרן. — זיי וועלן דיך פיינט קריגן מיט אַ טאָפּלטער פיינט־שאַפט. — וואָרנט זי אים ווייטער. — אי ווי אַ בורזשוק, אי ווי אַ בורזשוק וואָס איז נאָך דערצו זייער אייגענער טאַטע... גע־דענק, בונעם, איך האָב דיך געוואָרנט!

אויף בונעמס פּנים שפּרייט זיך אויס אַ טיפע זאָרג... סטע־רע שטודירט זיין פּנים פון דער זייט:

— אפשר ביסטו גערעכט. — הויבט סטערע דעמאָלט אָן צו ווערן ווייכער. — איך וועל מיך מיט דיר ניט קריגן. אָבער פאַר די קינדער אין די אויגן רייד ניט אַזוי: מער פעלט דיר ניט — זיי זאָלן דיך נאָך אָנהויבן באַטראַכטן ווי אַ פריש־אויסגעוואָק־סענעם האָרב אויף זייערע פּלייצעס!

בונעם שטוינט, גיט אַ שטאַרקן הויכן קוועטש מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט דערווייל פון זיך אַליין געוואָלט אַרונטערוואַרפן אָט יענעם האָרב וואָס אויף די קינדערס פּלייצעס דאַרף ער ערשט אויסוואַקסן. — וואָס טוט זיך דאָ? סטערע שפּאַסט פון אים, צי וואָס? אדרבא, ער וויל זיי ליבערשט אָנטאָן נחת — זאָלן זיי שוין ווייסן וואָס עס דערוואַרט זיי אין זייער נייער היים, זאָלן זיך די קינדער באַצייטנס פרייען! יסורים האָבן די אָרימינקע שוין אַזוי אויך געהאַט גענוג! הער נאָר, — אַז ער זאָל נעמען פאָלגן סטערעס עצות, וועט זיי אפשר גאָר אָפּפאַלן דער חשק מיטצופאָרן מיט אים! כאָטש צוריק גערעדט, קלייבט ער דאָך זיך גאָר ניט

שיקן זיי אין שאָפּ אַריין, מאַכן פון זיי אַרבעטער. אויב אַזוי, איז וואָס־זשע פאָרט איז דאָ סטערע אויסן?

ער גיט אויפן ווייב שאַרף אַ קוק פון־דער־זייט, צווישן די ריסן פון אַ צעפליקטן רויך־וואָלקן פון זיין ציגאַר. ערשט איצט קומט דעם בלינדן מענטשן אַריין אויפן זינען אַן אומגעריכטער געדאַנק:

זע נאָר... סטערע אַליין — זי האָט נאָך, דוכט זיך, די גאַנצע צייט אויך מיט גאָרניט באַוויזן אַז זי זאָל עס זיין אַזוי באַגייסטערט מיט דער פאָרשטייענדיקער נסיעה... האַ? ניין, טאַקע ניט!

— וואָס־זשע זאָל עס באַדייטן... פרייט עס איר טאַקע גאָרניט? דאָס איז געווען אַ צו־ווילדער געדאַנק, מען זאָל אים גאָר קענען אַרויפלאָזן אויפן קאָפּ... אָבער איר אויפפירונג ביז איצט איז בונעמען פאָרט, צום ערשטן מאָל, געוואָרן אויפפאַלנדיק.

כאָטש גראָד דאָס מאָל האָט בונעם אַ טעות געהאַט. די אָרימע סטערע... איר הארץ האָט זיך געצאַפּלט צווישן סתירהדיקע געפילן. אַז זי האָט, אַשטייגער, באַמערקט אַ פּאָר מאָל אַז בונעם, פאַרן שלאָפן־גיין, טוט זיך אָן אין בעט אַריין אַ גאַרניטור אַזאַ, —אַ פּאָר געבלימלטע הויזן און אַ רעקל מיט גרויסע קנעפּ וואָס טוען זיך אַריין אין זיידענע קנעפּ־שלייפן, — און שלאָפט דערנאָך אין דעם אַ גאַנצע נאַכט — האָט זי זיך טאַקע געטראַכט מיט ניט־גלויבן: וואָס פאַר אַ פּאָר קען זי איצט זיין מיט אַזאַ מענטשן, וואָס איז געוואָרן אָט אַ ז אַ... ווי זי זעט אים איצט?

פונדעסטוועגן... מיט איר גאַנצער אָפּגעפרעמדקייט פון בונעמען און ביי איר גאַנצער בלינדער אומליבשאַפט צום אַמעריקאַנישן לאַנד, האָט זי פאָרט ניט געוואָלט אַז די קינדער זאָלן צוליב דעם ליידן. דעריבער, בשעת בונעם האָט אַזוי געריכט דאָס לאַנד אַמעריקע, אויף וועלכע זי האָט געטראָגן געגנוג הארץ, איז איר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק:

— ווער ווייסט... אפשר וואָלט עס טאַקע געווען אַ גוטער פּלאַן? אויב ניט פאַר איר, איז פאַר די קינדער כאָטש...

יעדנפאַלס, טראַכט סטערע, זאָלן זיי אַליין באַשליסן. אדרבא, זאָל ער זיך מיט זיי אויך דורכשמועסן. זי וועט זיך אין וועג די קינדער ניט שטעלן.

— וויסט וואָס. — רופט זי זיך אָפּ נאָך עטלעכע מינוטן שווייגן. — איך האָב געהערט אז ווייגדער דאַרף דאָ איינגיכן זיין... דאָס הייסט, ער וועט דאָ אייגנטלעך בלויז דורכפאָרן; אין שטאָט וועט ער פאַרבלייבן בלויז איבער נאַכט. וועסט זיך אפשר וועלן זען מיט אים...

— טאָסטו דיר אַ שאלה... — פאַרגעסט שוין גלייך דער גוטמוטיקער בונעם זיין פאַרדאַכט פון אַ קליינער ווײַלע צוריק, און ווערט ווידער פול מיט פאָטערלעכער פרייד. — צי איך וויל אים זען! כאָטש איך האָב אויף אים, דעם אמת געזאָגט, אַביסל פאַראיבל הלמאי ער האָט מיר די גאַנצע צייט, וואָס איך געפין מיך דאָ, קיין בריוול ניט צוגעשיקט... דו האָסט דאָך אים געשריבן אז איך בין דאָ?

—יאָ, כ׳האָב געשריבן... אָבער ווער ווייסט צי ער האָט עס דערהאַלטן. — איבער עפּעס לאָזט סטערע אַרונטער די אויגן, בעת זי ענטפערט איר מאַן אויף אָט דער פראַגע. — ווייסט דאָך — ער פאָרט אַרום די גאַנצע צייט — וואו ער טאָגט, דאָרטן נעכ־טיקט ער ניט... איבעריקס, ער וועט עס שוין דיר אַליין דער־ציילן... מעגסט ריידן מיט אים — ער איז אויסגעוואַקסן זייער אַן אינטערעסאַנער בחור... וועסט אים גאָרניט דערקענען.

אודאי האָט סטערע געוואוסט אַז זי זאָגט ליגן: אויפן בריוו, אין וועלכן זי האָט דעם זון געלאָזט וויסן וועגן דעם פאָטערס אָנ־קומען, האָט זי דוקא יאָ דערהאַלטן אַ תשובה. נאָר ווייגדער האָט דאָרט, אין זיין בריוו, מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט דעם טאַטן — אים אפילו קיין גרוס ניט געשיקט... דאָס האָט סטערען אָנגעפילט מיט אומבאַשטימטער זאָרג; און זי האָט מיט אומרו־איקייט דערוואַרט דאָס ערשטע באַגעגניש פון זיי ביידן, פון איר מאַן און זון.

— נו, אַ גוטע נאַכט, בונעם... — הויבט זי ענדלעך אויף אַ פאַרטראַכטן בליק אויפן מאַן. — היינט מוז איך אוועקגיין פרי... אַ צווייטן מאָל... מאָרגן האָב איך אַסך אַרבעט...

און מיט דעם האָט זיך עס יענע נאַכט געענדיקט.

זיבעטער קאַפּיטל

אויפֿן באַרג ביים פּריפּיעט

א.

שפּעט נאָכמיטאָג האָט מען בונעמען געבראַכט אין האָטעל א צעטל.

דאָס צעטל, — א היפּש שטיק פּאַפּיר, — איז געווען פֿון סטערען. בלויז עטלעכע שורות, געשריבן מיט אַן אייליקער האַנט, מיט גרעסערע אותיות ווי געוויינטלעך איר האַנטשריפֿט; און דער אינהאַלט פֿון דעם צעטעלע איז געווען אַזאַ:

— ווינגדער געפֿינט זיך איצט אין שטאָט. אַליין האָט זי, סטערע, קיין צייט ניט צו קומען איצט אין שטאָט. אַלע הענט אין קאָלעקטיוו זיינען פֿאַרנומען איצט מיטן אַרונטערנעמען די ווערים פֿון די בוימער. און זיי וועלן אודאי זיין אַזוי פֿאַרנומען עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. טאָ זאָל בונעם אַליין צוגיין צו ווינגדערן.

די אותיות זיינען געווען אַזעלכע גרויסע, אַז בלויז אָט די עטלעכע שורות האָבן פֿאַרנומען די גאַנצע רעכטע זייט פֿון דעם היפּשן שטיק פּאַפּיר. אויף דער צווייטער זייט „צעטל" איז נאָך ווייטער געשטאַנען, אַז בונעם דאַרף זיך זען צואיילן, מחמת ווינגדער וועט פֿאַרברענגען אין שטאָט אינגאַנצן א פּאָר שעה, דוכט זיך. ער איז פֿאַרפֿאָרן אין דער געביידע פֿון איספּאָלקאָם, וואו מען קען אים געפֿינען צו יעדער צייט.

דאָס דאָזיקע צעטל האָט בונעמען א קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ מיט א צוגעלאָפֿענער בלוט-כוואַליע, — און האָט אים אפשר א גאַנצע שעה נאָכאַנאַנד געהאַלטן אַרומגעוויקלט אין א נעפּל פֿון

פֿאַרדראָס. ז י י ן אייגענער זון, ז י י ן ווינדעדל, וועלכער האָט דעם טאַטן שוין אַזויפֿיל יאָר ניט געזען, קומט צופֿאָרן אין שטאָט און — ער האָט ניט קיין צייט! ער יאָגט זיך, ער קען ניט קומען זען דעם טאַטן.

— וואָס טוט זיך דאָ... האָ?

ניין, אויף אַזוינס האָט זיך בונעם בשום אופֿן ניט געקענט ריכטן. ניט שוין־זשע איז ווינדעדל געוואָרן טאַקע אַזוי גרויס ביי זיך, אַזאַ „קנאַקער", ווי בערקוזשע האָט אים אָנגערופֿן? ער וויל, הייסט עס, אויסמיידן אַ באַגעגעניש מיטן טאַטן?

נאָר מילא, ס'איז דאָך קיין אַנדער ברירה ניט געווען. ס'איז ניט געווען דאָ קיין צייט אויף צו פּייניקן זיך אפֿילו מיט געזעכטע ערגערנישן. מען האָט געדאַרפֿט ה אַ נ ד ל ע ן — און טאַקע האַנדלען שנעל. ווען אָט די כוואַליע פֿון פֿאַרדרוס זאָל אָנהאַלטן נאָך אַ שעה צייט — איז ווער ווייסט, צי ער וועט אים שוין דאָרט גאָר אינגאַנצן טרעפֿן, ווינדערן... דער טאָן פֿון סטערעם צעטל האָט עפּעס בונעמען געקלונגען אַזוי אַלאַרמירנדיק, אַזוי נערוועז.

גיך און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט זיך בונעם געלאָזט שפּאַנען צום איספּאָלקאָם. דער בנין פֿונם איספּאָלקאָם האָט זיך געפֿונען אויף דעם ספּאַסקי באַרג, אין אַמאָליקן שטאָט־גבירס, אין פּיקעס הויז.

גייענדיק, באַרואיקט ער זיך פֿונדעסטוועגן ביסלעכווייז. אַ געטרייער טאַטע, בונעם, און דעם פֿאַטערשן שטאָלץ פֿאַרן קענטיקן דערפֿאָלג פֿון זיין זון וועט ער קיינעם ניט אָוועקשענקען. עס טוט אים פֿונדעסטוועגן אינערלעך שטאַרק הנאה, וואָס זיין ווינדערל איז געוואָרן אַזאַ קנאַקער, — ווען ער קומט צופֿאָרן אין שטאָט, פֿאַרפֿאָרט ער דיר גלייך אין איספּאָלקאָם אַריין!

— ער האָט זיך פֿונדעסטוועגן גוט אַרויפֿגעאַרבעט, דער חברה־מאַן! — קוועלט אָן זיין פֿאָטעריש האַרץ. זיינע אויגן זיינען פֿאַרטאָן אין זיך, און ער באַמערקט אפֿילו ניט קיינעם פֿונם עולם, וואָס געפֿינט זיך איצט אויף די גאַסן, וועלכע פֿירן צום איספּאָלקאָם.

בונעם ווייסט שוין, אַז איספּאָלקאָם — דאָס איז איצט די העכסטע נאַטשאַלסטוואָ פֿונם גאַנצן קרייז, ווי דעם איספּראַווניקס

קאנצעלאריע אמאל... און דעריבער, ווען ער האט זיך ביסלעכווייז בארואיקט, איז דער טאטע שוין גרייט מוחל צו זיין דעם זון דעם פארשאפטן אומכבוד.

— נ־נא, מסתמא האט ער דא א היפש ביסל וויכטיקע ענינים צו באזארגן אין א גאר קורצער צייט... ס'איז קלאר: ווען מען זאנימאיעט אזא דאלזשנאסט, איז דיר ניט קיין קלייניקייט...

אז בונעם קלעטערט ענדלעך ארויף דורכן קאוואלויקער טראקט צום סאמע שפיץ פונם ספאסקע בארג, נויגט זיך שוין דער טאג פארנאכטלעך־צו. צי פונם קלעטערן ארויף בארג, וואס האט אים אויסגעמאטערט (פעט געווארן אונזער בונעם אין אמעריקע, פעט און אויסגעפאשעט), צי פון דעם וואס ער דערזעט זיך איצט פנים־אל־פנים מיט דעם וויכטיקסטן באלשעוויסטישן אנשטאלט אין שטאט — נאר בונעמען ציטערן, דוכט זיך, איצט אביסל די קני... אויף אים גלאצן ארונטער, פון די וויס־געפארבטע פאנעלן פון א פאראדנער טיר, גרויסע באגאלדטע בוכשטאבן פון א ריי שילדן — גאנצע דריי שטיק שילדן ביי איין ארייננאנג:

— „אויעזדני איספאלקאם”...

— „ראיפארטקאם”...

— „אקרנאראבראז”...

געהיימניספולע ווערטער... ווערטער מיט סודותדיקער אפ־שרעקנדיקער באדייטונג; דא געפינט זיך עס, הייסט עס, די וויכ־טיקסטע נעסט פון די היגע באלשעוויקעס, זייער געהיימסטער ווינקל.

בונעם נעמט זיך אבער סוף־כל־סוף אן מיט מוט; פונדעסט־וועגן איז עס דאך פארט מער ניט ווי פיקעס הויז... א געוויינטלעך נגידיש הויז — וואס איז דא וואס מורא צו האבן? צוויי שטאק מיט א בוידעם־שטיבל; צוויי רייען גרויסע ריין־אויסגעשייערטע פענצטער קוקן ארונטער צום פריפיעט־טייך, וואס פלייצט איצט אזוי שטיל־שטיל, ניט צום באמערקן כמעט, צופוסנס־בארג, מיט גרויסע גאלדענע פלעקן דא־און־דארט אויף דער וואסער־פלאך פון דער אונטערגייענדיקער זון.

וויפיל פענצטער עס זיינען פאראן דא! די ווערענדע ביי דער רעכטער זייט פון הויז איז אויך גנדעקט ארום־און־ארום מיט גלאז; אפילו אין בוידעם־שטיבל אינדערהויך געפינען זיך עטלעכע פענצטער, ווי דארטן וואלטן זיך אויך געפונען שטובן פאר מענטשן.

אמת, דאָס זײַנען קלענערע פּענצטער, האַלב־קײַלעכדיקע רוימען ווי אין אַ בית־מדרש צי ווי אין אַ שיף, להבדיל... אַ פאַנטאַזיאָר געווען, אָט דער פּיקע — פּיקע דער גרויסער שטאָטישער בוי־פּאָד־ריאַדטשיק! ער האָט שוין גאָר געהאַט געשמאַק וואו אויסצוקלייבן זיך אַן ערטעלע אויף אויפשטעלן אַ הויז, ווי ער וואָלט עס דיר געווען אַ גראַף סאַמע פון געבוירן־אָן!

נאָר אַך, וואָס איז אים דערפון אַרויסגעקומען... הינטער אָט די אַלע פּענצטער — זיי זײַנען אַלע געווען איצט ברייט אויף־געפּראַלט קעגן דער אונטערגייענדיקער זון — האָבן זיך איצט אַרומ־געדרייט ניט פּיקעס הויזגעזינט, ניט זײַנע גימנאַזיסטן און גימ־נאַזיסטקעס, נאָר גאָר אינגאַנצן פרעמדע מענטשן: יונגעלייט אין טונקעלע און אין העל־פּאַרוסינענע טאָלסטאָוקעס, מיידלעך מיט קורץ־געשוירענע האָר ווי ביי ייִנגלעך און מיט פּאַפּיראָסן אין מויל... פון ערגעץ אַן אינעווייניקסטן חדר האָט געקלאַפּט נאָכאַנ־אַנד און איינגעעקשנט אַ שרייב־מאַשינקע.

יאָ, פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק הויבט זיך אויך איצט אויף איבערן דאַך דער הויכער מעשענער שטאַנג. נאָר וואו איז אַהינ־געקומען די גרויסע קויל פון באַזילבערטן גלאָז אויפן שפּיץ שטאַנג, — די קויל וואָס פלעגט שפּריצן פון זיך מיט פייער אין דער זון? ניין, ניטאָ איצט מער די קויל. אויפן שפּיץ פונם מעשענעם שטאַנג איז איצט אַרויפגעזעצט אַ פאָן נאָר — אַ גרויסע פאָן, אַ רויטע פאָן. די פאָן, ווייזט אויס, איז אַ שפּאָגל־נייע: אויף דעם באַרג בלאָזט איצט אַ פאַרנאַכטיק ווינטל, און די פאָן אינם ווינטל קנייטשט זיך און קנאַקט ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש, ווי אַ זיך־קנוילנדיקע שלאַנג. און ווייל עס פאַלט איצט אויף דער פאָן אַ שטראָם ליכט פון דער זיך־זעצנדיקער זון, קוקט עס אויס: אַ טייכל פּורפּורנע בלוט פלייצט איצט נאָכאַנאַנד אין דער זון.

ב.

די פאַרגייענדיקע זון, אויפן זוים פון די לאָנקעס אויף יענ־נער זייט טייך, האָט זיך ווי בכיוון אָפּגעשטעלט איצט, פּונקט אַנטקעגן, אויף אַ פּאָר מינוט אָנצוקוקן בונעמען — און בונעם בלייבט אויך שטיין אַ ווײַלע, פאַרזונקען אין רעיונות...

איז עס דיזעלביקע געגנט דאָ אַרום, דער יענער־זייט טייך וואָס זעט זיך פון באַרג אַרונטער ווי אויף אַ טעלער אויסגעשפּרייט, די ברייטע לאָנקעס, וואָס קניען צו די נידעריקע בלויליכע יאָדלע־וועלדלעך, אין פּאַרנאַכטיקן נעפּל איינגעהילט? איז עס דער שטיל־שטראָמענדיקער טייך, וואָס איז פאַר בונעמען אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַזאַ אָפּטער וואַנדער־וועג? אָדער איז עס אפשר דער אָנ־בליק פון פּיקעס הויז, די זילבערנע קויל אויף פּיקעס דאַך, וועלכע האָט שוין דאָ איצט ניט געסטאַיעט און וועלכע פלעגט אין די אַמאָליקע יאָרן אויפוועקן אין בונעמען אַזויפיל קנאה, ער זאָל זיך אַליין „סטראָיען", און האָט עס אים טאַקע ענדלעך אונטער־געגעבן דעם שטאַרקן חשק זיך אוועקצולאָזן אַזש קיין אַמעריקע? בונעם האָט דאָך אויך געחלומט אַמאָל אויפשטעלן זיך אַ הויז אויפן באַרג, ניט אויפן ספּאַסקי באַרג, נאָר טאַקע דאָרט קעגנאַיבער, אויפן ראַנד פונם ליימיקן באַרג אויף יענער זייט קאַוואַלויקער טראַקט — אַ הויז אויף אַ פונדאַמענט פון ברייטע אַרומגעטעסעוועטע שטיי־נער... אַ הויז פון וועלכן די פענצטער האָבן אויך געדאַרפט אַרויסקוקן אַרונטער־צו אויפן פּריפּעט־טייך וואָס צופוסנס דעם באַרג.

יאָ... אַז ווער ווייסט עס אים דאָרט, אָט דעם אַמעריקאַנעם, מיטן פולן ציכטיק־אָפּגעראַזירטן פּנים, וואָס האָט געגלאַנצט אַזוי ווי מיט אַ דינעם לאַק־צודעק איבערגעצויגן, — פון וואָס ער האָט עס איצט געטראַכט.

נאָר מיטאַמאָל דערפילט ער זיך ווי אַ זיגער, זיין פּנים בייט זיך גאָר אינגאַנצן, די מידקייט צוזאַמען מיט דער פאַרחלומטקייט פאַרשווינדן, זיינע קני שטאַרקן זיך. האַ־האַ, אָבער וואָס איז דען סוף־כל־סוף געוואָרן פון פּיקעס פיל־יאָריקער האָרעוואַניע און פּראַ־צע? וואָס?...

ענערגיש און זיכער לאָזט זיך דעמאָלט בונעם אַרויפגיין אויף די פּאָר צעמענט־אויסגעגאָסענע טרעפּלעך, וואָס פירן צו דער הויפּט־קוואַרטיר פונם איספּאָלקאָם. נאָכאַמאָל לייענט ער איצט אי־בער די באַגילדעטע שילדן, — זע נאָר, ווי איך בין אַ איד, אידישע אויפשריפטן אויך: ראַיפּאַרטקאָם, קרייזישער אויספיר־קאָמיטעט, קרייזישער בילדונג־אָפּטייל... כאָטש די דאָזיקע ווערטער זיינען

פאַר בונעמען פונקט אַזוי אומפאַרשטענדלעך און געהיימניספול ווי די אַנדערע, די רוסישע, אָבער פאַרט זיינען זיי היימישער.

— מ־נאַ, איז דאָך ניט געפערלעך, וויבאַלד אַז אַזוי... — גיט בונעם פריילעך און ביטולדיק אַ שמייכל. — זיי זיינען דאָך, מסתמא, אידעלעך דאָ, דורכאויס... אייגענע מענטשן... וואָס דען...

זיין זיכערקייט קריגט אָבער אַ שטאַרקן טרייסל, ווען אינם קאָרידאָר שטעלט אים באַלד שאַרף אָפּ אַ מיליציאָנער — אַ מיליציאָנער מיט אַסך אַ שטרענגערן פּנים ווי יענער, וועלכער האָט אים אַנומלט ביינאַכט אַנגעוויזן דעם וועג צו בערקווזשען, כאָטש דער איצטיקער מיליציאָנער איז געווען דוקא אָן אַ היטל און אפילו אויך אָן אַ רעוואָלווער־שיידל ביי דער זייט.

— וועמען דאַרפט איר?

מיט שטאָלץ האָט אים בונעם אָפּגעענטפערט:

— איך בין געקומען זען מיין זון...

— מען פרעגט אייך: וואוהין ווילט איר, בירגער? — האָט אים נאָך שטרענגער איבערגעפרעגט דער מיליציאָנער. — רעדט דייטלעך...

— וואָס הייסט וואוהין? — האָט זיך בונעם, פון זיין זייט, צוריק געוואונדערט. — כ'האָב דאָך אייך שוין געזאָגט... איך וויל זען מיין זון... וויגדער רייטשאָוו... דאָס הייסט, ראַכאָווסקי...

— דעם חבר ראַכאָווסקין קענט איר איצט ניט זען. ער איז פאַרנומען. וואָס איז אייער ענין? וואַרט, איך וועל אייך באַלד אימיצן אַרויסשיקן.

הייסט דאָך, וויגדער איז דאָ טאַקע ניט אויף קיין קאַטאָוועס עפּעס גאָר אַ וויכטיקער מענטש... בונעם בלייבט דערווייל שטיין אין קאָרידאָר, דרייט זיך אַרום צווישן די ווענט, וואָס זיינען באַהאָנגען מיט אָן־אַ־שיר אויפשריפטן, אויפרופן, קאָלירטע פּלאַקאַטן, געקעסטלטע דיאַגראַמען. און ער לעבט ווידער איבער דאָס געפיל פון שרעק און צעמישונג, פון אַ פּלוצלומדיקן אַריינפאַל אין אַן אַ נ ד ע ר ש ד י ק ע ר וועלט, — דאָס געפיל וואָס איז אים באַקאַנט געווען נאָך פון אַ פּאָר חדשים צוריק, ווען מען האָט באַזוכט זיין געפעק אויף דער סאָוועטישער גרעניץ־סטאַנציע, אין ניעגאָרעלאָיע.

ג.

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום רירט אים אימיצער אָן פון הינטן ביים אַקסל.

אָן איידעלער ריר; אָבער בונעם גיט זיך אַזאַ טרייסל פון איבערשרעק, ווי מען וואָלט אים דאָ געגעבן דעם שטאַרקסטן זעץ.

הינטער אים שטייט אַ מיידל פון גאַנץ נידעריקן וואוקס, די האָר אויפן קורץ־געשוירענעם קאָפּ — נאַכלעסיק, צעשויבערט. הינטערן אויער — אַ בליישטיפט, אין האַנט — עפּעס אַ פּאַפּיר. אַ באַקאַנט פּנים... בונעמען דוכט זיך: ער האָט אָט דאָס פּנים שוין איינמאָל ערגעץ געזען. איז עס ניט אָפּטמאָל אָט יענע מיידל, וואָס האָט זיך געפונען אויפן וואָקזאַל ביי זיין אָנקומען אַהער, און וועגן וועלכער בערקאָוויטש האָט עס אים איבערגעגעבן שפּעטער אַז זי איז עפּעס אַ גאַנצע מאַכערין אין שטאָט, דעם איספּאָלקאָמס אַליין אַ סעקרעטאַרשע?

יאָ, דאָס איז זי אודאי. ווי האָט זי דאָרט געהייסן? נו יאָ, גיטערמאַן דעם איינבינדערס מיידל... כאָטש אָנשטאָט אַ לעדערנער קורטקע טראָגט גאָר דאָס מיידל איצט אַ ווייס קאָפטל מיט אָן אָפּגעלייגט קעלנערל און מיט אַ מאַנסביליש־אויסגעפּלאָכטענעם קראַוואַט. דעם קאַרטוז אויפן קאָפּ האָט זי שוין איצט אויך ניט, און זי רויכערט וואָוויליונגעריש אַ פּאַפּיראָסל. דאָס פּאַפּיראָסל שטעקט ביי איר ניט אינמיטן מויל, ווייבעריש, נאָר טאַקע אין אַ ווינקל מויל, ווי ביי אַן עכטן מאַנסביל.

— אַהאַ... דאָס זייט איר... — נעמט זי אַרויס דאָס פּאַפּיראָסל און רופט אוים מיט אַ שמייכל. — אונזער „זנאַטני אינאָסטראַניעץ"... (1. אונזער דעלעגאַט... אונזער אַל־רייט...

און בונעם פאַרשטייט ניט: איר שמייכל, — איז עס אַ שמייכל פון גוט־פריינטשאַפט, צי פון חוזק־מאַכן? זי פאַרציט ווידער שטאַרק דאָס פּאַפּיראָסל:

— און אודאי זענט איר ער איצט געקומען זיך זען מיט אייער זון?

פון דעם גאַנצן וואָוויליונגערישן אויסזען פון אָט דער בחורטע, פון איר פּאַפּיראָסל אין מויל און פון דעם גוט־ברודערישן אופן, מיט וועלכן זי האָט מיט אַ מינוט צוריק אים אַ „קלאַפּ געטאָן אין פּליי־

צע", סרינט בונעם צוריק זיין געוויינטלעכן גרינגן געמיט. כא־כא, אָט האָסטו דיר אַ פּאָמאָטשניק איספּראַווניק... אַ כוואַט אַ מויד!

— צי איך בין געקומען זען מיין זון? — פּאַררוקט בונעם וואוילויגעריש זיינע הענט אין די פּאַכוועוויינקלען פון זיין קאַמיזעלקע. — יו בעטשע בוטס... וואָס דען בין איך געקומען?...

— טאָ וואַרט דאָ צו אַ ווײַלע... מיסטער אָלל־רייט!... — ענטפערט דאָס מיידל אויך מיט אַ גרינגן, צי גאָר גרינגשעצנדיקן שמייכל. — איך שיק אים אייך גלייך ארויס...

— כא־כא, אַ פּאָמאָטשניק איספּראַווניק... ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן... — ווען דאָס מיידל פאַרשווינדט ערגעץ אין אַ טיר, וויגט זיך בונעם נחתדיק הין און צוריק אויף די שפּיץ־שיך, ווי אויף רעסאָרן: — אַ גאַנץ נישקשהדיק מיידל פונדעסטוועגן... אזא יאָר אויף מיר... סאָם לאַיוו קיד, ביליוו מי!(2)

און בונעם הערט זיך גלייך אויף צו שרעקן פאַר די אַרומיקע קאָלירטע פּלאַקאַטן, פאַר די געהיימניספולע פּאַסיקלעך און קעמטעלעך פון די דיאַגראַמען און די ניט ווייניקער געהיימניספולע מענטשן אין טאָלסטאָוועקעס און הויכע שטיוול (די לעצטע קוקן דאָך אים אויך אויס ווי אזעלכע, לעבעדיק־געוואָרענע, פּלאַקאַטן און דיאַגראַמען), וואָס יאָגן זיך און שיסן דורך אין אַלע ריכטונגען איבערן קאָרידאָר, צו אַלע טירן. בונעם דערפילט זיך זיכערער. אָט באַלד...

איינער פון אָט די אַרומשמאַיענדיקע לעבעדיקע פּלאַקאַטן און דיאַגראַמען שטעלט זיך אים פּלוצלונג אַנטקעגן, פאַרשטעלט אים דעם וועג. מיט וואָס איז עס אָט דער־אָ געווען אַנדערש פון די איבעריקע? טאַקע מיט גאָרניט. אויך אזא יונגער, אויך אין הויכע שטיוול, אויך אין אַ טאָלסטאָווקע פון שוואַרצן טוך. אָבער העכער פון די איבעריקע — אַ שלאַנקע געשטאַלט מיט אַ שפּיציקער גאָמבע־בערדל, אין וועלכער עס וואַרפן זיך דורך זילבערנע פעדים. אויף קאָפּ די האָר — מיט דורכלויכטן שוין, טרוקענע, ווי איבערגעברענטע האָר. זע־נאָר, און נאָך אזא יונגער מענטש...

די הויכע געשטאַלט שטעלט זיך בונעמען אין וועג, בויגט זיך איין צו אים, ווי זי וואָלט זיך איבערגעבראָכן, שמייכלט אים אַנטקעגן פון גרויס הנאה איבער אָט דעם שקאָצעוואַטן איינפאַל זיך אוועקשטעלן אַ ווילד־פרעמדן מענטשן אין וועג. בונעמס פּנים לויכט

אויך אויף גוטמוטיק — וואָס־זשע, ער קען אויך זיין שטיפעריש אַביסל... אפשר קען אים אָט דער מענטש פון אַ באַגעגעניש אונטן אין שטאָט ערגעץ? בונעם קוקט זיך בעסער איין אין דער שלאַנקער געשטאַלט מיט דעם שפּיציקן גאָמבע־בערדל.

— הייסט עס, דו דערקענסט מיך טאַקע ניט... — דעם יונגערמאַנס שמייכל ווערט נאָך ברייטער און הנאהדיקער. — דאָס בין איך דאָך, טאַטע...

ד.

דיביידע דערוואַקסענע מענטשן וואַרפן זיך דערמאָלט איינער דעם אַנדערן אויפן האַלז — כאָטש ס'איז ניט געווען צו זען, מחמת דער שנעלקייט און מיטאַמאָליקייט פון אָט דעם זשעסט, ווער עס האָט דער ערשטער געמאַכט די באַוועגונג... ווער פון זיי ביידע, פון אָט די צוויי צוזאַמענגעפּלאָכטענע מאַנספּאַרשוינען, איז עס איינגער — ווער עלטער? מ'האָט געקענט גלויבן, קוקנדיק אויף די קעפּ און פּראָפילן פון אָט די צוויי שטייף־צונויפגעקוועטשטע מענטשן, אַז דער גלאַט־ראַזירטער בונעם מיט זיינע געדיכטע פרישע האָר אָן איין גרוי פעדימל אין זיי און מיט זיין פולן גוט־אויסגעפּאַשעטן פּנים, אַז ער איז עס זיכער דער איינגערער.

ווייגדער, וועלכער איז ניט איבעריק שטאַרק אַוועקגעטראָגן געוואָרן פון אָט דער באַגעגעניש־סצענע און וועלכער האָט זיך גוט צוגעהערט צו זיך אין אָט די מינוטן — איין מינוט אפשר אינגאַנצן, וועלכע האָט זיך אָבער אויסגעצויגן פאַר אים אין אָן־אַ־שיר מיי נוטן — ניין, קיין באַזונדערע געפילן, קיין שום זון־געפילן, האָט ער צו אָט דעם צווייטן מענטשן בשעת מעשה ניט דערשפּירט... גיכער האָט ער עס זיך געלאָזט קושן פונם טאַטן, איידער אים אליין געקושט.

בונעם איז נעווען שטאַרק גערירט... דעם אמת געזאָגט, האָט ער אפילו אויך ניט דערוואַרט צו טרעפן דאָ אַ קליין פּיצל אינגעלע. נאָר פונדעסטוועגן, אַזאַ דערוואַקסענעם מענטשן, מיט אַ באָרד שוין — כאָטש אַ קליין בערדל, אָבער אַזאַ שטייפס — און אפילו מיט גרויע האָר... אויף אַזוי פיל האָט ער זיך באמת ניט פאָרגע־שטעלט! — נאָר באַלד האָט ער אויף גיך, כמעט מיט אַ בושה־

נעפּיל, אָפּגעווישט פון די אויגן אַ פּאָר טרערן, און האָט זיך פריידיק פאַנאַנדערגעלויכטן אינגאַנצן.

— אַזוי... אַזוי... איז אָט דאָס, הייסט עס, ביסטו! — האָט ער אַביסל אָפּגעשטופּט פון זיך ווייגדערס הויכע געשטאַלט, אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף יענעמס אַקסלען, און אָנגעהויבן ריידן צו אים מיט גוט־ברודערישער חברשאַפט אין קול, — ניט ווי צו אַ זון, נאָר ווי צו אַ פאַרלוירענעם און ווידער־געפונענעם פריינט. — נו, לאָז־זשע מיך דיך כאָטש גוט באַטראַכטן, בנאָק מיינער... זע, דו ביסט דאָך באַלד העכער פון מיר... נאָר פאַרוואָס ביסטו עפּעס אַזוי דאַר, אַזוי חושך?... און סאַראַ באָרד האָסט זיך עס פאַרלאָזט! — האָט ער זיך הויך פאַנאַנדער־געלאַכט. — מאַי גאָד, כ׳וואָלט עס קיינמאָל ניט געגלויבט אַז דאָס ביסטו...

ער נעמט אַלץ ניט אַראָפּ די גוט־ברודעריש־אַרויפגעלייגטע הענט פון ווייגדערס אַקסלען. זע נאָר... אין זיינע האָר, ביי די שליפן, לויכטן זיך דורך, אין דעם פאַרנאַכטיקן האַלב־טונקל פונם קאָרידאָר, גרויע פּאַסן, זילבערנע טאַשמעס. פון בונעמס פּנים פאַרשווינדט באַלד די פריערדיקע אויפגעלויכטענקייט, די פריערדיקע פרייד. ער ווערט בלייך אַן אַזוי באַזאָרגט, אַז אַ ווײַלע קען ער בלויז האַלטן דאָס מויל פאַנאַנדערגעעפנט פון שטוינונג און שרעק.

ווייגדער נוצט אויס אָט די מינוט פון דער אָפּשוואַכנדיקער שטוינונג דעם פאָטערס און נעמט דערוויל פּאַמעלעך אַרונטער דעם טאַטנס הענט פון זיינע אַקסלען. אים איז די גאַנצע סצענע סך־הכל אַביסל ניט־אָנגענעם: פאַרבייגייענדיקע מענטשן קוקן זיך צו זיי צו, אַ טיר ניט ווייט שטייט האַלב־אָפן, אַ נייגעריק בלאָנד שיקסל מיט אַ ווישלאַפּן אין האַנט נעמט דאָרטן פון זיי די גאַנצע צייט ניט אַראָפּ די אויגן. לויט בונעמס הילוך דערקענט מען געוויס גלייך: עפּעס אַ פרעמדער פון אויף יענער זייט „גרעניצן", — ניט קיין היגער, — אָן אַ מ אָ ל י ק ע ר מענטש...

— הערסט, טאַטע... — נעמט זיך ווייגדער סוף־כל־סוף אָן מיט מוט. — דו וועסט מיר מוזן אויף אַ ווײַלע אַנטשולדיקן... איך בין איצט שרעקלעך פאַרנומען...

בונעם אָבער הערט עס ניט, כאָטש ער קומט ענדלעך אויך צו זיך.

— נו, אָן עק... — שלינגט ער אַראָפּ אין ברוסט אַריין אַ טיפן זיפץ. — נו, טו זיך גלייך אָן, ווינדער! — רופט ער אויס ענערגיש, ווי ער וואָלט געוואָלט שוין, די מינוט, אַרויסראַטעווען, אַוועקנעמען דעם זון פון דאַנען. — צום אַלעם ערשטן קום מיט מיר... אויף ריידן איז נאָך דאָ גענוג צייט... מיר'ן אָפּעסן צוערשט אַ גוטע וועטשערע, טאַקע ביי מיר אין האָטעל. מסתמא קאָרמעט מען דיך ניט צופיל איבער, וואָס? יאָ, כ'פאַרשטיי...
—שמייכלט ער טרויעריק. — נו, טאָ קום, מען וועט טאַקע אויס־טרינקען אויך צו גלעזלעך ווין...

ווינדער דערפילט זיך ווידער מאָדנע אומבאַקוועם.

— ניין, טאַטע, איצט ניט... שטאַמלט ער. — כ'האָב איצט פּשוט ניט קיין איינציקע פריייע מינוט... ווייסט, כ'בין דאָ שרעקלעך פאַרוואָרפן מיט אַרבעט... זאָרג זיך ניט, מען וועט שוין מיר ברענגען עפּעס אָפּעסן אַהערצו... נאָר אָט וואָס...

בונעם קוקט אָן דעם זון אַזוי ניט־פאַרשטייענדיק, ווי יענער וואָלט גערעדט צו אים כינעזיש.

— ביז וואַנען אַרבעט איר דען דאָ? — קוועטשט ער מיט די אַקסלען. — ס'איז דאָך שוין פאַרנאַכט! דו קלייבסט זיך דאָך דאָ ניט צו נעכטיקן?

— אפשר טאַקע יאָ... — דער שמייכל אויף ווינדערס שטייף־פאַרמאַכטע ליפּן איז איצט דער שמייכל פון אַ דערוואַקסענעם מענטש, בעת ער איז געצוואונגען עפּעס דערקלערן אַ צוויטן, נאָך גאָר אַן אומדערפאַרן מענטשל, און — פוילט זיך פונדעסטוועגן.
— מיר האָבן דאָ אין אָוונט זייער אַ וויכטיקע פאַרטיי־באַראַטונג,
— ווער ווייסט ווי שפּעט זי וועט זיך פאַרציִען. מעגלעך אַז איך וועל טאַקע מוזן פאַרבלייבן דאָ נעכטיקן.

— און מאָרגן פרי פאָרסטו שוין אָפּ פון דאַנען. — קוקט אים בונעם אָן מיט ברוגזער שטוינונג. —די מאַמע האָט מיר דאָך אַזוי געשריבן... איז וואָס־זשע טוט זיך דאָ...

— איז אָט... — ווינדער נעמט ענדלעך די סיטואַציע אין די אייגענע הענט, טאַקע ווי אַ דערוואַקסענער מענטש. — הער זיך איין, טאַטע... וועטשערע וועסטו שוין מוזן עסן אַליין... און איך וועל דאָ פון הונגער מסתמא אויך ניט שטאַרבן... און מאָרגן — אויף מאָרגן איז מיין פּלאַן אַזאַ: איך מוז אומבאַדינגט אָפּ־

פאַרן מאָרגן אינדערפרי, טאַקע ווי די מאַמע האָט דיר געשריבן, מיטן אַכט־אַזייגערדיקן פּאַראָכאָד, קיין נ א ר א ו ו ל י ע. איז אָט. מסתמא ביסטו דאָך ניט אַזאַ שרעקלעך־פאַרנומענער מענטש, וואָס ? — און ווײַטער שמייכלט אויפן טאַטנס חשבון מיט העפלע־כער אײַנגעהאַלטנקייט. — נו, טאָ קום אויך צו מאָרגן אינדערפרי, און פאָר מיט... אויפן פּאַראָכאָד האָב איך סײַ־ווי גאָרניט צו טאָן. וועט מען שמועסן — וועט מען ריידן.

און אַזוי האָט עס טאַקע געמוזט דאָס מאָל בלײַבן.

ח.

אויף מאָרגן איז בונעם אויפגעשטאַנען זייער פרי, אַ בליאַסק אויף טאָג.

דאָס איז אים אָנגעקומען דאָס מאָל זייער גרינג, כאָטש די לעצטע צייט האָט ער זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו שלאָפן שפּעט. ער איז אָבער סײַ־ווי שלעכט געשלאָפן די גאַנצע פאַריקע נאַכט, — כמעט גאָרניט געשלאָפן.

אַ שטאַרקע אומרואיקייט איז אין אים אויפגעשטיגן גלייך נאָכ־דעם ווי ער האָט נעכטן פאַרנאַכט פאַרלאָזט ווינגדערן.

די גאַנצע נאַכט איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן ווינגדערס הויכע און דאַרע געשטאַלט: די שפּיציקע קין־באָרד, ווי אַ שאַרף העקל; דאָס מאַגערע געזיכט מיט די דינע, שטייפע בלווילעכע ליפּן, די גרויע פּאַסן האָר ביי די שלייפן... ניין, אין אַזאַ מעמד האָט ער זיך בשום אופן ניט געריכט צו טרעפן דעם זון. היינט די אײַנגעפאַלענע באַקן, היינט לאָזט ער עפּעס אַלע ווײַלע אַרונטער די אַקסלען, ווי ער וואָלט זיי גאָר קיין כוח ניט געהאַט צו האַלטן גלייך. ווער ווייסט, — האָט געטראַכט בונעם מיט שרעק, — וואו ס׳האַלט מיט אים איצט אין געזונט.

איז די גאַנצע פאַריקע שלאָפלאָזע נאַכט פילט ער זיך שוין ווי אַ שולדיקער... כאָטש ווידעראַמאָל דאָס זעלביקע: וואָס האָט ער דען ד ע מ א ל ט געקענט טאָן ? אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט, האָט ער געוויס געטאָן. און אַלץ וואָס ער וועט איצט קענען טאָן, וועט ער אויך זיכער טאָן. יאָ, אַלץ, — ס׳איז פעסט באַשטימט...

און ער הויבט עס טאַקע אָן גליַיך — שוין אויף מאָרגן איננ־דערפרי.

ער נעמט מיט זיך מיט אַסך סענדוויטשעס וואָס ער האָט גע־הייסן אין האָטעל נעכטן, פאַרן שלאָפן־גיין, צוגרייטן. ער נעמט נאָך מיט אייניקע שקאַרמיצלעך מיט פרוכטן, אַ גאַנצע פלאַש וויין... ער רייבט זיך די גאַנצע צייט די הענט פון אַ ריי אָנגע־נומענע באַשלוסן. אַ, ער איז איצט פול און איבערפול מיט אַלערליי האָפערדיקע פלענער... ניין־ניין, אויב ביי אים איז אויסגע־וואַקסן אַזאַ גרעסטענער זון וועלכער קען פאַרנעמען אַזאַ וויכטיקן אָרט אין דער היגער נאַטשאַלסטוואָ, הייסט צו וואָס פאַר אַ קאַריערע וועט זיך שוין אַזאַ יונג קענען דערשלאָגן אין אַזאַ פרייען דעמאָ־קראַטישן לאַנד, ווי אַמעריקע?

נאָר דאָס וועט אַלץ זיין שפעטער, שפעטער... צוערשט וועט מען אים דאַרפן אַוועקשיקן, דעם יונג, ערגעץ אין אַ פּאַנסיאָן אין די קעטסקיל־בערג, אויף צו פּאָפּראַווען זיך. צי אפשר גאָר קיין ל י י ק װ א ו ד? ווייל אַז זיי וועלן אָנקומען קיין אַמעריקע, וועט שוין זיין צו־שפעט פאַר די בערג, וועט שוין אודאי זיין אָנ־הויב ווינטער.

בונעם שיינט פון צופרידנקייט. ער טראָגט זיין ליכטיקן ענג־לישן אָנצוג פון פעפער־און־זאַלץ. ער האָט אויך ניט פאַרגעסן אָנצוטאָן זיינע גרויסע האָרנדיקע ברילן — דאָס מאָל וועט עס דאָך זיין אַ נסיעה טאַקע אויפן וואַסער, פונקט ווי דעמאָלט ווען ער האָט אויפן ריזיקן טראַנסאַטלאַנטישן האָטעל־שיף איבערגעשניטן דעם ים. ער טוט אויך אָן זיין גרויע וואָלענע קעפּ. און ווען ער וואָלט ניט מורא געהאַט אַז דאָ וועלן אים נאָכלויפן די אינגלעך אין גאַס, ווי נאָך אַ ווילדן בייז־וואונדער, וואָלט ער אפילו אָנגעטאָן זיינע קני־הייזלעך אויך, מיט די לאַנגע וואָלענע זאָקן באַדעקטע מיט אויסטערלישע אוזאָרן פון שיפּענדיקע שלאַנגען... און זאָל דער זון טאַקע זען וואָס פאַר אַ לאַנד אַמעריקע איז! אַלנפאַלס, בונעם פאַרגעסט ניט אַריבערצוּוואַרפן באַלכסון איבערן אַקסל דעם רימען אויף וועלכן עס הענגט אַרונטער אַ גרויסע ים־שפּאַקטיוו, אין אַ שיידל פון גען לעדער.

אויפן פּריסטאַן קומט ער אַרויף איינער פון די גאָר ערשטע פּאַסאַזשירן, קויפט צוויי בילעטן ערשטע קלאַס. נו, וואָס דען, פאַר

געלט קען מען אויך ביי די באָלשעוויקעס פאַרן ערשטע קלאַס, ניין־ניין... אי, געלטעלע, געלטעלע! — און בונעם הויבט אָן זוכן ארום זיך דעם זון.

ער איז אַזוי פאַרטיפט אין זוכן ווינדערן אַז ער זעט אינגאַנצן ניט וואָס עס טוט זיך איצט אַרום אים. טרעגערס מיט צעאַקערטע און צעקאַרבעטע נאַקנס שלעפּן אַרויף פון פּריסטאַן אויפן פּאַראַכאָד גרויסע זעק מעל; טרעגערס מיט שוויס־באַגאָסענע שטערנס, אויף וועלכע עס סטאַרטשען אַרויס פון גרויס אָנשטרענגונג אויפגעלאָפענע אָדערן, ווי שטריק, שלעפּן אויפן עק פּאַראַכאָד פּעק מיט ריזיקע קוכנס מאַקוכע; מאַטראָזן קייקלען אַרויף גליטשיקע נאַסלעכע פּעסער אייל... עס שטייט אויפן פּריסטאַן אַ טומלדיקער הור־האַ, דאָס אָפּגיין פון פּאַראַכאָד דערנענטערט זיך.

בונם שטייט ניט איין אויף אַן אָרט, לויפט אַראָפּ און אַרויף דעם זיך־הוידנדיקן הילצערנעם בריקל, וואָס פירט פונם פּריסטאַן אויפן ברעג אַרונטער, שטופּט זיך, שטויסט זיך, האָט גאָר קיין מורא ניט טאָמער וועט מען נאָך דאָ אויסשמירן זיין טייערן קאָסטיום.

— וואָס טוט זיך דאָ? ווינדער איז אַלץ ניטאָ...

— ניט שוין־זשע... ער האָט דאָך אַליין פאַרגעשלאָגן דעם דאָזיקן פּלאַן!

אָט פּייפט שוין דער קוימען צוויי פּייפן, די גרויסע קופּערנע גלאָק אויפן פּריסטאַן קלינגט אויס צוויי מאָל. די פּאַסאַזשירן ווערן נאָך לעבעדיקער, פאַרענדיקן איינקויפן אויפן ברעג די קריגעלעך אויפגעזאָטענע מילך, מיט אַ געדיכטער פעטער פּליאָווקע פון אויבן, די האַרטע אייער, די געבראָטענע הינדעלעך, די געבאַקטע שטיקער לעבער וואָס זעען אויס ווי פאַרגליווערטע שטיקער בלאָטע. מען יאָגט זיך אַרויף די קלאַדקעס, די זון שיינט שוין אויפן וואַסער, דאָס וואַסער שפּיגלט זיך אין דעם פריש־אויסגעפּעכטן אונטערשטן פּאַס פון דאַמפער — און ווינדער איז אַלץ ניטאָ.

דער קוימען פּייפט שוין דריי מאָל. דער הור־האַ דערגרייכט דעם העכסטן שפּיץ, מען שרייט זיך איבער פון שיף אויפן פּריסטאַן און צוריק, דער גלאָק קלינגט ווידער, די פּריסטאַן־אַרבעטער שטייען שוין גרייט אַרונטערצושלעפּן פונם פּאַראַכאָד דעם בריקל, בונעם וואַרפט פאַרלאָרענע בליקן אויפן איבערגעבליבענעם עולם אויפן

פריסטאַן, ווייסט ניט וואָס צו טאָן — ערשט ווינגדער גיט אים פון הינטן אַ כאַפּ אונטערן אָרעם, אַ שלעפּ נאָך זיך אוןביידע שפּרינגען פּלינק און אין דער לעצטער מינוט אַרויף אויפן פּאַראָכאָד.

כאַ־כאַ! מען וואָלט געקענט דענקען ווי דער זון איז עס דאָ די גאַנצע צייט געשטאַנען גלייך הינטער בונעמען. אַזאַ חברה־מאַן!

עס הויבט זיך אָבער גאָרניט אָן: ווינגדער סאָפּעט שווער, קען אַזש קיין וואָרט ניט אַרויסברענגען, זיינע באַקן זיינען באַ־דעקט מיט אַ רויטקייט פונם לויפן וואָס ער איז געלאָפן אַהער. די זיצונגען מיט זיינע לייט האָבן זיך פאַרצויגן נעכטן העט שפּעט אין דער נאַכט אַריין, ער האָט זיך געלייגט שלאָפן ערשט ווען ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. ער איז אויפגעשטאַנען שפּעט.

ער איז היינט אָנגעטאָן פּונקט ווי נעכטן — אויך אין אַ טאָלסטאָווקע און אויך אין הויכע גערונצלטע שטיוועלעך. נאָר איצט איז די טאָלסטאָווקע אַ ווייסע, דער אָנצוג אַ פּאַרוסינענער, אַ סאָוועטישע קעפּקע אויפן קאָפּ — אַ פלאַכע, אַ ברייטע, מיט אַ גרויסן דאַשעק. אונטערן אָרעם — אַ פּאָרטפעל; אין מויל — אַ ציגאַרעטל. ער קוקט אָבער אויס וואוילינגערישער, לעבעדיקער ווי נעכטן.

ער סאָפּעט פריידיק, שמייכלענדיק. קוים וואָס ער האָט כּוח אַרויסצוזאָגן אַ פּאָר ווערטער:

— הו... הו... האָב איך זיך געאיילט... שיר ניט פאַר־שפּעטיקט...

און ער צינדט גלייך אָן אַ צווייטן ציגאַרעטל אָן דעם ערשטן, איידער ער באַווייזט נאָך דעם לעצטן אויסצורויכערן אינגאַנצן.

— וואָלסט ניט געדאַרפט אַזויפיל רויכערן, מיין זון... — בונעם באַטראַכט דעם זון פון אַלע זייטן מיט גרויס באַזאָרגטקייט.

ווינגדער ענטפערט ניט. בונעם הויבט אים אָן שלעפּן אַרונטער, צו די קאַיוטעס.

— וואוהין שלעפּסטו מיך, טאַטע? — לאַכט ווינגדער.

— וואָס הייסט וואוהין? — פרעגט בונעם צוריק מיט אַ מינע פון זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. — אונזערע בילעטן זיינען דאָך ערשטע קלאַס...

— ווייס איך וואָס... — לאָזט זיך ניט ווינגדער. — אין דרויסן

איז אזוי שיין און דו ווילסט מיך גאָר באַגראָבן אין אַ קאַיוטע...
מיר'ן בלייבן בעסער אויף דער פּאַלובע!

אָבער אַז בונעם לויפט, גלייך נאָכן פּאַראָכאָד־אָפּגיין, אַראָפּ צום בופעט כדי דאָס סאַמע ערשטע צו באַשטעלן דאָרטן אַ גוטן מיטאָג פאַרביידן, האַלט ער זיך פונדעסטוועגן ניט איין, געפינט אויס דעם ערשטן קלאַס — ז י י ן ערשטן קלאַס — און לויפט אַהין אַרונטער.

דאָרט איז האַלב־טונקל, די קליינע קײלעכדיקע פענצטערלעך לאָזן כמעט ניט אַריין די זון. אויף די ווייך־אויסגעבעטע פּליושענע בענק פּאַזע די ווענט געפינען זיך בלויז אַ צוויי־דריי פּאַסאַזשירן, — שווייגנדיקע, אָפּגעזונדערטע איינער פונם צווייטן.

— זע נאָר. — וואונדערט זיך בונעם זייער נאַאיוו. — וואוהין זיינען זיי דאָס אַלע אַהינגעקומען, די פּאַסאַזשירן? אויפן פּריסטאַן האָבן זיך דאָך געפונען אַזויפיל מענטשן...

די צוויי־דריי ערשט־קלאַסיקע פּאַסאַזשירן, נעפּליוּט, זיצן אין זייערע ווינקלען, פאַררוקט שווייגנדיקע אין דער האַלב־טונקלקייט. זיי זעען אויס: יהוסדיקע תפוסים, וועלכע מען פירט איצט ערגעץ אין אַ דער תפיסה־קאַמער פאַר חשובע אַרעסטאַנטן — מען פירט זיי ערגעץ צו אַ געהיימניספולן ענד... אָבער בונעמען דוכט זיך דאָ אויס גאָר עפּעס אַנדערש:

— מסתמא, — טראַכט ער זיך, — האָט מען זיך נאָך דאָ מורא צו פאָרן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער... אָ, אין יענע וועלדער וואָס מען זעט פונדאַנען אויף די בערגיקע שפּועס — דאָרט מוזן זיך נאָך איצט אויך אודאי אויסבאַהאַלטן באַנדיטן... יאָ, דעריבער טאַקע שווימט עס איצט דער פּאַראָכאָד איבערן טייך אַ פּוסטער, כמעט אַ ליידיקער...

ער זעצט זיך פונדעסטוועגן אויף אַ ווײַלע צו, בונעם — גלאַט אַזוי, צו קענען פילן דעם טעם פון ערשטן קלאַס, פון ערשטן קלאַס א י נ ד ע ר ה י י ם. איין גאָט ווייסט עס, חוץ בונעמען אַליין: ד אָ, אין דער אַלטער היים, איז ער מיטן ערשטן קלאַס קיינמאָל ניט געפאָרן, אפילו קיין איינציק מאָל ניט אויף אַלע זיינע אָמאָליקע וואַנדערונגען... ער פלעגט זיין, דוכט זיך, צופרידן ווען ער פלעגט קענען באַצאָלן פאַר אַ בילעט כאָטש אויף דער האַרטער הילצערנער באַנק פון ווינטיקן צוג־לופטיקן דריטן קלאַס אויף אַ

פאראכאד, וואס געפינט זיך כמעט אין דרויסן. און פלעגט עס ניט פאסירן, אין די אינגערע יארן זיינע, אז ער פלעגט אמאל גאר אויסבאהאלטן זיך א גאנצן טאג אין דעם נאסלעכן שמוץ א ו נ ט ע ר א באנק, — א פארשטעלטער מיט רייזע־טארבעס און באשטיוולטע פריינטלעכע פויערשע רגלים, — און די באסמאלעטע רודער־קייטן פלעגן אים נאכאנאנד קראצן און רייבן, — אויסבאהאלטן זיך ווי א „האז" א פשוטער, הא? און איצט...

לאנג אבער זיצן דא זיצט בונעם ניט. אויך אויף אים טראגט זיך באלד איבער דער שרעק און די אומהיימלעכקייט וואס יאגן פון דער האלב־טונקלקייט פונם ערשטן קלאס, פון די טונקעלע פליוש־בענק, פון די אין־זיך פארשלאסענע אפגעזונדערטע געפלייט־פאסא־זשירן... און ער כאפט זיך גיך צוריק ארויס אויף דער פרישער לופט.

אויפן דעק טרעפט ער ווינגדערן. יענער שטייט ביי דער פארענטש און באטראכט די סאסנע־וועלדלעך ביים ברעג. זע נאר, וואוהין איז עס איצט אהינגעקומען די געוויינטלעכע שארפקייט פון ווינגדערס בליק? מיט פארחלומטקייט קוקט ער אויף די וועלדלעך וואס שווימען פארביי אויפן ברעג דעם פאראכאד אנטקעגן. האט ער אפשר אויך מורא פאר באנדיטן — אט, אשטייגער, ווי זיין אמע־ריקאנישער, ערשט־געפונענער טאטע? ניין, דער פאראכאד פאטשט דאס וואסער מיט זיינע היפשע וויאסלע־רעדער הילכיק און זיכער... נאר ווינגדער טראכט איצט וועגן אן ענלעכער נסיעה וואס ער האט געמאכט, אויך מיט א פאראכאד, מיט א היפשער צאל יארן צוריק שוין — יא, שוין לאנג, לאנג — ווען ער איז געפארן דאס ערשטע מאל קיין קיעוו, זוכן ארבעט...

אט יענע ליבשאפט וואס איז דעמאלט אויפגעגאנגען אין אים צום ארומיקן אומעטיקן פאלעסישן לאנדשאפט, — אך, פאר אט די אלע פארלאפענע יארן איז זי אין אים נאך שטארקער געווארן, נאך איינגעבאקענער... דאס ארומיקע לאנד איז שוין ניט מער זיין „מאמע". פארקערט: ער באטראכט עס גאר אליין מיט פא־טערלעך געפיל, מיט ליבשאפט פארבאהאלטענער — און דער־עיקרשט: מיט שטאלץ...

ווייל ווי לאנג צוריק איז עס טאקע געווען: די ארומיקע וועלדער זיינען געווען געדיכט אנגעפיקעוועט מיט באלאכאוועס,

מיט אטאמאנען און באנדיטן אלערליי ווי מיטווילדע גיפטיקע שוואמען? אשטייגער, אט יענעם פארטאג מיט א פאר יאר צוריק, ווען ווינגדער איז, אין דעם פרישן זומערדיקן שבת־פרימארגן, אריינ־געקומען אין זיין געבורט־שטאט צוזאמען מיט א גרויסן אפטייל רויט־ארמייער — האבן ניט כמעט פון אהינטער יעדער פאסנע פון אט דעם זעלביקן וועלדל אויפן ברעג ארויסגעקוקט שלאנגיקע אויגן פון באלאבאלוצעס, פייער־שפייענדיקע מיילער פון ביקסן און קוילנווארפערס? און היינט...

יא, ווינגדער האט אין דעם אלץ א חלק, — ער האט א חלק א בלוטיקן אין דעם געבורט פונם נייעם לעבן ארום. ער פילט זיך דעריבער פאראנטוואָרטלעך פאר אלץ, לחלוטין פאר אלץ — א געטרייער און איבערגעגעבענער באלעבאס! זיין פאטערישער שטאלץ איז אבער צו דער זעלביקער צייט ניט פריי פון באזארגט־קייט: אן אונטערוואקסנדיק קינד שטעלט די ערשטע טריט, — שטרויכלט זיך, פאלט, הויבט זיך אויף, פאלט ווידער — כאטש עס לערנט עפעס אפילו פון דעם פאלן...

דער פאראכאד פארקרימט זיך, גייט אין א זיגזאגישער ליניע, וויל זיך האלטן דאס רוב הארט ביים לינקן העכערן ברעג טייך, וואו דאס וואסער איז טיפער. דער טייך איז אפילו ברייט, נאר זומער־דיק־אויסגעטריקנט, פארוואקסן מיט זאמד, אומעטום שטארצען ארויס פון דעם וואסער־אויבערפלאך זאמד־אינזעלעך, אויף אייניקע פון זיי האבן שוין אפילו באוויזן אנצואוואקסן גראזן... די צופלוסן פונם פריפיעט אין די פאלעסיער און אוקראינישע וועלדער פלעגן יעדן פרילינג אנטראגן אין טייך אריין זאמד, אסך זאמד. א „טשע־רעפאלקע" פלעגט דא אין די אמאליקע צייטן זומער־צו ארבעטן, גראבלען דעם גרונט מיט די שארפע שעפ־עמערס, גראבן, רייניקן, פארטיפערן דעם גרונט פון דעם טייך. אבער די לעצטע פאר יאר איז דער פריפיעט־טייך אינגאנצן פארלאזן געווארן, די אמאליקע טשערע־פאלקעס זיינען צעבראכן, פארזשאווערט געווארן, צי גאר פאר־וואנדלט געווארן אין קריגס־שיפלעך וועלכע האבן אין די אומ־רואיקע צייטן נאכגעיאגט די באנדיטן איבערן טייך. און דערוויל ווערט דער טייך פון יאר צו יאר אלץ מער פארלאזן...

ווינגדערן טוט שטארק וויי אט די פארלאזנקייט. כאטש ער ווייסט אז נאך א יאר, נאך א יאר — — — און דער זכרון

שווינקט ארויף צום באוואוסטזיין א שמועס וואָס ווידער האָט געהאַט מיט דער מאַמען זיינער טאַקע אָט יענעם ליכטיקן זומער־דיקן שבת־פרימאָרגן מיט צוויי יאָר צוריק, בעת ער איז אריין אין שטאָט, ווי אַ רויט־אַרמייער. שפּעטער אַביסל אין טאָג, ווען ער איז געקומען אהיים און די מאַמע האָט זיך אים געוואָרפן אויפן האַלז, האָט זי אים די ערשטע זאַך אריינגעפירט אין טשולאַן אריין, האָט אים געפירט פריידיק און טריאומפאַליש און מיט אַזאַ פּאָמפּע, ווי אַ זיגער צו זיין היסב־בעט. דאָרט, אין טשולאַן, צווישן דער גרויסער קופּע שמאַטעס און אָניטשעס, האָט זי אים מיט געטריישאַפט אָנגעוויזן אויפן זאַק מיט פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור וואָס איז געלעגן דאָ אַזאַ לאַנגע צייט פאַרשטעקט אין דערוואַרטעניש.

— נו, — האָט זי מיט אָן־אַ־שיר געטריישאַפט אין אירע וואָרים־פייכטע אויגן אים אָנגעוויזן אויפן זאַק מיט די ארויס־סטאַרטשענדיקע ביכלעך און זשורנאַלן. — אָן איז ער, דער זאַק... וואָס האָסטו עס דאָרטן פאַרא אוצרות אַזעלכע, בין איך אַ בעלנטע צו וויסן?

— נאַשעניע... — האָט ער דער מאַמען גלייך געענטפערט מיט אַ שמייכל פול געטריישאַפט. — זאָמען אויף צו פאַרזייען אויף אונזערע פאַרוויל̈דעוועטע פעלדער...

נו, טראַכט זיך איצט ווידער — איז אויב אָט דער פאַרזיי איז אַזאַ נייער און אַזאַ גרינטלעכער און אויף אַזאַ ברייטן שטח, מוז דאָך אודאי געדויערן לאַנג ביז וואַנען עס גייט אויף די גוטע גע־רעטעניש.

אָבער אפילו איצט טאַקע: צי זיינען גאָר ניטאָ פאַר יעדן אומעט — עפּעס אַ נייע פ ר י י ד, אַ נייע ט ר י י ס ט?

ז.

אָן, דורך טונקעלע קיפּאַרים־בוימער זעען זיך ליכטיקע ווייטע גריכישע זיילן. דאָס איז די פּאָדערשטע ווערענדע פון ה אָ ר־ו ו א ט ס אַמאָליקן פּאַלאַצ. ער איז ארומגערינגלט, דער פּאַ־לאַצ, מיט שטייפע אומבאַוועגלעכע ציפּרעסן־בוימער, ווי מיט אַ ריי וואַקסנדיקע פּיראַמידן. אָט דער פּאַלאַצ — ווען האָט ער דען אַמאָל געדינט? דאָס רוב יאָר פלעגט ער דאָך אינגאַנצן פּוס־

טעוועז. חוץ די פאר זומער־חדשים, ווען די לײדיקגײערישע גרעי־פישע פאמיליע פלעגט זיך ארונטערכאפן אהער, ערגעץ פון פאריזש צי איטאליע, וואו זי פלעגט דאס רוב צײט פארברענגען. — — —

און איצט זײנען היפשע טײלן פון אט דעם מאיאנטעק — פון דער בעסטער ערד אין גאנצן געגנט — אפגעגעבן געווארן פאר א קאָלעקטיוו פון אידישע איבערוואנדערער, טאקע ערשט לעצטן פרילינג... און — נײן, דארטן פוסטעווען איצט מער ניט קײן חדרים... דארט וואוינט געדיכט א היפשע צאל ארבעטנדיקע מענטשן, גאנצע צוועלף משפחות. אן גײט דארט איצט אויף פון די קוימענס, צווישן די בוימער, א רויך. מען קאכט שוין אודאי דארטן איצט דעם אנבײסן. די מאמע וואוינט אויך דארט...

בונעם, וואס האט די גאנצע צײט, מעשה געניטער רײזנדיקער געקוקט אויפן ברעג מיט זײן גרויסער ים־שפאקטיוו, רופט זיך פלוצלונג אפ:

— זע נאר, ווינדער, סארא שײן פאלאצל... גיב נאר א קוק...

— ביסט דען דארטן נאך ניט געווען? — וואונדערט זיך ווינדער. — דאס איז דאך „נײ־לעבן"... האסט דען נאך ניט באזוכט די מאמע?

— אך, אט דאס איז ער טאקע? צע־צע־צע... זע נאר, אן אמתער פאלאץ... דאס דארף דאך זײן...

— הארוואטס אמאליקע אימעניע... — זאגט אונטער ווינדער. פון דער זײט באטראכט ער דעם פאטער מיט שארפן בליק; ער וויל זען וואס פארא אײנדרוק דאס וועט אויף אים מאכן.

בונעם שווײגט אין גרוים עקסטאז.

— האסט דען נאך ניט באזוכט די מאמען? — פאדערט שוין איצט ווינדער.

—נײן, דערווײל נאך ניט... ס'איז געווען אזויפיל צו טאן אין שטאט בײ מײן רעליף־ארבעט. — פארטענהט זיך דער פאטער. — איך קלײב מיך אלץ אהין ארויסצופארן... א ליאדע טאג... און דאן דארף מען זיך דאך שלעפן אהין מיט א פויערישער פור כ'ווײס וויפיל שעה, מען צעטרײסלט זיך די בײנער... — ער לאכט זיך גוטמוטיק פאנאנדער. — ווײסטו, שוין אפגעוואוינט זיך דער טאטע דײנער פון אזעלכע רײזעס... אלבעטשע, ביסט נאך דארטן אלײן אויך ניט געווען?

— איך בין דאָרט געווען ערשט נעכטן.

— נעכטן? — שטוינט בונעם. — האָסט דאָך מיר געזאָגט אַז דו ביסט שרעקלעך פאַרנומען, און אַז דו וועסט מוזן נעכטיקן אין שטאָט...

— ריכטיק. — ווייגדערס ענטפערס זיינען קורצע שאַרפע שווערדן. — אָבער א י י ד ע ר נאָך איך בין געקומען אין שטאָט, בין איך דאָרט געווען...

— אַזוי?

— געשלעפּט זיך אַהין טאַקע אין אַ פּויערישער קיביטקע אַזש פון נאַסאָווען. ניין, קיין באַנען זיינען נאָך ביי אונז ניטאָ אומעטום... ד ע ר ו ו י י ל... — שטרייכט ער טראַציק אונטער.

— אָבער נישקשה, מיר׳ן אייך אָניאָגן... און אפשר איבעריאָגן אויך...

— אונז?

— יאָ, אייך. — בליצן אויף דעם זונס אויגן. — אַמעריקע, די צעפּוילטע אייראָפּע... אייך אַלעמען...

בונעם לאַכט זיך פאַנאַנדער פונם זונס האָפערדיקע, שטאָלצע רייד. זע נאָר, זע נאָר! ער דערמאָנט זיך אָבער וואָס סטערע האָט אים אָנומלטן געבעטן וועגן די קינדער. און ער באַשליסט בעסער צו זיין פאָרזיכטיק, — מען דאַרף בעסער דעם שמועס אַריבערפירן אויף עפּעס אַנדערש. פונדעסטוועגן לויפט אין אים דורך אַ פאַרדאַכט: „מאָדנע... אין איר צעטעלע וועגן ווייגדערס אָנקומען האָט סטערע מיט קיין איינציק וואָרט ניט דערמאָנט אַז זי האָט שוין דעם זון געזען! הם״....

— קום, לאָמיר זיך צוזעצן... — שלעפּט ער דעם זון אַוועק פון באָרט. — די זון הויבט שוין אָן שטאַרק צו בראָטן... קום בעסער אַהער. — שלעפּט ער אים צו צו אַ באַנק הינטער אַ לופטקוימען. — דאָ איז אַ שאָטן. נאָ, ביז מ׳עט צוגרייטן דאָרט אין בופעט אונזער מיטאָג, לאָמיר דערווייל עפּעס צוביסן...

אויף דער ווייס־געפאַרבטער באַנק ווערט אויסגעשפּרייט אַ פּאַפּיר.

— איך האָב געבראַכט מיט זיך עטלעכע סענדוויטשעס, — דיין חלק פון דער נעכטיקער וועטשערע, האַ־האַ... וועסט זיך

ניט אַרויסדרייען! איך וועל הייסן דערלאַנגען טיי, מסתמא האָסטו נאָך קיין טיי אויך ניט געטרונקען, האָסט זיך דאָך געאיילט...

ביידע עסן שווייגנדיק, מיט אַפּעטיט. אַרום זיי — ריח פון זומערדיקן טאָג אויפן וואַסער. ריח פון סאָסנע־וועלדער אויפן נאָנטן ברעג. ריח פון צעוואַרימטן פעך אין זון.

פון צווייטן עק פּאַראָכאָד, פון לעבן דער קאַרמע, דערהערט זיך אַ לוסטיק שפּילן פון אַ האַרמאָשקע, אַ הילכיקער לאַכן פון פּויערטעס. הינטערן באַרג פון קאַסטנס, זעקלעך מעל, קנוילן שטריק און אַלערליי אַנדערע פּראַכטן האָט זיך דאָרט צונויפגעקליבן פּויער־רים־פאָלק, זשליאָקען דורשטיק הייסן אָקראָפּ, פאַרבייסן מיט שוואַרצן קלייענדיקן ברויט, וואָס האָט אַן אויסזען פון פּריש־אויפגעאַקערטע שטיקער ערד... מען לאָזט זיך וואוילגיין! געזאַנג און האַרמאָשקע־שפּילעריי. זון און ליכטיקייט אַרום. אויך בונעמען אין האַרץ שטראָמט אַריין אַ טייכל פון פרייד.

— זע נאָר, ביסטו עס אויסגעוואַקסן פאַר דער צייט, מיין זון...

— מעסט ער אים פונדאַסניי אָפּ מיט אָפענעם שטאָלץ. — ביי אונז אין אַמעריקע וואָלט אַזאַ באַי ווי דו שוין לאַנג געגאַנגען אין קאָלעדזש, שוין לאַנג געפינישט) אפשר... אפשר? טאַקע זיכער! — אויף אַ לאָיער, צי וואָס... כאָטש דיין בערדל, מוז איך דיר זאָגן, פּאַסט ביי אונז ניכער פאַר אַ דאָקטאָר... — שטראַלט ער אויפן זון מיט אָן־אַ־שיר ליבשאַפט. — אַזוי האַלט מען ניט ביי אונז דערפון... פון בערד, מיין איך...

אודאי פאַרשטייט וויגדער ניט די פרעמדע ווערטער וואָס זיין טאַטע געברויכט. ער פרעגט איבער... אויף וויפל ער קען נאָר, פאַרטייטשט אים בונעם יעדן וואָרט. וויגדער דערפילט אין זיך אַ מאָדנע קענגערישקייט אפילו, דוכט זיך, בלויז צום קלאַנג פון אָט די פרעמדע ווערטער... עס וואַקסט דער פאַרדרוס: אַ מענטש וואָס הייסט זיין טאַטע, זאָל צו אים גאָר ריידן אויף אַזאַ פרעמדער שפּראַך.

— אָ, אין קאָלעדזש... — ענטפערט וויגדער מיט אַ בטול־שמייכעלע. — כ'מיין, אַז קומענדיקן יאָר קריג איך טאַקע אַ קאָ־מאַנדיראָווקע קיין מאָסקווע, אין אַ וואוז...

איצט פאַרשטייט שוין בונעם ניט דעם באַדייט פונם אויס־טערלישן וואָרט, און דער זון מוז עס אים דערקלערן.

— אזוי ? אזאַ אוטשרעזשדעניע4), הייסט עס... אודאי מיט פּראַוועס, היינט איז דאָך ביי אייך אַלץ מיט פּראַוועס5) ...

ווינגדער שווייגט. בלויז זיינע קאַלטע קאַרע אויגן ענטפערט מיט אַ שמייכל — אַ שמייכל פון אַ דרויסנדיקער העפלעכקייט און אינערלעכער פרעמדקייט.

— אָבער זאָג נאָר... — פּאָדערט ווייטער דער פּאָטער. — עפּעס אַ מלאכה האָסטו זיך דאָך געלערנט אַמאָל... כ׳געדענק, די מאַמע האָט מיר געשריבן... דרוקעריי ? יאָ, ריכטיק... איז וואָס ביסטו געווען — אַ קאָמפּאַזיטאָר ? אַ פּרעסמאַן ? שאַ, וויפיל קריגט ביי אייך אַ וואָך אַזאַ אַרבעטער ?

ווינגדער ענטפערט : — דערעיקרשט איז ער געווען אַ זעצער, כאַ־כאַ, אַ קאָמפּאָזיטאָר... אין אַ דרוקעריי פאַרשטייט ער אָבער אַלץ. אָבער בכלל... שוין אַ פּאָר יאָר אַז ער פאַרנעמט זיך ניט מיט זיין פאַך ; ער ווייסט דעריבער ניט די היינטיקע פּרייזן פון די פאַרשיידענע אַרבעטן.

בונעם הערט ניט דעם ענטפער, כאָטש ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ : ער פאַרשטייט, הייסט עס, אַלצדינג, וואָס מען רעדט צו אים...

— איך פאַרשטיי... איך פאַרשטיי... אָנדערסטענד... וואָס־זשע אָבער פלעגסטו קריגן אַ טאָג ? ביי אייך דאָ איז פון וואָך, אַהאַ... איז וויפיל האָסטו געקראָגן אַ וואָך צום סאַמע לעצטן, ווען דו ביסט שוין געווען אַ גוטער בעל־מלאכה ? אָבער זאָג מיר אָקאָרשט ניט אויף אייערע מיליאָנען, נאָר אויף אמתן געלט... צען רובל, פופצן ? אַ וואָך ? כאַ־כאַ־כאַ... — בונעם טרייסלט זיך אַזש פון געלעכטער. — ביי אונז פאַרדינט אַ זעצער אַ טאָג פופצן דאָלאַר ! אָנדערסטענד ? פופצן ד אָ ל אַ ר ! דאָס הייסט דרייסיק גאָלדענע רובל אַ ט אָ ג ! ביי אונז אַ זעצער אַז ער אַרבעט אָפּ אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד, פאַרמאָגט ער שוין אַ היפּשן באַנק־ביכל ! אָנדערסטענד ? שפּאָרט ער זיך אָפּ די שיינע פּאָר טויזנט טולער... קען האָבן אַן אייגענעם אויטאָמאָביל... וואָס מיינסטו דיר עפּעס...

ווינגדער באַמיט זיך צו ריידן זייער און זייער איינגעהאַלטן, שטיל און פּעדאַגאָגיש.

— מעגלעך, טאַטע... עס קען אודאי זיין אַז ביי אייך פאַרדינט דער אַרבעטער מער ווי ביי אונז... מיר הויבן דאָך ערשט אָן אונ־זער סאָציאַליסטישע בויאונג. — זיינע קאַרע אויגן צינדן זיך אָן מיט קאַלטע פייערלעך. — אָבער ביי אייך — וואָס איז ביי אייך? ביי אייך אַרבעט דאָך דער מענטש אויפן טייוול. ביי אונז אָבער האָרעוועט דער אַרבעטער פאַרן אייגענעם לאַנד! ער אַרבעט סוף־כל־סוף אויף זיך אַליין! זעסט דעם חילוק?

ז.

און בונעם באַקערט דאָ: ביים זון האָבן זיך באַוויזן רויטע פּליאַמעס אויף די באַקן, העכער פונם שפּיציקן בערדל. ער דער־שרעקט זיך: ווי דאַר ער איז, גאָט מיינער.... אפשר ליידט ער גאָר אויף קאָנסאָמשאָן6)? נו־יאָ, נאָך אַזעלכע יאָרן... ער פאַרבייסט זיך אַזש די ליפּן פון פאַרדרוס: אַזאַ מענטשן דאַרף מען זיך היטן פון אויפצערענען. און ער, דער חמור, פאַרגעסט זיך ווידער אָן סטערעס וואָרנונג...

— נו, זון מיינער, הכלל... — גייט בונעם אויף קאָמפּראָמיסן.

— מסתמא איז עס אַזוי ווי דו זאָגסט... לאָמיר בעסער אויס־טרינקען אונזער טיי... עס איז דאָך שוין אודאי קאַלט געוואָרן...

פאַר זיי, אויף אַ ווייס־געפּאַרבטן טישל, איז שוין לאַנג גע־שטאַנען אַ טיי־סערוויז אויף אַ טאַץ. אַ קליין ווייס טשייניקל האָט געריטן אויפן קאַרק ביי אַ גרויסן טשייניק, אַ ברייטן און ביי־כיקן. ווי נאָר אָבער בונעם האָט אָנגעגאָסן צוויי טעפּעלעך טיי, האָט זיך דער פאַראָכאַד פּלוצלונג שאַרף אַ בויג געטאָן אויף אַ זייט, האָט געגעבן אַ קרעכץ, דער טיי האָט זיך אויסגעפּליוסקעט אויפן טישל.

ס'האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער פייף פונם קוימען.

זיי זיינען געשטאַנען איצט ביי אַ משופּעדיקן בערגיקן ברעג. אויף אים האָבן זיך געהויכט און געצויגן אין אַלע זייטן אָן־אַ־שיר קלאַפּטערס און קופּעס צעזעגט האָלץ. פון אַלע ווינקעלעך פאַראָכאַד האָבן זיך, גלייך ווי די קלאַדקע איז אַריבערגעוואָרפן געוואָרן, אָנגעהויבן שיטן אויפן זאַמדיקן ברעג אַרונטער פויערים, פויער־טעס, שיקסעלעקעס, אין קוטשמעס און אין פאַרביקע טיכלעך אַרום

די קעפּ. די פֿויערים וואַרפֿן זיך אַרונטער די סוויטקעס, בלייבן אין איינע לייוונטענע פּלויודערן. מיט געהילכעריי און קוויטשערײ כאַפּט מען גרויסע שיטלעך זיך־שײַלנדיקן בעריאָזע־האָלץ פֿון די הויכע קופּעס אויפֿן ברעג, מען יאָגט מיט זיי פֿלינק איבער די זיך־הוידנדיקע גיי־ברעטער וואָס זײַנען אַריבערגעוואָרפֿן פֿון פּאַראָכאָד אויפֿן ברעג אַרונטער.

אויפֿן דעק איז איצט כמעט קיינער ניט געבליבן. די פֿריער־דיקע דעק־פּאַסאַזשירן, פֿון אויף יענער זייט קאָרמע, געפֿינען זיך איצט אַלע אויפֿן ברעג. ווידער לאָזט איבער דאָס טיי־טרינקען, גייט צו צום באָרט, שטעלט זיך אַוועק, גיט אַכטונג, ווי ער וואָלט דאָ געווען אויב ניט דער באַלעבאָס אַליין, איז כאָטש אַ שטיקל שותּף... דעם פּאָרטפעל זײַנעם לאָזט ער פֿונדעסטוועגן ניט אַרויס פֿון אונטערן אָרעם. איבעריקס, האַלט ער אים דאָך תּמיד אויף די אויגן. בונעם, פֿון זײַן זײַט, נעמט אַרויס פֿון דער דיקער געלער לע־דערנער שייד און זאָטלט אָן די גרויסע ים־שפּאַקטיוו, באַטראַכט דעם ברעג וואָס ליגט פֿאַר אים.

ניט ווײַט פֿון זיי שטייט אויפֿן דעק טאַקע דער אמתער ממונה איבער דער אַרבעט — דער שיפֿס־קאַפּיטאַן. אַ מענטש מיט אַ געזונט און אָפּגעברענט פּנים אונטער אַ שניי־ווײַס היטל מיט אַ גילדענעם פּאַסיק אַרום־און־אַרום. ער גיט אַכטונג אויף דער אַר־בעט פֿון די האָלץ־טרעגער.

די אַרבעט גייט פֿלינק, לעבעדיק. די קופּעס האָלץ ווערן וואָס אַמאָל נידעריקער. ווידער באַמערקט: ווען איין פֿויער ענדיקט אַרונטערצושלעפּן די פּאַלענעס פֿון אַ קופּע האָלץ, גלייכט זי אויס ביז צו דער ערד, העלפֿט ער ניט זײַן שכן ביי אַ שוין אָנגעהויבענעם קלאַפּטער האָלץ דער־לעבן. ער לאָזט זיך, אָנשטאָט דעם, ווײַטער איבערן ברעג. און הויבט אָן פּאַנאַנדערשלעפּן אַ שפּאָגל־נײַעם האָלץ־באַרג. און ערשט איצט באַמערקט אויך ווידער: אַ מאַטראָז מאַכט סימנים מיט קרייד אויף אַ נײַער האָלץ־קופּע, טיילט זי פֿאַנאַנדער אויף באַזונדערע „מאָסן". די האָלץ־טרעגער גייען צו יעדער צו אַ באַזונדער „מאָס", מישן זיך די גאַנצע צייט ביי דער אַרבעט ניט אויס איינער מיטן צווייטן.

נאָר איידל און העפּלעך גייט ווידער צו צום שיפֿס־קאַפּיטאַן און ווענדט זיך צו אים וועגן דעם מיט אַ פֿראַגע.

— אַ, דאָס... — דער קאַפּיטאַן באַטראַכט מיט אַ דורכ־דרינגנדיקן קוק דעם יונגנמאַן פאַר אים, וואָס מיטן דיקן פּאָרט־פעל אונטערן אָרעם: ווער ווייסט אים דאָרט, ווער ער קען עס זיין... פונדעסטוועגן רויכערט ער ווידער רואיק זיין פּייקע בעת ער ענטפערט. — אַנדערש, חבר, ווילן זיי בשום אופן ניט... יע־דער פון זיי מוז האָבן זיין באַזונדערע, באַשטימטע „מאָס"... אודאי האָבן מיר שוין געפּרואווט דורכפירן דעם קאָלעקטיוויסטישן פּרינציפּ; אָבער עס לאָזט זיך בשום אופן ניט... יעדער פון זיי האָט מורא טאָמער וועט אים פאַר דער צייט אויסקומען צו שלעפּן מיט איין פּאָלענע האָלץ מער פאַרן צווייטן...

בונעם דערנענטערט זיך אויך מיט נייגעריקייט צום קאַפּיטאַן.

אַז דער לעצטער דערזעט פאַר זיך דעם אויסלענדער מיט דער שפּאַקטיוו — אודאי אַ טוריסט פון דער ווייט — קריגט ער נאָך מער מוט. ער וויל זיך שוין אויספּיינען פאַרן פרעמדן — און אפשר פאַרטענהט ער זיך עס אַלץ פאַר ווינגדערן?

— זעט איר, דאָס איז, בירגער מיינע, אַ ריין־פּויערישער שטריך... ס'קומט ניט אָן אַזוי גרינג... כ'געדענק נאָך: ביי אונז אין דאָרף פלעגן די לערער אין דאָרפס־שול מוזן עסן טעג ביי די פּויערים וואָס שיקן זייערע קינדער אין שולע... ביי יעדן טאַטן אַ טאָג... מען האָט בשום־אופן ניט געקענט פועלן אַז די עלטערן זאָלן זיך צוזאַמענריידן, געבן יעדער זיין צושטייער אין געלט, כדי דער לערער זאָל קענען זיך דינגען אַ באַשטענדיק אָרט אויף צו עסן... ניין, אונזערע פּויערים זיינען דערווייל ניט קיין גוואַלדיקע קאָמור־ניסטן.

בונעם קוועלט אָן, באַטראַכט זינגעריש דעם זון. ווינדער כמו־רעט זיך, ציט צונויף זיינע ברעמען. אים פאַרדריסט הלמאי דער קאַפּיטאַן דערציילט אַזעלכע זאַכן פאַר אַ פ ר ע מ ד ן.... ער לאָזט אַראָפּ די אויגן — צי פון פאַרדרוס, צי וויל ער הויבט אָן פון עפּעס צו טראַכטן.

דער קאַפּיטאַן ווענדט זיך דעמאָלט מיט זיינע רייד אינגאַנצן צו בונעמען.

— כ'דערמאָן מיך נאָך: אפילו די פּאַסטוכער ביי אונז אין דאָרף — זיי פלעגן אויך עסן ביי די פּויערים „טעג"... חוץ דעם פלעגן זיי די גאַנצע נויטיקע הלבשה זייערע — אָבער א י נ ג אַ נ צ ן:

פון א טיזליק ביז פליודערן און לאפטשעס — אויך קריגן אויף יעדן טאג באזונדער פון אן אנדער באלעבאס... ביינאכט פלעגן זיי עס דארפן אפּברענגען און אויף מארגן קריגן ווידער א נייעם אויסשטייער פון א נייעם באלעבאס. אט אזוי ווי איך דערצייל אייך... פארשטייט זיך, די פאסטוכער פלעגן מיט דעם פארשפּרייטן לייז, פאסקודסטווע, אריבערטראגן אלערליי חלאתן פון איינעם אויפן צווייטן... אבער פועלן ביי די דארפס־באלעבאטים זיי זאלן זיך צונויפלייגן אלע צו פאר גראשן און קויפן דעם פאסטוך איינמאל פאר אלעמאל אן אייגענעם טיזליק מיט אן אייגענער פאר פליודערן — דאס האט מען ביי זיי בשום אופן ניט געקענט פועלן...

— ס'נעמט צייט... — ווי געדער האט זיך ענדלעך ווי אויפגע־וועקט פון זיינע געדאנקען. — ס'פאדערט זיך א גרויסע אויפקלער־רונגס־ארבעט. און ניט אלע פון אונז זיינען, ליידער, אין אזא מין ארבעט פאראינטערעסירט... — ווארפט ער א דורכעגבערנדיקן און ניט־פריינטלעכן בליק אויפן קאפּיטאן. — קום, טאטע, לאמיר גיין טרינקען טיי...

ח.

פרי בייטאג קומען זיי אן אין נאראוווליע.

דער טאג איז נאך גרויס און לאנג פאראויס. אבער דער צעטל פון ווייגדערס ענינים דא אין שטעטל איז אויך גענוג גרויס און לאנג. ער לאזט דעריבער דערווייל איבער דעם טאטן אליין. זיי וועלן זיך שוין זען אין אוונט, אין דעם קליינשטעטלדיקן האטעלכל וואוהין זיי זיינען גלייך פון פאראכאד פארפארן. גוט, מיט וועטשערע וועט ער דאס מאל ווארטן אויפן טאטן. זיי וועלן עסן צוזאמען.

בונעם, וועלכער איז פאריקע נאכט שלעכט געשלאפן, ווארפט זיך גלייך אריין אין א בעט און שלאפט אפּ און שוויצט אפּ עטלעכע הייסע זומערדיקע שעה נאכאנאנד. אז ער כאפּט זיך אויף, איז שוין פארנאכטלעך.

בונעם איז שרעקלעך צעפּריעט און צעשוויצט פון אט דעם לאנגן בייטאגיקן שלאף. ער איילט אויף גיך אין דרויסן אפּצו־כאפּן דעם אטעם, כאפּן אביסל פרישע לופט.

אָבער וואו איז דאָ צו געפינען בונעמען פרישע לופט... אפשר אונטער דער שטאָט, וואו עס הויבן זיך אָן די אָפענע פעל־דער. אָבער אהין האָט זיך בונעם מורא צו לאָזן גיין שפּאַצירן איינער אַליין: באַנדיטן... כאָטש אהין איז גאָר ניט אַזוי ווייט, דאָס שטעטל איינגאַנצן איז גרויס פיר איילן אויף פיר; אָבער בונעם האָט נאָך לאַנג צוריק געהערט אַז טאַקע אין אָט דעם קליין שטעטעלע האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געבושעוועט אַן אַטאַמאַן מיט זייער אַ ווילדער רוצחישער באַנדע... ניין, ער וועט שוין בעסער שפּאַצירן דאָ אינמיטן, דורכן פּאַרנאַכטיקן האַלב־פּוסטן שטעטל.

עס שטינקט אים און עס ווירט אים סאַמע אונטערן נאָז. בונעם האָט ניט קיין שום נחת פונם שפּאַציר... אַז ער גייט פאַרביי אַ גרויסן לײדיקן הויף וואו אינם פלויט זײַנען דאָס רוב ברעטער אַרויסגעריסן, ברענגט אים דאָס פּאַרנאַכטיקע ווינטל מיט־אַמאָל צוטראָגן אַ מוראדיקן עפּושדיקן גערוך. דורך די עפענונגען אינם פּלויט דערזעט דעמאָלט בונעם אַ גרויסן שטעטלדיקן אָפּטריט סאַמע לעבן וועג.

אין אָט דער זעלביקער מינוט לאָזן זיך צום אָפּטריט, פון צוויי פאַרשיידענע ווינקלען הויף, צוויי געשטאַלטן, צוויי מענטשן — אַ מאַן מיט אַ פרוי. און באַלד באַווייזן זיך אויך, פון ערגעץ אַ גרוב אין הויף, אַ פּאָר גרויסע פעט־געקנייטשטע געפּאַלדעוועטע סיווע חזירם. זיי שלעפּן זיך קוים אויף די פיס פון זייער שווערער פעטקייט; סאַפּענדיק און כריוקענדיק, מיט אַזאַ מאָדנער ערנסט־קייט, כמעט אינם באַוואוסטזיין פון אַ שווערן לעבנס־עול, לאָזן זיי זיך נאָך די צוויי מענטשלעכע געשטאַלטן.

דער מאַן און די פרוי, ניט קוקנדיק איינער אויפן צווייטן, גייען אַריין יעדער אין אַ באַזונדער טירל פונם גרויסן בית־הכסא. די פעט־געפּאַלדעוועטע חזירים פאַרקריכן דעמאָלט הינטן אַרומעט, צו די אָפענע שופלאָדלעך פון הינטן. און באַלד רוקן זיי אַריין די שנוקעס און צעכריוקען זיך מיט ווילדער הנאה.

— פּע, בר... — גייט דורך דורך בונעמס לייב אַ שוידער פון עקל. — גאָט מיינער, ווי... מענטשן... לעבן עס... דאָ...

וואָלט אונזער בונעם געווען אַ מענטש מיט אַביסל מער פילאָ־זאָפישע נייגונגען, וואָלט ער זיך אפשר דערמאָנט איצט אָן ניטשעס טיפן געדאַנק וועגן „דער אייביקער ווידערקונפט”, וועגן דעם איי־

ביקן וואונדער־קרייז אינם מענטשלעבן לעבן און אינם לעבן פון דער גאָרער וועלט... נאָר בונעם איז ווייט געווען פון אזעלכע נויגונגען און אזעלכע עמאָציעס; מיט גרויס מיאוסקייט האָט ער זיך אָפּגעקערט פון פּלויט און זיין פאַרנאַכטיקער שפּאציר איז שוין אים ענדגילטיק צעשטערט געוואָרן. ער האָט זיך כמעט געלאָזט לויפן צוריק אין האָטעלכל אריין.

— ניין, מען דאַרף וואָס גיכער אַנטלויפן פון דאַנען... — האָט ער ביי זיך אין צימער גלייך גענומען וואַשן זיינע הענט, רייבן זיי מיט זייף, כאָטש פּערזענלעך האָט ער דערצו גאָר קיין שום אורזאַך ניט געהאַט. — מען דאַרף גלייך מיטנעמען די משפחה און וואָס גיכער אָפּטראָגן זיך פון אָט דעם לאַנד...

אין אָוונט האָבן פאָטער און זון געגעסן וועטשערע שפּעט; ווינדער האָט ווידער פאַרשפּעטיקט. די וועטשערע איז געווען טאַקע זייער אַ גוטע. אין אזא קליין שטעטל האָט זיך ווינדער זיכער ניט גערעכנט אויף אזא גוטן עסן: בונעם האָט ספּעציעל געהייסן שעכטן אַן עוף, האָט עס געלאָזט אָנפילן מיט מעל איינגעקנאָטענער אין הינערשע שמאַלץ, צוריק געהייסן פאַרנייען — און דערנאָך די הון געלאָזט אָפּפּרעגלען גאַנצערהייט, ניט צעפּערטלט, — אָט ווי ער האָט עס איינמאָל נאָכן טעאַטער געגעסן אין אַ „גריל” אויף דער פּלאַצאַ אין האַרלעם... דערצו האָט ער נאָך געהייסן ברענגען אַ פּאָר פרישע אידישע חלות, גלאַנציק־באַשמירטע מיט אַ ווייסל פון אַן איי, און באַשטעלט אַ קאָמפּאָט פון צעריבענע עפּל — זאָל דער זון זען, ווי מען עסט אויף דער וועלט!

אָבער ווינדער איז געווען צו־הונגעריק און צו־מיד אויף עפּעס צו „זען”. דאָס איינציקע וואָס ער האָט בכוח געהאַט צו טאָן איז געווען: שלינגען שטיק נאָך שטיק מיט גרויס אַפּעטיט, מיט קבצנישן אַפּעטיט. און גלייך ווי ער האָט אָפּגעגעסן, איז ער געווען אזוי מיד אז ער איז שוין אינגאַנצן גרייט געווען זיך אריינוואַרפן אין בעט אריין.

פונדעסטוועגן האָט ער עס ניט געטאָן. ער האָט זיך איינגע־האַלטן; זיך פאַרגעשטעלט אז דער טאַטע וויל מיט אים אודאי ריידן. וועגן עפּעס? אפשר. און אפשר סתם אזוי שמועסן... מען האָט זיך דאָך אזוי לאַנג ניט געזען.

ער האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן אין אַן אַלטן פֿאָטעל פֿון וועלכן עס האָבן אין אייניקע ערטער אַרויסגעשטעקט צעבראָכענע ספּרונד־דזשינגעס, נו, ווי אַרויסשטאַרטשענדיקע ריפּן. דער פֿאָטעל האָט אים ניט נערן אויפֿגענומען אין זיינע ווייכע אָרעמס, האָט ברוגזדיק אַ סקריפּע געטאָן, האָט אים אַ שטויס געטאָן צוריק פֿון זיך מיט די שטעכנ־דיקע ספּרונדזשינע־קנוילן. ווינגדער האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט, איז געבליבן זיצן. ער האָט פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, פֿאַרוואָרפֿן אַיין באַשטיוולטן פֿוס איבער דעם צווייטן, געוואַרט.

— נו, עפּעס אַ גוטע וועטשערע געווען? — האָט בונעם טאַטעדיק אָנגעקוואָלן: כּאָטש ד אָ ס מאָל האָט ער דעם זון אָנגעקאָרמעט צו דער זעט... — אַלבעטשע, ביי דיר איז עס געווים אַ יום־טוב אַזאַ עסן... ביי אונז אין אַמעריקע עסט מען אַזוי יעדן טאָג.

הערסט אַ מעשה... ניט געקוקט אויף אַלע וואָרענישן סטע־רעס האָט מען דאָך סוף־כּל־סוף געדאַרפֿט אַריבערגיין אויף אַ פּראַק־טישן שמועס וועגן דער נסיעה קיין אַמעריקע. ניין, מיט פֿאַר־שוואַרצן אַמעריקעס פּנים וועט זיך דאָ בונעם גאָרניט דאַביוועו. דעם האָפּערדיקן זון זיינעם דאַרף מען פֿאָרט אַביסל אַרונטערקלאַפּן די פֿליגלען... ער מיינט ביי זיך טאַקע דאָרטן כ'ווייס וואָס!

ווינגדער האָט איינגעהאַלטן געשמייכלט. אַזוי? נו, איז דאָך אין אַמעריקע, הייסט עס, זייער גוט... דאַרף מען דאָך טאַקע נאָרניט קומען אַהער...

— יו בעטשע בוטס, ביי אונז איז גוט... וואָס דען האָסטו געמיינט? אַלנפֿאַלס, אַזוינס, ווי איך האָב געזען ביי אייך אין שטאָט, זעט מען ביי אונז ניט... נעם ראַביקאָוויטשן, אַשטייגער... ווייסט כאָטש, וואָס פֿון ראַביקאָוויטשן איז געוואָרן? מענטשן גייען דאָך אויס פֿון הונגער... און בכּלל, כ'וואָלט טאַקע אַ בעלן געווען צו וויסן: וואָס האָט מען דאָ עס אַזוינס פֿון די נייע פּאַראָנדקעס?

נו, וויבאַלד מען קומט אַהער פֿון אַמעריקע שוין אויף אַלעם פּאַרטיקן און מען עסט נאָך געפּילטע הינדעלעך מיט עפּל־קאָמפּאָט — טראַכט זיך ווינגדער — איז וואָלט מען אפֿשר ניט געדאַרפֿט אַזוי שטאַרק אונזער לאַנד קריטיקירן... ער גיט שטרענג אַ קוק אויפֿן טאַטן מיט זיינע קאַלטע קאַרע אויגן: יאָ, סאַי' דאָס זעלביקע זאַטע, שטאַרק־צופֿרידענע פּנים וואָס איז ווינגדערן שוין פֿון לאַנג

באקאנט געווען, פון יענער „פיקטשע" ביי זיי אויפן קאמאָד...
און ווידער, פונקט ווי מיט יאָרן צוריק, האָט זיך שוין גיכער גע־גלויבט, אַז דאָס דאָזיקע פּנים געהערט צו עפּעס אַ ווייטן רייכן פעטער אײדער צו אַן אייגענעם טאַטן.

אין ווינדערן שטייגט אויף אַ צערייצטקייט; ער באַמיט זיך אָבער אַלץ צו קאָנטראָלירן.

— פונדעסטוועגן, טאַטע, דאַרפסטו זיך עס אַזוי ניט נעמען צום האַרצן... אַ דאגה דיר, דו ביסט דאָך סיי־ווי ניט קיין הי־נער... און חוץ דעם: זעסט דאָך אַז מען קען שוין ביי אונז קריגן געשטאָפּטע הינדעלעך אויך... און ווייסע חלה... מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז אַפילו שוואַרץ ברויט ביי אונז שווער געווען צו קריגן. מיר וואַקסן!

— הערסט אַ חכמה! אַז א י ך קען עס דאָ קריגן פאַר מ י י נ ע אַמעריקאַנישע דאָלאַרן, איז וואָס איז דערפון געדרונגען?

— בונעם פירט פאַנאַנדער מיט די הענט און הויבט זיי אויף איג־דערלופטן. — אַ קונץ אַ גרויסער!... אָבער איר אַלע, די היגע מענטשן... כ'האָב אַלעמאָל געמיינט: אויב מען וועט איינפירן אויף דער וועלט רעוואָלוציע, וועט ווערן אַ ל ע מ ע ן בעסער... ערשט צום סוף...

נו, מער קען שוין ווינדער זיך ניט איינהאַלטן. ער שפּרינגט אַרויס פון פאָטעל — דער פאָטעל איז דערפון זיכער צופרידן, די קאַליע ספּרונדזשינעס גיבן ווידער טראַציק אַ שטאַרץ אַרויס — און הויבט אָן האַסטיק אַרומשפּאַנען איבערן צימער. זיין טראָט איז שפּרינגענדיק, עלאַסטיש, ווי ער וואָלט עס אַליין געווען די באַפרייטע ספּרונדזשינע.

— נו, א י ך בין אַפילו ניט אַזוי באַזאָרגט וועגן אונזער לאַנד אַזוי ווי דו — כ'מיין אַז מיר'ן שוין אונזער שטעטל ווי ס'איז אַליין באַשטיין... אָבער אויב דו קומסט שוין צו א ו נ ז מיט טענות... קען מען אפשר צו דיר אויך האָבן טענות...

ער קוקט אַ מינוט אויפן טאַטן מיט אַ שטרענגן האַרטן בליק. ער בלייבט שטיין קעגן אים; ער אָטעמט אַזש שווער פון אויפרעגונג.

— ווען דו... ווען איר, אַשטייגער, וואָלט ניט געשיקט אַהער קיין סאָלדאַטן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק בעת מיר זיינען געווען פון

אלע זייטן ארומגערינגלט מיט שונאים, — וואָס מיינסטו... וואָלט אודאי אונזער וועג געווען א היפּש ביסל גרינגער... א שפּאָר, שפּאָר ביסל...

— סאָלדאטן אהער? — שטוינט בונעם. — ווען האָט מען דען געשיקט סאָלדאטן אהער? א י ך האָב געשיקט, זאָגסטו, סאָלדאטן אהער?

ווינדערס מויל מיט די דינע ליפּן פארמאכט זיך א ווײַלע. א שטעכיק העקל־בערדל טראָגט ער, אָבער קיין וואָנצן דוקא נישט. און ווען זיין מויל פארמאכט זיך, איז עס זייער שאַרף און שנײַדיק.

— יאָ, איר האָט געשיקט... דו האָסט געשיקט... וואָס דען? דיין אמעריקע האָט געשיקט... ס'איז אַלץ איינס... פאַר־וואָס האָסטו דערלאָזן דערצו, הא? פארוואָס האָסטו נישט פּראָ־טעסטירט?

בונעם רייבט זיך אַזש די אויגן. צי ער האָט ריכטיק גע־הערט? ער הויבט אָן באטראַכטן דעם זון מיט טיפער באַזאָרגונג. יאָ, נישט אומזיסט האָט ער די גאַנצע צייט עפּעס פארדעכטיקט... קוק נאָר אָן זיינע אויגן, — גרויס, ביטער, פייערדיק... איינ־גאַנצן א צעטומלטער, הויבט זיך בונעם אויף פון דער סאָפע.

— איך פארשטיי דיך נישט... עפּעס רעדסטו גאָר ווי א קליין קינד... א י ך האָב נישט געדאַרפט דערלאָזן אַז מען זאָל שיקן סאָלדאטן אהער? ערשטנס, הויב איך אפילו נישט אָן צו וויסן אַז מיר האָבן מיט אייך געפירט מלחמה... דוכט זיך גאָר, מיט די דייטשן... גלויבסט מיר נישט? ווי איך בין א איד, איך הער עס איצט פון דיר דאָס ערשטע מאָל... און צווייטנס — וואָס מיינסטו עס: א י ך האָב געדאַרפט פּראָטעסטירן? וואָס־זשע דענקסטו בין איך עס אין אמעריקע? א גאַנצער יאָ־טעבעדאָם? מיינסט אַז ווייל מען האָט מיך געשיקט א דעלעגאַט אהער, איז שוין וואָס? קוקט מיר דער פּרעזידענט אונזערער גלייך אין מויל אריין? אויף מיינע נאמנות, דו רעדסט עפּעס גאָר ווי א קינד... אַז דו וועסט זיין אין אמעריקע וועסטו שוין אַליין זען צי איך בין דאָ מיט עפּעס שולדיק... כ'מיין, מיט די סאָלדאטן...

— ווען איך וועל זיין אין אמעריקע? — קנייטשט ווינדער זיינע אקסלען פארעכטלעך אינדערהויך און לאַכט זיך פאַנאַנדער.

— וואָס האָב א י ך צו טאָן ביי אייך אין אַמעריקע? ניין, איך וועל אין אַמעריקע קיינמאָל ניט פאָרן.

און ער לאָזט זיך ווידער האסטיק שפּאַנען איבערן צימער.

בונעמען נעמט אָפּ דאָס לשון... אָבער — בלויז אויף אַ פּאָר סעקונדן. ער קומט גלייך ווידער צו זיך.

—ע... — גיט ער קלוג אַ זשמורע מיט אַן אייגעלע. — כ'מיין... אַז דו וועסט נאָר איינמאָל פאַרזוכן דעם טעם פון אַמע־ריקע, וועסטו שוין קיינמאָל ניט וועלן צוריק...

— האָף איך טאַקע אַז איך וועל קיינמאָל ניט פאַרזוכן אפילו דעם טעם דערפון... דעם טעם פון אייער שקלאַפן־לאַנד.

— ביי אונז אַ שקלאַפן־לאַנד? כאַ־כאַ, ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן, ביליוו מי... ביי אונז איז די פרייעסטע מדינה אין דער גאַנצער וועלט, נאַרעלע...

— הם... — גיבן זיך ווינגדערס דינע ליפּן אַ פיינטלעכן קרום אויף לינקס. — אודאי איז מען טאַקע ביי אייך פריי... וואָס דען... און סאַקאָ־און־וואַנצעטי, האַ? פאַרוואָס מאַטערט איר אין תפיסה אָט די צוויי אומשולדיקע אַרבעטער?

עטוואָס אַן איינגעבוינענער, ווי גרייט צו אַן אַטאַקע, בלייבט ווינגדער ווידער שטיין קעגן טאַטן. דאָס שטיפע בערדל זיינס שפּיצט זיך אויס קעגן בונעמען שאַרף ווי אַ העקל, ווי אַ וואָפן פון אַן אויסטערלישער חיה, וואָס וועט זיך באַלד אַריינשניידן אין בונעמען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. בונעם מאַכט אַזש עטלעכע טריט צוריק צו דער סאָפע.

ווינגדער פלאַקערט איינגאַנצן. אָ, דער לאַנגאָניקער פאַרדרוס וואָס האָט געברענט אין אים אין משך פון אָט די אַלע יאָרן צום דאָזיקן ווייטן האַלב־פרעמדן מענטשן וועלכן ער מוז אָנרופן טאַטע — אָט דער ביטערער פאַרדרוס האָט געפונען ענדלעך אַן אויס־וועג... און איצט לאָזט ער שוין מער ווינגדערן ניט אָפּ.

— הם, די פרייסטע מדינה אין דער גאַנצער וועלט... — שנירלען זיך זיינע ליפּן צונויף אין אַ פאַרעכטלעכן שמייכל. — מסתמא אַזוי... יעדער איינער, אַשטייגער, איז דאָך ביי אייך פריי צו לינטשן אַ לעבעדיקן נעגער, ווען נאָר אים פאַרווילט זיך...

מען זשאַרעט זיי דאָך ביי אייך לעבעדיקערהייט אויף קוילן, ווי לעבעדיקע שוואַרץ־געקרייזלטע שעפּסן ... איאַ, איר אַמעריקאַנער האָט שטאַרק ליב אָט דעם מאכל?

בונעם הויבט זיך אָן אַזש קראַצן אין פּאָטילניצע. ער פילט זיך שוין גאָר אומבאַהאָלפן. מילא, וועגן סאַקאָ־און־וואַנצעטין ... וואָס וויל דאָ ווינדער פון אים, אויב ער ווייסט ניט ווער אָט די צוויי גרויסע מענטשן זיינען עס? אין אַמעריקע האָט בונעם קיינמאָל ניט געהערט פון זיי. זיי זיצן גאָר פאַרשפּאַרט אין תפיסה? זע נאָר, ווי דער קליינער ווייסט דיר פון אַמעריקע מער ווי ער, בונעם אַליין ... דערפאַר אָבער וועגן די נעגערס ווייסט שוין בונעם יאָ אַביסל, ער פלעגט דאָך מיט זיי גאָר אָפּט האָבן צו טאָן, דערהויפּט מיט די נע־גערטעס, וואָס פלעגן קומען צו אים אין קעלער אַריין. און בונעם פאַרטראַכט זיך, הויבט זיך אָן אָפּגעבן וועגן זיי אַ דין־וחשבון.

— הלמאי זאָל ער לייקענען ... גאָט זאָל אים ניט שטראָפן פאַר די רייד — אַ פּאַסקודנעם ריח לאָזן זיי טאַקע אַרויס פון זיך, סיי די מענער און סיי די פרויען, מען קען אַזש דערשטיקט ווערן ...

מילא, די פרויען זייערע — דערמאָנט זיך ווידער בונעם — קען מען נאָך אַמאָל דערליידן. אָבער טאַקע מער ניט ווי אַמאָל ... אָבער די מענער — מען קען דאָך מיט זיי צוזאַמען אפילו אין סאָבוויי בשום אופן ניט פאָרן ... דאָס איז דאָך טאַקע גאָר עפּעס אַ באַזונדערער סאָרט מענטש. זיי סאַרכענען!

— אָבער פונדעסטוועגן ... זשאַרען זיי אויף קוילן לעבעדי־קערהייט? ווער, מיר? הערסט אַן איינפאַל פון אַ צעהיצטן יונג!

יאָ, ער האָט טאַקע געהערט, בונעם, אַז ערגעץ ווייט אין אַמעריקע לינטשט מען אַמאָל אַ נעגער — אימיצער האָט עס אַמאָל פאַר אים געלייענט פון אַ בלאַט אַרויס. אודאי טאָר מען אַזוי ניט טאָן. אָבער וואָס איז ער, בונעם, דאָ שולדיק — מען זאָל זאָגן אַז ע ר האָט ליב אַזא מאכל? ...

ט.

פונדערזייט און פאַרזיכטיק וואַרפט בונעם בליקן אויפן זון... ער מוז אודאי זיין שטאַרק אויסגעמאַטערט, ער האָרעוועט דאָך

נעבעך שוועך, שלאָפט זיך קיינמאָל ניט אוים, מען זעט דאָך ווי ער פאַלט איצט ממש אויף דער נאָז... ער איז שטאַרק נערוויאיש, מען דאַרף עם אים בעסער דורכלאָזן.

— נו, הכלל, ווינדערל, — רופט ער זיך פּאַטעריש אָפּ. — שוין גענוג פאַר היינט... גענוג געפּלאַפּלט! ס'איז דאָך נאָך דאָ גענוג צייט, מען וועט נאָך ריידן און ריידן! לייג זיך בעסער שלאָפן... איך גיי מיך אויך לייגן...

בונעם הויבט זיך אָן אויסצוטאָן, כאָטש אים הויבט אפילו גאָר ניט אָן צו שלעפערן; ער איז נאָך פון בייטאָג גאַנץ גוט אויסגעשלאָפן. ער טוט עס אָבער צוליבן זון, כדי יענער זאָל זיך ניט זשענירן.

ווינדערס בעט איז פונקט קעגנאיבער דעם פאָטערס. ער הויבט אָן אַראָפּצושלעפּן פון זיך די שטיוול, שליידערט זיי אַרונטער מיט אַ הילך. ער טוט זיך אוים האסטיק, ווי מיט הארץ, זיינע מלבושים ניט ער אַ וואָרף אויף אַ נאָענטן שטול, אָבער זיי גליטשן זיך פון דאָרטן גלייך אַרונטער אויף דער ערד. אפשר וויל ער שוין טאַקע וואָס גיכער זיין אין בעט.

אויפן פאָטער קוקט ער די גאַנצע צייט ניט.

בונעם, פאַרקערט, טוט זיך אוים לאַנגזאַם, מיט פּאַוואָליע אַקוראַטע באַוועגונגען, לייגט פאַרזיכטיק צונויף זיין טייער זיידן אויבערהעמד, ראָלט צונויף דעם טייערן קראַוואַט ער זאָל ניט פאַרלירן זיין פאַסאָן; לייגט צונויף די הויזן זיינע פינטקלעך אויפן קנייטש, הויבט אויף דעם אויבערשטן מאַטראַץ, רוקט זיי אַריין פון אונטן — כדי דער הויזן־קנייטש זאָל זיין אַ פרישער אויף מאָרגן אויך: וואו וועט ער דען גיין זוכן אַ שניידער אויף צו געבן זיי אַ פרעס?

בינו לבינו וואַרפט ער אַ בליק אויף דעם זיך־אויסטועגדיקן זון — גאָט מיינער, ווי דאַר יענער איז, הויט־און־ביינער... די ריפּן זעען זיך אים אָזש אַרוים אויפן לייב, מען קען זיי גרינג איבערציילן. דער גרויער פאַס האָר אויף ווינדערס שלייפן ברענט בונעמען ווי אַ פאַס פייער. און אַז ער פאַרגלייכט דעם זונס הילוך מיט זיין אייגענעם, פאַרקוועטשט אים דאָס האַרץ פון רחמנות און ער מוז אַרונטערשלינגען טרערן פון שולדיקייט וואָס כליניען אים צו צו די אויגן.

זע, אונטערן אויבערשטן העמד זײנעם טראָגט דער זון גאַרניט קײן העמדל, קײן נאַכט־לײבל. אפשר איז עס גאָר דערפֿאַר וואָס אין דרויסן זײנען איצט אַזעלכע גרויסע זומערדיקע היצן און ס'ווילט זיך זײן אָנגעטאָן וואָס גרינגער? ניין, דאָס איז ניט מעגלעך... מסתמא האָט ער טאַקע מעה ניט.

יאָ, באַשליסט בונעם גלײַך אויפֿן אָרט, ער וועט שוין זען גלײַך אויף מאָרגן אײַנקויפֿן אים וועש, אײן פּאָר, צוויי פּאָר, דרײַ פּאָר — וויפֿיל מען וועט דאָ נאָר אין שטאָט קענען קריגן! קײן געלט וועט ער זיכער ניט זשאַלעווען. אז ניט, וועט ער אים אוועק־געבן זײַנע אײגענע וועש, אויב זיי וועלן נאָר ניט זײַן צו־ברײט פֿאַר אים.

ער וועט מאָרגן אויך זען צי מען קען אין שטאָט געפֿינען אפשר אַ רעכטן שנײַדער, וועלכער זאָל גלײַך נעמען אַ מאָס אויף אויפֿנײַען ווײַגדערן אַן אָנצוג — אַן אמתן, אַ מענטשלעכן, אַן אַמע־ריקאַנישן אָנצוג, ניט אַזא באַלשעוויסטישע כאַלאַמידע ווי ער טראָגט איצט...

אָט אַזוי טרוימט בונעם טרוימען פֿון באַרואיקונג, טרוימען און פּלענער וואָס שטילן אײן זײַן באַאומרואיקטן געוויסן.

ווײַגדער ליגט שוין דערווײַל אין בעט אַן אויסגעטאָנענער. ער ליגט שטיל; אָבער אַלץ אינעווייניק קאָכט אין אים. ער וואָלט געוועזן אַ בעלן זיך איבערדרייען מיטן פּנים צו דער וואַנט, פּרובירן אפשר אײַנשלאָפֿן, אָבער אַזוי גראָב קען מען דאָך ניט זײַן. ער קוקט מיט ברענענדיקע אויגן אויפֿן פֿאָטער, וועלכער זיצט אַ האַלב־אויסגעטאָנענער אויפֿן ראַנד פֿונם קעגנאיבערדיקן בעט, האַלט אין האַנט אַ ריזיקן פֿוס מיט אַ האַלב־אַרונטערגעצויגענער זײַדענער שקאַרפּעטקע און טרוימט זײַנע האָפֿענונגספֿולע טרוימען.

בונעם דערפֿילט באַלד אויף זיך אָט דעם בליק, און דרייט זיך אוים אַביסל זײַטיק צום זון. אפשר וויל ער ניט אַז דער זון זאָל באַמערקן סאַראַ טײַערע קאָמבינײשאָן־וועש דער טאַטע טראָגט עס, מיט אַ זײַדן טאַשמעלע אַריבער אַלע ראַנדן. און אפשר דער־פֿילט בונעם ענדלעך פֿאָרט: דאָרט, אינם קעגנאיבערדיקן בעט, ליגט ניט מער זײַן זון ווײַגדער, זײַן אײנגל ווײַגדער, — דאָס

שטילע שווייגנדיקע אינגל, וואָס איז ,אמת, אפילו קלייגערהייט אויך געוועזן אַ גרויסער עקשן, — דאָרט געפינט זיך איצט אַ ווילד־פרעמדער מענטש, פאַר וועלכן מען דאַרף זיך שעמען אויסצוטאָן אינגאַנצן נאַקעט.

אַלנפאַלס:

בונעם דרייט זיך אויס אַביסל זייטיק אויפן בעט. אָבער ווינ־דער נעמט אַלץ ניט אַראָפּ פון אים די אויגן, אויך פון ד ע ר זייט זעט ער כמעט קעגן אייגענעם ווילן: אַ פּאָר מיטלסטע קנעפּ־לעך פון דעם טאַטנס קאָמביניישאָן האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּילעט, טיפע פאַלדן פעטס פון אַ גרויסן צעווירענעם בויך פון אַ מיטל־יעריקן מענטשן קריכן אַרויס פון דאָרט... ווינגדערן גיט פּלוצלונג אַ זעץ אין די אויגן די געלבלעכע בלייכקייט פון אָט דעם אויפגע־ווירענעם בויך, ווי ביי אַ טראָגעדיקער אידענע, און ער ווערט מיטאַמאָל אינגאַנצן בלייך, ווי ער וואָלט געהאַלטן, אַשטייגער, ביי חלשן; ער פילט אַז ער מוז גלייך צומאַכן די אויגן.

— — — ווי לאַנג צוריק איז עס געווען? איז עס מעגלעך אַז צוויי יאָר בלויז? ניין, צוויי הונדערט יאָר, אודאי ניט ווייניקער. אַ תהום פון יאָרן... אין די קעלערן פון דער קיעווער טשעקאַ. צימערן, צימערן, צימערן. אַ גאַנצע לאַנגע ריי. זיי עפענען זיך אַלע אויף אין אַ דעמפּיקן טונקעלן קאָרידאָר אַריין. דער פאָל איז דאָרט אַן ערדענער, אַ גריבערדיקער, אַ קאַלטער. פון די אויבערשטע שטאָקן פונם גרויסן שטיינערנעם בנין קומט מען אַהין אַרונטער איבער אַ געדריי פון פּראָסטיקע שטיינערנע טרעפּ, מען קומט אַהין אַרונטער מיט לאָמטערנעס — אפילו בייטאָג. ער, ווינגדער, אויך. פאַראויס פאַר זיי: מענטשן אויף דער העלפט אויסגעטונענע, מיט האַלב־אַרונטערגעלאָזטע קעפּ; זיי שטרויכלען זיך אַלע ווײַלע, כאָטש אויפן וועג ליגט גאָרניט... פון ביידע זייטן — שווייגנדיקע טירן, ווי קברים־עפענונגען. אין איין צימער ווערט געלייענט דער טויט־אורטייל, וועלכער פאַרענדיקט זיך תמיד מיט די זעלביקע ווער־טער: „און דעריבער ווערט דער בירגער אַזוי־און־אַזוי, אין נאָמען פון דער ערשטער פעדעראַטיווער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־רעגי־רונג, דורכן קאָלעגיום פון אָרטאָטשעקאַ, פאַרמשפּט צו דער העכסטער שטראָף". אין אַ צווייטן צימער — מיטן פּנים צו דער וואַנט. און

אין דריטן — ווידער די זעלביקע מענטשן, נאָר איצט שוין אינגאַנצן אויסגעטונענע, חוץ די אונטערוועש און נאָך עפּעס: די סעפּזייערע זיינען שוין איצט ניט האַלב, נאָר אינגאַנצן אַרונטערגעלאָזן. זיי ווערן דאָ צונויפגעליינט איינער אויפן צווייטן פּאַזע די ווענט, ריי נאָך ריי, ביז מען פירט זיי שפּעטער אַוועק צו באַגראָבן.

— — — יאָ, ווי לאַנג צוריק עס עס געווען? סך־הכל מיט צוויי יאָר צוריק? עס לויכט אָבער איצט אויף אַזוי אין האַלב־טונקל פונם זכרון, עס לויכט אויף מיט אַזאַ אומבאַשטענדיקער זיך־טרייסלענדיקער ליכטיקייט ווי אַ לאָמפּ אין אַ טונקל־באַלויכטענעם באַן־וואַגאָן, — ווי די ליכט־קנייטלעך דורך די האַלב־טונקעלע לאַמטערן־שייבלעך דעמאָלט טאַקע, אין די קעלערס...

ווינגדערן האָט שרעקלעך געקלאַפּט איצט אין די שלייפן, — דאַרטן וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאַס גרויע האָר, אַ שאַרף־אָפּגעטיילטער פון די איבעריקע שוואַרצע האָר, ווי אַ צוגעקלעפּטער. נאָך אַלץ ניט אויפמאַכנדיק די אויגן, האָט ער זיך אַ קליין ביסעלע אָפּגערוקט פון ברעג בעט, זיך צוגערוקט נענטער צו דער וואַנט. ער האָט דערפילט: אויפן ראַנד בעט האָט זיך איצט אַני־דערגעזעצט דער פאָטער.

מיט אַ פאַרזאָרגטער שטים, מיט גוטסקייט און ווייכקייט אין קול — דער אויסגעטאָנענער ווינגדער איז פאָרט געווען הילפלאָזער און האָט מער דערמאָנט אינם אמאָליקן אינגל ווי דער פריערדיקער, דערוואַקסענער מאַן, אין דער טאַלסטאָווקע און אין די הויכע שטיוול — האָט בונעם אָנגעהויבן באַרואיקן דעם זון.

— אַ, ער ווייסט גאָרניט, ווינגדער, וואָס עס דערוואַרט אים נאָך אין לעבן — ער וועט זיך אויסרוען און אַלץ וועט שוין זיין גוט... אויב אפילו ער וועט זיך ניט וועלן לערנען, מאַכט אויך ניט אויס... ער וועט דערפאַר קענען אַסך אַרומפאָרן, באַקוקן די וועלט... רייזן איז אַזוי גוט ווי קריגן אַן עדיוקיישאָן... — אָט, אַשטייגער, איז ער געווען אין פּאַריזש, בונעם, — האָט ער טאַקע עפּעס געלערנט, געוואָרן אַ שטיקל מענטש.

— שאַ, ווינגדער... — רופט ער זיך פלוצלונג אָפּ אין אַן אָנפאַל פון פאָטערישן רחמנות, פון אַ פאַרלאַנג נאָכצוגעבן אַ

קינד. — ווייסטו גאַר וואָס? כ'מיין... אויב דו האָסט טאַקע אַזוי ניט ליב אַמעריקע... איז אויב דו ווילסט, אויב איר וועט אַלע וועלן אַזוי, די מאַמע אויך, וועלן מיר אפשר זיך באַזעצן גאָר אין פּאַריז... דאָרטן איז דאָך אודאי אַ פרייע מדינה, וואָס, ניין? און דאָרט קאָסט דאָס לעבן אויך זייער וואָלוול...

— אין פּאַריז זאָלן מיר מיט דיר פאָרן? — האָט ווינדער זיך געגעבן אַ ריס אויף פון בעט, ווי עס וואָלט אים אַ בים געטאָן אַ שלאַנג. — הם. עפּעס געפעלן דיר אַלץ, טאַטע, אַזעלכע ערטער, אַזעלכע לענדער... אין פּאַריז זאָלן מיר מיט אים זיך באַזעצן! אין דער שטאָט וואו אייערע סאָציאַל־פּאַררעטער האָבן הינגעריכ־טעט אַזויפיל טייערע חברים אונזערע, וואו אייערע סאָציאַל־פּאַטרי־אָטן האָבן אויסגעקוילעט אַזויפיל געטרייע קעמפער פאַר דער וועלט־רעוואָלוציע!

און דער אָרימער בונעם נעמט ווידער הילפלאָז פאַנאַנדער זיי־נע הענט, און עפנט ברייט פאַנאַנדער זיין מויל.

— מ י י נ ע סאָציאַליסטן? — נעמט ער ווייך אָן ווינ־דערס דארע און טרוקן־ברענענדיקע האַנט. —מ י י נ ע פּאַטרי־אָטן? אַצינד זע איך שוין פאַר וועמען דו האַלסט מיך... — ער ליינט זיך אַרויף אַ האַנט גלייך אויפן האַרצן. — מעגסט מיר גלויבן, ווינדער — האָסט אַ טעות... ניט איך בין אַ סאָציאַ־ליסט און ניט איך בין אַ פּאַטריאָט... אָנעסט טו גאָד6), איך האָב אויף אָט די אַלע נאַרישקייטן קיין צייט ניט געהאַט אין אַמעריקע... וואָס מיינסטו וואָס — איך בין דאָרט אַרומגעגאַנגען ליידיק, וואָס? איך בין געווען פאַרנומען די גאַנצע צייט מיט מאַכן מיין פאַרטשון, נאַרעלע, מיט באַזאָרגן אונזערע אַלעמענס „פּיוטשור"7)... וואָס מיינסטו עפּעס...

אָבער וואָס איז דאָ געווען צו טענהן מיט ווינדערן! ס'איז דאָך געווען קלאָר: אין גרינגסטן פאַל, אויב ער האָט חס־ושלום גאָר ניט געליטן פון עפּעס אַן ערנסטער נערוויאַישער שלאַפקייט, איז עס אודאי געווען דערפאַר, וואָס ער האָט שוין זינט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד ניט געשלאָפן. ניין, ס'איז אַבסאָלוט ניט מעגלעך געווען זיך מיט אים צוזאַמענריידן! אָט, פּלאַצט ער דיר ווידער אַרויס... זע נאַר!

— הא־הא, אן איינפאַל אביסל... — פאַרקרימט ער זיינע ליפּן אין אַ פאַרעכטלעכער גרימאַסע. — פאַריזש איז ביי אים אַ פרייע מדינה! דאָס לאַנד וואו מען האַלט מ א ר ט י ן שוין אַזוי לאַנג פאַרשפאַרט אין תפיסה, פאַרשלאָסן אין קייטן... — ער הויבט זיך אויף מיט אַן אָנגעצונדענעם געזיכט, ער שפּאַרט זיך אָן מיט די עלנבויגן אָן קישן, זיינע מאָגערע באַקן פלאַמען. — הערסט, טאַטע, דו קענסט זיך באַזעצן וואו דו ווילסט — פאַר אַן אַמעריקאַנער,אפנים, איז עס אַלץ איינס... מ י י ן לאַנד אָבער איז דאָ... הערסט? ד אָ, ד אָ!

בונעם שטייט אויף פון ראַנד בעט נאָך מער אַ צעטומלטער. מ א ר ט י ן? ווער איז עס אָט דער מאַרטין? שאַ, ניט אפשר אָט יענער, וועמענס נאָמען בונעם האָט אַנומלטן באַמערקט פאַרביי־גייענדיק, אויף זיין דורכפאָרן אַ טאָג־צוויי אין פאַריזש, אויף די קאָניאַק־פלעשלעך מיט די דריי שטערנדלעך? יאָ, ער דערמאָנט זיך מיט לייטזעליקייט: ער ה אָ ט טאַקע געטרונקען אַזאַ פלאַש קאָניאַק.

דער גוטער בונעם שעמט זיך פונדעסטוועגן אַרויסזאָגן אָט די השערה; ניין, עס מוז אודאי זיין אַן אַנדערער גרויסער מענטש. און בכלל... בכלל איז דוכט זיך גלייכער וואָס ווייניקער צו צערייצן איצט דעם זון; ער איז שוין, קענטיק, אַזוי אויך גענוג נערוועז און צערייצט. בונעם האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. דאָס ווייטערדיקע האָט ער איבערגעלאָזט אויף מאָרגן.

פערטער טייל



„קאָלאָניסט פאָרט צו דער אַרבעט“, פון פרענק הורוויץ

ערשטער קאַפּיטל

לייד און פרייד

א.

דער געדיכטער, געשמאַקער נחת וואָס בונעם האָט געהאַט די ערשטע צייט פון זיין צוריקקער אין דער אַלטער היים, האָט וואָס אַמאָל זיך אָנגעהויבן אַלץ מער אויסצואוועפּן, איז אים וואָס אַמאָל אַלץ מער פאַרשטערט געוואָרן.

די ערשטע האָניק־חדשים זיינען שוין אַריבער, דער זומער רוקט זיך שוין צו זיין סוף, — און די חסרונות פון אַרומיקן לעבן ווערן אים וואָס אַמאָל קלערער, ווי זיי וואָלטן זיך ערשט איצט אַרויסגעשיילט פונם שיטער־ווערנדיקן הערבסטיקן בלעטער־געוועב.

אַלץ הויבט בונעמען אָן צו שניידן איבערן האַרצן, לחלוטין אַלץ.

בערקוזשע איז נאָך אַלץ אפילו פּאַר אים דער געטרייער, דער איבערגעגעבענער גבאי; ער פירט אים אַרום איבער דער שטאָט, ער באַווייזט אים אַסך טשיקאַווע זאַכן, אַסך גוטע זאַכן. אשטייגער, זאָל בונעם נאָר אַ קוק טאָן: אידישע שילדן!.... אויף די טירן פון די גרעסטע „קאַזיאָנע פּריסוטסטוויעס" אידישע אויפשריפטן — היפּשע רויטע אותיות אויף אַ הינטערגרונט פון גלאַנציקע וויס־עמאַלירטע ברעטלעך! און זע — אפילו אין פּאָליציע, אפילו ביים וואָיענע נאַטשאַלניק...

— מילא... — קרימט זיך אָבער בונעם, ניט־צופרידנהייט.

— וואָס־זשע אָבער קומט זיי אַרויס דערפון?... קיין פּרנסה קומט דערפון, ווי איך זע, סיי־ווי קיינעם ניט אַרויס.

יאָ, אסך אָפּטער, און אסך אָפּענער ווי פריער הויבט זיך בונעם לעצטנס אָן צו טשעפּען צום אַרומיקן לעבן. ס'קוקט אויס ווי ער וואָלט אָנגעהויבן די לעצטע צייט טראָגן אין זיך עפּעס א באַהאַלטע־נעם פאַרדרוס אויף אימיצן, — און ער זוכט רק א געלעגנהייט אויף וועמען אויסצולאָזן זיין כעס.

דעם גרעסטן עגמת־נפש ביז איצט האָט בונעם, דאַכט זיך, געהאַט אינם קוסטאַרן־קלוב וואוהין דער גערייער בערקאָוושע האָט אים איין מאָל געבראַכט צופירן.

ס'איז געווען א שבת־טאָג, אָן אַפּרו־טאָג, און די שטאָטישע בעל־מלאכות האָבן היינט ניט געאַרבעט. בערקאָוושע האָט אים נעהאַט פאַרזיכערט: היינט וועט ער דאָ געווים אָנטרעפן אסך אמאָליקע באַקאַנטע זיינע... אין קלוב איז געווען טאַקע היינט געדיכט און טומלדיק פון די אַרומשמייענדיקע קוסטאַרן־מיטגלידער ווי, להבדיל, אין פּאָליש פון א שול בשעתן לייענען. אידן, אינגערע און עלטערע. אידענעס אויך.

צוויי נידעריקע, כאָטש זייער גרויסע צימערן פון אָן אמאָלי־קער ציוניסטישער ביבליאָטעק. איינס פאַר געזעלשאַפטלעכקייט און פאַרזאַמלונגען; דאָס צווייטע — פאַר לייענען. אינם לייען־צימער איז געדיכט אָנגעראַוויכערט. אינם געלבלעך־גרויען נעפּל ווירבלען זיך נאָכאַנאַנד, שאַרכען צייטונגען. פון די נידעריקע ווענט הענגען אַרונטער קאָלירטע דיאַגראַמען, פאַרביקע אויפרופן, פּילציפערדיקע טאַבעלן. דורך געדיכטע רויך־נעפּלען קעמפן קוים דורך די פאַר־טרעטן פון לענינען, פון טראָצקין, פון קאַרל מאַרקסן... און בונעם הויבט אָן צו קנייטשן דעם שטערן, פירט ניט־פאַרשטייענדיק פאַנאַנדער די הענט.

— וואָרט אָקאָרשט... היינט איז דאָך שבת, ניין? זע נאָר, ווי זיי רויכערן עס אַזוי געשמאַק...

נו, אין ניו יאָרק האָט מסתמא בונעם אויך געזען פון צייט צו צייט ווי דאָ און דאָרט רויכערט א מענטש אום שבת... און פונ־דעסטוועגן האָט ער זיך דאָרט קיינמאָל ניט אָנגענומען די קריוודע פון ד' צבאות. ער אליין, דוכט זיך, רויכערט אויך אום שבת. און ביי אים אין די געוועלבן אַרבעט מען דען ניט אין דעם הייליקן אַפּרו־טאָג א גאַנצן טאָג, אַרבעט מען דען דעמאָלט ניט נאָך גע־שמאַקער און פלייסיקער אפילו ווי א גאַנצע וואָך — ווייל ס'איז

היינט ערב־זונמיק? יאָ, אָבער אויף דעם איז עס דאָך ניו יאָרק — אַ שטאָט אַ בבל, מענטשן ווי פון אַ דור־הפלגה — ווער קאָן עס דאָרטן איינער דעם צווייטן... אָבער אין אַזאַ פאַרכעוואַטער היימישער שטעטעלע? — זיי אויך? האָט מען דען דאָ אָנגעוואָרן די גאַנצע בושה? האָט מען שוין סיידן זיך אויפגעהערט צו שע־מען איינער פאַרן אַנדערן?

בונעם שטייט אין געדיכטן קלוב־צימער אַ צעטומלטער, פילט זיך פרעמד צווישן אַרומיקן זשומענדיקן עולם. כאָטש פון דאָ און דאָרט אינם רויכיקן נעפּל, שטעקט מען אים אַריין אַ שלום־עליכם. אודאי, ווען ער וואָלט ניט געווען איצט אַזוי צעטומלט וואָלט ער מסתמא דערקענט דאָ ניט איין באַקאַנט געזיכט פון אַן אַמאָליקן שוסטער־קאָלעגע; נאָר אַזוי — דרייט זיך עס אים אַלץ פאַר די אויגן, הוזשעט אים אַלץ אין די אויערן.

בערקוזשע — דער גבאי זיינער, דער טשיטשעראָנע — באַ־טראַכט אים פון דער זייט מיט אַ קלוגינקן מעפיסטאָפעלישן שמייכעלע. פלוצלונג נעמט ער אים אָן פאַר אַ האַנט, פירט אים צו צו אַן אַלטער פרוי, מיט אַ קופּע פלאַטשיקע אָפּגעבליאַקעוועטע שיטערע האָר אויפן קאָפּ, וואָס קוקן אוים ווי אַ שייטל.

— דאָס איז דאָך זי, די גאַווריליכע... געדענקסט זי שוין ניט, וואָס?

די אידענע שמייכלט אים אַנטקעגן מיט אַ פאַרמעטן צעקנייטשטש געזיכט פון אַ זיבעציק יאָריקער זקנה, עפנט אויף אַ מויל מיט בלייך־בלוילעכע יאַסלעס אין וועלכן עס איז שוין קיין סימן פון אַ גאַנצן צאָן ניטאָ, — פּניאָקעס בלויז געלע, צעפוילטע וואָרצלען. זי שמייכלט אים אַנטקעגן ווי אַן אַלטע באַקאַנטע, שטעקט אים אָפּ אַ וואוילע־רישן, מאַנסבילישן שלום־עליכם:

— אַ, אַ, אַ גרויסער גאַסט... — שאַמקעט זי מיט די יאַסלעס. — דאָס איז דאָך דער אַמעריקאַניעץ אונזערער...

בונעם דערמאָנט זיך טאַקע: גבריאל שוסטערס ווייב, אַמאָ־ליקע נוטע פריינט, איין צייט געווען אַפילו שכנים. בערקוזשע האָט אים שוין וועגן זיי געהאַט דערציילט. דער אַלטער גבריאל אַליין — אַן אַמאָליקער בונדאָוועץ — איז איצט אַ פאַרברענטער קאָמוניסט; און זיין ווייב נעבעך — זי איז איצט אין שטאָט פּשוט אַ שם־דבר מיט אירע אַפּיקורסישע נענג. אָט די אַלטע, וואָס שטייט שוין מיט איין

פוס אין קבר — לעצטן פסח האָט זי געגעסן חמץ פאַר אַלעמען אין די אויגן! און ניט נאָר פירט זי זיך אַליין אויף ווי אַן אמתע גויע, נאָר זי גייט נאָך אַרום אויפן מאַרק, צי צווישן די שכנים, און טענהט איין מיט אַלעמען הלמאי מען איז פאַרנאַרט, הלמאי מען היט אָפּ „אידישקייט"...

— פלייש דאַרפן זיי עסן דוקא פון אַ אידישן קצב... היינט־צו־טאָג! אין אַזעלכע רעוואָלוציאָנערן צייטן!

בערקווזשע שטייט הינטער דער אַלטער, גיט איר אַ פריינט־לעכן שטורך, זאָגט איר אונטער, — ווי אַ מלמד אַ שעמעוודיקן חדר־אינגל בעת אַ שבתדיקן פאַרהער.

— נו, איז דערציילזשע אונז, גאָווריליכע... וויאַזוי איז עס דיר געגאַנגען לעצטן פסח... אונזער גאַסט איז זייער נייגיריק צו וויסן...

צוליב וואָס־זשע שטורכעט ער איר, בערקווזשע? ווער־זשע האָט עס אים געזאָגט אַז זי שעמט זיך? פאַרקערט, זי איז גיכער שטאָלץ מיט דעם: זי האָט די ערשטע באַוויזן דעם קונץ. אמת, צוערשט איז זי ניט געווען אַזוי זיכער ביי זיך, אַז עס וועט איר אָראָפּגיין אַזוי גלאַט... האָט זי באַשלאָסן צו פּרובירן דערווייל עסן חמץ בלויז דעם ערשטן טאָג פסח — און אויב עס וועט איר דעם ערשטן טאָג ניט פאַרשאַטן, איז...

— ניין. — הנדלט זיך מיט אַ קלוגן שמייכעלע די זקנה מיט דער קופּע פלאַטשיקע אָפּגעבליאַקעוועטע האָר אויפן קאָפּ וואָס קוקן אוים ווי אַ שייטל. — ס'האָט מיר טאַקע ברוך־השם ניט פאַר־שאַדט... האָב איך במילא דעם צווייטן טאָג פסח ווידער געגעסן חמץ — האָט עס מיר ווידער ניט פאַרשאַדט... האָב איך שוין אַזוי נעבעך אָפּגעגעסן חמץ דעם גאַנצן פסח, — נו, און איך לעב נאָך ביז היינטיקן טאָג, ווי איר זעט...

אַ ניט־באַמערקטע טיר הינטער בונעמען האָט זיך געעפנט; אימיצער איז פון דאָרט אַרויס. בונעם האָט זיך אָפּגערוקט אַן־אַ־זייט, האָט אַריינגעקוקט אין דער אויפגעעפנטער טיר: דאָרט איז געווען אַ צירולניע. מענטשן אַרומגעוויקלטע מיט ווייסע האַנ־טיכער, מיט ברודיקע ליילעכער, זיינען געזעסן מיט איינגעבויגענע רוקנס, מיט קעפּ אויסגעבויגענע אויף הינטן, מיט מולינעס אויף געזיכטער... אַ פרייער טאָג היינט, אַן אָפּרו־טאָג.

דער מענטש, וואָס איז איצט אַרויסגעגאַנגען פון דער ציי־רולניע־טיר, איז געווען אַן עלטערער איד מיט הויכע גלאַנציקע קינבאַקן וואָס האָבן זיך געהויבן איבער אַ ברייטער גרויער באָרד. ער איז צו צו בונעמען מיט אַ שיינענדיקן פּנים און מיט אַ פרישׂ־אָפּגעשווירענעם קאָפּ, ווי אין אַן ערב יום־טוב. צווישן די פינגער האָט ער געהאַט אַ ניט־אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס:

— אַ, ברוך־הבא... אונזער אַמעריקאַניעץ איז דאָ... מען קען ביי אייך פאַררויכערן, חבר אַמעריקאַניעץ?

נו, דאָס איז שוין געווען צו־פיל... אַזאַ אַלטער תּרח! — פּאַפּיראָסלעך ווילט זיך אים רויכערן! דווקא אום שבת? און מיר קליבן נאָך פאַר זיי רעליף אין אַמעריקע? ניין, מער האָט שוין בונעם ניט געקענט אַריבערטראָגן. ער האָט זיך ראַפּטאָם אַ ריס געטאָן פון אָרט, און איז אַרויסגעלאָפן, ניט רופנדיק אפילו בער־קושען מיט זיך.

— ווײַ, וואָס איז דאָ פון אַלעמען געוואָרן, — איז ער געלאָפן איבער דער גאַס, און זיך געהאַלטן ביי די היים־קלאַפּנדיקע שלייפן.

— ווײַ, וואָס איז דאָ פון אַלעמען געוואָרן... פּשוט עפּעס מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף!

ב.

דערפאַר טוט זיך שוין בונעם אָן אַ גרויסן וואָוילטיק און גייט אַוועק, טאַקע יענעם זעלביקן שבת־נאָכמיטאָג, אין דער קאַר־לינער שטיבל אַריין — גייט אַוועק אַליין, אָן בערקושען. אויך אויף בערקושען איז אין אים, ווייזט אויס, אָנגעוואַקסן אַ פאַר־דרוס. צוליב וואָס פירט ער עם אים אַלץ אין אַזעלכע ערטער...

אין דרויסן איז וואָלקנדיק. פון צייט צו צייט גיט אַ שפּריץ אַ דראָבנער און אַ וואַרימער זומערדיקער רעגן. דערנאָך ברעכט די זון דורך די וואָלקנס, עס באַווייזן זיך יונגען שפּאַצירנדיקע איבער די גאַסן.

אָנגעטאָן זיינען זיי אָבער פּראָסט, וואָכעדיק — גאָרניט ווי בונעם געדענקט פון אַמאָל אַזעלכע יונגען אין אַ שבת־נאָכוואַרמעס. מיידלעך מיט רויטע געבלימלטע קאָפּטיכלעך ווי שיקסעס, שרייען אַריבער איינע צו די אַנדערע דורך פאַנאַנ־

דערגעפּראַלטע פענצטער. באַרוויסע קינדער גראַבלען זיך אינם זאַמד פון פרישע אָנגעלאָפענע ריטשקעלעך — זוכן אַלטע מטבעות, וואָס דער רעגן האָט אָנגעטראָגן פון אונטערגעשווייגטע פאַר־באַרגענע אוצרות אין די אַרומיקע בערג... און פישן דערווייל אַרויס פון וואַסער הויפנס צעקרימטע פאַרזשאַווערטע טשוועקעס.

אַז בונעם גייט ווייטער, דערזעט ער באַלד ווי יונגע יאַטן גרייטן זיך צו אַ שפּיל. זיי צעשטעלן זיך אין איין מינוט צייט אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, צעלייגן ציגל, צעשטעלן באַזע־שטיינער, גרייט אָנצוהויבן שפּילן פּאַלאַנטעס. אָבער איידער זיי באַווייזן נאָך אַדורכצולויפן דעם ערשטן רונד, כאַפּט מען שוין צוריק די גרויסע און די קליינע פאַרשפּיצטע פּאַלאַנטע־שטעקלעך, מען זוכט אַן אָפּ־דאַך אין דעם נאָענטן טויער. דער שטיפערישער רעגן האָט ווידער, מעשה־קונדס, אַ שפּריץ געטאָן פונדערהויך, פאַריאָגט אַלעמען פון גאַס.

בונעם אָבער גייט אַלץ זיין וועג באַרג־אַרויף, אַרויף דעם קאַ־וואַלויקער טראַקט, צום קאַרלינער שטיבל. ער באַשיצט זיך מיט אַ גרויסן טייערן שוואַרץ־זיידענעם שירם. אַליין האָט ער אפילו געהאַט אַמאָל אַ שטאָט — אייגנטלעך בלויז אַ האַלבע שטאָט, דער־פאַר אָבער אַ גאַנצן שטענדער — גאָר אין דער גרויסער שול, ביים ברעג־וואַסער, אויפן שול־הויף. אָבער דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל.

ער גייט איצט אין קאַרלינער שטיבל אַריין: ברוך־משה־מרדכים, דער אַמאָליקער מלמד זיינער, האָט אים נאָך דעמאָלט — יענעם אָוונט ביי בערקאָזשען — געהאַט דערציילט: יעדן שבת־נאָך־וואָרמעס „זאָגט" ער דאָרט מדרש פאַר אַ קליינער עדה אידן, אַמאָ־ליקע קאַרלינער חסידים. זיי האַלטן נאָך, הייסט עס, אַביסל אונטער דעם „קאָפּ־אַרויף" פון דער אַמאָליקער פאַרשוואונדענער וועלט... איז אַהינצו ריכט איצט בונעם זיינע טריט.

אינם גריבערדיקן קוואַלויקער טראַקט — אין אַן אויסגע־ראַיעטער נאַסער לאָך פונקט קעגנאיבער דער שול, ווי אין אַ ריזיקער מולטער — וואַרימט זיך אַ טשאַטע חזירים, גרויסע און קליינע, ברוינע און גרוילעך־געלע. אַלע — אַרומגעהאַנגען מיט פרענדזלעך פון אוירדיקן קויט און בלאָטע.

בונעם גייט דורך אַ גרויסן טונקעלן פאָרהויז, אַ מין קאָ־רידאָר. דער פּאָל איז דאָ אַן ערדענער. ס'איז קיל. רעכטס, פון

א גרויסן פענצטער־לאָך, וואָס קוקט גיכער אויס ווי א הויך־אויס־געהאַקטע טיר, — אַ פענצטער אָן שויבן און אָן פענצטער־ראַמען — פאַלט איצט אַריין אַ לעבלעכער טאָג־ליכט, באַלויכט דעם פאָרנשטן טייל פון פירהויז.

אויף דער ערד דערזעט מען דעמאָלט בערגלעך קויט: פון הינט, פון קעץ, פון מייז. בונעם מאַניפּולירט פאָרזיכטיק צווישן זיי זיינע טריט אין דער ריכטונג צום הינטערגרונט, וואו עס דאַרף זיך געפינען — אַזוי געדענקט ער עס נאָך אפשר פון אַ פּאָר צענד־ליק יאָר צוריק — די אַריינגאַנגס־טיר.

אין אַ וויטן דורכאויס־טונקעלן ווינקל האָט זיך די פינצטער־ניש פּלוצלונג אַ ריר געטאָן, אַ טרייסל געטאָן, אַרויסגעשפּיגן פון זיך אירם אַ שטיק — מיט אַ ווילד־צעשראָקענער געקרייעריי איז איבער בונעמס קאָפּ דורכן פענצטער־לאָך אַרויסגעפלויגן עפּעס אַ רוח — אַ שוואַרצע, כמעט אַ גלאַנציקע הון... זי האָט זיך מסתמא געהאַט דאָ שוין איינגענעסטלט אויף נאַכטלעגער, ערגעץ אויף אַן אומגעזעענעם קאַסטן מיט שמות. בונעם האָט אַ דער־שראָקענער איינגעבויגן דעם קאָפּ. זיינע פיס האָבן זיך אַלע ווײַלע ספּאָטיקעט אין אָנגעוואָרפענע ציגל, אין זיך־וואַלגערנדיקע אָפּגע־הריזשעטע ביינער וואָס בלודנע כלבים האָבן אַהער, אין פירהויז פון קאַרלינער שטיבל, פאַרטראָגן פאַר זייערע הינטישע סעודות.

בונעם האָט זיך איינגעקאָרטשעט, אָנגעטאַפּט אַ קליאַמקע און פאָרזיכטיק געעפנט די נידעריקע ברייטע אייזן־געשמידטע טיר וואָס האָט געפירט אינעווייניק אין שטיבל אַריין.

דאָ איז שוין געווען אַביסל ליכטיקער, כאָטש אויך דאָ האָט בונעם דערווייל נאָך קיינעם ניט געזען. ער האָט אָבער באַלד דערהערט שטימען — ניין, א י י ן שטים בלויז. ער איז גע־בליבן שטיין אינמיטן אַ פאָרזיכטיקן טראָט, זיך איינגעהערט.

פון דעם וואָס די שטים איז געווען אַ מאָנאָטאָנע אַזאַ, אַן איינשלעפערנדיקע, האָט זיך נאָך מער געדוכט אַז דאָ געפינט זיך טאַקע אינגאַנצן ניט מער ווי איין מענטש, וואָס רעדט די גאַנצע צייט צו זיך אַליין אין דער פּוסטקייט פון שול... פון דעם אָבער, וואָס אָט די שטים האָט די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטן אַ געוויסע הויכ־קייט, איז געוואָרן קלאָר אַז דאָס רעדט דאָרטן דער אומגעזעענער

מענטש צו אַ געזעמל פֿון נאָך מענטשן, וועלכע מוזן זיך געפֿינען אַרום אים. און בונעם האָט זיך געלאָזט אין יענער ריכטונג.

ביי אַ גרויסן שולחן, וואָס האָט זיך געצויגן פֿאַזע דער גאַנצער לענג פֿון אַ הויכער הרובע, האָט ער טאַקע באַלד דערזען אַזאַ גע־זעמל: עס האָבן דעם טיש אַרומגעקלעפּט אַסך איבערגעבויגענע מענטשלעכע געשטאַלטן — קעפּ, פּנימער, בערד זיינען ווי אַריינ־געוואָקסן אינם האָלץ פֿונם שולחן, געוואָרן אומבאַוועגלעך פֿאַר־גליווערט. און אימיצער, אין דער טיפֿעניש פֿון אָט דעם פֿאַר־גליווערטן געזעמל, האָט נאָכאַנאַנד און שלעפֿעריק געזאָגט, געזאָגט, געזאָגט...

בונעם האָט אָבער אַלץ ניט געקענט זען — ווער. ס'האָט דעריבער אויסגעזען ווי אָט דאָס בינטל ענג־צוזאַמענגעקלעפּטע גע־שטאַלטן מיט די שוויגנדיק־אַרונטערגעלאָזטע קעפּ צום שולחן־צו האָט זיך עס צוגעהערט צו אַ קול וואָס האָט זיך געטראָגן צו זיי פֿון אונטערן טיש, פֿון אונטער דער ערד... און זיי אַליין, אַלע — וואָס אַמאָל בויגן זיי זיך דעריבער אַלץ נידעריקער, זינקען זיי אַלע טיפֿער אין דער ערד אַריין. — — —

אימיצער האָט אינגיכן פֿונדעסטוועגן באַמערקט בונעמען. דאָס פֿאַרגליווערטע מענטשן־רעדל האָט זיך ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, האָט זיך ווי אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערטשוכען. אייניקע מענטשן האָבן זיך אפֿילו אַביסל צעטומלט פֿון דעם ניט־געריכטן גאַסט, אויפֿגע־הויבן זיך פֿון די ערטער. דורך די ניט־רעגלמעסיקע עפֿענונגען און דורכריסן, וואָס האָבן זיך איצט געהאַט פֿאַרמירט אינם אָקאָרשט ענג־צונויפֿגעקלעפּטן קרייז, האָט בונעם ערשט איצט דערזען די קורצינקע געשטאַלט ברוך־משה־מרדכיס. פֿאַר אים אויפֿן שולחן איז געלעגן אַ ריזיקער צעעפֿנטער, לאַנגער און ברייטער פֿאָליאַנט: אַ גמרא, צי אַ משניות, אַ מדרש, צי עפּעס אַנדערש.

בונעם האָט גרויסמוטיק אַ וואונק געטאָן צו זיי מיט דער האַנט און מיט די אויגן — מען זאָל בלייבן, הייסט עס, אויף די ערטער זיצן, מען זאָל זיך ניט לאָזן שטערן, מען זאָל ניט איבער־רייסן אינמיטן... ער פֿאָדערט קיין כבוד ניט, חלילה! ער האָט אפֿילו צוגעלייגט אַ פֿאָר פֿינגער צו די ליפּן:

— ששש... לערנט אייך, לערנט...

דער עולם זעצט זיך ערשט דעמאָלט, אָן חשק, צוריק אַנידער אויף די ערטער. בונעם לאָזט זיך גיין אויף די שפּיץ־פינגער צו דער מזרח וואַנט, שפּאַצירט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ איבער די גרויסע אַלייען צווישן די רייען פּוסטע בענק — ווי שורות קברים אויף אַ בית־עולם. די שטענדערס וואָס הויבן זיך אויף ביי זייער זייט — זיי זעען טאַקע אויס ווי מצבות איבער קברים וואָס געפינען זיך ערגעץ אונטער די בענק.

פון דרויסן טראָגט זיך פּלוצלונג אריין, מיט אַ קליין ווינטל, אַ ריח פון היי. דורך די פענצטער זעט זיך עס ניט, נאָר מסתמא געפינט זיך דאָרט ערגעץ ניט־ווייט אַ שייער. בונעם שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענצטער, און זעט: חורבות פון הייזער, צעלעכערטע דעכער, באַוואָקסענע מיט מאָך. פון אייניקע צעקראָכן־דורכגעווייקטע דעכער וואַקסן אַרויס פון דער נאַס־גרינער צעפוילטקייט בוימלעך גאַנצע, פלאַנצן ווילדע מיט וועלכע דאָס ווינטל שטיפט...
בונעם כאַפּט מיטאַמאָל אויף גיך צוריק אַריין דעם קאָפּ פון דרויסן: אין דער ברייטער נאָז זיינער גיט אַ זעץ דער שאַרפער עפּוש פון אַ פריש־אויסגעגאָסענער פּאָמאַיע.

אויף די שול־ווענט אַרום זעט בונעם געמעלעכצן אַלערליי, בילדער אָפּגעריבענע שוין, פּאַנעלן מיט צייכענונגען אין וואַסער־פאַרבן אָפּגעקראָכענע פון אַלטקייט, פאַרשוואונדענע אויפשריפטן... און ביי איינעם אַזאַ פּאַנעל שטעלט זיך בונעם אָפּ.

פון דער רעכטער זייט פונם פּאַנעל קוקן אויף אים אַרונטער צוויי ווערטיקאַלע שורות פון גרויסע אותיות, זייער לאַנגע און זייער שמאָלע, ווי דורך אַ האַמער אויסגעקלאַפּטע אותיות:

אדם	**ואינו**
דואג	**דואג**
על	**על**
איבוד	**איבוד**
דמיו	**ימיו**

זייער אַלט, דורות־אַלט, זיינען אָט די אותיות... כאָטש אייניקע פון זיי זיינען נאָך אַלץ אביסל געלבלעך פון דעם „גאָלד" מיט וועלכן זיי זיינען געווען אַמאָל באַדעקט. דאָס רוב פון זיי אָבער — שוין שוואַרץ: ס'איז די צוערשט־אַרויפגעלייגטע שוואַרצע גרונטאָווקע זייערע. פון דער בלייכער אָפּגעקאָלופּעטער שטוקאַטורקע

פון די פּאַרלאָזטע שול־וועגט שטאַרצט שוין זיכער פון לאַנג אַרויס אָט די ערשטע שוואַרצקייט מיט וועלכער די אותיות זיינען נאָך מיט דורות און דורות צוריק פאַרגרונטעוועט געוואָרן.

„אדם דואג"... דוכענען אָט די אותיות אויף דעם הויכן פראַנטיש־געקליידעטן אַמעריקאַנער זיי אַנטקעגן, דוכענען פייער־לעך אַזוי און ווייט־דערווייטערט, דוכענען מיט אַלטער אַמאָליקער קלוגשאַפט... און בונעם קוקט אויף זיי צוריק — קוקט מיט זיין זאַט־אויסגעפּאַשעט פּנים, מיט זיין ציכטיק־אויסגעגאָלטער צורה, אויסגעגאָלט אַזש ביז בלויקייט. וואָס מיינען דען פאַר אים אָט די אותיות? עפּעס אַן אָרנאַמענט, איינע פון די פילע ניט־קלאָרע צייכענונגען וואָס שטאַרן אויף אים אַרונטער פון אַרומיקע וואַנט־און־סטעליע: וועלף, לעמפּערטן, שעפּסן, ציגעלעך, קראַבן, אַלערליי שטערן און מזלות... אָבער אַז בונעם פאַרקערעוועט זיינע טריט ווייטער דורך די פּוסטע אַלייען צווישן די ניט־באַזעצטע בענק, ווי אַלייען אויף אַ בית־עלמין, פאַרקערעוועט זיך צו דער צפון־וואַנט, — קוקן אים דעמאָלט נאָך, שווייגנדיק און דערווייטערט, די אַנ־דערע צוויי ווערטיקאַלע שורות, פון דער לינקער זייט פונם זעל־ביקן פּאַנעל:

דמיו	ימיו
הולכים	הולכים
וחוזרים	ואינם

חוזרים.

יאָ... נאָר פאַרוואָס זאָלן בונעמס ברייטע פּלייצעס אונטער זיין חידושלעכן קאָסטיום פון פעפער־און־זאַלץ — אַ נאָרפאָלק־קאָס־טיום, מיט צונויפגענומענע פאַלבן איבער דער פּלייצע און אַ פּאַסיק אַרום־און־אַרום — פאַרוואָס זאָלן זיי זיין צו אָט דער אומפאַר־שטענדלעכער וואָרענונג ווייניקער גלייכגילטיק ווי זיין ציכטיק־אויס־געפּאַשעט פּנים איז עס געווען — צו דער פריערדיקער? ניין, טאַקע אויף קיין האָר ניט. ער גייט זיך ווייטער זיין וועג. אים ציט איצט צו דאָס זינגעוודיקע לערנען ביים לאַנגן שולחן — דעם שולחן לעבן דער ריזיקער הרובע, וועלכע פאַרנעמט כמעט די גאַנצע הויך פון קלויז.

ער גנבעט זיך אַהין צו אויף די שפּיץ־טריט, מען זאָל אים ניט הערן; ער שטעלט זיך אוועק אויף יענער זייט בעלעמער.

ברוך־משה־מרדכיס קול קלינגט איצט העכער און קלאָרער ווי פריער: אָ, ער פילט די גאַנצע צייט סאַראַ גרויסער גאַסט עס גע־פינט זיך איצט אין שול, און הערט זיך אפשר צו צו זיין לערנען...

— אַי, אַי, אַי, אַזוי איז עס טאַקע, רבותי... אין מדרש רבה, פרשה תרומה, שטייט געשריבן...

בונעם פאַרטאַיעט דעם אָטעם, זעצט זיך אַריין אין אַן אַלטן ווייבן שטול, אַן אויסגעבעטן מיט צעפליקטן געלן זיידנס — ער ווייסט ניט אַז דאָס האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ כסא של אליהו הנביא, וואָס איז באַשטימט פאַר גאָר אַנדערע געלעגנהייטן... פאַרטראַכטערהייט — דאָס מאַנאָטאָנישע לערנען האָט עס מסתמא אויף אים אָנגעווייעט אָט די מעדיטאַטיווע שטימונג — פאַרטראַכ־טערהייט גראָבט ער מיט אַ פינגער אין דעם פאַרפּעצטן חלבדיקן זאַמד פון אַ גרויסן קאַסטן פאַר יאָרצייט־ליכט, וואָס שטייט ניט ווייט פון אים, לעבן עמוד.

פון צווישן די געטאָקטע שטאַכעטן פון דער באַלעמער־באַלוסט־ראַדע קען ער, ניט־געזעענערהייט, קוקן צום שולחן אויף יענער זייט בעלעמער:

די צוהערער ביים טיש — אַלטינקע לייט איינער אין איינעם, געקליבענע זקנים. אָט די אַלטקייט איז צו זען ניט אַזוי פון זייערע סיווע בערד און שטאַרק־צעקנייטשטער הויט וואָס הענגט זיי אַרונ־טער פון די פּנימער אין אויסגעטריקנטע טאַרבעלעך — זי איז גיכער צו זען פון דער גאַנצער דערשלאָגנקייט, פון דער פאַרלוירנ־קייט וואָס קוקט אַרויס פון זייערע אויסגעלאָשענע אויגן. נידע־ריקער, נידעריקער בויגן זיך זייערע קעפּ צום שולחן, ביז עס הויבט זיך אָן ווידער דוכטן: זיי האַלטן שוין איצט ווייטער אין איינ־דרימלען און ביסלעכווייז אַריינוואַקסן אינם האָלץ פונם טיש, — איינדרימלען ענדלעך אויף שטענדיק, אַ דרימעל פון אייביקייט...

און בונעמען גיט עס עפּעס מיטאַמאָל אַ פאַרקוועטש אַזוי ביים האַרצן... ער דערמאָנט זיך: אין אַמעריקע איז ער אויך איינ־מאָל געגאַנגען אַזוי אין אַ מיטנוואָכעדיקן טאָג — אַ פרימאָרגן איז עס אייגנטלעך געווען — אין שול אַריין. זיינער אַ באַקאַנטער לאַנדסמאַן האָט געפּראַוועט דעמאָלט יאָרצייט נאָך אימיצן, האָט ער בונעמען שטאַרק געבעטן דעמאָלט מיטגיין מיט אים, — עס וועט אים זיין שווער צונויפצושטעלן אַ מנין אינדערפרי, ווען אַלע, אַלע

מענטשן אין ניו יאָרק איילן זיך צו דער ארבעט. די שול האָט זיך געפונען ערגעץ אין הארלעם, אין א היפשלעכן בייסמענט1). אַלע עלעקטרישע לאָמפּן האָבן דאָרטן דעריבער ביים פרימאָרגנדיקן דאַווענען העל געברענט, כאָטש אין דרויסן איז שוין לאַנג געווען טאָג. אין שול איז געווען דעמאָלט זייער וואַכעדיק און אומעטיק אַזוי; אפשר טאַקע דוקא מחמת אָט די אַלע לאָמפּן וואָס האָבן אין דער פוסטקייט דאָרט העל געברענט... ס'איז דאָרט געווען אויך צו־וואָרים, פּריקרע־וואָרים פון די ראַדיאַטאָרן פון דער סטים־היט2), וואָס האָבן ענערגיש געצישעט און געסווישטשעט פון אַלע זייטן, כאָטש אין דרויסן איז דוכט זיך גאָרניט געווען היינט אַזוי קאַלט. אָבער אין שול זיינען דאָך געווען צונויפגעקליבן בלויז אַלטינקע לייט — א קנאַפּער מנין פון גאַלע זקנים...

יאָ, דערמאָנט עס אים איצט אָן א לאַנגאָניקער איבערלעבונג פון דער ווייטער, ווייטער אמעריקע; פונדעסטוועגן האָט עס בונע־מען א י צ ט אַסך מער פארקוועטשט ביים הארצן... און כאָטש בונעם איז אַליין אין אמעריקע געווען גאָר, גאָר א קנאַפּער שול־גייער — בלויז אויף ימים־נוראים פלעגט ער תמיד קויפן א טיקעט אין אָט יענער הארלעמער שול; און כאָטש אויך דאָ אין שטאָט איז ער אפשר פאר דער גאַנצער צייט, וואָס ער פאַרברענגט דאָ איצט, געווען אין שול בלויז א פּאָר מאָל — פונדעסטוועגן, א נערווירטער ביז אין די טיפענישן, האָט ער גלייך אויפן אָרט אָנגענומען א פייערלעכן באשלוס:

— ער וועט זיי איינגיכן איבערלאָזן דאָ א גרויסע נדבה... אומבאדינגט.

אָבער אינמיטן פון אָט די אידעלע און מענטשן־ליבענדיקע גע־דאַנקען זיינע באַמערקט בונעם:

מיט א הילכיקן זעץ פארמאַכט פּלוצלונג דער מלמד דעם רי־זיקן ספר וואָס פאר אים אויפן שולחן. האָט ער ניט אָפּטמאָל צו־פרי פארענדיקט היינט דאָס לערנען זיינס, ברוך־משה־מרדכים? דער געדיכט־צונויפגעקלעפּטער קרייז ארום דעם לאַנגן שולחן דרייוולט זיך, פּאַלט זיך ביסלעכווייז פאַנאַנדער: די זקנים הויבן זיך אָן פּאַמעליכקע צו באַוועגן, מען ציט אויס פארשטאָרבענע איברים, אָפּגעזעסענע פיס... אפנים, אז היינטיקס מאָל האָט מען טאַקע

פריער ווי תמיד פארענדיקט דאָס לערנען: מען זעט ווי די אַלטע ליט ווייסן עפּעס גאָרניט וואוהין אַהינצוטאָן זיך.

ברוך־משה־מרדכים טאַנצט באַלד צו אויף זיינע קורצע פיסע־לעך צו בונעמען.

— גוט טאַקע וואָס איר זענט געקומען... איך וואַרט שוין אויף אייך אַ לאַנגע צייט... אודאי, איך פאַרשטיי: איר זענט אַ פאַרנומענער מענטש, איר האָט זיך געווים איינגאַנצן פאַרגעסן אָן אייער דעמאָלטיקן פאַרשפּרעכן... האַ? ביי בערקוזשען...

— ניין, פאַרוואָס... — פילט בונעם איינצייטיק אי איינ־געגעם אי עפּעס פריקרע אַזוי וואָס זיין אַמאָליקער רבי אירצט אים.

— אדרבא... איך האָב אייך אַליין אויך געוואָלט זען... איך האָב אַלץ געזוכט אַ פרייען טאָג... זיך דורכשמועסן מיט אייך וועגן פאַרשיידענע זאַכן...

— אָ, ווי גערן ע ה וואָלט ווען כאַפּן אַ שמועס מיט אים... — קוקט ארויף דער מלמד מיט גרוים געפאַלנקייט צום וואוקסיקן בונעמען. — ער חלומט שוין לאַנג דערפון... — ער קוקט זיך ארום אין אַלע זייטן. — אָבער ניט דאָ... אפשר וואָלט בונעם אַ בעלן געווען קומען צו אים אַהיים? נישקשה, ער וועט קיין חרטה ניט האָבן... — גיט ער צו אין אַ סודותדיקן טאָן, און זשמורעט אפילו צו דאָס רעכטע אויגל.

— וועגן וואָס אַשטייגער ווילט איר מיט מיר דאָרטן שמועסן?

— פאַרגעסט בונעם אַז ער האָט דאָך אָקאָרשט אַליין געזאָגט אַז ער האָט די גאַנצע צייט געזוכט אַ פרייען טאָג אויף דורכשמועסן זיך מיט יענעם. זיין נייגיריקייט וואַקסט אין אים; די געהיימ־ניספולקייט פון דעם מלמדס קול פילט אים שוין באַצייטנס אָן מיט אַ קאָנספּיראַטיוון ציטער.

— פאַרשטייט איר... — שלעפּט אים דער מלמד אָן־אַ־זייט, אין אַן אָפּגעזונדערטן ווינקל. — כ'האָב פאַר אייך זעלטענע זאַכן... צום פאַרקויפן... זעלטענע אידישע ספרים... דאָ איז מען אויף דעם איצט קיין בעלן ניט...

— דאָס אַלץ... ספרים? — וואונדערט זיך בונעם אַביסל אנטוישט. — מיר? פאַרקויפן?

— יאָ... — לאָזט ברוך־משה־מרדכים נאָך נידעריקער אַרונ־טער זיין קול. — ספרים... זעלטענע אנטיקן... יקר־המציאותן...

קומט צו מיר אהיים, וועל איך עס אייך אלץ באווייזן... זייער אלטע זאכן — אין אמעריקע וועט איר עס ממש פארצוקערן... איר וועט קענן אויף זיי שטעלן די העכסטע פרייזן... כ'האב געהערט אז אין אמעריקע זוכט מען אזעלכע זאכן מיט ליכט...

— אך, אזוי... כאטש עפעס זייער אלטע ספרים? — בונעמען פאלט איין אז ס'איז מעגלעך גארניט אזא קרומע זאך; יא, ער האט אויך אמאל ערגעץ געהערט וועגן דעם, אז ס'זיינען דא מענטשן וועלכע מאכן גוטע ביזנעס דווקא פון אלטע ספרים... און ער ווערט אינגאנצן אויפגעלעבט. — אווקאז, גלייכט מען ביי אונז אין אמעריקע אלטע אידישע ספרים... זיי מוזן אבער זיין אמת־אלטע, אנדערסטענד? וואס אלטער, אלץ בעסער. נא בלאף! נא מאנקי־בזינעס! הערט נאר, רבי... זיינען זיי טאקע ריעל[3] אלטע? — בויגט זיך שוין איצט, פון זיין זייט, בונעם איין מיט א געהיימעניספולער מינע צום מלמד און נעמט אים אן ביי אן אקסל.

— איר פרעגט נאך... — צאפלט זיך אזש אויף דער מלמד, ווען ער דערזעט אז עס גייט גאר אויף א גאנג. — שייך צו זאגן אלטע? זעלטענע, צעפליקטע ספרים... אינגאנצן שוין געל־גע־ווארענע. — רייבט ער זיך די הענט פון שמחה. — הכלל, וואס דארף איך אייך דא אסך איבעררעדן? — ווערט ער שוין ביי זיך תקיפער. — קומט צו מיר אהיים, וועט איר שוין אלץ אליין זען... נישקשה, איך קען מיך פארלאזן אויף אייערע מבינות.

ג.

ווען בונעם לאזט זיך יענעם פארנאכט גיין אהיים, דערפילט ער זיך ווידער אין דער אמאליקער געהויבענער שטימונג — אין א שטימונג אין וועלכער ער האט זיך שוין זייט עטלעכע וואכן ניט געפילט. ווידער דערפילט ער אין זיך די פריידיקייט פון די ערשטע עטלעכע וואכן דא, ווען ער איז געווען דער ערשטער ביר־נער אין שטאט... ווידער קומט צו אים צוריק די וויכטיקייט זיינע פון אמאל. דער פארדרוס־געפיל פון די לעצטע פאר וואכן פארשווינדט אויף א ווילע, ווי א שווערע פינצטערע כמארע.

און ס'איז טאַקע גאָר ניטאָ זיך וואָס צו חידושן פאַרוואָס אין בונעמען איז עס לעצטנס שטאַרק אַנגעוואַקסן אַט דער טיפער פאַרדרוס — א פאַרדרוס וואָס האָט אין אים אַרויסגערופן א בי־טערן פאַרלאַנג צו קאָמפּענסירן זיך — א פאַרלאַנג צו וועלן טאָן צו־להכעיס אימיצן, אַלעמען... נעמען, אשטייגער, זיין טאָכ־טער, טאַמאַרען. אַזאַ זניקל — ער האָט איר שוין עטלעכע מאָל געקלאַפּט טעלעגראַמעס: „קום תיכף צופאָרן אַהער". ער האָט איר שוין אפילו געלט אויפן וועג געשיקט — אויך טעלעגראַפיש. איז אויף אַט די אַלע טעלעגראַמעס האָט זי פּשוט ניט געענטפערט... בלויז אין א בריוו צו סטערען האָט זי געבעטן אַז די מאַמע זאָל איר אַנטשולדיקן פאַרן טאָטן, ווייל זי קען איצט בשום אופן ניט אוועקפאָרן — ס'קומט ביי זיי איצט פאָר דער וויכטיקסטער לימוד פון אַלע לימודים, — די פּראַקטישע אַרבעטן, די אַרבעטן אויפן פעלד: ס'איז דאָך שוין זומער־לעב... „איבעריקס", האָט זי פאַרענדיקט דעם בריוו צו דער מאַמען, „פאַרשטייט זי, אַז דער טאַטע פאַרבלייבט דאָ נאָך א לענגערע צייט — וועט מען זיך נאָך זיכער זען"...

און בונעם קווײַנקלט זיך נאָכאַנאַנד, קווײַנקלט זיך, לייגט עס אַלץ אָפּ פון טאָג אויף טאָג, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט — ביז ער באַשליסט ענדלעך איינמאָל אין א שיינעם סוף־זומער־טאָג:

— וואָס וועט ער דאָ גיין פּראָוון מיט איר ברוגזן? ער וועט נעמען און זיך אַליין אַריבערכאַפּן צו איר.

און טאַקע פאַרוואָס ניט — ער האָט דאָך איצט סיי־ווי ניט וואָס צו טאָן אין שטאָט. איז וואָס וועט אים שאַטן אַז ער וועט אַרויספאָרן אַביסל צו איר? אמת, מען דאַרף זיך שלעפּן אַהין, האָט ער געהערט זאָגן, מיט דער אַקס א וואָסערע זעקס־זיבן שעה... נו, א ברירה האָט ער אָבער געהאַט?

האָט בונעם גענומען און איינגעפּאַקט א שיין טשעמאָדאַנטשיקל, מיטגענומען מיט זיך די מתנות וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אין פּאַריזש — אין יענעם רייכן געשעפט אויף פּ ל אַ ס מ אַ ד ע־ל ע ן — א פּאָר פּראַכטפולע האַלקעס מיט ברוסעלער שפּיצן, א קאָפּטל פון דינסטן זייד, א פּאָר אַקסל־פּאַטשיילקעס מיט האַנט־געמאַכטע באַטיק־צייכענונגען, עטלעכע פּאָר זיידענע זאָקן... ווייל

פון אַט די אַלע איינגעהאַנדעלטע מתנות איז נאָך דערוויילע ביי בור־נעמען גאָרניט געמינערט געוואָרן.

סטערע האָט אַלץ אָפּגעלייגט דאָס צונעמען א י ר חלק פון די מתנות אויף שפּעטער, ווען זי וועט ווערן אַביסל פרייער פון דער אַרבעט. און דער ווילדער עקשן, וויגדער, האָט זיך דאָך דעמאָלט, אין נ א ר א ו ו ל י ע, אויף מאָרגן אינדערפרי אָפּ־געטראָגן אין גרויס איילעניש — ער האָט נויטיק באַדאַרפט זיין, האָט ער דערקלערט דעם אָנגעבלאָזענעם בונעמען, נאָך דעם זעלביקן טאָג אין אַ דערבייאיקן אידישן ישוב און האָט זיך דעריבער גע־יאָגט אַהין ווי אַ רוח...

בונעם האָט דעריבער מיטגענומען אויך אַט די אַלע מתנות וועלכע ער האָט לכתחילה געהאַט איינגעקויפט פאַר וויגדערן: וואַטערמאַנס קוואַל־פּענעס, קונציקע בליישטיפט־האַלטערס „עווערשאַרפּ", פאַנטאַסטישע ציגאַרעטן־מונדשטוקלעך...

— ווי דאָס אָרימע קינד וועט זיך עס דערפרייען... — האָט ער שוין באַצייטנס אָנגעקוואָלן מיט טאַטעשן נחת, ווען ער האָט זיך אַריינגעזעצט אינם גרויסן לענגלעכן קאַסטן פונם אַלטמאָדישן דיליזשאַנס, וואָס האָט אים געדאַרפט פירן צו דער טאָכטער. — ניין, ניין... זי מוז דאָרט אודאי אַרומגיין פונקט אַזוי קרועה־בלועה ווי אַלע זייעריקע דאָ...

אַרויסגעפאָרן איז מען גאָר פרי, אַ בליאַסק אויף טאָג. נאָר ביים בריק וואָס האָט געפירט אויף יענער זייט טייך — ביים אָרט פון וואַנען דער דיליזשאַנס איז אָפּגעגאַנגען — האָבן זיך שוין פונדעסטוועגן געפונען איצט עטלעכע סעדיכעס. ס'האָט דערי־בער אויסגעקוקט, ווי זיי וואָלטן דאָ נאָך פאַרבליבן פון נעכטן פאַרנאַכט אָן — דורכגעשטאַנען, הייסט עס, אַזוי די גאַנצע נאַכט אויף די פיס און געוואַרט אויף אַ קונה.

פאַר זיי — געשטעלן מיט אַלט־געבאַקענע קיכלעך, מיט שטיינ־האַרטע בויגעלעך אַרויפגעצילעוועטע אויף אַ שטיקל שפּאַגאַט, אַ טעלער מיט מאַנדעלעך און צוקערקעס... אַ קלייניקייט, דער זאַמלפּונקט פאַר פּאַסאַזשירן, דער דורכפאַר־וועג פאַר דיליזשאַנסן און ווייטע פורן! ניט געקוקט אויף דער פרייער שעה, האָבן זיך טאַקע דאָ אַסך מענטשן שוין געשטויסן איצט אַרום. ס'האָט זיך

אָבער ניט געזען אַז אימיצער כאַטש זאָל צוגיין צו די געשטעלן מיט די אַלע גוטע זאַכן, עפּעס קויפן.

מער גליק האָבן שוין געהאַט די הענדלערינס מיט קאַשיקעס געקאָכטן באָב און אַרבעס, איינגעוויקלט טיף אין דער איינגעווייד פון פאַכן און פאַכן פאַטשיילע־שמאַטעס. מען האָט די סחורה צעכאַפּט אויפן ניכטערן מאָגן. אויך בונעם האָט זיך מיט אַ וואַרימען דערינערונגס־שמייכל אָן עפּעס דערמאָנט, זיך געהייסן אָפּמעסטן גאַנצע פינף גלעזלעך באָב, אַרבעס. קינדוויז פלעגט זיך טאַמאַרע אַזוי דערפרייען ווען ער פלעגט איר ברענגען פון גאַס אַ מתנה אַ מעסטלע געקאָכטן באָב פון אַ שאָקאָלאַד־קאָליר... נאַטירלעך, דאָס איז זייער נאַריש... נאָר נישקשה, ער וועט עס קענען גאַנץ גוט אַליין אויך פאַרנוצן; דער וועג פאַר אים שטייט פאָר אַ לאַנגער — גאַנצע זעקס, צי אַכט שעה.

די שטימונג ביי בונעמען איז פונדעסטוועגן סיי־ווי פאַרבליבן אַ ווייכע, אַ לירישע, בשעת די אידענע האָט פאַרזיכטיק אויסגעפּרעסט אַ שטיק צעקניטשטן צייטונגס־פּאַפּיר אויף איינצואוויקלען דעם רייכן קונה די איינגעקויפטע, נאָך וואַרימע סחורה... אין אַ זאָרגעוודיקן צוגעלאָזטן טאָן פרעגט ביי איר בונעם:

— נו, מומעניו... ווי גייט עס עפּעס דער האַנדל, האַ? דאָ כאַטש פּרנסה?

— פּרנסה... — לאָזט זיך ניט לאַנג בעטן די מומעניו מיטן ווייסן קאָפּטיכל פאַרבונדן אונטערן קין אין צוויי לאַנגע פלעדערווישן. — ס'וואָלט שוין געגאַנגען גוט — מישטיינס געזאָגט, וויפיל דאַרף מען עס איינגאַנצן האָבן... דער מאָגן איז שוין פון לאַנג כמעט איינגאַנצן איינגעשרומפּן געוואָרן. נאָר די ציינזן, אַי די ציינזן... ווער קען זיך עס אויף אַלץ אָננעמען? — זי קוקט זיך אַרום מיט אירע שרעקעוודיקע מויזן־אויגעלעך. — אַי, ווען דער מיליציאָנער וואָלט מיך כאַטש געלאָזט צורו... פאַר אַ האַנדלשיין צום זיצן — גיב אים ניין רובל... אויף אַרומצוגיין, — פינף רובל... נו? ווי האַלט מען עס אויס?

בונעם האָט איר לייטיש אויסגעדריקט זיין מיטגעפיל מיט אַ באַדויערונגספולן שאָקל מיטן קאָפּ.

— אָבער ווער גיט אים דען? — די אידענע זשמורעט צו אירע אויגעלעך, באַווייזט אירע בלויזע אָנצייניקע יאַסלעס אין אַ

טריאומף־שמייכל. — א מכה גיב איך אים, מיינע צרות... פונ־וואנען זאָל איך אים דען נעמען? דאָס געלט, זאָגט ער, גייט אויף די „גאַלאַדראַיושטשע"4)... א גדולה אויף מיר! און מיר אַליין וואָס זיינען — אפשר ניט קיין „גאַלאַדראַיושטשע"? קיין ברויט, קיין קלייד, קיין האַלץ... א פּיג 'על איך אים געבן צינזן!

מען האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אינגיכן האָט פון אהינטער א פורפורנעם הימל־פּאַס אין מזרח א שפּריץ געטאָן די זון.

אויף ביידע זייטן שאָסיי האָבן זיך געצויגן פעלדער. פּאָלע־סישע פּויערימלעך אין ברייטע העמדער אַריבערגעלאָזן איבער לייוונטענע פּליודערן זיינען שוין געגאַנגען הינטערן אַקער. אַקערס זיינען געווען איינגעשפּאַנט צו פּאָרן ריזיקע אָקסן, מיט קעפּ איינ־געשלאָסן אין גרויסע פּירקאַנטיקע יאַרמעס. די פּויערימלעך הינ־טער די קרעפּטיקע יאָדערדיקע אָקסן האָבן אויסגעקוקט זייער קליין און נעבעכדיק. ס'האָט אויסגעקוקט ווי ניט זיי האָבן געטריבן די אָקסן — די אָקסן האָבן גאָר, רואיק און פּאַמעלעך, נאָכגעשלעפּט נאָך זיך די פּויערימלעך...

די זון קאַראַפּקעט זיך דערווייל אַלץ העכער. א ווייטלעכע לע־וואָדע הויבט זיך איר אָן אָנטקעגן שווייגנדיק צו רויכערן, טראָגט אונטער דער זון א שטילע פּרימאָרגן־מתנה.

דער דיליזשאַנס טראַסקעט הויך איבערן שאָסיי. דאָס אויער פאַרנעמט דאָך פונדעסטוועגן פון צייט צו צייט אַן אָנטרייבן פון אָקסן: „אָצאָבאַ... אָצאָבאַ". דאָס קול פון די פּויערים אינם פּרימאָרגן קלינגט קיל, פּריש. קראָען פליען אָן, לאָזן זיך אַרונטער צו די פּריש־אַרויסגעוואָרפענע הרודעס ערד. מען צעאַקערט איצט די פעלדער פאַרן ווינטער־ווייץ. ס'איז שוין שטאַרקער שפּעט־זומער.

ד.

פאַרמיטאָג־צו פאַרציט זיך דער הימל פּלוצלונג מיט וואָלקנס. ס'הויבט אָן באַלד אַרונטערצוטראָפּענען א קאַלטער רעגנדל.

בונעם פאַרטראַכט זיך וועגן דער פאַרשטייענדיקער באַגעגע־ניש מיט דער טאָכטער, ס'ווערט אים איבער עפּעס באַנגלעך אַזוי

אויף דער נשמה. זיי שטעלן זיך אלע אפּ אין אַ קרעטשמע ביים וועג, אויף איבערבייטן די פערד.

בונעם גייט אריין אינעווייניק, נעמען אַ טרונק בראַנפן אויף דערוואַרימען זיך — דערוואַרימען דעם גראָבן חומר, צי אפשר גאָר די נשמה. אין קרעטשמע שטייט אַ הויך געריידעריי, קנוילט זיך אַ געדיכטער רויך.

— קיסס מיי עסס, — דערהערט פּלוצלונג בונעם מיט פרייד ענגלישע ווערטער. — טייערע ווערטער, הארציקע ווערטער... אַ גרוס פון דער היים אויף יענער זייט אָקעאַן, נאָך וועלכער עס הויבט זיך אים שוין לעצטנס אָן אַמאָל צו בענקען.

אַ פריידיק־אויפגערעגטער לאָזט ער זיך שפּאַנען צו יענעם ווינקל פון וואַנען אָט די היימישע קלאַנגען האָבן זיך געלאָזט הערן.

פונם געלבלעך־גרויען מאַכאָרקע־רויך שיילן זיך באַלד ארויס עטלעכע געשטאַלטן; מענטשן אָנגעטאָן האַלב־פּויעריש און האַלב ווי שטאָטישע באַלמעלאָכעס; בלויע פּאַדיאַוועקעס און דיקע לייוונטענע פּליודערן. אויפן טיש פאַר זיי — אַסך אויסגעליידיקטע ביר־פּלעשער, אַ פּאָר ספּירט־בוטעלעך, אַ שיסל מיט געשניטענע זויערע אוגערקעס.

בונעם הויבט גלייך אָן צו קנאַקן אויף ענגליש... הערסט, אזא פרייד, — לאַנדסלייט! איינגענע מענטשן! נאָר יענע דאָרטן ביים טיש הירזשען זיך בלויז פאַנאַנדער: „נאָ אָנדערסטענד”. יאָ, אין אַמעריקע, — דערקלערן זיי אים באַלד אויף פּראָסט־פּויעריש לשון, — זיינען זיי טאַקע געווען, געאַרבעט אַ פּאָר יאָר אין אַן אויטאָמאָביל־פאַבריק (אואוו „עקראַניע, אָנייאָ”...5.), אָבער קיין סך ענגליש קענען זיי פונדעסטוועגן ניט, ס'איז ניט שייך צו זאָגן... צי אפשר האָבן זיי זיך עס שוין פארגעסן? יאָ, נאָך אַ פּאָר ווער־טער אפשר — — —

און זיי טוען בונעמען צוליב און זיינען אים מכבד אין דער מאַמען אריין — אויף ריינעם ענגליש.

— און אייך בענקט זיך נאָרניט צוריק... צו אונז? — פרעגט זיי בונעם מיט טיפער מעלאַנכאָליע אין טאָן. — וואָלט איר זיך דען ניט געוואָלט צוריק אַהין אומקערן? זע, ווי שיקט זיך עס...

— בענקען? — לאַכט זיך דאָס האַלב־שיכורע געזעמל פאַנאַנ־דער און לאָזט אויס אַ נייע גראָבע מאַמע־זידלעריי אויף עכט־אַמעריקאַניש, וואָס דאָס קלינגט אָבער איצט אין בונעמס אויערן זייער זיס און זייער היימיש. — דאָרט וואו ס'איז דאָ בראַנפּן, דאָרט איז אונזער היים.

— און קיין אַרבעט האָבן מיר דאָרטן לעצטנס אויך ניט גע־האַט... — ברומט אַרויס אַ צווייטער פונם געזעמל זיינע אַ קריוודע.

— און אפשר וואָלטן מיר אַצינדערט יאָ געפאָרן קיין אַמע־ריקע... — ענטפערט שוין אַ דריטער צוריק, מיט ישוב־הדעת.
— מעגלעך, פאַרוואָס ניט... אָבער דאָרט איז דאָך איצט קיין בראַנפּן אויך ניטאָ, אין זייער טאַטנס פּרעסטאַטנס אַריין...

אַ באַליידיקטער אין זיינע בעסטע געפילן — אין זיינע ליריש־אויפגעוועקטע בענקשאַפטלעכע געפילן אַהיים — קערט זיך דע־מאָלט בונעם אום צוריק צו זיין טיש, זעצט זיך אַנידער אַליין אין זיין ווינקל. דער רעגן גיסט אין דרויסן מיט טראָפּנס גרויס ווי אַרבעס, קלאַפּט איינגעשפּאַרט אין די פאַרבלאָטיקטע שייבלעך פון דער קרעטשמע.

ה.

דער וויטערדיקער שטיק וועג ציט זיך שוין גאָר אָן אומע־טיקער.

דער דיליזשאַנס וואַרפט זיך אויפן שוין לאַנג ניט־פאַרריכטן גריבערדיקן שאָסיי, ער צעטרייסלט די ביינער. ער טרייסלט אויס פון קאָפּ יעדן מינדסטן געדאַנק חוץ דעם איינציקן געדאַנק: וויפיל צייט עס איז נאָך פאַרבליבן ביזן סוף פון דער רייזע; ער טרייסלט אויס פון האַרצן יעטווידן פאַרלאַנג, חוץ דעם איין־איינציקן פאַר־לאַנג: וואָס גיכער אָנצוקומען שוין...

אין דרויסן רעגנט נאָכאַנאַנד, און די פענצטער־לעכער פון די־ליזשאַנס, מיט אויסגעהאַקטע שויבן, זיינען פאַרצווינגן מיט ראָגזשעס. אין דיליזשאַנס איז איצט טונקל. בונעם זעט ניט דעריבער די פנימער פון די עטלעכע אַנדערע פּאַסאַזשירן; נאָר סיי־ווי איז ער איצט אינגאַנצן פאַרטיפט אין זיך, — ער האָט זיך מיטאַמאָל

דערשפּירט עפּעס געפֿאַלן, פֿאַראייניזאַמט, פֿאַרוואָרפֿן צווישן די אַרומיקע פֿעלדער, אומעטיקע, פֿרעמדע פֿעלדער... אַז ער רוקט אָפּ אַ שטיקל ראָגאָזשע פֿונעם פֿענצטער־לאָך און קוקט אַרויס אין דרויסן, זעט ער:

— גלייכע פֿלאַכע פֿעלדער, אָן אַ וועלדל אויף זיי, אָן אַ סימן אַפֿילו פֿון אַ בוים. זיי זײַנען באַדעקט מיט נידעריק־אָפּגעשווירענער תּבֿואה. אינמיטן — אַ בלאָטיקער און ניט־ברוקירטער שליאַך, ווי אַ גלײַכער שרונט. אַ געדיכטע רעגן־נעץ ציט זיך פֿון אונטן ביז אויבן — פֿון די נאַסע קורץ־געשווירענע אָדער גאָר פֿליכעוואַטע פֿעלדער, דורך דער פֿאַרדוויכערטער לופֿט, ביז די פֿאַרוואָלקנטע הימלען.

און אפֿשר טאַקע דערפֿאַר, — ווײַל דאָס איז אַ לאַנדשאַפֿט אָן אַמאָל־אַמאָליקע, און דערמאָנט אָן אַ שטיק לעבן זײַנעם, פֿון די יונגע יאָרן פֿאַר דער חתונה, בעת בונעם פֿלעגט אַרומפֿאָרן, זײַן שוסטער־זאַק אַריבערגעוואָרפֿן איבער אַן אַקסל, איבער די פֿאַרוואָרפֿנסטע פֿאָלעסישע דערפֿלעך, — אפֿשר טאַקע דערפֿאַר אַליין נעמט זיך עס די געדריקטקייט און געפֿאַלנקייט אין זײַן איצטיקן געמיט? ס׳קוקט בונעמען פֿלוצלונג אויס ווי אימיצער וואָלט אים אַרײַנגענאַרט אַהער... פֿון זײַן נײַער שפּיגלדיקער היים אויף יענער זײַט אָקעאַן, פֿון אַמעריקע, — האָט אים אימצער אַרײַנגענאַרט צוריק אַהערצו, אין דער פֿייכטקייט, דער אַרומיקער אָרימקייט, דער הערשנדיקער אומעטיקייט.

— וואָס טוט ער דאָ, בונעם? צוליב וואָס איז ער עס זיך דאָ פֿאַרזעסן אַזוי לאַנג, האַ? ניין, די טעג וועט עס שוין מוזן נעמען אַן עק, אַן עק, אַן עק...

אין דיליזשאַנס פֿאַרפֿעלט אים אינגיכן לופֿט צום אָטעמען. ער קלאַפּט אָן דעם אָנטרײַבער דורך דעם קליינעם פֿאַרדריפּעטן שייבל פֿון פֿאָרנט, וואָס קוקט אויס ווי אַ פֿענצטערל אין אַ תּפֿיסה־קאַמער. יענער שטעלט אָפּ די פֿערד. ער עפֿנט אויף דאָס פֿענצטערל. בונעם בעט זיך בײַ אים, ער זאָל אים לאָזן זיך אַנידערזעצן לעבן זיך אינדרויסן, אויף די קאָזלעס... יענער מעסט אים אָפּ מיט אַ פֿאַרוואונדערטן בליק.

— איר וועט דאָ דורכגענעצט ווערן, מיסטער... איר זעט ניט, ס׳רעגנט שטאַרק.

— ס׳מאכט ניט, איך בין דאָך אין א רעגנמאַנטל... — רעדט בונעם צו אים אַרויס מיט געפאַלנקייט. — און כ׳האָב דאָך מיט זיך א שירם אויך... אינעווייניק פעלט מיר אויס לופט — ס׳נודיעט... אזש ביז צום ברעכן... כ׳בעט אייך!

נו, וויבאַלד אַז לופט, — חידושט זיך שוין ניט דער אַנטריי־בער. ער האָט שוין משמעות געהערט אַז אַמעריקאַנער זיינען גע־כאַפּט אויף „לופט", און נאָך אַנדערע אַזעלכע אײדעלע זאַכענישן: עך, ער אַליין וואָלט אויסגעביטן די גאַנצע דורכנעמעדיקע „לופט" דאָ, די נעץ, ערגעץ אויף א וואַרים־ערטעלע, אין אַן אַנגערויכערטן שיינק אַשטייגער...

אונטערע מאַנאַטאַנעם געקלאַפּעריי פון רעגן; אונטער דער רעגלמעסיקער טרייסלעריי פון דיליזשאַנס הויבט בונעם אָן ווי איינ־צודרימלען. איינדרימלנדיק שוין, צוזאַמען מיטן טרייסלען זיך פונם ריזיקן קאַסטן אויף די היפּשע געקאָוועטע רעדער, טרייסלט זיך אים אויך אין קאָפּ דער לעצט־אַנגענומענער טרייסטנדיקער באַ־שלוס:

— באַלד וועט שוין נעמען אַן עק... באַלד — א זיכערער סוף.

צווייטער קאַפּיטל

אין טעכניקום

א.

טאַמאַרע האָט זיך גערירכט אויפן טאַטן.

נעכטן האָט איר שלמה דער זאַווכאָז, — ער פלעגט פאָרן אַ טאָג איבער אַ טאָג צום נאָנטסטן קליינעם שטעטל, וואָס האָט שוין געהערט צו אַן אַנדער קרייז, איינקויפן דאָרטן פאַרשיידענע פּראָדוקטן, פלעגט ער שוין ברענגען פון דאָרטן גלייכצייטיק די פּאָטשט אויך, — נעכטן נאָך האָט ער איר געבראַכט דעם טאַטנס פרישע טעלעגראַמע, אַז ער קומט.

דאָס געפיל פון דערוואַרטונגס־פרייד און דאָס געפיל פון אומרואיקן נייגיר האָבן זיך דורכן גאַנצן טאָג געביטן אין איר, פאַרגרעסערט אירע אויגן מיט פאַרוואונדערטקייט. זיי האָבן איר אַ גאַנצן טאָג נאָכאַנאַנד אַזוי שטאַרק געמאַטערט, ביז זיי האָבן איר פאַרנאַכטלעך־צו געהאַט שוין אינגאַנצן אויסגעמאַטערט. ביינאַכט איז זי דעריבער שלעכט געשלאָפן, גאַרניט לויט איר טבע נאָך, — דערהויפּט נאָך אַ שווערן, אינגאַנצן־אויסגעפּילטן אַרבעטס־טאָג אויף דער פערמע.

איר שלאָף יענע נאַכט איז געווען דורכגעפּלאָנטערט מיט אַלערליי חלומות.

ס'האָט זיך איר געחלומט:

אין אַ ליכטיקן זומערדיקן שבת־פרימאָרגן קומען צו צו זייער שטוב אויף דער קיעווער גאַס — צו זייער א מ אָ ל י ק ע ר שטוב, וואו זיי האָבן שוין זינט אַ פּאָר יאָר ניט געוואוינט —

קומען צו אהין א כאפטע סאָלדאַטן. רוטאַרמייער אין לאַנג־פּאָ־לעדיקע שינעלן, וואָס פלאַנטערן זיך זיי צווישן די פיס. זיי טראָגן אויף טאַצן פרישע לעבלעך ברויט, פון וועלכע עס שמעקט אזוי אָנגענעם דער זיסלעך־זויערער ריח פון ערשט־אָפּגעבאַקן געבעקס... און צווישן אָט די לאַנג־פּאָלעדיקע סאָלדאַטן געפינט זיך אויך ווייגדער.

ער איז אָבער שטאַרק געעלטערט געוואָרן זינט דעם לעצטן מאָל וואָס זי האָט אים געזען, — ווען ער איז אַוועקגעפאָרן פון דער היים קיין קיעוו, — אזוי, אַז צום ערשטן דערקענט זי אים גאָרניט. ער האָט א פּאַס גרויע האָר, וואָס הויבט זיך אָן פון רעכטן קאָפּ־ווינקל און ציט זיך אויס ביז דער פּאַטילניצע; ער טראָגט איצט א שפּיציק שאַרף בערדל, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט. ער גייט אַנטקעגן די אויפגעעפנטע פענצטער פון זייער הויז מיט אויס־געשטרעקטע אָרעמס, — טראָגט ער עס אויך אויף א טאַץ לאַבנס פריש־געבאַקענעם ברויט? זי, טאַמאַרע, און די מאַמע שטייען ביידע ביי די אָפענע פענצטער און קוקן זיך שטאַרק איין ווי עס דערנענטערט זיך צו זיי אָט די פיגור. ביז טאַמאַרע שרייט ענד־לעך אויס:

— מאַמע, זע... ס'איז דאָך ווייגדער! — — — —

און טאַמאַרע כאַפּט זיך אויף א שוויים־באַגאָסענע, א דער־שראָקענע. זי האָט טאַקע א געשריי געטאָן פון שלאָף... האָט עס אימיצער געהערט? האָט זי ניט אימיצן אויפגעוועקט? אין גרויסן שלאָפצימער פון דער „צוזאַמענוואוינונג" מיט דער נידעריקער סטעליע זיינען געשטאַנען עטלעכע רייען שמאָלע בעט־לעך. אין די האַרטע דראַטענע נעצן פון אָט די שמאָלע בעטלעך זיינען געשלאָפן אַסך מיידלעך, שילערינס פון טעכניקום, געשלאָפן א האַרטן געזונטן שלאָף, א שלאָף נאָך א שווערן אַרבעטס־טאָג. אַלע לאָדנס זיינען אין צימער געווען פאַרהאַקט, בלויז דורך א פּאָר שפּאַרונעס האָבן אַריינגעשטאָכן שפּיזלעך געלן לבנה־ליכט. די שפּיז־לען ליכט האָבן זיך צעפלאָסן, און אינם דאָזיקן שוואַכן ליכט האָבן זיך געזען: בלייכע אָרעמס, פאַרוואָרפענע הינטער מיידלשע קעפּ אין גערדיכטע האָר־ראַמען; שטייפע נאַקעטע פיס, וואָס גליטשן זיך אַרויס פון אַהינטער קאָלדרעס. ס'איז געווען דושנע דאָ; א רעגלמעסיק כראָפּען פון פילע נעזער האָט געזעגט די לופט.

פון טשוועקעס אויף ווענט און אין באַלקנס, פון פלאָקנס אין דער נידעריקער סטעליע האָבן אַרונטערגעהאַנגען קליידלעך, ווייסע און קאָלירטע מלבושים־זעקלעך און קלומעקלעך מיט זאַכן.

טאַמאַרע האָט ווידער געפּרובירט איינשלאָפן; זי האָט אָבער איינצייטיק געפילט, אַז דאָס וועט איר מסתמא ניט געלינגען. אין קאָפּ האָט זיך איר דורכן גאַנצן טאָג, האַרט ביזן שלאָפן־גיין, אַזוי־פיל געטומלט. פאַרוואָס איז איר איצט ווינדער געקומען צו חלום? ניין, דעמאָלט, אין יענעם ליכטיקן שבת־פרימאָרגן, איז ער דאָך גאָרניט געקומען צו זיי אין שטוב צוזאַמען מיט די רויט־אַרמייער. אים, ווינדערן, האָבן זיי דערזען ערשט אַסך שפּעטער אין טאָג.

זי מיט נאָך איינציקע חברטעס זיינען יענעם נאָכמיטאָג אַרויסגעגאַנגען אינם פאַרלאָזטן אויפגעבראָכענעם פריצישן גאָרטן אויף ק אַ ל י נ י ק — די פלויטן זיינע האָבן שטאָטישע איינוואוינער שוין לאַנג צעבראָכן און צעשלעפּט אויף אונטערהייצן ווינטערצייט די אויוונס און די הרובעס. זי מיט אירע חברטעס זיינען גאָר געגאַנגען איצט אַהין זען צי מען קען ניט אָנרייסן דאָרט אַביסל פלוימען. אין שטאָט איז מען דאָך שוין איצט ווידער געווען זיכער מיטן לעבן, און ס'האָט זיך געגלוסט צו יום־טובן אָט די נייע זיכערקייט.

ביי די פלויטן — ביי די ראַנדן גאָרטן, דאָרטן וואו די פלויטן האָבן זיך פ ר י ע ר געפונען — זיינען די ביימער געשטאַנען נאַקעטע און ליידיקע. נאָר טיפער אין גאָרטן האָבן זיך אויף די ביימער געפונען אַסך פלוימען — איבערצייטיקע פלוימען, געפּלאַצטע שוין, דער געלער זאַפט איז זיי אַריבערגערונען ווי צעשמאָלצענער בורשטין.

נאָר אָט, מיטאַמאָל באַווייזט זיך פון ערגעץ אַ הויכער געזונטער פאַרשוין, אָנגעטאָן ציכטיק ווי אַ פריץ, מיט אַ קיילעכדיקן ריין־אויסגעגאָלטן פנים. ער לאָזט זיך שפּאַנען צו די מיידלעך. דאָס דאָזיקע ריין־געגאָלטע פנים דערמאָנט אַזוי שטאַרק דעם טאַטנס בילד — אָט יענע אַמעריקאַנער „פּיקטשע", וואָס פלעגט אַמאָל שטיין ביי זיי אויף דער קאָמאָד... ס'איז דאָך אָבער נאַריש! פונוואַנען קומט פלוצלונג אַהער דער טאַטע?

עס דוכט זיך איר אָבער: יענער, מיטן קיילעכדיקן ריין־אויסגעגאָלטן פנים, שמייכלט צו איר פונדערווייטנס... אַז ניט דער

טאַטע — וועך־זשע איז עס פּאַרט? וויבאַלד אַז דער פּוילישער פּריץ אַליין, דער אייגנטימער פונם דאָזיקן סאַד, איז שוין דאָך לאַנג אַנטלאָפן פון שטאָט. טאַמאַרע דערשרעקט זיך. און ווירק־לעך: אָט יענער פאַרשוין — ער שמייכלט דאָך, דוכט זיך — פונדעסטוועגן לאָזט ער זיך באַלד צו די מיידלעך מיט אַן אויפגע־הויבענעם שטעקן.

— אוועק, טאַמאַרע, — רייסט ער פאַנאַנדער אַ ברייט מויל.

— עס ניט קיין גרינע פלוימען, זאָג איך דיר! וועסט זיך נאָך חלילה קאַליע מאַכן דעם מאָגן!

אין דעמאָלט, טאַקע דאָרטן אין גאָרטן, איז עס אָנ־געקומען ווינדער מיטן גרויען פּאַס האָר וואָס ציט זיך אים פון רעכטן שלייף ביז צו דער פּאַטילניצע און מיטן שפּיציקן בערדל, ווי אַ העקל... דעמאָלט האָט זי עס אים דערזען צום ערשטן מאָל.

— רייסט, רייסט, הערט אים ניט! — האָט ער די מיידלעך פונדערווייטנס צוגעשריען. — רייסט די פלוימען... איצט מעג מען... אָט, — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין גרויסן שינעל מיט די אויפגעבלאָזענע קעשענעס פוןביידע זייטן. — איך האָב אויך אָנגעריסן פולע קעשענעס מיט פלוימען... און אָט יענעם פאַרשוין —האָט ער אָנגעוויזן אויפן הויכן מענטשן, וואָס האָט אַזוי שטאַרק דערמאָנט אַן דער אַמאָליקער באַקאַנטער „פּיקטשע“, — יאָגט אים פון דאַנען! ווער דאַרף אים דאָ! — — —

ב.

טאַמאַרע — כאָטש ס'האָט זיך איר געדוכט אַז זי וועט שוין מער ניט איינשלאָפן היינטיקע נאַכט — איז פונדעסטוועגן ענדלעך פּאַרט איינגעשלאָפן. איינגעשלאָפן אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, און טאַקע מיט אַ געזונטן שלאָף. די דרימל־קייטן האָבן נאָך פעסט געהאַלטן געקאָוועט איר גוף ווען אַלע אָרום איר זיינען שוין געווען פון לאַנג אויפגעשטאַנען. ניט דער גלאָק און ניט דער פרימאָרגנדיקער טומל פון די זיך־אָנטוענדיקע מיידלעך האָבן זי געקענט אויפוועקן. די מיידלעך האָבן אָנגעהויבן וואַרפן אויף איר קישעלעך, צונויפגעקנוילטע קאָלדרעס, אַרונטערשלעפּן פון איר

איר אייגענע קאָלדרע. דורך די אויפגעפּראַלטע פענצטער האָט זיך געשפּאַרט אַ ציטערדיקער זייל פרימאָרגן־זון.

— העי, אַמעריקאַנערין, שטיי אויף!

— גיי מעלקן... די בהמה וואַרט אויף דיר אין שטאַל!

— ווּעסט נאָך צייט האָבן צו פּאַפּן ביי די בורזשויען...

אין דיין אַמעריטשקע! דערווייל קום, ס'ט אונז העלפן דרעשן!

וואָס האָט זיי דען געפעלט, אַט דער זאָרגלאָזער חברה...

נאָך אויפן ניכטערן מאָגן האָט אַ דין מיידלש קולכל — פערע

פון ק ו י ט ש י ץ, וואָס מיטן געזונטן רויטן שיקסע־פּנים

— שוין אויפגעזונגען דאָס באַליבטע לידל פון טעכניקום, האָט

פאַרצויגן מיט אַן אומעדיקן קול אָט דעם כלומרשט זיך־באַקלאָגנ־

דיקן ניגון:

— טאַטע, טאַטע, ס'האָט אויפגעהערט
 זיך לייגן די הינעלע די קאַסמאַטע...

— טאַטע, ס'האָט זיך ניט געקעלבט
 די בהמה די לאַבאַטע...

— טאַטע, טאַטע, דער פריץ האָט געהעכערט די ראַטע...

— טאַטע, טאַטע, ווען וועט שוין איינגעמען
 אַ מיתה־משונה די שוויגער, די האַרבאַטע!

אַ כאָר פריידיקע לוסטיקע שטימען האָט גלייך אויפגעכאַפּט דעם רעפריין, קלאַפּנדיק זיך דערביי הילכיק און שפּאַסיק אין די ברוסטן:

— חטאנו, חטאנו, חטאנו...

און אַלע זיינען אַרויסגעלאָפן פון גרויסן צימער, ניט דער־וואַרטנדיק זיך אויף טאַמאַרען.

נעכטן אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך אויך אַזוי געררייצט מיט טאַמאַרען. האָבן זיי עס איר אפשר מקנא געווען? אָדער האָבן זיי עס אויף אַזאַ אופן אָפּגעלאַכט פון איר גליק? ווער ווייסט... האָבן אַ טאַטן אַליין — אפילו נ י ט קיין אַמעריקאַנער טאַטן — איז שוין געווען עפּעס; ניט אַלע האָבן דאָ פאַרמאָגט טאַטעס. נעמען אַשטייגער טאַקע אָט די זינגערין אַליין, פערעלען פון ק ו י ט ש י ץ — איר טאַטע דער קרעטשמער איז דערהרגעט געוואָרן, און דוקא שוין נאָך אַלעמען, ווען די מלחמה האָט שוין אויפגעהערט. טאַמאַרע האָט אָט די טרויעריקע געשיכטע שוין ניט

איינמאָל געהערט פון די חברטעס: פּערעלע אַליין האָט וועגן דעם קיינמאָל קיין איינציק וואָרט ניט געלאָזט פאַלן, פלעגט אפילו אַריין אין גרויס כעס, ווען אַ נײַ־אָנגעקומענע שילערין פלעגט איר וועגן דעם אַמאָל פרעגן. נאָר אונטער די אויגן פלעגן שוין די חברטעס וועגן דעם איינע דער אַנדערער דערציילן. דער ווייטיק איז געווען טאָפּלט. בעת די מלחמה־יאָרן, ווען פּערעלעס שטעטל האָט זיך געפונען אין רעכטן מיטן מלחמה־פייער — האָט זיך דער פאָטער אירער אַרויסגעדרייט פון אַלע אומגליקן. און גראָד שפּעטער — —

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט זיך אין זייער שטעטל — וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט געפונען אין דער „נייטראַלער זאָנע" — אַריינגעריסן אַ גרעניץ־באַנדע פון די באַלאַכאָוועצעס1). מען האָט דעם טאַטן אירן אַרויסגערופן אין דרויסן. ער איז נאָך געווען אין טלית־און־תפילין, געהאַלטן אינמיטן דאַווענען. מען האָט אים גע־היסן מיטגיין — מען דאַרף אים אין נאָענטן וואַלד, העלפן זיי אָנהאַקן האָלץ. ער איז אודאי אָן אַ וואָרט מיטגעגאַנגען, האָט אפילו דעם טלית ניט אויסגעטאָן. אַהין איז ער אַליין געגאַנגען, נאָר צוריק האָט מען אים אין שעה־צוויי אַרום שוין ג ע ב ר אַ כ ט — נאָך אַלץ טאַקע אין זיין טלית־און־תפילין, נאָר מיט אַ נײַ־צו־געקומענעם פּאַס רויטס צווישן די פּאַסן תכלת און קרעם־קאָליר פון אָט דעם טלית, — אַ ריטשקעלע נאָך פריש בלוט פון אַ קויל, וואָס האָט אים דורכגעלעכערט. — — —

אָבער פּערעלע איז דאָ ניט געווען די איינציקע מיט אַזאַ בלוּ־טיקן „יחוס". דאָ האָבן זיך געפונען אַ היפּש ביסל יתומים און יתומות, וועמעס עלטערן זיינען אומגעקומען די לעצטע יאָרן. יאָ, אַ טאַטן איז דעריבער טאַקע דאָ געווען וואָס מקנא צו זיין. און בפרט נאָך אַן אַמעריקאַנער טאַטן!... טאַמאַרע וועט שוין אודאי ניט דאַרפן זאָרגן וואו צו קריגן, אַשטייגער, אַ צוויי רובל אויף רייזע־הוצאות אַהיים, יום־טוב־צייט.

איז קען טאַקע זיין, אַז דאָס פאַרגינט מען עס איר ניט איר „גליק"; אָבער טאַמאַרען דוכט זיך אַלץ: דאָס לאַכט מען גאָר איר אויס, דאָס וויצלט מען זיך איבער איר דערפאַר, וואָס ס'איז אומדערוואַרט די מיידלעך קלאָר געוואָרן אַז זי איז גאָר אַן אַ נ־ד ע ר ש ט י ק ע פון זיי אַלעמען — ניט אינגאַנצן קיין היגע,

עפּעס אַ פרעמדלעכער פויגל — זי האָט דאָך אַ שייכות מיט אַמע־ריקע...

טאַמאַרע האָט זיך יענעם פרימאָרגן אָנגעטאָן מיט אַ געפיל פון טיפער קרענקונג. אָט דער פאַרשוואונדענער טאַטע — צו וואָס האָט ער עס זיך צוריק אָפּגעזוכט? צו וואָס דאַרף זי נאָך ליידן פון אַ טאַטן, פון וועלכן זי איז שוין אינגאַנצן און פון לאַנג אָפּגעפרעמדט געוואָרן? זי איז מיט האַרץ אַרויס אין עסצימער. דאָרט איז שוין קיינער ניט געווען. זי האָט דאָרט קוים באַוויזן צו קריגן אָנבייסן.

אין קיך קנאַקט שוין אַ פייער אונטער די גרויסע קעסלען; די קיך־דעזשורנעס שיילן שוין קאַרטאָפל אויף וואַרמעס. די חברטע אין דער קיך — די היינטיקע קיך־אויפזעערין — בייזערט זיך: ס'איז שוין דאָך אַזוי שפּעט... אַלע זיינען דאָך שוין לאַנג ביי דער אַרבעט! זי דערמאָנט זיך אָבער באַלד: ביי טאַמאַרען איז דאָך היינט אַ שטיקל יום־טוב — זי דערוואַרט אַזאַ גרויסן גאַסט!

— דו גיי בעסער צוריק, וואַש דיך גוט אַרום, פאַרריכט זיך אַ קליידל... — ווערט די קיך־חברטע באַלד גאָר ווייך. — נישקשה, היינטיקן טאָג מעגסטו ניט אַרבעטן.

אָבער טאַמאַרע וויל דערפון אפילו ניט הערן. וואָס פאַר אַ יום־טוב אינמיטן דערינען! און באַלד איז זי אויך אין דרויסן, מיט אַלעמען, אין שייער.

ג.

ווען טאַמאַרע גייט אַריין אין שייער, איז שוין דאָרט היפּש לעבעדיק. כמעט אַלע קורסאַנטן זיינען איצט דאָ.

אין איין ווינקל האָט מען זיך פאַרנומען מיט דרעשן. אין אַן אַנדערן — מיט ווייען. אין שייער שטייט אַ געדיכטער שטויב, ס'רייסט אין האַלז. ליכט — אַ שטויביקער ליכט־זייל מיט מיריאַדן זיך־ווירבלענדיקע פּינטלעך — שיינט אַריין בלויז דורך דער איינ־ציקער טיר, וואָס איז ברייט צעפּראַלט אין דרויסן אַרויס.

אין אַ וויטן טונקעלן ווינקל זעען זיך צוויי פּאָר הענט — הענט בלויז, אָן מענטשלעכע גופים; זיי דרייען, ווי פון זיך אַליין, דאָס ראָד פון עפּעס אַ מאַשין.

מיידלעך אין געבלימלטע קאָפּטיכלעך מיט פֿאַרקאָשערטע אַרבל טראָגן נאָכאַנאַנד אַרויס פֿון יענעם ווינקל עמערס מיט גע־דראָשענער תבואה.

אין אַן אַנדער ווינקל אַרבעטן עטלעכע בחורים, פֿאַרשטויבטע ווי אמתע מילנערס, ביי אַ שנייד־מאַשין — זיי גרייטן צו „סעטש־קע"2). אַרום־און־אַרום אין שייער — קופּעס מיט נאָך־ניט־גע־דראָשענע זאַנגען, חמרים גערשטן, האָבער.

אַלע שמייען אַרום לעבעדיק. אַ יונג־בחוריש קול פֿאַרציט לוסטיק אַ ניגון, ציקלט זיך:

איז געווען אַמאָל אַ מע־לאַ־מעד...
האָט ער געהאַט מע־ריי־דן...
איז ער אַוועקגעפֿאָרן
צו אַ גרויסן גוטן אידן...

קולות וויגן זיך פֿאַנאַנדער, כאַפּן אויף די צייל פֿונם ליד, לאָזן עס אָפּ, כאַפּן ווידער אויף. די איינציקע, וועלכע זינגט ניט, איז טאַמאַרע. זי אַרבעט פֿאַרטאָנענערהייט, פֿאַרטראָגן. פֿריער מיט אַ פּאָר מינוט, בעת זי איז מיטן לײדיקן עמער צוגעגאַנגען צו דער קופּע תבואה ביי דער דרעש־מאַשין — זי איז געקומען פֿון אַ זייט, פּאַזע וואַנט, מען האָט איר ניט באַמערקט — האָט זי דאָרט אויפֿגעכאַפּט עטלעכע ווערטער. זיי האָבן איר געגעבן אַ שאַרפֿן שטאָך:

— וואָס דען, האַ... אַ שליח! מסתמא געקומען עפּעס אויסשפּירן... אַ שפּיאָן פֿון דער אַמעריקאַנער בורזשואַזיע...

זי האָט שוין יענעם פֿרימאָרגן מער אויף קיינעם ניט געקענט אויפֿהויבן די אויגן די גאַנצע צייט, ביז וואַרמעס־צייט.

זי האָט דערלייכטערט אָפּגעזיפֿצט ערשט ווען עס האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פֿון מיטאָג־גלאָק. כאָטש חברה אין שייער האָט זיך נאָך אויך דעמאָלט ניט גערירט פֿון אָרט. ווי תמיד, האָט מען אויך איצט געוואַרט אויפֿן פֿריילעכן פֿאַרוואַלטער, אויפֿן זאַוו־כאָז, דעם באַליבטן פֿון דעם גאַנצן יונגוואַרג. און שלמה דער זאַווכאָז — אַ יונג מיט אַ צונטערדיק־רויטער וויציקער נאָז און מיט אַ שטאַרק־בלייכן אויסגעמאַטערטן פּנים — לאָזט טאַקע אויף זיך לאַנג ניט וואַרטן.

ער קומט אַרונטער אין שיער מיט אַ הילכיקן געשריי; ער נייט „זיצנדיקערהייט״, דרייט אויס אַזאַ מין זיצנדיקן טענצל. דאָס יונגוואַרג רינגלט אים אַרום מיט אַ פּייפּעריי, מיט אַ פּאַטשעריי אין די הענט:

— ס׳איז דאָ, חברה... שרייט ער אויס לוסטיק. — כ׳האָב איך געבראַכט... אַלעמען! אַלעמען!

דער געפּילדער אַרום אים ווערט דעמאָלט נאָך גרעסער. ס׳הערן זיך פרייידיקע אויסרופן: „דאַיאָש אַטפּוסק!״

און אַט־אַזוי־אָ: ער — אָן דער שפּיץ; אַלע איבעריקע — נאָך אים. מיט אַ געזאַנג און מיט אַ הוקעריי לאָזט מען זיך אין עסצימער אַריין. מען כאַפּט זיך אָן ביי די אַקסלען, מען האָפּקעט זיך, מען זינגט מיט דעם ניגון פון „מיר זיינען ניכטער״:

— מיר זיינען פויערים,
מיט זיינען פויערים...

ד.

אַרום לאַנגן הילצערנעם טיש אין עסצימער ווערט דער טומל אויף אַ האָר ניט געמינערט — ניט אפילו ווען מען קייעט שוין געשמאַק דעם מיטאָג.

דער וואַרמעס איז אפילו אַ מאָגערער, כמעט יעדן טאָג דאָס זעלביקע: שיטערער באָרשטש מיט ניט קיין געשמאַלצענער קאַשע. ער עסט זיך אָבער געשמאַק און אַפּעטיטלעך. מען לעקט אויס די שיסעלעך פון אַלע זייטן, מען לעקט דערנאָך אָפּ די פינגער אויך — ס׳ווילט זיך, ווייזט אויס, מיט די מאכלים אַזוי גיך ניט שיידן. ווייל אפשר קריגט דאָ יעדער אַ חלק עסן ניט אַזוי כדי ער זאָל זיך פילן זאַט, ווי כדי ער זאָל ניט פילן הונגעריק.

דאָס מאָל בלייבט מען נאָכן עסן זיצן ביים טיש אַביסל לענגער ווי תמיד. די שטימונג איז איצט אַ לוסטיקערע ווי אַלע מאָל.

— נו, פּעפּערל, — גיט שלמה גנביש אַ וואונק צו יאַשקע־קאַמסאָמאָלעץ, גיט אַ וואונק ניט מיטן אויגן, נאָר מיט זיין שטאַרק־רויטער נאָז. — ווי האָט דיר עפּעס היינטיקס מאָל געשמעקט דאָס עסן?

יאַשקע גיט זיך אַ מיושבדיקן קוועטש און אַ קניטש, און קוועטשט ענדלעך אַרויס אַן ענטפער, מיט אַ מינע פון אַ יוסטן עלטערן באַלעבאָס:

— נ־נ־נ־נישקאַשע... ווי האָט עס ג ע ש מ ע ק ט? מיט נ אָ ך האָט עס געשמעקט...

די מיידלעך זיינען זיך דאָ צונויפגעקומען פון די פאַרוואָרפנסטע העקן און ווייטסטע ישובים אין טיף־רייסן; רויטע בעקלעך, ווי בוריקעס; קורצע, פעטע און דיקע פּיס, פאַרגרעבטער לשון. די אינגלעך — קליינוואוקסיקע ליטווישע בחורים׳לעך. דאָס רוב — קינדער פון חרוב־געוואָרענע אַלטע אידיש־פּויערישע הייזער, אָדער אַזעלכע וועמעס עלטערן זיינען פריש־געבאַקענע פּויערים: מיט־גלידער פון ערד־אַרטעלן, פון לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלעקטיוון. אהער איז מען געקומען אויף אַ טערמין פון דריי יאָר, קריגן די נויטיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע קענטעניש, כדי דערנאָך צו קענען העלפן די טאַטעס מיטן נייעם וויסן אין נייער ווירטשאַפט.

גוט איז נאָך די, וועלכע קענען זיך דורכפאָרן צו טאַטע־מאַמע אהיים, כאָטש איין מאָל אַ יאָר, אַמאָל אויף אַ יום־טוב. אָבער גאָר אַסך מוזן דאָ פאַרבלייבן טאַקע די גאַנצע דריי יאָר — די לענג פון דעם לערן־קורס. די היים איז ווייט פון דאַנען און אויף רייזע־קאָסטן פעלט. שלמה איז אָבער געקומען היינט צופאָרן מיט אַ פריילעכער נייעס: פון פאָלקאָמבילד³) זיינען אָנגעקומען די „אָפּ־פוסקן", אַ הנחה פון 50 פּראָצענט אויף די באַנען.

יאָ, ס׳איז אודאי געווען אַ זעלטן־פריילעכע ידיעה... אָבער דאַרף מען אויך איצט ניט סיי־ווי קניטשן פאַרזאָרגטערהייט און אָנשטרענגען די יונגע שטערנס? ווייל וואו נעמט מען, אַשטייגער, די איבעריקע 50 פּראָצענט?... עך, אינגאַנצן בלויז אַ פּאָר רובעלעך...

— דיר איז גוט, טאַמאַרקע... — רופט זיך אָפּ מאַריאַשקע די ליובאַוויטשער. — דו דאַרפסט זיך שוין איצט ניט זאָרגן וועגן רייזע־הוצאות אהיים... איאָ, ניין? וועסט שוין אָנשפּאָרן אַזש קיין אַמעריקע.

טאַמאַרע פילט זיך שולדיק קעגן אַלעמען. מאַריאַשקע איז אַן אַלטע מיידל, די עלטסטע דאָ, — און זי איז נאָך קיין איינציק מאָל

ניט געפֿאָרן אהיים פֿאַר דער גאַנצער צייט: זי איז פֿון ווייט, אַזש פֿון ליובאַוויטש...

— קענסט פֿאָרן אויף מיין אָרט, אויב דו ווילסט... — קנייטשט טאַמאַרע בטולדיק מיט די אַקסלען. — איר האָט מיר בכלל ניט וואָס מקנא צו זיין... — וואַרפֿט זי אַ פֿאַרדראָסיקן קוק, — ניט אויף אימיצן באַשטימט, נאָר גלאַט אַזוי, אויף אַלע־מען. — איך פֿאָר נאָך גאָרניט קיין אַמעריקע... איר ווייסט, ווייזט אויס, מער פֿון מיר!

אין דרויסן האָט באַלד אָנגעהויבן גערינכט צו רעגענען. נו, איז וואָס, — מען איז דאָך ניט געמאַכט פֿון צוקער. דורכן שמייסיקן רעגן — ער האָט זיך קענטיק פֿאַרנומען אויף שעהען און שעהען — זיינען די יונגען און מוידן ווידער אַוועק צו זייערע אַרבעטן. איבער קעפּ און אַקסלען — זעק און ראָגאָזשעס אַריבערגעוואָרפֿענע.

טאַמאַרע פֿאַרמאָגט ניט קיין גאַנצע שיך: די פֿאָדמיאָטקעס פֿון איר איינציק פּאָר שיך זיינען שוין פֿון לאַנג אָפּגעטראָגן. זי מוז דעריבער פֿאַרבלייבן אין שטוב. און ערגעץ אין איר הויבט זיך אָן אויסצופּיקן אַ פֿרייד וואָס עס האָט אַזוי פּאַסירט — מיטן רעגן, הייסט עס — זי וועט קענען בלייבן איצט אַליין אין שטוב, די חברטעס וועלן ניט זיין דערביי, ווען...

זי האָט געאַרבעט נאָכמיטאָג אין קיך, האָט אַרויסגעהאָלפֿן ביים צעוואַשן די געפֿעס, ביים צוגרייטן די וועטשערע. דערנאָך האָט זי זיך גענומען צוראַמען די עס־שטוב מיט אַ בייכיקן בעזים פֿון פּריש־אָנגעהאַקטע ריטלעך. אין נידעריקן גרויסן עסצימער איז געווען שטיל, איבער די שויבן האָבן גערונען שנירלעך רעגן. אויף אַ קורצער ווייַלע האָט דער רעגן דערנאָך אויפֿגעהערט, ס׳האָט זיך באַוויזן אַ רעגנבויגן. און — ס׳איז טאַקע געווען גוט וואָס זי איז איצט פֿאַרבליבן אַליין אין שטוב. אינמיטן קערן האָט זיך פּלוצלונג געעפֿנט די טיר און ס׳איז אַריינגעקומען בונעם.

אמת, ס׳האָבן קיין אויסערגעוויינטלעכע זאַכן דעמאָלט ניט פּאַסירט. ס׳איז אָבער גליכער געווען וואָס קיינער איז ניט געווען איצט אין דער גרויסער, ציכטיק־אויסגעקערטער עס־שטוב פֿאַר ווע־מען צו שעמען זיך, בעת פֿאָטער־און־טאָכטער האָבן זיך האַרציק אַרומגענומען. און טאַמאַרע — יאָ, אויף דעם האָט זי זיך שוין

נאַרניט געריכט: זי האָט אפילו אַ פּאָר מאָל אַ כליפּע געטאָן בעת איר קאָפּ אין דער גערדיכטער ראָם פון קאַשטאַן־ברוינע האָר האָט זיך באַהאַלטן אויף בונעמס מעכטיקער ברוסט.

ה.

ס'איז נאָך אפשר געווען אַ גאַנצע שעה צו וועטשערע־עסן. נאָר פאַרנאַכטלעך־צו איז דאָס מאָל אין עסצימער געווען גערדיכטער ווי תמיד, כמעט פול־אָנגעפּאַקט. מיט אַלערליי אויסריידן האָט מען זיך אַרויסגעגליטשט פון די אַלגעמיינע שלאָף־צימערן, זיך איינציקווייז און פאַרלעכווייז אַריינגערוקט אַהער.

אין אַ ווינקל האָבן אַ פּאָר יאַטן נייגעריק באַטאַפּט דעם זייַדענעם רעגנשירם, וועלכן בונעם האָט דאָרט פאַרזיכטיק פאַנאַנדערגעשפּרייט, ער זאָל זיך ווי געהעריק אויסטריקענען; באַשמעקט דעם וואַסער־געזיכערטן גאַבאַרדין, וועלכער איז געהאַנגען דאָרט אויפן וואַנט; באַקוקט ניט נאָר מיט אויג, נאָר מיט גאַנצן פּנים דעם נייאינקן רענצל פון רויט־געפאַרבטן אָקסן־פעל, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל.

— זע נאָר... — האָט מען שטיל אַריינגעשעפּטשעט איינער דעם צווייטן. — וואָס אַן אַמעריקאַניעץ קען זיך עס פאַרגינען...

— ווי עס בעט זיך עס אויס ווייך פון אַלע זייטן, ווען עס לאָזט זיך בלויז אויף איין טאָג אין וועג אַריין!

— ווי דאָס היט אָפּ די אייגענע שקורע, אַ פּייער אויף זיי!

פון ווינקל וואַרפט מען נייגיריקע בליקן אויפן פאַרנומענעם גאַסט ערגעץ דאָרט ביים טיש.

— און וואו נעמען זיי אַזויפיל געלט אויף אַרומצורייזן איבער דער וועלט! טאַמאַרע זאָגט, אַז ער איז אַ שוסטער... קוקט אים נאָר אָן, דעם פּריץ! הם, אַ פיינער שוסטער איז ער דיר!

בונעם איז געווען איצט אין אַ געהויבענער שטימונג, אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. טאַמאַרען האָט ער פון תמיד אָן ליב געהאַט מער פון ווינדערן; זי איז אויך אין אַסך פּרטים געווען געראָטן אין אים. ער האָט ניט געקענט אָפּרייסן פון איר קיין אויג. — אָרים קינד... זי גייט דאָך אָנגעטאָן ווי אַ שלעפּערקע...

אים האָט אַזוי געבּיסן די אומגעדולד, ער האָט געוואָלט די מינוט, ש ו י ן אויסלייגן פאַר איר אויפן טיש די פילע מתּנות, וואָס ער האָט פאַר איר געבּראַכט... ס'איז אָבער געווען גלייכער צו וואַרטן ביז ער וועט בּלייבּן מיט איר אַליין, — מען האָט ניט גענדאַרפט אויפרייצן די איבּעריקע מיידלעך אַרום, ניט דערוועקן אין זיי קיין קנאה, כאָטש ער וועט אוּדאי זען פאַרן אָפּפאָרן איבּערלאָזן פאַרן אַנשטאַלט אַ שיינע נדבה...

— פאַרוואָס ניט? — האָט ער מיט זיך אַליין איינגעטענהט.

— ס'איז טאַקע אַ פיינע אינסטיטוּשאָן... פאַר זיי איז עס אוּדאי אַ גוטע זאַך זיי זאָלן ווערן פּויערים... וואָס איז, זיי קענען דען ווערן דאָ עפּעס בּעסערס?

טאַמאַרעלע, אַז זי באַמערקט די חבֿרה וואָס קלייבּט זיך אָן אין צימער און וואַרפט אויף זיי פון דער זייט הונגעריקע, ניט־פאַרגינערישע בּליקן, פאַרלאָזט זי באַלד דעם פאָטער מיטן אויסרייד אַז זי מוז איצט גיין טאָן איר אַרבּעט אין קיך. בּונעם — אַ בּרירה האָט ער?... ער קוקט איר נאָך מיט אַ בּליק פול פאָטערישער ליבּשאַפט. סאַראַ היפּשע מויד זי איז עס אויסגעוואָקסן! סאַראַ פעסטער טראָט! דעם טראָט אירן האָט זי גראָד דער מאַמעס... און סאַראַ אויסגעפּאַשעטע בּאַקן, סאַראַ רויטע ליפּן — גאָרניט ענלעך אויף די אַמעריקאַנער גויהלם... ממש נסים! נאָך א ז ע ל כ ע יאָרן! און פון וואָס האָט זי זיך עס אַזוי פאַנאַנדערגעבּליט? ער קען זיך דאָך שוין פאָרשטעלן די שיינע קעסט, וואָס מען גיט זיי דאָ!

ס'איז אים טאַקע טשיקאַווע צו זען וואָס זיי עסן דאָ, אַשטייגער. ער וועט עסן מיט זיי צוזאַמען וועטשערע, — ער האָט שוין וועגן דעם אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט דעם „אופּראַוויליאַיושטשי" זייערן. אין אַזאַ ווילדערניש — וואו אַנדערש וועט ער דאָ קריגן אָפּצועסן? אַחוץ דעם, דאַרף מען טאַקע מיט זיי זיין דאָ אַביסל דעמאָקראַטיש. זאָלן זיי ניט מיינען, אַז ווייבּאַלד אַן אַמעריקאַנער, איז כ'ווייס וואָס... אַז טאַמאַרע קערט זיך אַזוי גיך ניט אום פון קיך, רופט ער צו זיך צו די יאַטן וועלכע דרייען זיך אַרום אין די ווינקלען פונעם עס־צימער און סודן זיך צווישן זיך.

— נו, חבֿרה, קומט צו אַהער נעענטער, לאָמיר זיך אַביסל באַקענען. שעמט זיך ניט, שעמט זיך ניט — איך בּין ניט כ'ווייס ווער!

ווער שעמט זיך עס, ווער? אהאָ, דער עולם דאָ איז שוין גאָרניט קיין שעמעוודיקער. יונגען מיט פאַרברוינטע פּנימער, אין הויכע שטיוול איבער די קני, אין סאָוועטישע אַרבעט־בלוזעס; מיידלעך מיט פלאַמענדיקע באַקן, ווי זיי וואָלטן ערשט אַוועק פון קאָכן וועטשערע ביי אַ גליענדיקן אויוון, מיט שטאַרקע הענט, מיט שוואַרצע נעגל, מיט קאָלירטע קאָפּטיכלעך, מיט „פאַרגרעבטקייט" אויפן פּנים — אמתע שיקסלקעס. אין איין מינוט רינגלט מען אים אַרום, מען שליסט אים איין אין אַן ענגן קרייז, מען באַטאַפּט אים מיט בליקן פון אַלע זייטן — אַט די זעלטענע אויסגעפּוצטע באַשעפעניש... ער איז ניט „כ'וויים ווער"? קען זיך טאַקע זייער זיין, קוקן אָבער קוקט ער אויס כאָטשבי ווי אַ וואַזשנער מיניסטער, אַזש פון וואַשינגטאָן... אינם „פּראַזשעקטאָר" האָבן זיי אַמאָל געזען אַ בילד פון דעם ערשטן מיניסטער אין וואַשינגטאָן — כאָפּט ער טאַקע דעם זעלביקן אַנבליק וואָס דער־אַ פאַרשוין...

— נו, דערציילט מיר עפּעס... — פּראָטעזשירט זיי בונעם.

— ווי לערנט זיך איך דאָ...

— דערציילט אי ר בעסער... — ענטפערט מען אים גלייך אָפּ. — איר זענט דאָך עפּעס אויסגעוועזן אַ וועלט... איר קומט דאָך אַזש פון אַמעריקע!

— וואָס איז איך דאָ צו דערציילן פון אַמעריקע, קינדערלעך,

— רופט זיך אָפּ בונעם מיט גרויס מיטגעפיל. — ווייבאַלד ס'איז ניט פאַר אייך געדאַכט... נאַט, — נעמט ער אַרויס פון קעשענע גאַנצע צוויי שאַכטלעך פּאַפּיראָסן, עפנט זיי און שטרעקט זיי אויס מיט ביידע הענט צום עולם. — נעמט... ווער פון אייך רויכערט? שעמט זיך ניט.

אין אַ צווייטע מינוט אַרום בלייבן שוין איבער בלויז די ליידיקע קאַרטאָנקעס, מיט איינזאַמע טאַבאַק־לעקשעלעך אויפן דעק... די מיידלעך רויכערן אויך. אימיצער פאַרקרימט זיך, גיט אַ הוסט.

— ס'זיינען דאָך אייערע... — ווענדט זיך בונעם צום הוסטנדיקן יונג, האַלב מיט ביטול. — וואָס ווילט איר — אייערע אייגענע פּאַפּיראָסלעך... „קאָמינטערן", „זינאָוויעוו"... אַזעלכע ווי אונזערע סיגאַרעטס קען מען דאָך דאָ ניט קריגן! אונזערע צע־גייען זיך ממש אין מויל, זיינען זיס ווי האָניק... איך רייד שוין ניט פון אַזעלכע סיגאַרעטס ווי „דזשיפּשיען סטרייטס", צי „קע־

מעלם", צי „טשעסטערפילד", צי כ'וויים... נאָר אפילו אזא וואָל־וועלער סיגארעט ביי אונז ווי „סוויט קאַפּאָרל", איז דאָך א מאכל קענן אייערע היגע! און ביי אייך קאָסט דאָך עס צוויי מאָל אזוי פיל!

— נו, איז ווער־זשע האָט אייך געבעטן קומען אהער... — גיט אַ שיס ארויס דאָס פּעפערל, וועלכער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אין די הינטערשטע רייען פונם קרייז, אַ ברוגזער וואָס די חברים מאכן עס אזא צימעס פונם אמעריקאַנער. — בלייבט מען טאַקע אין אַמעריקע און מען רויכערט דאָרט די קעמלען מיט די העלפאַנטן... וואָס אי', אימיצער האָט אייך דען ג ע צ װ ו א ו נ ־ ג ע ן קומען אהער?

— זע נאָר, זע נאָר... — גיט זיך בונעם אַ הויב פון זיין פּלאַץ, זוכט יענעם „שייגעץ" מיט די אויגן. — ווער איז עס דאָרטן ביי אייך אזא... אזא ביטערער חברה־מאַן? אַנו, לאָמיך נאָר אים אָנקוקן.

חברה הויבט אָן שטופּן יאַשקען צום מיטן קרייז, צום אמע־ריקאַנער; מען ריכט זיך אויף אָן אמתן קריג, אַ מלחמה צווישן צוויי העלדער. אַהאַ, יאַשקעלע, אַז ער גיט אַ שיס ארויס מיט זיין געשליפן צינגל... אָבער אינמיטן הויבט אָן דער זאַוואַז צו קלינגען מיט זיין גלאָק. אפשר איז טאַקע פּונקט איצט פּאַרטיק געוואָרן די וועטשערע. און אפשר האָט ער עס געטאָן בכיוון, צוליב טאַקטישע אויסרעכענונגען — ס'איז פּאַרט ניט גלייך צו טשעפּען זיך מיט אַ גאַסט, און נאָך אַן אַמעריקאַנער דערצו... מיט זיין רוי־טער וויציקער נאָז שניידט ער זיך אריין צווישן עולם, הויבט אָן פאַנאַנדערצושטופּן און פאַנאַנדערשלעפּן דאָס יונגוואַרג אין אַלע זייטן.

— מחותנים, — צום טיש! צום טיש! צום טיש!

און באַלד זינגט ער שוין פאַר פאַרן עולם מיט אַ שטאַרק־ליטווישן אַקצענט:

— זאָגט די ווייבעלע: ער איז געשטאָרבן אין גרויסער מהומה
ווען איך האָב געטראָגן מיין מיזינקע ספרינצע־הדסה...
ער איז געווען אַ הויך־פּיסיקער, אַ גראָב־בייכיקער,
און אויף וויעציערע האָט ער האָלט געהאַט גריקענע קאַסע...

ז.

בונעם, ווי אלע איבעריקע ביים לאנגן הילצערנעם טיש, קריגט אויך זיין קופליק בארשטש, זיין בלעכענע שיסעלע קאשע. אז ער נעמט אָבער א פּאָר לעפל אין מויל אריין, גיט זיך אים זיין גאנץ אינגעווייד א וואָרף פון גרויס ווידערווילן. ער קוקט זיך אום מיט גרויס פאַרזיכט, צי אימיצער האָט עס ניט באמערקט. ער שמייכלט צום זאוואָז מיט א געצוואונגענעם שמייכל:

— אז ווער קען עס איצט עסן ?... אפשר א שעה איידער איך בין געקומען צו פאָרן, האָב איך אריינגעפּאַקט אין זיך אזא וואַרמעס, אז הלואי זאָל איך ערשט מאָרגן קענען עסן פונדאָסניי...

טאמאַרע גיט א לויפיקן בליק אויפן טאַטן, דערנאָך — אויפן עולם ארום. ניין, קיינער נעמט זיך ניט צום הארצן דעם אמערי־קאנערס ניט־עסן. מען קייט געשמאַק און אפּעטיטלעך; די לעפל קלאַפּן אין שווינדלענדיקן געיעג.

אויך בונעם כאַפּט פון צייט צו צייט א זייטיקן קוק אויף דער טאָכטער. — רבונו־של־עולם, ווי קען זי עס עסן די דאָזיקע קאַ־זאַרמע־מאכלים! — וויינט אזש אין אים זיין פאָטערשע הארץ. אפילו די טרייסט, אז מאָרגן וועט עס דאָך שוין נעמען אן עק, מאָרגן פירט ער זי אוועק פון דאַנען — ד אָ ס מאָל איז דאָס אויך א קנאַפּע טרייסט פאַר אים.

נאָך וועטשערע נעמט ער אָן־א־זייט דעם זאוואָז.

— זאָגט נאָר, טייערינקער... — נעמט אים בונעם ווייך אָן אונטערן אָרעם. — דער באָרשטש און די קאשע זיינען דאָך ביי אייך געווען צוגעפּראַוועט מיט חזיר!... איר מיינט, מען קען עס גלייך ניט דערקענען? מען דערשמעקט דאָך דעם חזיר פאַר א מייל! פונדעסטוועגן זיינען עס דאָך אידישע קינדער, כ׳מיין... צוליב וואָס טוט איר עס?

שלמה באַטראַכט בונעמען א ווײַלע מיט אן אומשולדיק־נע־בעכדיקער מינע, — באַטראַכט יענעם מער מיט דער רויטער, וויציקער נאָז זיינער, ווי מיט די אויגן... ער נעמט דערנאָך אומ־באַהאָלפן פאַנאַנדער זיינע הענט:

— אי, מיסטער־לעבן, אי, מיסטער־לעבן... איר זענט דען ניט גערעכט, וואָס? אזא יאָר אויף מיר ווי גערעכט איר זענט...

איר שפּילט זיך אָבער מיט די דאָזיקע ליטווישע צלם־קעפּ? אַז איך קען מיט זיי גאָרניט מאַכן! וויפיל מאָל, מיינט איר, האָב איך שוין זיי געפּרוּאווט געבן פּוטער — נאַסטאַיאַשטשע פּוטער, זאָג איך איך, — פרישינקע, אָקאָרשט־אויסגעשלאָגענע, סליוויטש־נע... און זיי: איינמאָל ניין און ניין! זיי ווילן ניט! נאָר חזיר־פעטס גיב זיי, ווי איך בין אַ איד! נאָר פּראָסטע סאַלע! קיין פרישע פּוטער קענען זיי גאָרניט פאַרטראָגן!...

בונעם ראַטשעט אויף אים אויס אַ פּאָר גרויסע אויגן... דעם לץ שלמהן פאַלט באַלד איין פונדעסטוועגן, אַז מיט אַן אַמעריקאַנער טאָר מען אַזוי ניט ריידן — ווער ווייסט וואָס ער קען נאָך שפּעטער דאָרט אָנדערציילן אין אַמעריקע... אַ דעלע־גאַט! — ער נעמט דעמאָלט בונעמען, פון זיין זייט, אויך אָן ווייך ביי אַן אָרעם, מאַכט מיט אים אַ פּאָר טריט פאָראויס, און רוימט אים איין, ווי אַ סוד:

— אי, פּעטער, פּעטער, וואָס רעדט איר מיר דאָ פון פּוטער... אַז ס'פעלט מיר אָפט אויס די נויטיקע פּאָר גראָשן אויף צו קויפן אפילו דאָס שטיקעלע סאַלע... מען דאַרף דאָך אונטערשמעלצן דעם קרופּניק, צי די קאַשע — אָדער ניין? אַ גאַנצן טאָג האָרע־ווען זיך די קינדער אַן ווי פערד, מוז מען זיי צום עסן געבן כאָטש אַ שטיקל פעטס? אדרבא, גיט מיר פּוטער! זיי האָבן שוין דאָ לאַנג דעם טעם דערפון פאַרגעסן...

בונעם וואָלט אים אויף דעם אפשר עפּעס געוועזן געענטפערט. נאָר חברה, אַ נייגעריקע און וויסנדרושטיקע, רינגלט אים ווידער אַרום. זי האָט שוין איצט פאַרלאָרן אפילו דעם קלענסטן סימן פון דעם ניט־באַדייטנדיקן אָפּשיי, וואָס זי האָט נאָך פריער געהאַט פאַר אָט דער אויסטערלישער אַמעריקאַנישער חיה.

— קומט, מיסטער, דערציילט אונז עפּעס פון אַמעריקע...
— יאָ. — רופט זיך אָן אַ צווייטער. — מיר ווילן טאַקע וויסן...
— דערציילט אונז עפּעס פון פאָרדן, פון זיינע גרויסע פאַב־ריקן...
— און וואָאַפּשטשע... פון פאָרדיזאַציע אין אַמעריקע...

אָ, אָט דאָס וועט זיי בונעם דערציילן וויפיל נאָר זיי ווילן אַליין... צי איז עס אמת, אַז ביי פאָרדן גערוועט מאַכן אַן

אויטאָמאָביל אָדער אַ טראַקטאָר איינגאַנצן איין מינוט? געגוי ווייסט ער עס אפילו ניט, נאָר מסתמא איז עס אַזוי: ס'איז צו גלויבן...

— ניין־ניין, איר שפּילט זיך מיט אַמעריקע... מענטשן איינע, ביי אונז אין אַמעריקע... אָט, טאַמאַרעלע האָט מיר דער־ציילט ווי מען קראַצט זיך עס דאָרטן ביי אייך אין שייער מיטן דרעשן... אפשר אַ צוואַנציק אייעריקע אַרבעטן שוין אַ וואָך צייט כ'ווייס דאָרטן ביי אַ ביסל תבואה... כאַ־כאַ, ביי אונז אין אַמעריקע וואָלט מען עס געמאַכט איינס־און־צוויי! ביי אונז מאַכט זיך אַלץ אויף מאַשינעס! איר זעט! וואָן־טו־טהרי!...

טאַמאַרע האָט זיך אָנגעצונדן. זי האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דער טאַטע אירער וועט אויסנוצן אירע צופעליקע אינפאָרמאַ־ציעס רייד אויף אַזאַ אופן. זי האָט געפּילט אין דער מינוט ווי זי וואָלט דאָ באַגאַנגען אַ פאַרראַט קעגן אַלעמען.

— נישקשה, מיר וועלן עס דאָ אויך ביסלעכווייז האָבן, טאַ־טע... — האָט זי זיך אויף בונעמען אַ בייזער געטאָן. — מיר גייען איצט אַליין אויפן וועג פון פאַרדיזאַציע! און מיר וועלן נאָך אייך אַריבערשטייגן! מיר זיינען יונג און מיר וואַקסן!

— אָך, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן... — לאַכט זיך בונעם גרויסמוטיק פאַנאַנדער. — וואַקסט זיך געזונטערהייט. מיטן גרעסטן כבוד... כע־כע, ווער לאָזט עס אייך עפּעס ניט וואַקסן, ווער? אָבער — שמייכלט ער ווייטער — אויף וואָס, קינד מיינס, דענקסט איר דאָ צו וואַקסן — אויף אָט די שיינע קעסט, וואָס מען גיט אייך דאָ? ביי אונז אין אַמעריקע עסט דאָך דער גרעסטער קבצן בעסער פון אייך... אין אַמעריקע וואָלט מען אַזעלכע סטו־דענטן, ווי איר, מסתמא אַנדערש געקאָרמעט... הם... בעסער אפשר ווי עס עסט ביי אייך אַ מיניסטער!

אַ קורץ־וואוקסיק יאַטל, מיט זייער אַ ברייטער טרעגערישער פּלייצע, האָט זיך אַ זייטל געגעבן פאַרביי טאַמאַרען, איז גאָר נאָענט צו צו בונעמען, ווי ער וואָלט זיך געקליבן צו פאַרפירן מיט אים אַ געשלעג.

— אַזוי... זע נאָר, סאַראַ קנאַקער! — האָט ער בשעת־מעשה געהאַלטן די הענט טיף אין די קעשענעס. — זיי מיינען דאָרט ביי זיך, אַז ווייבאַלד ביי זיי עסט מען יעדן טאָג באַנאַנעס און אַנאַנאַסן אויף אָנבייסן, קערט זיך גאָר מיט זיי די וועלט... מען ווייסט,

מען ווייסט, פאַניע, אַז אייערס איז דאָס קלאַסישע פרעס־לאַנד פון דער וועלט! און פון מיינעטוועגן, זאָל מען דאָרט צעפּלאַצט ווערן פרעסנדיק! — ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַ קלאַפּ געטאָן הילכיק אין דער ברוסט אַריין. — דעם אמת אָבער דער וועלט וועלן מ י ר זאָגן, מ י ר! פאַרשטייט איר?

כאַ־כאַ, פלאַם און פייער... מען טאָר זיך גאָר מיט זיי ניט אָנהויבן! פונדעסטוועגן האָט בונעם פון דער חברה שטאַרק הנאה. כוואַטן יונגען! און ווייסן דיר אַזויפיל זאַכן! אפילו פון אַמעריקע ווייסן זיי אַזעלכע זאַכן, וואָס ער אַליין הויבט גאָרניט אָן צו וויסן... הערסט, פּאָרדיזאַציע! אפילו אין אַמעריקע ווייסט מען דאָך ניט דערפון! „וואָס מאַכט עפּעס אייער געניאַלער בלאָפער, דער פּרע־זידענט ווילסאָן? נאָך אַלץ קראַנק? נישקשה, ער פאַרדינט עס כשר — ער האָט קראַנק געמאַכט די גאַנצע וועלט מיט זיינע פערצן פונקטן"...

— לאָזט אים צורו... — רייסט זיך טאַמאַרע אַריין מיט אַן אומצופרידענעם פנים. — וואָס האָט דער טאַטע צו טאָן מיט פּאָליטיק? דער טאַטע האָט מיר דערציילט, אַז ער איז גאָר אַן אומפּאַרטייאישער... — איר דוכט זיך, אַז חברה שפּעטן אָפּ פון טאַטן, און עס פאַרדריסט איר אַביסל.

— דערציילט אונז בעסער, טאַטע, עפּעס וועגן דער אידישער ליטעראַטור ביי אייך... — ווענדט זי זיך צו בונעמען מיט אַן אויפמונטערנדיקן שמייכל. זי האַנדלט אודאי ווי אַ חכמה, דאָס גאָלדענע קינד, וואָס זי זעט אַרויפצופירן דאָס געשפּרעך אויף אַזאַ טעמע, וועלכע האָט מיט פּאָליטיקע ניט צו טאָן און וועגן וועלכער דער טאַטע אירער ווייסט זיכער מער פאַר זיי אַלעמען דאָ, וויבאַלד ער וואוינט שוין אַזויפיל יאָרן אין ניו יאָרק.

טאַמאַרע, וועלכע פלעגט הונגעריק לייענען יעדע זאַך וואָס פלעגט איר נאָך קומען אין דער האַנט אַריין, האָט שוין פאַר דער צייט געוואוסט: אין ניו יאָרק וואוינען פיל באַרימטע אידישע שרייבער.

— דערציילט אונז עפּעס, פון זיי... פון ווינטשעווסקין... פון מאָרים ראָזענפעלדן... פון... פון...

בונעמס האַרץ קוועלט אויף פון נחת.

— זע נאָר, סאַראַ קעפּל... אַלעמען ווייסט זי דיר אין אַמע־

ריקע, אַלעמען קען זי... פּונקט ווי ווינדער! מאַדימס קינדער! מיניסטערשע קעפּ! פון וואַנען נעמט זיך עס צו אים גאַר אַזעלכעס? אָבער וואָס וועט פון זיי ווערן דאָ... דאָ וואָלטן זיי זיכער געמוזט פּראָפּאַדאיען, ווען ער נעמט זיי ניט אַריבער באַלד קיין אַמעריקע.

— ניין, קינד מיינס... — בונעם האַלט טאַמאַרעס האַנט אין זיינער און גלעט זי מיט גרויס צערטלעכקייט. — הלמאי זאָל איך זאָגן ליגן — איך קען זיי טאַקע ניט, אַט די שרייבערס... גלויב מיר, טאָכטער, איך האָב אין אַמעריקע געהאַט גענוג וואָס צו טאָן אויך אָן זיי! ביסט טאַקע שור, אַז זיי לעבן אַלע אין אַמעריקע? — דריקט ער אויס פּאָרזיכטיק זיין ניט־גלויבן.

— אָ, אָווקאָז, — האַלט פּונדעסטוועגן בונעם אויף זיין פּרעסטיזש. — איך האָב באַגעגנט אייניקע שרייבער אויך... איינמאָל אין טעאַטער, דערמאָן איך מיך, האָט מען מיר טאַקע אָנגעוויזן אויפן שרייבער פון באַר־קאָכבאַ — ליבין, דוכט זיך, הייסט ער. האַ? יאָ, ליבין טאַקע. אַ געשמאַקער שרייבער ביז גאָר! האָסט אַמאָל געלייענט זיין באַר־קאָכבאַ? ניין, ניין, וואָס דען! — גלאַנצן אויף זיינע אויגן מיט פּאַטערישן שטאָלץ. — מען דאַרף נאָר ביי איר פרעגן! אַלץ האָסטו זיכער געלייענט!

דאָס געזעמל יונגוואַרג אַרום ברעכט אויס אין אַ גרויס געלעכטער. וואָס לאַכן זיי, די יאַלדן? גרינהאָרנס... ס'האָט גאָר קיין אָפּשיי ניט, פּונקט ווי זיי וואָלטן געוועזן זיין גלייכן! בונעם וואָלט זיי עפּעס אָפּגעענטפערט, נאָר ער טרייסט זיך מיט דעם, וואָס מאָרגן וועט ער שוין מער זייערע נאַרישע צורות דאָ ניט אָנקוקן.

אין צורה בלויז אינם אַרומיקן געדיכטן קנויל פּנימער לאַכט ניט — אָבער זע, סאַראַ פיינטלעכע גרימאַסע עס מאַכט! דאָס פּעפּערל הויבט זיך פּאַמעלעך אויף אויף די שפּיץ־פינגער, ציִשעט אַרויס בונעמען גלייך אין פּנים אַריין:

— איר... מיסטער באַרקאָכבאַ! איר פּאַרמוטשעט דאָך אייערע שרייבער אויף טויט... וואָס האָט איר דען געטאָן מיט אונזער שלום־עליכמען? איר האָט דאָך אים אוועקגעהרגעט!

בונעם שטעלט זיך אויף; ער ווערט אינגאַנצן פלאַם־פייער. נו, דאָס איז שוין צופיל. אַזאַ סמאַרק! אַזאַ זניקלע! ווער, מ י ר האָבן דערהרגעט שלום־עליכמען? אַזאַ...

— ניין, טאַטע, דו פאַרשטייסט אים ניט... — פּרואווט אים טאַמאַרע באַרואיקן. — ער מיינט, אַז שלום־עליכם איז ביי אייך געשטאָרבן... געשטאָרבן יונגערהייט...

— אַזוי? טאַקע ביי אונז אין אַמעריקע געשטאָרבן? — גלעט איר בונעם איבערן גערדיכטן קאָפּ קאַשטאַנענע האָר אין וועלכע דאָס לאָמפּן־ליכט לייגט איצט אויף גאָלדענע טייכעלעך. זיין איינציקער אָנשפּאַר, דוכט זיך, אינם אַרומיקן ים פון אָפּשפּעטנדיקע פּנימער, פון געזיכטער פול מיט חוזק־שמייכלען... — נו, טאָ זאָל ער זשע אַזוי זאָגן... הערסט, אַז אַ מענטש איז געשטאָרבן אין אַמעריקע, זיינען מיר עפּעס שולדיק! אַלע שטאַרבן מיר... אַלע! אַלע! קום, טאָכטער מיינע... וואָס דאַרפסטו זיך עם אַלץ נעמען צום האַרצן!

— אָבער אַלע אייערע גרויסע שרייבער פאַרמוטשעט א י ר דאָך אויף טויט... א י ר... — גיט אים ווידער אַ סמאַליענדיקן וואָרף אין פּנים אַריין דאָס פּעפּרל.

ז.

די דרויסנדיקע טיר עפנט זיך פּלוצלונג אויף מיט אַ האַסטיקן פּראַל און וואַרפט אַריין אינעווייניק אין באַלויכטענעם עס־שטוב אַריין אַ פאַרמורזעט בחור׳ל פון אַ יאָר דרייצן. זיינע פּליודערן, זיין פּידזשאַקל — נאַס, פאַרשפּריצט מיט שטיקער בלאָטע.

די טיר הינטער אים בלייבט שטיין אָפן. פון נאַכטישן דרויסן שטאַרט דורך איר אַריין אַ גרויסער טונקעלער קוואַדראַט.

ביים אַריינגעלאָפענעם בחור׳ל שפּרינגען די אויגן בליציק אַרום פון איינעם צום אַנדערן אינם עס־זאַל.

— דער האָזל, זע נאָר... — הערן זיך קולות פון אַלע זייטן. — וואָס האָט פּאַסירט?

— שנעלער, יאַטן, אין דרויסן אַרויס... — שפּריצט יענער מיט אַ קולכל וואָס איז אי צעטרעוואָזשעט, אי לוסטיק צוגלייך. — ביי פרומקינען האָט זיך איבערגעקערט דער וואָגן מיט האָלץ... דאָ ניט ווייט פון הויף... אינגאַנצן אַ פּופּציק קלאָפּטער... אַ ראָד איז אַריין אין אַ גרוב, ס׳איז אַזוי פינצטער אין דרויסן...

קומט ניבער העלפן... טוט אַן שטיוול; דער וועג איז פול מיט קאַלוזשעס...

מיט אַ הילכעריי און פּיפּעריי שיטן זיך אַלע אַרויס דורך דער אָפענער טיר אין איין אויגנבליק. די טיר בלייבט ווידער אָפן. אימיצער וואַרפט אַריין פון דרויסן צוריק, ווי בונעמען אַ שטאָך:

— עך, ניטאָ נאָך ביי אונז קיין אַמעריקאַנער וועגן... פאַר־דיזאַציע! „איינס־און־צוויי"!

טאַמאַרע און בונעם בלייבן אַליין אין שטוב. בונעם קוקט אויס צו זיין זייער אויפגערעגט. טאַמאַרע גיט אים אַ גלעט איבערן פּלייצע:

— דאַרפסט אויף זיי קיין פאַריבל ניט האָבן, טאַטע... זיי האָבן דיך ניט געוואָלט באַליידיקן.

— מ י ך באַליידיקן! — טיטלט בונעם שטאָלץ אויף זיין מעכטיקער ברוסט. — וועמען — מיך? כאַ־כאַ, אַזעלכע פּיזשיקעס! איך פייף אויף זייער באָבען! איך וואָלט בלויז ניט געוואָלט אַז דו זאָלסט זיך עדיוקייטן4) מיט אַזעלכענע־אַ! אַלע זיינען זיי דאָ עפּעס אַזעלכע חוצפהניקעס, אַזעלכע פאַרריסענע קבצנים!

יאָ, איצט איז די פּאַסיקע געלעגנהייט. שנעל גיט ער אַ כאַפּ פון ווינקל אַרויס דעם נייאינקן רויטן רענצל, גיט עס אָן עפן פאַנאַנדער. מיט אַ גליקלעכן פּאַטערשן שמייכל הויבט ער אָן אַרויס־שלעפּן פון דאָרט און פאַנאַנדערלייגן אויפן טיש די טייערע מתנות, וואָס ער האָט איינגעקויפט פאַר איר אַזש אין פּאַריז.

טאַמאַרע קוקט אַ ווײַלע אויף דעם שנעל־אָנגעהויפטן באַרג נייע זאַכן אויפן טיש, ווי דורך עפּעס אַ כישוף... זי קוקט און שטוינט. באַלד אָבער רירט זי זיך צו דעם צו, הויבט אָן דורכ־זיפן דורך אירע הענט די באַטיק־שאַלעכלעך, די האַלקעס מיט די ברוסעלער שפּיצן, די זיידענע זאָקן... און זי פּלאַצט אַרויס אין גרויס געלעכטער:

— פאַר מיר איז דאָס, טאַטע?

— שוין־זשע פאַר אימיצן אַנדערש? — פּרעגלט זיך בונעמס קיילעכדיק און פול פּנים פון גרויס נחת. — געוויס, קינד מיינס, פאַר דיר... אַלץ פאַר דיר... האָב קיין עגמת־נפש, טאָכטער מיינע, — פאַר דיינע חברטעס וועל איך אויך עפּעס וואָס איבער־לאָזן.

טאמארע הערט אָבער ניט זיינע לעצטע רייד. מיט שטיפער־רישער לוסטיקייט אין די אויגן באטראכט זי דעם טאטן.

— טאטע, ניט שוין־זשע זעסטו עס אַליין ניט? מען וועט דאָך מיר נאָכלויפן אין די גאסן, אויב איך זאָל אזוינס דאָ אָנטאָן... וואָס בין איך וואָס — אן אַקטריסע?

— אזוי? מ׳עט נאָכלויפן? — קראַצט זיך בונעם די פאַטילניצע איבער אָט דער אומגעריכטער שוועריקייט. — טאקע, מען וועט נאָכלויפן... פונקט ווי נאָך מיר. ווערסטו עס אָנטאָן אין א פּאָר וואָכן ארום, אויפן וועג...

— אויפן וועג? וואָס מיינסטו אויפן וועג?... אויפן וועג וואוהין?

— וואָס הייסט וואָס איך מיין? אויפן וועג קיין אמעריקע... די מאמע האָט דיר דען גאָרניט געשריבן?

— ניין. — וואונדערט זיך די טאָכטער. — וואָס איז, זי האָט מיר דען געדאַרפט שרייבן? איר פּלאַנעוועט דען פאָרן קיין אמעריקע? — חידושט זיך טאמארע. — און מיר דוכט... איך האָב קיינמאָל ניש געגלויבט, אז די מאמע זאָל וועלן מיט דיר פאָרן... — זי לאָזט ארונטער די אויגן. — כ׳מיין, אזוי ווייט...

— נו, די מאמע גלאָז איבער פאר מיר... — פילט בונעם ממש ווי אין אים זינקט דאָס הארץ, זינקט. — אָבער דו אַליין?

— איך?... איך זאָל פאָרן קיין אמעריקע? וואָס פאַלט דיר עפּעס איין... איך אודאי ניט... וואָס וועל איך דאָרטן טאָן? א קליינע פּויזע.

— איבעריקס, איך ווייס ניט... — ענטפערט טאמארע שטילער. — איך וועל הערן אפריער וואָס די מאמע וועט זאָגן...

— נארעלע, דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט... — בונעמס שטים איז פאָטערלעך־ווייך, איבערצייגנדיק. — פאָרן אין אמעריקע איז א גרויסע זכיה! דו ווייסט ניט סאָרא וואונדערלעך לאַנד דאָס איז... — איז ער שוין גרייט אָנצוהויבן א לאַנגע דרשה, נאָר טאמארע שלאָגט אים איבער.

— נו, יאָ, איך זע דאָך...

וואָס זעט זי? בונעם ווייסט ניט: מאכט זי אָפּטמאָל אויך ניט קיין חוזק פון אים ווי אָט יענע זניקלעם? ער קוקט

אויף איר א פּאָר סעקונדן דורכדרינגנדיק און שאַרף. אונטער אַט דעם בליק הויבט זיך טאַמאַרע אָן ווי צו קווינקלען.

— פאַרוואָס עפּעס זאָלן מיר פאָרן צו דיר, אַזוי ווייט? — הויבט זי אָן ווייך מיט אים איינצוטענהן. — פאַרבלייב בעסער דאָ מיט אונז... וויבאַלד דו ביסט אַזאַ ענערגישער מענטש, מיט אַזאַ אונטערנעמערישן גייסט, — איך ווייס, וועגן דעם האָט מיר די מאַמע איינמאָל געשריבן — איז דאַרפן מיר טאַקע האָבן דיין ענערגיע: פאַרבלייב דאָ, מיר'ן דיך אויסנוצן... וועסט אונז העלפן בויען אונדזער ניי סאָציאַליסטיש לעבן!

בונעם קוועטשט מיט די פּלייצעס — און מיט די אויגן:

— מאַכסט פון מיר חוזק, טאָכטער, צי וואָס? א י ך זאָל דאָ פאַרבלייבן? מיט א געזונטן קאָפּ אין א קראַנקען בעט אַריין? דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט, קינד איינע...

פון דער טונקעלער נאַכט אין דרויסן שווימען מיטאַמאָל אָן שטימען. חברה קערט זיך שוין אַפּנים אום. אין איילעניש, הויבט טאַמאַרע אָן אַריינצושטופּן, צעקנייטשטערהייט, אַלץ צוריק אין רענצל אַריין: די זיידענע זאַכן, די פּאַטשיילקעס מיט די באַטיק־אוזאָרן. און די אַלע אַנדערע גוטע זאַכן.

— נעם עס צו, טאַטע... פאַר מיר טויגן ניט אַזעלכע זאַכן...

— לאַכט זי צו אים מיט א נערוועז געלעכטערל. — באַהאַלט עס, אויף גיך, איך בעט דיך... מ'עט נאָך מיינען אַז דו פאַרנעמסט זיך דאָ מיט קאָנטראַבאַנדע.

דורכן טונקעלן קוואַדראַט פון דער אָפענער טיר קומען ניט אַריין, נאָר ווערן באַלד אַריינגעשטויסן א צוויי־דריי יונגען מיט פלאַמענדיקע פּנימער. מסתמא — דורך דער איבעריקער חברה הינטער זיי. טאַמאַרע ווייזט גיך אָן אויף די עטלעכע מעכאַנישע בלייפעדערס „עווערשאַרפּ", אויף די וואָטערמאַנס קוואַל־פעדערס וואָס זיינען אַרויסגעפאַלן אויפן טיש פון צווישן די זיידענע שטאָפן און אַרטיקלען. —

— אָ, אָט דאָס טאַקע לאָז איבער דאָ, טאַטע... דאָס וועט אודאי דאָ אונז אַלעמען צוניץ קומען.

צי צוליבן גאַסט, צי מחמת דעם ווייל ס'איז טאַקע געווען

וואָס צו טאָן, זיצט מען יענע נאַכט אין טעכניקום אַביסל שפּעטער ווי געוויינטלעך.

די מיידלעך פלעכטן פון שטרוי מאַטן — מאַטן אויף ווינטער פאַר די פאַרניקעס. טאַמאַרע העלפט אויך ביי דער אַרבעט. די יונגען גייען נאָכאַנאַנד אַריין און אַרויס פון שטוב, בלויז אויף צו כאַפּן נאָך אַ קוק אויפן אַמעריקאַנער.

בונעם זיצט אין אַ ווינקל אַ פאַרכמורעטער. עס הערט זיך: אין נאַכטישן דרויסן פירט מען פון ערגעץ אַרויס פערד — צי מען פירט זיי גאָר אַריין צוריק אין שטאַל. אַן אומרואיק נאַכטיש הירזשעריי פון פערד.

בונעם הויבט זיך אָנטשלאָסן אויף, גייט צו מיט פעסטע טריט צו טאַמאַרען, זאָגט איר שטיל, נאָר שאַרף:

— קום, טאַמאַרעלע... מיר'ן זיך אַביסל דורכגיין אין דרויסן... דער רעגן האָט דאָך שוין אויפגעהערט.

טאַמאַרע שטייט אויף פון טיש אָן חשק — זי וואַרפט פאַר־לוירענע און שולדיקע בליקן אויף די הינטער־בלייבנדיקע מיידלעך. זי גייט פונדעסטוועגן נאָך דעם טאַטן אין דרויסן אַרויס.

ווי נאָר די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער זיי, גיט אין באַלויכ־טענעם עס־שטוב אַ קלאַפּ אַ הויך געזאַנג. עס טראָגט זיך אַוועק, דאָס געזאַנג, איבערן טונקעלן הויף, איבער די אַרומיקע נאַכטישע פעלדער וועלכע אָטעמען איצט מיט וואַרימער פינצטערניש. דאָס געזאַנג יאָגט נאָך פון הינטן פאָטער און טאָכטער — די צוויי געשטאַלטן, וועלכע לאָזן זיך איצט גיין, אין דער חשכות פון די פעלדער, פאַרטאָנענע אין אַן ערנסטן, אַ צ ע ט ר י ל נ ד י ק ן שמועס. דאָס געזאַנג יאָגט נאָך די צוויי געשטאַלטן איבער די פלאַכע אָפּגעשווירעגע פעלדער, וואָס ציען זיך אומעטיק אַוועק ברייט און ווייט אין דער טיפעניש פון פּאָלעסיע אַריין.

— אי דאָ האָט זיך די ווייבעלע אַ וואָרף געטאָן אויפן גראָז,
אַ וויש געטאָן די אויגן און אַ מאָלק געטאָן דעם נאָז...
אויף איר ביי־קולכל האָט זי געגעבן אַ געשריי: טאַטע,
אוי־וויי!
איך בין געקומען צו דיר מיט אַ גרויס געשריי!...

ח.

דער דיליזשאַנס, וואָס האָט קורסירט צווישן דער נאָנטער קרייז־שטאָט אויפן גרעניץ פון וואָלין און בונעמס געבורט־שטאָט, פלעגט אויף זיין וועג צוריק פאַרבייגיין דעם טעכניקום פאַרנאַכטלעך־צו. און טאָקע שוין אויף מאָרגן פאַרנאַכט איז בונעם אָפּגעפאָרן צוריק.

אין דיליזשאַנס האָט געברענט אַ לאָמטערנע מיט ברודיקע שייבלעך. זי האָט, דוכט זיך, גיכער טונקעלער געמאַכט דאָס אַי־נעווייניקסטע פון דעם קאַסטן־בויך, איידער ליכטיק געמאַכט. אינם ברודנעם דריי־פערטל־טונקל זיינען געשפּרונגען נאָכאַנאַנד קורצע שאָטנס; און פונקט אַזוי האָבן אין בונעמס מוח אַרומגעשפּרונגען פאַרשיידענע בילדער פונם פאַרגאַנגענעם מעת־לעת.

דער פאַרגאַנגענער מעת־לעת איז אים איצט געווען ניט ווי אַ ווירקלעכקייט נאָר ווי אַ חלום — ווי אַ חלום, אָן וועלכן מען דערמאָנט זיך שוין אין וואַכנדיקן צושטאַנד.

כאָטש מען קען אויך ניט זאָגן, אַז בונעם איז עס געווען איצט אַזוי שטאַרק אויסגעשלאָפן.

געלייגט שלאָפן האָט ער זיך נעכטן גאָר שפּעט ביינאַכט. ער איז געשלאָפן אין שייער, אויף אַ קופּע היי. דער פאַרשלאָפענער זאַווכאָז, וועלכער האָט אים אַריינגעבראַכט אַהין אויף נאַכטלעגער, האָט מיט אַ גענייץ געבעטן מחילה פאַרוואָס מען קען ניט אָפּטרעטן קיין בעסערן אָרט — קיין בעסערער פרייער אָרט איז דאָ פּשוט ניטאָ...

— איר וועט נאָר זיין אַזוי גוט און מיר אָפּגעבן אייערע שוועבע־לעך...אַלע... — האָט ער צו בונעמען אויסגעשטרעקט די האַנט.

— וואָס הייסט? — האָט בונעם געשטוינט.

— אַזוי איז מען זיך ביי אונז נוהג מיט אַ פרעמדן מענטשן, וועלכער נעכטיקט ביי אונז אין שייער... — שלמהס קול איז גע־וואָרן וואַכעדיקער און פעסטער.

— וואָס מיינט איר... — האָט בונעם זיך באַלד אַליין אָנ־געצונדן ווי אַ שוועבעלע. — איך בין געקומען צו אייך אַהער ווי אַן אונטערצינדער?

— חס־ושלום... הלמאי זאָלט איר זיך אויפרעגן אומזיסט?

— האָט שלמה געפּרוווט מאַכן אַ שפּאַס. — און מען זאָגט נאָך,

אז אמעריקאנער זיינען קאַלטע מענטשן... ביטע, גיט מיר אוועק אייערע שוועבעלעך בלויז ביז מאָרגן... אָט אַזוי. מאַלע וואָס עס קען אַמאָל ביינאַכט פּאַסירן: איר קענט נאָך וועלן פאַררויכערן, אַ ליאַדע־וואָס...

אויפגערעגט! ס'איז שוין גאָר קיין חידוש ניט וואָס בונעם האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי גרינג אויפצורעגן. אודאי, בונעם איז טאַקע געווען אַ גוטמוטיקער מענטש, אַ מענטש, קען מען זאָגן, אָן אַ גאַל. אָבער נאָך אַזעלכע סורפּריזן, ווי ער קריגט... ער האָט טאַקע דערנאָך בשום אופן ניט געקענט איינשלאָפן. ניט אַנדערש — זיי האָבן זיך אַלע צוזאַמענגערעדט הינטער זיינע פּלייצעס... אַז ניט, ווי קומט עס וואָס אויך טאַמאַרע האָט, אינם לאַנגן שמועס זייערן אין דרויסן נעכטן ביינאַכט, פּלוצלונג געשטעלט אים די זעלביקע פראַגע, וואָס אַנומעלטן סטערע:

— טאַטע, זאָג נאָר... האָב נאָר אויף מיר קיין פאַראיבל ניט... אָבער איך בעט דיך דו זאָלסט מיר זאָגן דעם ריינעם אמת: האָסט קיינמאָל ניט געדינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי? כ'מיין, ווען זי האָט זיך געשלאָגן קעגן אונז אויפן אַרכאַנגעלסקער פראָנט... אָבער דעם אמת!

ווער האָט עס געקענט אויף אים אַזעלכעס אָנריידן!... הם, עפּעס מוז דאָ אודאי שטעקן. נו, מיט טאַמאַרען וועט ער שוין יאַקאָש דורכקומען; זי וועט זיך געוויס לאָזן איבעררײדן — וואָס ווייסט זי, אַ נאַריש קינד... דערעיקרשט אָבער, זעט ער שוין איצט איין, איז גאָר סטערע; ס'איז קלאָר: ז י ציט עס דאָ אַלע דראָטן. און מיט איר וועט בונעם שוין זען צו האָבן אַ שאַרפן און שטרענגען שמועס, גלייך ווי ער וועט קומען צופאָרן אין שטאָט.

דער דאָזיקער באַשלוס האָט אים פונדעסטוועגן ניט איבעריק שטאַרק אויפגעמונטערט. אויף ביידע זייטן שאָסיי האָבן זיך גע־צויגן טונקעלע נאַסע פעלדער — מ ס ת מ א איז עס געווען אַזוי: די לבנה איז געווען דאָס רוב צייט באַהאַלטן הינטער געדיכטע הרודעם וואָלקנס, די פעלדער אַליין האָט מען אייגנטלעך ניט געקענט זען. מען האָט „געזען" בלויז — מען האָט גיכער געפילט — אַ פּוסטע, אַ וויסטע אומעטיקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שפּרייטן אַ טריט־

צוויי פונם דיליזשאַנס — און זיך געצויגן וויט־וויט ביז סאַמע ענדע וועלט.

זעלטן־ווען האָט פאַרבייגעטאַנצט אַ פּייערל פון ערגעץ אַ פאַרשטעקט פּויעריש הייזל. און נאָך זעלטענער איז דער לבנה געלונגען זיך אַרויסצוקראַפּקען פון הינטער די וואָלקנס — די פעלדער, וועלכע מען האָט דעמאָלט אויף אַן אויגנבליק ווירקלעך דערזען, זיינען אויך קנאַפּ מסוגל געווען אויפצומונטערן בונעמס געמיט: פלאַכע דערשלאָגענע פעלדער זיינען עס געווען, פלאַטשיקע און סטעפּישע פעלדער, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן, ווי ס'האָט זיך בונעמען געדוכט, פאַר אייביקע אומגליקן, פאַר אייביקע מלחמות.

בונעם האָט זיך געטוליעט אין אַ ווינקל — אַ שוויינגדיקער, אַ נאָכאַנאַנד זיך־טרייסלענדיקער; און צוזאַמען מיט אים האָט אויך געשווייגן און זיך אויך געטרייסלט דאָס טייערע רענצל זיינס פון רויטן אָקסנפעל — עס האָט זיך געטוליעט ביי זיינע פיס, ווי אַ געטריי הינטל, וואָס ווייסט די איצטיקע שטימונג פון זיין באַלעבאָס...

אינעווייניק אין אָט דעם רענצל זיינען געלעגן די פאַרשעמטע מתנות... די אָן־אַ־שיר מתנות, וועלכע בונעם האָט געפירט אַהער אַזש פון דער סדום־שטאָט, פון פּאַריזש — קיינער, קיינער האָט זיך דאָ אויף זיי ניט געקוואַפּעט... קיינער, קיינער האָט דאָ ביי אים אָט די מתנות ניט געוואָלט אפילו אָנרירן.

דריטער קאַפּיטל

אומרואיקע טעג

א.

— איז ווילסטו טאַקע ניט עסן, סטערע? זע, דיין פּאַרציע ווערט דאָך קאַלט...

— ניין, ס'ווילט זיך עפּעס ניט.

— אבי איך האָב געוואַרט אויף דיר מיט וועטשערע... וואָס איז היינט דער מער מיט דיר?

— ס'טוט מיר ליד וואָס דו האָסט געוואַרט... גאָרניט איז דער מער מיט מיר! ס'ווילט זיך פּשוט ניט עסן.

בונעם איז באַזאָרגט אינדעראמתן, און זייער איבערגעגעבן:

— זע... אָבער ווי קען מען אַזוי! ס'איז דאָך שוין שפּעט... ס'איז דאָך שוין אַזוי שפּעט!

— איך האָב אָפּגעגעסן איידער איך בין געקומען אהער.

נו, איז דאָך מער ניטאָ וואָס צו ריידן. בונעם עסט דעמאָלט אַליין, עסט מיט גרויס אַפּעטיט: עסט שוין אויף דעם ווייבס חלק אויך... ער האָט זיך גוט אויסגעהונגערט וואַרטנדיק. ס'איז שוין טאַקע זייער שפּעט, אודאי ניין אַזייגער.

סטערע האָט אים דערציילט, אַז זי האָט בשום אופן ניט גע־קענט אַוועקפאָרן פריער. ערשטנס, איז דאָס פערד ניט געווען פריי. צווייטנס, די אַרבעט טאַקע...

— ווידער די אַרבעט... — אַזאַ תירוץ איצט פאַר־דריסט בונעמען אַסך מער ווי פריער. וואָרים צו־וואָס זאָל זי דאַרטן אוועקלייגן איצט אירע כחות. אומזיסט־און־אומנישט! זי וועט דען איר חלק „קאָלעקטיוו" מיטנעמען מיט זיך, קיין אַמעריקע?

אַך, ער וויל שוין אַז דאָס זאָל נעמען אַן עק, איינמאָל פאַר אַלע מאָל! ער האָט דעריבער דאָס מאָל ניט געוואָלט וואַרטן ביז סטערע וועט אַליין קומען אין שטאָט; גלייך ווי בונעם איז גע־קומען צופאָרן פון טעכניקום, האָט ער דעם ווייב אָוועקגעשיקט אַ בריוועלע. אין דעם בריוועלע האָט ער איר געשריבן, אַז זי זאָל קומען גלייך צופאָרן צוליב אַ וויכטיקן ענין — און זי זאָל קומען טאַקע אַביסעלע פריער ווי געוויינטלעך: ער דאַרף מיט איר שמועסן און שמועסן ... איז ווידער טאַקע „די אַרבעט!" אַ קליי־ניקייט עפּעס ...

בעת בונעם איז האַרציק אַזוי פאַרטאָן אין דער אכילה, באַ־טראַכט אים סטערע פונדערזייט. סאַראַ ריינע נעגל ער האָט עס — פאַרקיילעכדיקטע, אויסגעפּוצטע, ראָז־בלוילעכע, גלאַנצן אַזש. א י ר ע זיינען באַדעקט מיט אַן אָנוואוקס פון ווילד־פלייש ביי די וואָרצלען, זיינען אָנגעשפּאָלטן אינמיטן און געקאַרבט ביים סוף, און פאַרענדיקן זיך מיט שוואַרצע זוימען ...

— אַן אמתער פּריץ ... — וואונדערט זיך סטערע שוין ניט צום ערשטן מאָל: איז עס מעגלעך, אַז ער פאַרנעמט זיך דאָרט אין אַמעריקע מיט שוסטעריי טאַקע? ס'לייגט זיך קוים אויפן שכל ...

זי ווייסט אודאי ניט, אַז בונעם האָט זיך ערשט היינט פּריש אויסגעפּוצט די נעגל — טאַקע מיטן איינעם קליינעם מאַניקיור־סערוויזל, וואָס ער האָט ביי זיך אין טשעמאָדאַנטשיק; און דערנאָך אָפּגעפאַרבט זיי מיט אַ בלוילעכער בריליאַנטינע. די גע־דיכטע האָר זיינע האָט ער זאַפטיק אָנגעשמעקט מיט אַזאַ שמעקע־דיקער פּאָמאַדע ... ער קוקט דעריבער היינט אוים פרישער נאָך ווי געוויינטלעך: מען קען זיך אַזש שפּיגלען אין אים אינגאַנצן — פון די בלישטשענדיקע האָר ביז די שפּיצן פון די זאַרגעוודיק־אויסגעפּוצטע קאַמאַשן. יאָ, אויף היינטיקן אָוונט האָט זיך בונעם עפּעס ספּעציעל צוגעגרייט ...

אויפן רוקן פון אַ שטול אינמיטן צימער זיינען אויסגעלייגט, ווי צעשפּרייטע פּאַווע־עקן, קאָלירטע זיידענע שאַלן; זיי מיניען זיך אינם עלעקטרישן ליכט, מיט שרייענדיקע פאַרבן. סטערע טוט אויף זיי אַ וואָרף אַ גלייכגילטיקן בליק, אַביסל אפילו אַ פאַרדראָסיקן בליק: ער האָט דאָך שוין איינמאָל זיי איר פאַרגעשלאָגן... אמת,

זי האָט זיי דעמאָלט אַליין ביי אים איבערגעלאָזן; מכלומרשט אויף „דערוויילּ", ביז אַ צווייטן מאָל... און יעדעס מאָל דערנאָך, ווען בונעם פלעגט איר דעמאָנען זי זאָל צונעמען אירע מתנות, פלעגט זי ווידער אָפּלייגן אויפן קומענדיקן מאָל. ער האָט אָבער געמעגט שווין אַליין איינזען אַז זי קוואַפּעט זיך ניט אויף אַזעלכע זאַכענישן... איז וואָס מאַכט ער זיך ווידער נאַריש מיטן אויסשפּרייטן די שעלעכלעך? וואָס איז זי דען — עפּעס אַ קליין מיידעלע, וואָס?

און בונעם עסט אַלץ מיט הנאה זיין וועטשערע... פונדעסטוועגן, לאָזט ער דעם אַריינגעקומענעם קעלנער צונעמען צוריק אַ טעלער, אויף וועלכן עס איז נאָך איבערגעבליבן אַ גאַנצע פּערטל איינגעפּרעגעלטע הון. אפשר איז עס טאַקע איר איינגענער איבערגעבליבענער חלק? פונדעסטוועגן, איז עס אַ שאָד גלאַט קאַליע מאַכן עסן, ווען מענטשן דאָ — — — איז עס אָבער ווייניק נאָך אַלץ פאַר בונעמען. גאָר צום סוף, ווען דער קעלנער קלייבט צו פון טיש, און ער שטעלט אַוועק די בלויז אויף דער העלפט-אויסגעליידיקטע וויין-פלאַש אָן־אַ־זייט, באַמערקט אים בונעם, אַז ס'מאַכט ניט — ער מעג עס צונעמען...

איז ווען דער קעלנער, אינם שוואַרצן סורדוטל און אין דער ווייסער מאַנישקע, גייט אַרויס פון צימער, מאַכט סטערע בונעמען אויפמערקזאַם אויף דעם.

— ביסט זייער פאַרשווענדעריש, בונעם... אַנדערע דאָ וואָלטן פאַר דעם געלט, וואָס דו האָסט געפּטרט אויף היינטיקער וועטשערע, געקענט אָפּעסן עטלעכע מיטאָגן.

בונעם לאַכט זיך פאַנאַנדער, הויך און זעלבסט-צופרידן.

— ס'מאַכט ניט... — גיט ער דעם ווייב גוטמוטיק אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע. — נאַרעלע, דו מיינסט, אַז אַזעלכענע זאַכן שפּילן ביי מיר אַ ראָליע, וואָס? די גאַנצע פלאַש וויין קאָסט דאָרטן כ'וויים וויפיל... אַ שיבוש!

אָפּגעגעסן, נעמט ער זיך ווידער פאַרזעצן דעם שמועס, וועלכן ער האָט, ווייזט אויס, אָנגעהויבן נאָך פריער אין אָוונט — און האָט אים איבערגעריסן צוליבן עסן.

—יאָ, זאָגט ער מיר: „שטודירן זאָל איך פאָרן — קיין אַמעריקע? אויף אינזשיניער? יאָ, טאַטע, דאָס האָב איך טאַקע פון

תמיד אָן געוואַלט... דאָס איז פון תמיד אָן געווען מיין טרוים... און כ׳קען דיך פאַרזיכערן: ווען ניט די אַלע יאָרן, וואָס מיר זיינען דאָ געווען אין קריג, וואָלט איך עס אודאי שוין לאַנג גע־האַט דערגרייכט, טאַטע אָן דיין אַמעריקאַנער הילף!" — בונעם דערציילט עס אין אַ רואיקן טאָן, אינם זעלביקן רואיקן טאָן וואָס ער האָט גערעדט מיט אַ ווייַלע צוריק וועגן עסן; ס׳איז דעריבער ניט צו זען צי ער האָט בשעת־מעשה געפילט דעם שטאָך אין זיין זונס ווערטער, צי ניט. — „און כ׳וועל עס נאָך אפשר ווערן אויך"... זאָגט ער ווייטער. — „און טאַטע דאָ, ביי אונז... אָבער ווערן אַן אינזשיניער ביי אייך? בויען פּאַלאַצן פאַר אייערע מיליאָנערן? צי אפשר פאַבריקן אויף אויסצוזויגן דאָרטן דאָס בלוט פון מיליאָנען אַרבעטער? ניין, טאַטע, ניט איך"... און עס רעדט, סטערעלע, מיט אַזאַ רעש, מיט אַז ירגזון! אַזאַ ברען געוואָרן דער חברה־מאַן, פייער־פלאַם...

פּויזע. סטערע שמייכלט אויף קוים־באַמערקבאַר פאַר זיך. זי באַמיט זיך אָבער דעם שמייכל אירן באַלד צו אונטערדריקן.

— יאָ... — זעצט בונעם פאָר ווייטער זיין רואיקע דערציי־לונג. — זאָג איך צו אים: „נו, גוט, ווינדערל... קענסט גיין ביי אונז אַרבעטן אין שאַפּ, וויבאַלד דו ביסט אַזאַ ערלעכע נשמה... ביי אונז אין אַמעריקע פאַרדינט מען פון אַרבעטן אויך ברוך־השם גאַנץ נישקשהדיק"... ערשט ער פלאַקערט ווידער אויף:

— „אַ געלעכטער מיט דיר, טאַטע — אויף מיינע נאמנות... ווילסט, הייסט עס, איך זאָל מיך שלעפּן מיט דיר אין דיין אַמעריקע, כדי אָפּצופינצטערן דאָרט מיינע טעג אין אַ סוועט־שאַפּ, קריגן דער־נאָך די דער?"

— הערסט, ד אָ ס ווייסט ער דיר שוין אויך, פון אונזערע סוועט־שעפּער! אָ, אַ ממזרישער קאָפּ... — האָט בונעם פונ־דעסטוועגן הנאה וואָס זיין זון איז גאָרניט אַזאַ גרינער אפילו אין אַמעריקאַנער זאַכן. — איך, סטערע, ווען איך בין מיט יאָרן צוריק געפאָרן קיין אַמעריקע, וואָס האָב א י ך דעמאָלט גע־וואוסט פון איר? און אָט די חברה־לייט — זיי ווייסן שוין באַלד אַזויפיל פון אַמעריקע ווי איך אַליין איצט! כ׳האָב דאָך דיר שוין דערציילט, וויאַזוי אונזער טאַמאַרעלע האָט מיך גענומען אויפן צימבל — וואָס איך האַלט פון שלום־עליכמען און... פון שלום

אשן... און... הלמאי מיר באזאָרגן זיי ניט צום לעבן און... און כ'ווייס נאָך וואָס! צייטן, זאָג איך דיר!

מיט אַ נחתדיקער מינע בויגט ער אוים אויף הינטן דעם שטול, אויף וועלכן ער זיצט. זיינע לאַנגע פיס זיינען פאַרוואָרפן אויף דער פּראָמוגע פון פענצטער. סטערע זיצט אים אַנטקעגן אויף דער קושעטקע. ניין־ניין, ווי קען זי עס איצט ניט באַמערקן זיינע וואונ־דערלעכע זיידענע זאָקן, געקעסטלט אין ראָזע און רויטע פּאַסיק־לעך...

— יאָ, הקיצור... איז וואו, הייסט עס, האַלטן מיר? יאָ, איז רוף איך מיך אָפּ צו אים: „נו, דו רעדסט ווי אַ קינד, האָב קיין פאַראיבל ניט... פאַרדינען פון אַרבעטן, מיינסטו, הייסט אין אַמעריקע פון אַרבעטן אין אַ שאַפּ? ווער וויל עס דען דו זאָלסט אָפּפינצטערן דיינע יאָרן אין אַ שאַפּ? ביי אונז, אַז מען איז נאָר ניט קיין נאַר, ווערט מען גלייך אַ באָס פאַר זיך! בפרט נאָך, אַז דו וועסט האָבן, גאָט צו דאַנקען, אויף וועמען אָנצושפּאַרן זיך"...

און ער — אַז ער פּלאַקערט עס ניט אויף צונטער־רויט: „איך — איך זאָל ווערן אַ „באָס", ווי דו רופסט עס? כאַ־כאַ, טאַקע גע־טראָפן דאָס אָרט!"

— ע, — פאַרליר איך שוין דעם געדולד, — כ'האָב מורא, מיין זון, אַז דו ווייסט אַליין ניט וואָס דו ווילסט... קיין אינ־זשיניער — ניט; קיין באָס — ניט; אַרבעטן — אויך ניט... איז וואָס־דען ווילסטו? — אויף מיין וואָרט, סטערע, עס האָט מיר בפירוש אָנגעהויבן פאַרדריסן זיין פּלאַפּלעריי: אַ קינד — בלייבט פאָרט אַ קינד!

פּויזע. און ווידער באַווייזט זיך אויף סטערעס ליפּן אַ קוים־באַמערקבאַרער שמייכל, וועלכן זי באַמיט זיך גיך אונטערצודריקן. איר איידעלע זאָרג איז אָבער געווען אינגאַנצן איבעריק — בונעם, אַז ער רעדט, זעט ער סיי־ווי ניט וואָס פאַרא איינדרוק עס מאַכן זיינע רייד אויפן צווייטן מענטשן.

— מיינסטו, ער בלייבט מיר שולדיק אַן ענטפער? אסור! און געווען תמיד, דוכט זיך, אַזאַ שטילינקער, קיין צוויי ווערטער ניט געקענט אויסריידן... „ווער זאָגט עס דיר, אַז איך וויל ניט אַרבעטן? איך וויל בלויז ניט יענעם עקספּלואַטירן, פּונקט ווי איך וויל ניט אַז יענער זאָל מיך עקספּלואַטירן"... אַזוי! „ניין,

ברודערקע"... — ענטפער איך אים אויף דעם. — „ס'איז טאקע אלץ זייער שיין גערעדט, אָבער דו פארשטייסט פשוט ניט דאָס לעבן: דאָס איז מיט דיר דער גאנצער טראָבל... אין לעבן, ברודערקע, איז אנדערש, אינגאנצן אנדערש! אין לעבן, איז אָדער דו עקספּלואטירסט י ע נ ע ם, אָדער יענער עקספּלואטירט ד י ך, אָט־וואָס!" הכלל, וואָס זאָל איך דיר דאָ ברייען... ביזן כאַמע אָפּפאָרן האָב איך ביי אים קיין שום טאָלק ניט געקענט דערגיין. אדרבא, סטערע, אפשר פארשטייסטו אים בעסער — זאָג ד ו מיר וואָס וויל ער טאָן?

די גאנצע צייט וואָס בונעם רעדט, קוקט סטערע אויף אים מיט דורכדרינגענדיקן בליק. ערשט איצט, אז בונעם ווענדט זיך צו איר מיט א פראַגע, לאָזט זי אַרונטער די אויגן... און א ווײַלע שווייגן זיי אזוי ביידע; באלד אָבער הויבט אָן א רויטקייט זיך פאנאנדערגיסן איבער איר פנים.

זי הויבט ענדלעך ווידער אויף אירע אויגן און שטעלט אָן א לאַנגן שווייגנדיקן בליק אויף בונעמען. זי נעמט ניט אַרונטער דעם בליק אפשר א גאנצע מינוט — אָן אייביקייט פארן אומגעדול־דיקן בונעמען... אים הויבט אזש אָן ווערן אומהיימלעך.

— וואָס ער וויל ט אָ ן, ווייס איך ניט. — רעדט זי ארויס מיט א מאָדנע־רואיקער שטים, ווי עס וואָלט זיך געהאנדלט וועגן א זאך וואָס קער זיך מיט איר לחלוטין ניט אָן. — איך קען דיר אָבער זאָגן וואָס ער וויל נ י ט: ער וויל בפירוש ניט פאָרן מיט דיר קיין אמעריקע.

בונעם שלעפט האסטיק אראָפּ די פּיס פון דער פראַמוגע, ער קוקט סטערען אָן אביסל פארדעכטיק: עפּעס האָט זי ארויס־געזאָגט די לעצטע ווערטער מיט אזא רואיקייט, מיט אזא קאַלט־קייט...

— זע, ביסט עס אזוי זיכער... פונוואַנען ביסט עס אזוי זיכער?

— גאָר פשוט. ער האָט עס מיר אליין געזאָגט.

— ווען? —שפּרינגט אויף בונעם.

— דאָס לעצטע מאָל ווען ער איז ביי מיר געוועזן... איידער דו ביסט אים געגאַנגען זען.

פויזע. דאָס לעצטע מאָל? דאָס הייסט, איידער ווידער איז מיט אים צוזאַמען געפאָרן קיין נאַראָווליע... מאָדנע! פאַרוואָס־זשע האָט זי אים דעמאָלט וועגן דעם ניט דערציילט? און בונעם גיט ווידער אַ קוק אויף סטערען פונדערזייט. עס שטאַרקט זיך אין אים אַן אומבאַשטימטער, אומקלאָרער חשד.

— נו. — ענטפערט ער איר מיט ניט־פאַרבאָרגענעם פאַר־דרוס. — כ'מיין... אויב ער האָט עס דיר בפירוש געזאָגט אַזוי... מאָדנע, מ י ר האָט ער דעמאָלט קיין באַשטימטן ענטפער ניט געגעבן... נאָר, מילא, אויך די אייגענע מעשה... ער איז דאָך שוין אַ דערוואַקסענער מענטש, אונזער ווינגדער — מסתמא ווייסט ער, וואָס ס'איז גוט פאַר אים... — קליינע פויזע. — מילא, וועלן מיר אָוועקפאָרן זאַלבעדריט.

די לעצטע ווערטער זאָגט בונעם אַרויס מיט זיכערער זאָרג־לאָזיקייט. כאָטש אפשר איז אָט די זאָרגלאָזיקייט זיינע גאָר אַ געמאַכטע... צי סטערע האָט עס אויך דערפילט, צי ניט — נאָר זי פייערט גלייך אָפּ דעם צווייטן שאָס:

— זאַלבעדריט? וויאַזוינאַך זאַלבעדריט? מיר דוכט... כ'מיין, אַז טאַמאַרע וויל אויך גאָרניט אַזוי שטאַרק קיין אַמעריקע.

— דו מיינסט... — קרימט בונעם איבער אירע רייד מיט צערייצט־קייט. אומגעדולדיק גיט ער זיך אַ שטעל אויף. — דו מיינסט... פאַרוואָס עפּעס מיינסטו אַזוי? פונוואַנען ווייסטו אַז זי וועט ניט פאָרן? — און מיר האָט זי בפירוש געזאָגט — טריאומפירט בו־נעם — אַז זי וויל ערשט איבעררעדן מיט דיר וועגן דעם! און אויב דו...

— א ו י ב איך!... נו, צורעדן זי צום פאָרן וועל איך זיכער ניט... — סטערעס שמייכל פאַרמאָגט איצט אין זיך אַ קרומלעכע בייזקייט וואָס איז בונעמען ביז איצט געווען גאָר אומ־באַקאַנט אין איר. אים ווערט אַזש קיל אין האַרצן: וואָס־זשע, איז דער פאַרדאַכט זיינער געווען טאַקע אַ ריכטיקער?...

הייסט עס, ס'איז אַלץ זי, די מוטער אַליין? בונעם מאַכט זיך אָבער מוט; מען דאַרף זיך נאָר ניט פאַרלירן... אַזוי איז גלייכער.

— כאַ־כאַ... — לאַכט ער זיך לוסטיק פאַנאַנדער, גיט סטע־רען וואוילעריש אַ וואונק מיט אַן אויג. — פאַרוואָס־זשע, אַלטיטשקע,

זאָלסטו עס איר טאַקע ניט צוריידן, האַ? ווילסט דאָך ניט אַז מיר זאָלן זיך אויף דער עלטער געפינען אין אַמעריקע איינינקע אַליין, דיך דאָ באַבאַ... אָדער ביסטו אפשר אַ בעלנטע אַנהויבן אַלץ פונדאָסניי? — און בונעם גיט איר אַ קיצל אונטער דער פּאַכווע.

— מיר? — ווערט די שלעבטקייט פון סטערעס שמייכל נאָך ניכרדיקער: ס'איז שוין באַלד גאָר קיין שמייכל ניט... זיין וואוילערישער קיצל און אַנצוהערעניש האָבן ביי איר, ווייזט אויס, גאָרניט אַזוי אויסגענומען. — ביסט עס זיכער אַז אַט נעם איך און פּאָר עס מיט דיר אַוועק אין דיין אַמעריקע?

בונעם גלאָצט אויס אויפן וויב אַ פּאָר גרויסע אויגן.

— וואָס הייסט... ווילסט ניט זיין צוזאַמען מיט מיר... מיט דיין מאַן?

קליינע פּויזע.

— כ'וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסן וואו איז מיין מאַן געווען... ביז איצט? — איר קול קלינגט קאַלט און טויבלעך; אַ פאַרדומפּטער עכאָ פון אַ וויטן ריכטער־קול.

— וואָס הייסט... — שטאַמלט בונעם, אינגאַנצן אַ צעטומל־טער פון אַט דעם נייעם קלאַנג אין איר קול. — וואָס מיינסטו: „וואו בין איך געווען ביז איצט?" איך פאַרשטיי דיך ניט...

— אָט דאָס איז טאַקע דער אומגליק וואָס דו פאַרשטייסט מיך ניט... דו האָסט, דוכט מיר, קיינמאָל ניט געוואָלט מיך פאַרשטיין.

ווידער אַ פּויזע. אַ פּאָר מינוט אינגאַנצן. נאָר וויפיל דאַרף עס סטערע אַז זי זאָל זיך קענען דערמאָנען אָן דעם אַלעמען, וואָס ס'האָט אָנגעפילט איר האַרץ מיט פאַרדרוס אָט די אַלע יאָרן? טאַקע מער ניט ווי אַ פּאָר מינוט. שנעלער אפשר ווי אין אַ פילם — זיכער טאַקע שנעלער, ווייל אָט די בילדער האָבן זיך איינגע־שניטן אין איר זכרון מיט אַ בלוטנדיקער שאַרפקייט און זיינען תמיד געווען פריש אין איר — האָט זיך עס אַלץ געגעבן אַ וויקל אָפּ פון דער שפּולקע פון איר געדעכעניש. יענער פרילינגדיקער טאָג, מיט כ'וויים וויפיל יאָרן צוריק, ווען בונעם האָט זי איבער־געלאָזט דאָ און איז אַליין אַוועקגעפאָרן זוכן די גליקן זיינע; און אָט יענע אַנדערע טעג דורך די אַלע יאָרן וואָס האָבן איבער איר פאַרביינגעפלייצט אין אַ בלוטיקן שטראָם, — וואָס איז פאַר איר

בונעם געווען אַט יענע גאַנצע צייט? אַ כאַלוואַ־שאַכטל מיט אַ פעקל גליטשיקע און גלאַטינקע געלט־בילעטן, אַן וועלכע זי פלעגט זיך מיאוסן אַנצורירן... אַ קאַלטע פרעמדלעכע „פיקטשער" — אַט יענער אויסגעפוצטער, מיט זיך צופרידענער מענטש, וועלכער פלעגט אין די ערשטע יאָרן שטיין ביי זיי אין שטוב אויפן קאָמאָד, אַ ווייטער אורח... אַ מענטש, וועלכער האָט זיך געפונען אינגאַנצן אין דרויסן פון די גרעניצן פון איר גורל, — אי פון איר, אי פון אירע קינדערס גורל.

אַ פּאָר מינוט סך־הכל. און דערצו נאָך — שווייגנדיקע: וואָס וועט זי אים דען דאָ גיין דערציילן... איז עס מעגלעך, אַז אַט דער מענטש, אַט דער אַמעריקאַנער פּראַנט, זאָל עס גאָר ק ע נ ע ן פאַרשטיין? כאָטש בונעם, אויב ניט אירע געדאַנקען, נאָר דאָס פרעמד־פיינטלעכע געפיל, וואָס האָט איצט אַרויסגעשטראַלט פון איר, האָט ער מסתמא יאָ דערפילט... זיין קול איז געפאַלן, ער שטאַמלט:

— באמת, איך פאַרשטיי ניט דיינע טענות, סטערעלע, אויף מיין וואָרט ניט... איך האָב די גאַנצע צייט געטאָן אַלץ וואָס מען האָט געקענט — סיי פאַר דיר און סיי פאַר די קינדער... און אפילו איצט. — זעצט ער פּאָר מיט אַ קול וואָס קען אַזש רירן אַ שטיין. — וואָס וויל איך דען? בלויז אייער אַלעמענס גליק... ווען איך וואָלט געהאַט דעם מינדסטן ספק, צי אין אַמעריקע וועט זיין בעסער פאַר אייך אַלעמען, וואָלט איך דען דיך צו דעם צוגערעדט? נאַרעלע, אַזאַ שטאָט ווי ניו יאָרק איז אויף דער גאָרער וועלט ניטאָ!... דאָ, ביי אייך, לעבט מען דען? דאָ מוטשעט מען זיך דאָך...

— איך ווייס, איך ווייס... — גיט סטערע אומגעדולדיק אַ מאַך מיט דער האַנט; אפילו ד אָ ס מאָל פאַרשטייט ער זי אויך ניט! — דו האָסט מיר דאָך שוין איינמאָל דערציילט, — די קיטשענס, די וואַנעס, אַלץ גייט ביי אייך אויף פאַרע...

— נו־יאָ... — רופט זיך שוין בונעם אָפּ מיט פאַרדרוס. — האָסט ניט וואָס אָפּצולאַכן... איך זע ניט איין מיט וואָס איר נעמט זיך עס אַלע דאָ אַזוי איבער קעגן אַמעריקע! מען וואָלט געקענט דענקען: איר פאַרמאָגט דאָ כאָטש כ'ווייס וואָס... סאַראַ

פארריסנקייט! יעדע מינדסטע זאך, דוכט זיך, קאסט ביי אייך אזוי טייער ווי ערגעץ נימ!

און בונעם דערפילט זיך שטארקער, געקרעפטיקט דורכן געפיל פון זיין דורכאויסיקער אביעקטיווער גערעכטיקייט.

— הערסט, אט בין איך אנומלטן געגאנגען קויפן, טאקע אין היגן קאאפעראטיוו, אזא קליניקייט, אזא פשוטע זאך, דוכט זיך — נאזטיכלעך — האט עס באטראפן גאנצע זעכציק סענט א שטיק אויף אונזער געלט... ס'איז ניט געווען ווער ס'זאל לאבן, אויף מיינע נאמנות! ביי אונז קריגט מען אזא מציאה פאר פינף קאפי־קעס!... גלויבסט ניט? הא? זעסט!... פאר פינף סענט! ס'איז אלץ איינס: אין אמעריקע הייסט א קאפיקע א סענט...

איך רייד שוין ניט, — טריאומפירט בונעם ווייטער מיט בייזער רעכטפערטיקייט, — וואס איר האט דא בכלל ניט די מייסטע זאכן וואס א ציוויליזירטער מענטש ברויך צו האבן... יא!

אך, דער ארימער בונעם האט זיך גאר פארלוירן פון דער אומגעריכטער ווענדונג וואס אט דער גאנצער ענין האט אנגענומען... איז עס מעגלעך אז זיין משפחה, פון וועלכער ער איז געווען פאר־פרעמדט אזויפיל יארן — זאל זיך אים אין אזא קורצער צייט אזוי איינבאקן אין הארצן, אז ער האט זיך שוין גארניט געקענט פארשטעלן זיין ווייטערדיק לעבן אן זיי? ווער ווייסט... ס'קען דאך אויך זיין, אז דאס האט אים גאר פארדראסן זיין באליידיקטע אמביציע — די אמביציע פון א דזשענטלמען און אן אמעריקאנער: ע ר האט ביי זיך באשלאסן צו טאן זיין „דיוטי", און זיי ווארפן זיך נאך מיט אים!... וואס איז עס דא מיט זיי אזוי דער מער? ניין. מען האט זיי גערארפט אביסל ארונטערשלאגן די פלינל!

סטערע קוקט אויף אים מיט א פרעמדן בליק, טוט א קנייטש מיט די אקסלען, לאזט ווידער ארונטער די אויגן. אין דרויסן האט אימיצער עפעס אויסגעטרומייטערט, א באקאנטע מונטערע מעלאדיע; און דערנאך האט זיך דארט געלאזט הערן א הילכיקער הורא־געשריי. פון א דערבייאיקן צימער אין האטעל האט זיך געהערט א קלארער לוסטיקער פרויען־געלעכטער. בונעמען האט זיך אזש געמישט אין קאפ. ניין, אזוי טויג ניט. מען דארף ניט מיט בייזן. וואס דערגרייכט ער דען מיט דעם? ס'איז קלאר: זיי זיינען דא אלע עפעס ווי משוגע אויף אט דעם איינעם פונקט, —

עפּעס האָט אַמעריקע חוטא־בעגל געווען קעגן זיי... אַזאַ ווילדער אומזין — און וואָס וועלן זיי ד אָ טאָן? און ווי קען ער זיי דאָ אַזוי איבערלאָזן? ווער ווייסט מיט וואָס דאָס אַלץ קען זיך נאָך קאָנטשען — וואָס זיי קען נאָך ערשט אויסקומען צו ליידן... דאָס גאַנצע היגע לעבן איז דאָ עפּעס אַזוי... אַזוי שלא כדרך הטבע! און דער גוטער מענטש, דער געטרייער משפּחה־מאַן, קראַצט זיך אַ ווײַלע אין פּאַטילניצע, קראַצט זיך מיט דער גרעס־טער הילפלאָזיקייט.

— שאַ, — לויכט ער באַלד אויף. — אָל־רייט, איז ניט אַמע־ריקע... וויבאַלד אַז אַמעריקע האָט אייך אַלעמען דאָ, ווייזט אויס, אַזוי שטאַרק אָנגעטראָטן אויפן עק, האָט קיין פּאַראיבל ניט... אָבער וואָס זאָגסטו עפּעס, מיין ווייבעלע, מכוח פּאַריז? איך קען מיך אַזוי איינאָרדענען, יו נאָו, אַז מיר זאָלן אַלע דריי קענען לעבן אפילו אין פּאַריז! כ׳מיין, קעגן פּאַריז האָסטו דאָך זיכער גאָרניט — דאָס איז דאָך אַזאַ זאָרגלאָזע, אַזאַ לוסטיקע שטאָט — אַלע מענטשן פילן זיך דאָרטן אַזוי גליקלעך... הײַנט די ווײַנען וואָס מען טרינקט דאָרט, דאָס עסן, דאָס אַלץ...

— כאַ־כאַ־כאַ... — קען זיך שוין סטערע מער ניט איינ־האַלטן און לאַכט זיך פונאַנדער מיט אַ נערוועז געלעכטער. — אין פּאַריז זאָל איך מיט אים פאָרן! אַן איינפאַל פון אַ מענטשן... זע, זינט ווען ביסטו עס געוואָרן אַזאַ... אַזאַ פראַנצויז? כ׳פאַר־שטיי נאָך, ווען קאַרפּל וואָלט זיך דאָרט געוואָלט באַזעצן... אָבער דו... אָבער איך...

בונעם באַמערקט ניט דעם ציטער פון עקל, וואָס צוקט אין אָט דער מינוט דורך איר געזיכט. און אוודאי האָט ער שוין ניט באַמערקט וואָס עס האָט זיך איצט געטאָן ביי איר אין מוח — דעם טונקעלעם געדאַנק, וואָס האָט דאָרט שוואַרץ דורכגעבליצט אין איר קאָפּ.

— איז עס טאַקע מעגלעך, אַז איר מאַן איז דאָרטן, אין דער ווייטער מדינה, רייך געוואָרן פון אַזעלכע געשעפטן ווי קאַרפּלס... די אַ מ אָ ל י ק ע קאַרפּלס געשעפטן?...

ניין. דער צעטומלטער און פאַרלוירענער בונעם האָט דאָס אַלץ ניט אָנגעהויבן אפילו צו באַמערקן. ער דערפילט זיך ווידער דערנידעריקט, צוריקגעשטויסן, געפאַלן... אַזאַ פּאַטש אין פּנים!

עס הויבט אים אָן אַזש צו וואַרפן אין אַ קדחת; די גנעפּאַלנקייט גייט ביסלעכווייז אַריבער אין צאָרן, אין צו־להכעיסדיקן פּאַרדרוס.

— וועל, דו קענסט זיך טאָן געזונטערהייט וואָס דו ווילסט...

— זיין היפּשע דיקע נאָז רויכערט אַזש פון זיך מיט כעס־פּלעמלעך.

— אָבער נעווער אין מיין לייף1) וועל איך לאָזן אַז מיין קינד זאָל דאָ אַזוי פּראָפּאַדאַיען... נאָ סער, מעם! טאַמאַרע איז ניט קיין יתומה! נישקשה, בונעם קען נאָך באַווייזן צו מאַכן זי גליקלעך... און אין אַמעריקע ו ו ע ט זי זיין ביי מיר מער גליקלעך... זי וועט פאָרן, זי וועט פאָרן — זי איז ניט קיין עקשן, ווי וויג־דער...

— נו גוט... אויב דו דענקסט אַז דו קענסט ביי איר פּויעלן...

— קוקט אוים ווי סטערע וואָלט זיך דערשראָקן פאַר איר מאַנס אימפּעטיקן אָנפאַל אויף איר. אינדערעמתן איז עס אָבער מער ניט ווי איר אינעווייניקסטע זיכערקייט — ווידער איז זי שוין רואיק; איר גרויסער שווייגנדיקער גוף טורעמט זיך אָן באַוועגונג בונעמען אַנטקעגן, אויף דער קושעטקע.

— אדרבא... דו האָסט אפילו מיין ערן־וואָרט: איך וועל איר זיכער ניט אָפּריידן דערפון, ניט שטעלן זיך איר אין וועג...

בונעם לויכט אויף אינגאַנצן; עס גלאַנצן אויף זיינע גרויסע פערדישע ציין. כהרף־עין פאַרגעסט ער זיין קריוודע. ער כאַפּט אָן סטערען ווארים ביי דער האַנט, ער טוליעט זי, ער וויקלט אַרום סטערעס האַנט אין זיין גרויסער האָריקער לאַפּע, ווי אַ קליין וואַרים פויגעלע. ס׳דוכט זיך: זיין גאַנץ לעבן און זיין גאַנץ גליק ליגן איצט אין אָט דער מאַנסבילשער לאַפּע זיינער... סטערען גייט אַ מינוט דורך אַ דראָזש דורכן גאַנצן רוקנביין. אמת, די דאָזיקע האַנט האָט שוין ניט מער די גריבעלעך און קאַנאַלעכלעך שמוץ וואָס אַמאָל; אמת, די דאָזיקע פינגער זיינע זיינען איצט שוין באַקרוינט מיט ציכטיקע בלוי־רויזלעכע נעגל... אָבער ס׳איז נאָך פונדעסטוועגן אַלץ אַ געזונטע האַנט, אַ מעכטיקע האַנט, פול מיט מאַנסבילשער קראַפט.

— הייסט עס... — פאַרקוקט ער איר אין די אויגן. — הייסט עס דאָך, אַז דעמאָלט וועסטו אויך פאָרן מיט מיר... מיט אונז?

— נו, דאָס איז שוין אַ שפּעטערדיקע זאַך. — סטערע לאָזט אַראָפּ די בליקן, און ס'איז ניט קלאָר: טוט זי עס מחמת זי שעמט זיך פאַר איר מינוטיקער שוואַכקייט, אָדער איר טוט גאָר ווי די האַרץ הלמאי איר מאַן טרייסט זיך מיט אַזעלכע פאַלשע האָפענונגען.
— לאָמיר צוערשט זען צי דו וועסט עס קענען פועלן ביי די קינדער... ביי טאַמאַרען כאָטש.

ב.

אַך, וואָס איז עס געוואָרן מיט בונעמען... ער הויבט אָן אַרומגיין איבער די גאַסן פון דער שטאָט אַזאַ געענדערטער, אינגאַנצן אַ געענדערטער!

וואוהין איז עס אַהינגעקומען זיין נחתדיקער גאַנג, זיין מיושב־דיקער טראָט פון די ערשטע טעג? וואוהין איז עס פאַרשוואונדן געוואָרן זיין גליקלעכער מיט־זיך־צופרידענער שמייכל, — דאָס רו־איקע שמייכעלע פון אַ ווייטן גאַסט וועלכעס פלעגט געוויינטלעך ניט פאַרלאָזן בונעמס רונד זאַט פּנים ווען נאָר ער פלעגט פירן שמועסן מיט די שטאָט־מענטשן, מיט זיינע אַמאָליקע לאַנדסלייט? דאָס שמייכעלע זיינס וועלכעס פלעגט תמיד, אָן ווערטער אפילו, קלאָר און הילכיק פאַר זיך ריידן:

— פּראָים, דזשיקע ברואים וואָס איר זענט... ווער וועט זיך עס גיין מיט אייך אויסטענהן... אָט בין איך דאָ, און אָט — פיואיט!

ניין, ניטאָ מער אָט יענס שמייכעלע. פאַרשוואונדן דאָס רונדע גוטמוטיקע פּנים זיינס — בייז איז עס געוואָרן, אָנגעכמורעט, תמיד פאַרדראָסיק. דער טראָט — אָן אומזיכערער, אָן אייליקער, ווי ער וואָלט וועלן אַנטלויפן פון עפּעס אַ שונא, אָדער נאָך אַזוינעם זיך געיאָגט... די געלאַסנקייט פון זיין קול איז פאַרביטן געוואָרן מיט אַ שטענדיקער גערייצטקייט, מיט אַ טראָציקייט. ער קוקט שטאַרק פאַרדעכטיק אויף זיינע לאַנדסלייט אויב זיי שטעלן אים אָפּ אינמיטן גאַס מיט עפּעס אַ פראַגע. ער איז געוואָרן שרעקלעך קריגעריש געשטימט...

גאָרניט, אַבסאָלוט גאָרניט געפעלט אים איצט דאָ, גאָרניט שטעלט אים צופרידן. הם, פערציק קאָפּיקעס אַ גלאָז קאַקאַאָ! —

פערציק קאָפּיקעס — דאָס איז דאָך אַ סקאַנדאַל! דאָס איז דאָך פּשוט הראַבעזש! אין אַמעריקע קאָסט עס פינף סענט — פינף קאָפּיקעס, הייסט עס! און וואָס פאַר אַ קאַקאַאָ דערלאַנגט מען עס דאָ — קאַלעמוטנע זיסע וואַסער, פּשוטע פּ—ץ, עקסקיוז מי!

ער לויפט אַרויס פון האָטעל אין אויפגערעגטער, אַ צעפלאָמטער, אַ צעטראָגענער — דאָס גלאָז קאַקאַאָ האָט ער אַ שמיץ געגעבן פון זיך אַ ניט־דערטרונקענעם! דער פיינער פּילצענער קאַפּעליוש איז אים פאַררוקט טיף אויף דער פּאָטילניצע. אין דרויסן שטייט היינט אַ הייסער טאָג — אַן אומגעוויינטלעך־הייסער טאָג פאַרן חודש אלול. בונעם איז אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק; יעדן טאָג פּוצט ער זיך לעצטנס אויס אַזוי שטאַרק, פּונקט ווי ער וואָלט נאָך געוועזן אַ פרישער גאַסט, ערשט אַ טאָג־צוויי אין שטאָט. אָ, זאָלן זיי ניט מיינען, אַז ער איז אַהער געקומען צו פאַרבלייבן!...

אָבער קיינער מיינט עס גאָרניט... ווער וואָלט עס דען איינגעפאַלן אַזאַ משוגעת? אַז בונעם גייט פאַרביי אויף דער קיעווער־גאַס — די קאַמינטערן־גאַס הייסט זי שוין איצט ביי זיי — דאָס קליינע מעל־קרעמל איטשע־פּאַיע רחלס, שטעלט ער זיך אויף אַ מינוט אָפּ. אַ ווײַלע ספּקט ער זיך, שלאָגט זיך מיט דער דעה, ווי ער וואָלט זיך געפּרוואווט דערמאָנען צו אין דער היים איז אים ניט אויסגעגאַנגען שוין דאָס גאַנצע מעל — צי ער באַדאַרף איצט ניט איינקויפן אַביסל... פּאַסט זיך פאַר אים אַהער אַריינצוגיין? ס'פּאַסט טאַקע ניט, אָבער ס'ווילט זיך פאַרט אַזוי שטאַרק...

בונעמס גייסטיקע מאַטערנישן זיינען אָבער דאָס מאָל איבעריק. פאַר דער אַלטער געקאָוועטער און געוועלבטער טיר מיט די ריזיקע געשמידטע אייזן־קנעפּ באַווייזט זיך באַלד דאָס איינגעהויקערטע פיגורל פונם אַלטיטשקן ר' איטשע. אין די טונקעלע טיפענישן פון זיין געוועלב־לאָך האָט ער דערפילט: פאַר זיין טיר האָט זיך אָנגערוקט עפּעס אַ שאָטן, האָט פאַרשטעלט כמעט אינגאַנצן ניט נאָר דעם חלל פון דער טיר, נאָר אויך דעם חלל פונם דערבייאיקן משונהדיקן פענצטער — אַ פענצטער ווי אַן איבערגעקערטער: אין דער ברייט, ניט אינדערהויך — אַ פענצטער וואָס לאָזט זיך אַרונטער סאַמע ביז דער ערד.

אַז ער דערזעט בונעמס הויכע געשטאַלט, רופט ער זיך אָפּ מיט אַ נחתדיקן שמייכעלע:

— אָ, זע... ס'אַ גרויסער גאַסט... זעץ זיך אַביסל...
— ווייזט ער בונעמען אָן אויף אַ נידעריקער קיילעכדיקער טאַבורעטקע אויף דריי פיסלעך, מיט אַ טיפער אויסהיילונג אינמיטן פון דורותדיקן זיצן אויף איר. — כ'וואָלט דיך אַריינגעבעטן אינעווייניק אין שטוב, ליגט זי אָבער צונעשמידט צום בעט... מיינע מיין איך... ווייסט דאָך שוין...
— ניין, אַ דאַנק... —מאַכט בונעם אוועק דעם כבוד מיט ביידע הענט. — ווער האָט עס צייט... איך איל מיך דאָ ערגעץ אויף אַן אָרט, פאַ דיעלאָם... יעדע מינוט איז ביי מיר טייער!
דער אַלטינקער האָט אודאי קיין העזה ניט אים בעטן נאָכאמאָל... ס'איז שוין אַזוי אויך געווען געוואַגט דאָס ערשטע מאָל. שטייט ער מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ אונטער זיין פאַרשמאָלצענער היטל מיטן געוועגטענעם דאַשעק. ער ווייסט ניט וואָס ווייטער צו זאָגן. בונעם גייט אָבער ניט אוועק, כאָטש ער איילט זיך עס ערגעץ אַזוי שטאַרק.
שטייען ביידע אַזוי שווייגנדיק... בונעם קראַצט זיך דעם מוח — ער זוכט אַ פּאַסיקן אָנהויב פאַרן שמועס, ביז ער פּלאַצט ענדלעך אַרויס מיט אַ ניט־נאַטירלעכער לוסטיקייט.
— נו, ר' איטשע... איז הייסט... איז ווי־זשע געפעלט אייך עפּעס די נייע וואָלאַסט?
דער אַלטער רוקט אַביסל פאַנאַנדער זיינע צונויפגעזשמורעטע פּאַרמעליקטע וויעס. ער קוקט אָן דעם פרעגער פאַרדעכטיק. ס'איז טאַקע בונעם, אַן אייגענער מענטש, פונדעסטוועגן... וואָס עפּעס אינמיטן דערינען?
— וואָס הייסט, ווי געפעלט מיר די נייע וואָלאַסט... — קווענקלט ער זיך מיט אַ נעבעכדיקן שמייכעלע. — ווען גייט עס אָן וואָס מיר געפעלט...
— כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי... — איז בונעם מסכים מיטן אַלטנס אייגענער גרינגשעצונג. — אָבער איך מיין... וועלכע וואָלאַסט וואָלט איר געוואָלט ליבערשט, — די באָלשעוויסטישע, צי אַן אַנדערע... ו ו ע ל ן מאַכט דאָך ניט אוים!
דאָס מאָל לאָזט שוין ר' איטשע אַרונטער זיינע וויעס צו דער ערד ווי ער וואָלט אָנגעהויבן טראַכטן טיפע מחשבות. ער ענטפערט ערשט נאָך אַ לענגערער פּויזע.

— ד י וואָלסט, י ע נ ע וואָלסט — אַ חילוק־נו... — הויבט ער אָן צעקעמן מיט דאַרע טרוקענע פינגער זיין מעליקע באָרד. — אַבי מען זאָל נאָר לאָזן אָפּכאַפּן דעם אָטעם... אַבי נאָר דאָס ביסעלע פּרנסה...

— אָט־אָט... — ווערט שוין בונעם אומגעדולדיק. — ה אָ ט איר כאָטש איצט דאָס ביסעלע פּרנסה? הער, אָט דאָס מיין איך דאָך טאַקע... — ער וואַרט אָבער ניט אויף קיין ענטפער; ער גיט אין פאַראַכטונג אַ שמאַרע מיט זיין היפּשער פּליישיקער נאָז. — קיין סך גליקלעכער זענט איר, דוכט זיך, ניט געוואָרן פונם סאָציאַליזם אייערן...

— גליקלעכער? — פּרוּווט דער אַלטער אומזיסט אַרויס־ברענגען נאָך אַ פּאָר קנייטשן אויף זיין שוין אַזוי אויך אינגאַנצן צעאַקערטן פּנים. — ווער איז עס מחויב צו ווערן גליקלעכער נאָך? — זיינע אויסגעלאָשענע טרערנדיקע אויגן הויבן אָן אַרומ־לויפן איבער בונעמען. — נאַרעלע, וואָס ביסטו עס אַזוי ברוגז אויפן סאָציאַליזם? פון מיינעטוועגן מעג זיין סאָציאַליזם אויך, אַבי מען לאָזט מיך איצט ווידער שטיין ביי מיין קלייטל און פאַר־דינען מיין שטיקל ברויט.

זע, ער אויך, דער אַלטער תּרח! אים איז שוין דאָ אויך גוט! אַ וואָרים אין כריין — דענקט אַז ס'איז שוין גאָר קיין זיסערס אויף דער וועלט ניטאָ!

— פונדעסטוועגן וואָלט איר אודאי אַ בעלן געווען פאָרן קיין אַמעריקע, ניין־ניין. — באַווייזט זיך בונעמען אויפן געזיכט אַ שלעכט שמייכעלע. — אַ, ביסט פאַרנאַרישט, אַלטער! — הויבט ער אָן ריידן צו ר' איטשען אין אַ גאָר אינטימען טאָן. — ביסט אינגאַנצן פאַרנאַרישט! ווען דו וואָלסט געזען ווי עס לעבן מענטשן ביי אונז אין אַמעריקע! מען באָדט זיך דאָך ביי אונז אין גאָלד! נעם, אַשטייגער, דיין אייגענעם זון, פּיניעלן — ער לעבט דאָך אין אַמעריקע ווי אַ גראַף! דאָ האָט מען דען אַ השגה פון אַזאַ לעבן? דו וואָלסט געדאַרפט זען, אַשטייגער, דעם מירמל־שטיינערנעם פּאַ־לאַץ וואָס דיין פּיניעלע פאַרמאָגט ביים ברעג ים! מיט די גערט־נער, מיט די פּאַלמעס, מיט די גאָלדענע פיש אין סאַזשעלקעס, מיט אַלץ...

און בונעם הויבט אָן צו דערציילן מיט די קלענסטע איינצל־הייטן וועגן דער גוואַלדיקער עשירות פונם אַמעריקאַנעם מאַנופעק־טשורער, דעם מיליאָנער פרעד אָ׳האַראַ, דעם זון איטשע־פּאַיע־רחלס... ער דערציילט אַלץ מיט די קלענסטע איינצלהייטן — ניט אַנדערש, ווי ער איז דאָרטן ביי אים אין פּאַלאַץ געווען אַן אָפּטער אַריינגייער, אַ גאַנצער בן־בית. דערציילנדיק, הויבט זיך בונעמס שטים אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. זיין באַגייסטערונג הויבט זיך מיט יעדער מינוט אַלץ העכער און העכער; אַפילו ער אַליין, דוכט זיך, וואַקסט אויס אָן־אַ־שיר העכער, מחמת אָט די אַלע וואונדערלעכע זאַכן... כע־כע, אָט די פּראַים — זיי שפּילן זיך עפּעס מיט אַמעריקע?

און דער אַלטינקער איטשע שטייט פאַר דער שוועל פון זיין קלייטל — ווייס און גרוי און מעליק — פּלאַטשיקער און שוואַרצער נאָך אַפילו פון בונעמס שאָטן, וואָס פאַלט איצט אויפן טראָטואַר, פון דער בייטאָגיקער זון. ער הערט זיך צו מיט אַ געוויסער ניי־געריקייט צו די דאָזיקע דערציילונגען. דאָס זיינען באמת וואונ־דער־געשיכטעס — ממש ווי מעשהלעך פון תרגום־שני וועגן קיניג אחשורושן, וואָס ער פלעגט אַמאָל לייענען אינם טייטש־חומש אין אַן ערב־פּורים... אָבער די דאָזיקע מעשות שיינען צו האָבן מיט אים אַליין, מיט ר׳ איטשען, די קנאַפּסטע שייכות, פּונקט טאַקע ווי יענע מעשות פון תרגום־שני.

אַז בונעם שטעלט אויף אַ ווײַלע אָפּ דעם פאַרביקן שטראָם פון זיינע וואונדערלעכע דערציילונגען, קוקט דער אַלטער ערגעץ אָן־אַ־זייט, אויף דער גלאַנציקער אויסגעריבענער פאַדקאָווע וואָס אויף דער שוועל.

—נו. — רופט ער זיך אָפּ דערנאָך גאַנץ שטיל. — אויב אַזוי... אויב אַזוי... איז פאַרוואָס שיקט ער מיר קיינמאָל גאָר־ניט? מילא, וואָס ער נעמט מיך ניט אַריבער צו זיך, פאַרשטייט מען: אַזאַ גרויסן מענטשן פּאַסט אודאי ניט צו האָבן ביי זיך אין פּאַלאַץ אַן אָרימען טאַטן. אָבער פאַרוואָס האָט ער מיר קיינ־מאָל ניט געענטפערט אויף קיין בריוו אַפילו, האַ?

בונעם פאַלט מיטאַמאָל אַראָפּ פון די העכסטע הויכן אין טיפן טאָל אַרונטער.

— אך, וואָס רעדט איר... — וואַרפט ער אַ בליק פול מיט מוסר אויף אָט דעם פאַרשוועכער פון זיין געהויבענער באַגייסטע־רונג. — און איר מיינט אודאי, אַז ס'איז פון שלעכטסקייט? חלילה. ס'איז ניט פון שלעכטסקייט... איר פאַרשטייט דאָך אָבער אַליין: אַזאַ מענטש האָט אויפן קאָפּ מיליאָנען פאַרשיידענע גע־שעפטן — אודאי מער פון אַ מיניסטער! און וואו קען ער עס נעמען צייט אויף אַלץ...

ר' איטשע שמייכלט טרויעריק מיט זיינע פאַרטערטע אויגן: גו יאָ, ס'קען גרייַלעך זיין... בונעם איז שוין גרייט אַוועקצוגיין. ער גיט דעם אַלטינקן אַ פּאָר לייכטע טרייסטנדיקע פּעטשעלעך אי־בער דער פּלייצע.

— נאָר ניט געזאָרגט, ר' איטשע... איר וועט זען מיינע רייד! אַזאַ מענטש ווי אייער זון, מאַכט אָפּט אַ טריפּ2) קיין יוראָפּ — איר וועט זען: ער וועט נאָך קומען אַליין אהער צופאָרן און אַריבערנעמען אייך צו אונז, און וועט אייך באַזעצן אין זיין פּאַ־לאַץ! טאַקע ביי אונז אין אַמעריקע... געדענקט מיינע רייד!

ג.

פונדעסטוועגן פאַרט בונעם אַליין אַלץ ניט אַוועק פון דאַנען.

ס'פאַרגייט אַזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג, זיי סילעווען צונויף אומבאַמערקטערהייט וואָך נאָך וואָך. בונעם בלייבט נאָך אַלץ דאָ, — ווי ער וואָלט נאָך געהאַט געוויסע האָפענונגען, עפּעס געהיימע האָפענונגען...

אין איינעם אַ טאָג זעט מען ווי ער לאָזט זיך גיין אַרויף באַרג צו פּיקעס הויז. דאָס מאָל אָבער הויבט ער זיך אויף אהין, אויפן לײמיקן ספּאַסקע־באַרג, ניט חלילה ווייל ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך אָט יענע צאַרטע פּאַטעטישע איבערלעבונגען — געמישט מיט אַ נצחון־געפיל, מיט אַ געפיל פון איינעם וואָס האָט סוף־כל־סוף געזיגט — וועלכע בונעם האָט איבערגעלעבט יענעם שיינעם זומער־דיקן פאַרנאַכט מיט אַ חודש־צוויי צוריק בעת ער איז געגאַנגען זיך צום ערשטן מאָל טרעפן מיטן זון... און זיכער גייט ער עס איצט ניט אהין צוליב אַ בייזער זעאונג מיט ווידערן — זינט דעמאָלט איז ווידער נאָך קיין איינציק מאָל ניט געווען אין שטאָט.

ער האָט מיטן טאַטן זיינעם, ווייזט אויס, זיך מער ניט געזוכט צו דערנענטערן; און בונעם, פון זיין זייט, האָט צו אים ביסלעכווייז אָנגעהויבן פילן אַ פּאַרדרוס־געפיל, וועלכער איז איבערגעגאַנגען אין עקשנות:

— נו, ווילסט ניט — איז ניט... זע נאָר אַ שנעק! פּראַ־ ווער ברוגזן...

אמת, פאַר אָט דער צייט האָט אים ווינדער אפילו אַ פּאָר מאָל געהאַט צוגעשיקט גרוסן פון פאַרשיידענע פּונקטן אינם אַרומיקן קרייז, איבער וועלכע אים איז אויסגעקומען לעצטנס אַרומפאָרן. אָבער די דאָזיקע גרוסן האָט בונעם מיט די אייגענע אויגן ניט געזען, דאָס האָט אים סטערע וועגן דעם אַלץ איבערגעגעבן... די גרוסן האָבן זיך, הייסט עס, געפונען אינם זונס בריוו צו איר.

אויך איז דאָך איצט ניט געווען פאַרנאַכט, ווי יענס מאָל מיט אַ חודש־צוויי צוריק; איצט איז נאָר אַ ליכטיקער פריער פאַר־ מיטאָג, אפשר אַזייגער צען בלויז. אַ טאָג איז אַ וואונדערלעכער, מיט אַ זון וואָס ברענט ניט, נאָר לאַשטשעט — פון די לעצטע גע־ שענקטע זומער־טעג. אין די גערטנער ביי די זייטן געסל האָבן איצט, אויפן פינפטן יאָר פון דער גרויסער סאָוועטישער רעוואָ־ לוציע, פלוימען־בוימער זיך פּונקט אַזוי געבויגן אונטער דער שווע־ רער משא פון סוף־זומערדיקער שפע, ווי אין אַלע אַנדערע זומערס פאַר די לעצטע הונדערטער יאָרן... און פּונקט, ווי פאַר די אַלע לעצטע הונדערטער יאָרן, האָבן אויך איצט — אויפן פינפטן יאָר פון דער נייער ערע, ווען מיליאָנען מענטשן האָבן זיך אויף אַ זעקסטל פון דער ערד פאַרמאָסטן איבערצואַנדערשן די וועלט — אויך איצט האָבן אינגלעך און מיידלעך, קינדער נאָך, ביי די זייטן וועג געשטופּט דורך פאַנאַנדערגעקוועטשטע ברעטער פון שוואַ־ כע פּלויטן הונגעריקע הענט, תאוהדיק געשטופּט אין דער קילער לאָקנדיקער טיף פון די סעדער אריין... זיי האָבן געפּרואווט אויפקלייבן פון דער גאָרטן־ערד כאַטש אַרונטערגעפאַלענע איבער־ צייטיקע פלוימען, — לעכצנדיק־צעעפנטע פלוימען, זיך איבערגיסנ־ דיקע שוין מיט גאָלדענעם זאַפט פון די שפּאַלטן...

און בונעם איז אויך געגאַנגען איצט אַרויף באַרג ניט אַליין. אים ביי דער זייט — דער הויכער און דאַרער בערקוזשע. אויף זיין פּנים — אַ גליקלעכער צעטראָגענער שמייכל: דאָס גייט ער

מיט בונעמען אין איספּאַלקאָם אריין, העלפן יענעם באַנייען זיין וויזע. און בערקאָזשעם קאָפּ דרייט זיך איצט ווי אַ מיל; מאַלט זיך נאָכאַנאַנד:

— דער דעלעגאַט פאַרבלייבט דאָ לענגער — טשיקאַווע צו וויסן: צוליב וואָס, אַשטייגער? צוליב וואָס, האַ?

נאָר אומזיסט קעמט בערקאָזשע זיין מוח, מאַטערט זיך אויס־צוגעפינען די סיבה פון בונעמס נאָכאַנאַנדיקן אָפּלייגן זיין צוריק־פאָרן קיין אַמעריקע, כאָטש ס'איז דאָך קלאָר: עפּעס איז דאָ ניט גלאַט...

בונעם נעמט אים מיט — מען וועט דאָך געוויס דאַרפן אָנשרייבן אַ „פּראָשעניע" און רוסיש האָט ער דאָך קיינמאָל ניט געקענט שרייבן. בערקאָזשע האָט זיך, אַגב, אַליין אָנגעבאָטן אים צו העלפן: וואָרים וויבאַלד אַז ס'איז ניט „גלאַט", איז שוין פאַר בערקאָזשען געווען זיין הארץ, און ער אינגאַנצן, זאָלן אָנהויבן אַרומפלאַטערן אַרום דעם אַמעריקאַנער מיט ווילדער אויפגערעגטער דערוואַרטונג... אָבער אין אַ ווײַלע שפּעטער, ווען זיי שטייען שוין ביידע ביים נידעריקן קאַנצעלאַריע־טיש, אַן איבערגעצויגענעם מיט אַ בלויען געוואַנט, אַן אָנגעוואָרפענעם מיט פּאַפּירן, דאָקומענטן, זיגלען — ווענדט זיך צו בונעמען די טיש־אויפזעערין מיט אַ פראַ־גע. ס'איז איינע פון יענע אומצייטיקע מיידלעך מיט קורץ־געשוי־רענע האָר און מיט אַ פּאַפּיראָסל וואָוילעריש אַריינגעשטעקט אין מויל; — און טאַקע ניט אינמיטן, נאָר אין אַ ווינקל־מויל, מאַנס־ביליש! — וואָס האָבן שוין דאָ בונעמען געווען אָנגעמאַזאָליעט אין די אויגן. זי פרעגט אָבער בונעמען זייער העפלעך: וואָס־זשע וויל דאָ דער צווייטער בירגער ביי זיין זייט? בונעם דערקלערט איר.

— נו, צוליב דעם... — שמייכלט זיך דאָס מיידל גוטמוטיק פאַנאַנדער. — צוליב דעם איז ניט נויטיק: איר קענט אָנשרייבן אייער פּראָשעניע אין אידיש.

הערסט, אין אידיש גאָר? בונעם קוקט אויף איר אַביסל פאַר־דעכטיק. חוזקט זי אָפּטמאָל ניט פון אים? נאָר ווייל דאָס מיידל באַשטייט אויף אירס, הויבט ער סוף־כל־סוף אָן צו באַמאָלן מיט קאָטשערעס און לאָפּעטעס אַ שטיק מעלדונגס־פּאַפּיר, וואָס דאָס זעלביקע מיידל האָט אים אונטערגערוקט. בשעת־מעשה וואַרפט ער זייטיקע פרעגנדיקע בליקן אויף זיין טשיטשעראָנע — לוינט

זיך אָנצוגיין מיטן שרייבן? איז עס ניט אָפטמאָל אַן אַרויסגע־וואָרפענע מי? נארט מען אים דאָ ניט אָפטמאָל עפּעס אין אַ זאַק אריין? בערקוזשע ענטפערט אים אָפּ צוריק אויפן וואונק. ער קוועטשט אומבאַהאָלפן מיט די אַקסלען:

— כ׳מיין, וואָס קען דאָ זיין? כ׳וויס, זאָל ער שרייבן אויף אידיש... קיין געלט קאָסט עס דאָך ניט...

און מען קען ניט זאָגן: אַ ווײַלע כוואַליעט טאַקע אין בונעמען אויף אַ געפיל פון זעלבסטווירדע — איז ער דאָך, הייסט עס, אויך אַ מענטש מיט אַלעמען גלייך... זע, און ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז ער קען אַליין אָנשרייבן אַ פּראָשעניע! פונדעסט־וועגן, אַז זיי גייען ביידע שפּעטער אַרויס אין דרויסן און בערקוזשע, פון גרויס איבערראַשונג, נעמט זיך אָן מיט אַזויפיל מוט אַז ער גיט אַזש בונעמען אַ זעץ אין פּלייצע אריין, —

— נו, בונעם, זיך דערלעבט, האַ? אין אַמעריקע וואָלט אַזוינס זיכער ניט מעגלעך געווען... שוין איינמאָל אַ וואָלאָסט, האַ? —

גיט אים דעמאָלט בונעם אַ שטופּ אָפּ פון זיך:

— כ׳מע... איז וואָס־זשע מיינסטו... אַזאַ וואָלאָסט — אַזעלכע פּאַראַנדקעס...

איז בערקוזשע כאַפּט זיך באַלד אַז מען דאַרף בעסער איינ־האַלטן די באַגייסטערונג... בונעם קנייטשט ביטולדיק מיט די אַקסלען.

— אָט דאָס הייסט ביי זיי אַ פּראָשעניע? אַ פּאָר ווערטער אויף אידיש — שוין? נאַרעלע, איך גיב דיר ניט קיין פּיאַטאַק פאַר דעם אַלעמען... ס׳איז אַ פּורים־שפּיל, און דאַצאָל3)...

ער געזעגנט זיך מיט בערקוזשען. ער לאָזט זיך גיין אַליין אַרונטערן באַרג, צום מאַרק־צו, — וואוהין דען האָט ער איצט צו גיין? וואָס אַנדערש האָט ער דאָ איצט צו טאָן? ער לאָזט זיך גיין מיט אַן אומצופרידענער מינע אויפן געזיכט. אַ, ער האָט נאָך ניט אַרויסגעבראַכט פאַר בערקוזשען אפילו אַ צענט־חלק פון דעם וואָס עס טוט זיך איצט ביי אים אויפן האַרצן...

ניין, באַשטימט: גאַרניט געפעלט אים לעצטנס דאָ; אויף אַלץ קרימט ער מיט דער נאָז... ער, דער אַמבאַסאַדאָר פונם גאָל־דענעם לאַנד, פונם באַנאַנע־לאַנד.

פערטער קאַפּיטל

ווידער אויפן מאַרק

א.

דער טומלדיקער מאַרק־יאַריד פון פרימאָרגן איז שוין לאַנג פאַראיבער. אָבער ניט אַלץ האָט שוין פאַרלאָזן דעם מאַרק. און ניט אַלע זיינען שוין אוועק אַהיים.

ס'איז נאָך אַלץ פאַר װאַרימעס. די זון וואַרימט. דאָ און דאָרט, אויף אויסגעשפּרייטע אינזעלעך שטרוי אינמיטן דער אַרומיקער בלאָטע און פערד־מיסט, זיצן נאָך עלטערע פאַרבליבענע פויערטעס אין פאַרביקע קאָפּ־טיכלעך. זיצן פאַר זייערע קערב מיט געלבלעכן קעז, מיט גרייפּלדיקן פריש־אויסגעשלאָגענעם פּוטער, מיט אייער פאַרשטעקטע אין ברוינער פּאָלעווע, מיט קערבלעך אָנגעפּילטע מיט לעכלדיקן שטשאַוו, אַרבעס־שויטן, זיסע „סטרוטשעס״ ... אָבער אָט די פאַרבליבענע פויערטעס קוקן דאָ אוים איינזאַם און פאַרלוירן. דער גרויסער פרימאָרגנדיגער מאַרק־געפּילדער פון אָנגעפאָרענע פויערישע וועגענער פון די אַרומיקע דערפלעך און כוטאָרעס איז שוין פאַרשוואונדן; דעם מאַרק באַהערשן איצט אינגאַנצן שטאָטישע הענדלער, די אידישע הענדלער — צוזאַמען מיט די פאַרקויפער פון אַלטוואַרג און אַלטע מלבושים.

אינם אידישן טייל פון מאַרק איז איצט לעבעדיק. קעפּ וואַרפן זיך, הענט צאַפּלען זיך ... ניין, דאָס צאַפּלט ניט אַזוי דער האַנדל: דער עיקר־מסחר איז שוין אויך דאָ פאַראיבער. די אָנגעפאָרענע פויערים האָבן שוין דאָך איינגעקויפט פאַרן פריש־אָפּגעלייזטן געלט די מציאות ביי די קירזשנער און שוסטער, ביי די טאַנדעט־שניי־

דערם און צעלניק־פאַרקויפערס... נאָר וואָס־זשע קאָכט עס דאָ אַזוי? מיט אַ ווײַלע צוריק האָט דאָ פּאַסירט עפּעס אַ לוסטיקע זאַך:

גאָר אומגעריכט האָט זיך פון ערגעץ פּלוצלונג באַוויזן דער פינאַינספּעקטאָר מיט זײַן דיקן בײַיכיקן פּאָרטפּעל, און זיך געלאָזט לויפן צו איינעם אַן אַלטוואַרג־הענדלער, אַן עלטערן אידן: יענער פלעגט קיינמאָל ניט קויפן קיין האַנדלס־בילעט, אָדער כאָטש אַ טאָג־צעטל.

דער אַלטער איד האָט זיך געלאָזט לויפן איבערן מאַרק; דער פינאַינספּעקטאָר — נאָך אים. ס'איז געווען אַלעמען קלאָר: דער יונגער פלינקער מלוכה־מענטש וועט זיכער באַלד אָניאָגן דעם אַלטן מאַן. כאָטש דער לעצטער איז געלאָפן אַן אָטעם, דעם פּאַק צוגעדריקט צו דער ברוסט, ווי אַן איינציק קינד; די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע ווייענדיק אין ווינט, ווי פליגלען פון אַן איבערגעשראָקן עוף. אַ קלייניקייט — ס'האָט געשמעקט מיט קאָנפיסקאַציע פון דעם גאַנצן אוצר זײַנעם, פון זײַן גאַנצן פּאַק אַלטער סחורה. מיט־אַמאָל — באַץ: דער אייפערדיקער באַאַמטער ציט זיך אויס אויף דער ערד מיט זײַן גאַנצער לענג. דער פּאָרטפּעל צעעפנט זיך, די פּאַפּירן צעשיטן זיך... אימיצער האָט אים אודאי אונטערגע־שטעלט אַ פיסל.

דער אַלטער איד, צודריקנדיק זײַן פּאַק צו דער ברוסט ווי אַ מאַמע אַן איינציק קראַנק קינד, האָט זיך בינו־לבינו באַוויזן אָפּצו־טראָגן: דער פינאַינספּעקטאָר, אַ פאַרשעמטער, האָט באַלד אויך געטאָן דאָס זעלביקע. אָבער צווישן מאַרק־עולם האָט זיך נאָך אַלץ געשוימט, געקאָכט, געבלעזלט.

— הערסט, — פאַרדריסט נאָך אימיצן אויפן פלינקן אינספּעק־טאָר, כאָטש יענער האָט דאָ נעבעך געליטן אַ מפּלה. — און ס'איז נאָך דערצו אַליין אויך אַ איד, דער פּאַסקודניאַק...

— אַז איך פרעג בײַ זיי תמיד איינס... — קלאָגט זיך פון ערגעץ אַ פאַרביטערטע שטים. — וואָס שפּילט איר זיך מיט אונז אין קאַץ־און־מויז... מיט איין האַנט לאָזט איר אונז האַנדלען, פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן צום לעבן — מיט דער אַנדערער נעמט איר עס צו צוריק אין שטײַערן!

— מיר זיינען איך ווי אַ ביין אין האַלז? — קאַכט זיך אַ דריטער נאָך מער פאַנאַנדער. — איר פאַרגינט אונז ניט דעם לעבן? טאָ מוטשעט אונז לכל־הפחות ניט! האַקט אונז מיט איין מאָל אַראָפּ דעם קאָפּ, און פּטור!

מען באַרואיקט זיך אָבער ענדלעך. כאָטש קען זיין — פון דרויסן בלויז: מען האָט דאָך שוין ניט איין מאָל געצאַפּלט זיך, געצאַפּלט — אַסך העלפט עס דיר? שוואַכינקע פליגן קלאַפּן זיך מיט די קעפּלעך קעגן אַ הויכער וואַנט פון גראַניט... נאָר אפשר איז די באַרואיקונג אויך אַן אינערלעכע — אַ באַרואיקונג פון מידקייט, פון יאוש, פון פאַרפאַלנקייט. צוגעקלעפּטע צום ראָד — מוז מען זיך דרייען מיטן ראָד, אינם ראָד, אַזוי לאַנג דער ראָד האָט זיך נאָך ניט פאַנאַנדערגעיאָגט מיט זיין גאַנצן פולן אימפּעט און ניט אָפּגעטרייסלט זיי פון זיך, ווי שטיקלעך בלאָטע...

איז צעשיט מען זיך, צעשאָקלט מען זיך ווידער איבערן מאַרק; הויבט מען אָן ווידער זיך אַרומדרייען אין אַ קרייז... האַנדלען? ניין. די אָנגעפּאַרענע פּויערים האָבן שוין פון לאַנג איינגעקויפט אין שטאָט דאָס וואָס זיי האָבן געהאַט צו קויפן. האָבן זיך שוין־אָפּגעטראָגן פון דאַנען און מיטגענומען מיט זיך אין די אַרומיקע פאָלעסישע דערפער די געבראַכטע פרידיקע אויפרעגונג. וואָס פאַרא קונים קענען שוין דאָ איצט זיין? שטאָטישע, אידישע... ע, ווער פון זיי קויפט דאָ דען? אַלע, דוכט זיך, אין שטאָט פאַר־קויפן בלויז. אַרומדרייען זיך דאַרף מען פונדעסטוועגן — אַרומ־דרייען זיך כל־זמן מען לעבט — כדי צו פילן אַז מען לעבט...

און דער אַלטער צעלניק־פאַרקויפער, מיטן קעסטעלע סחורה אַרום האַלז, שאָקלט זיך אַלץ און זינגט מיט אַ גמרא־ניגון:

— נאָפּ־טאַ־לין? אײ־אײ־אײ, נאָפּ־טאַ־לין...

ב.

אויפן קעגנאיבערדיקן זייט מאַרק, אַנגעשפּאַרט אָן דעם שטיי־נערנעם פונדאַמענט פונם ערשטן מלוכהשן האָטעל, הויקערט זיך אַ קופּע טרעגערס. הויכע שטיוואַלעס, אַרונטערהענגענדיקע מעליקע שמאַטעס, איינגעקלאַמערטע און אַרומגעגאַרטלטע מיט רינגען און רינגען שטריק.

יונגע פרישע חברה־לייט, ווען מען דאָס בלוט שפּריצט אַרויס פון פּנים אפילו דורך דער שיכט מעל און שטויב וואָס באַדעקט עס, צוזאַמען מיטן גאַנצן גוף; אַלטע איינגעהויקערטע אידן, צו־זאַמענגעדרייטע אין בייגל, אויסגעקרימטע צו דער ערד אונטער דער הויכער אומגעזעענער לאַסט פון טויזנטער און טויזנטער איבער־געטראָגענע זעק און קאַסטנס.

מען וואַרט אומזיסט אויף אַ רוף פון ווען־עס־איז, פון וואַנען עס־איז — ער קומט פון ערגעץ ניט, דער געוואַרטער רוף. וואַרימט מען זיך דערווייל אויף דער זון. קייט מען דערווייל אַן אָנבייסן פון געלינקע זאַפטיקע שטרויעלעך, אויפגעפּיקטע אַרום זיך מיט קנאָכיקע צעדרייטע פינגער; רעדט מען דערווייל לשון־הרע אויף דער גאַנצער וועלט...

איבער די טרעפּ פון האָטעל, שטייגט איצט אַרויף אַ יונגער האָטעל־באַדינער מיט אַ הויך־אַרויפגעהויבענער טאַץ אין האַנט; אויפן טאַץ — אַ טעלער מיט אַ שטיק פעטן רויטן לאַקס, עטלעכע סלאָיטשיקלעך קאָנסערוון־איינגעמאַכטס פון אַלערליי קאָלירן. און עפּעס אַזעלכע טשיקאַווע־אויסקוקנדיקע שאַכטעלעך; זיי מוזן זי־כער אַנטהאַלטן אין זיך געשמאַקע זיסע זאַכן... אָך, און געבעקס אויך — פאַרברוינטע פראַנצויזישע בולקעלעך און ראָגאַליקעס און קרענדעלם — עס שלעפּט זיך זיי נאָך פונדערווייטנס, ווי אַ טייערע שלעפּ, אַזאַ זיסער און מחיהדיקער ריח — ער רופט אַרויס ביי די זיצנדיקע טרעגערס אַ ציעניש אונטערן לעפעלע, אַ קלעפּעדיקע שמאַיע אויף די ליפּן.

— שבת־געבעקס... — ווילט זיך אַן אַלטער איינגעהויקערטער טרעגער, מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ וואָס דערגרייכט אים שוין כמעט ביז צום פּופּיק.

— פאַר אונזער אַמעריקאַנער אודאי...

— פאַרוואָס דוקא פאַרן אַמעריקאַנער? פאַר אַלעמען... פאַר אַלע וואַזשנע געסט וואָס שטייען דאָרט איין אין האָטעל.

— צאַ־ציאַ־ליזמע, האַ? — גיט אַ שטורכע מיט אַן עלנבויגן דעם חבר זיינעם איינער אַ פאַנפאַטער איד. — קאַ־מו־ניזמע, וואָס?

— און וואו קריגן זיי דיר עס איצט אַזעלכע גוטע זאַכן? — שלינגט נאָך אַלץ יענער אַלטינקער טרעגער, מיטן איינגעהויקערטן קאָפּ ביז צום פּופּיק, זשעדנע די לופט, — די סטעזשקע טייערע

לופט וואָס שלעפּט זיך נאָך נאָכן האָטעל־באַדינער מיטן טאַץ. — כ׳לעבן, כ׳וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסן...

— נאַרעלע, פּאָר געלט קען מען איצט אויך קריגן אַלץ.

— אַי געלטעלע, געלטעניו!... — קרעכצן אַלע אויף אין כאָר. און ווידער ווערט שטיל אינם טרעגער־ווינקל, און ווידער הויבט מען אָן קייען אין שווייגעניש די שטרויעלעך. איבער די קעפּ שיינט די מילדע סוף־זומער־זון.

— זע, און דאָרטן רייסט מען זיך שוין ווידער... — טייטלט מיד דער אַלטער טרעגער מיט זיין שטרויעלע, אויפן מיטן מאַרק.

די טרעגערס קוקן זיך צו מיט אומעטיקן נייגיר פונדערווייטנס צום צאַפּלדיקן קנויל וואָס קניפּט זיך דאָרטן אויפן מאַרק אויף און קניפּט זיך ווידער פאַנאַנדער, ווערט אַט צוזאַמענגעשטייפּט, אַט פאַנאַנדערגעוויקלט. אַ אידענע איז דאָרט פאַרלאָפן איינעם אַ אידן דעם וועג, אַרויסגעכאַפּט ביי אים אַ קונה, פאַרקויפט יענעם אַ פּאָר הויזן.

— ס׳איז גאַזלאָוויע... — רייסט זיך צו איר דעם אידנס ברייט־צעקעמטע באָרד. — אַזאַ מרשעת... דער פאַרדינסט איז מיינער, מיינער! אויסקרענקען וועסטו די צען קאָפּיקעס, איך שווער מיך ביי מיינע קינדער!

דער אַרומיקער עולם וויל זיי פאַנאַנדערנעמען; ס׳קומט אָבער אָן שווער. דער אייגנטימער פון דער ברייט־צעקעמטער באָרד לאָזט זיך בשום אופן ניט אוועקשטופּן, און צו־גראָב קען מען מיט אים אויך ניט זיין: אַ קלייניקייט, ס׳איז דאָך ר׳ טעוועלע אַליין... ער הויבט זיך נאָכאַנאַנד אויף די שפּיץ פון זיינע אויסטערלישע צעדרייטע שיך, פאָכעט מיט ברייטע האָריקע הענט אין דער לופטן, שרייט אַריבער צו דער מרשעת, איבער די פּילע קעפּ וואָס טיילן אים אָפּ פון איר:

— נאַרעלע, — פאַרזיכערט ער מיט פאַרביטערונג דער אידענע וועלכע שטייט הינטער אַלעמען אַ פאַרשעמטע און האַלט זיך איבער עפּעס אין איין ווישן דאָס פּנים אירס, ווי אַ קאַץ וואָס לעקט אָפּ די ערשט־אויפגעפרעסנע סמעטענע. — נאַרעלע, אויסקרענקען וועסטו עס... אין אַפּטייק וועסטו עס אוועקגעבן! דו וועסט זען מיינע רייד...

ג.

אפילו דער געפּראוווטער עולם וואָס איז שוין לאַנג געוואוינט צו אַזוינע סצענעס — לאָזט אויך איצט אַרונטער די קעפּ אַביסל פאַרשעמט. אַז אַזאַ חשובער איד ווי ר' טעוועלע, מיט זיין גרויסן אַמאָליקן יחוס, זאָל זיך א ז ו י שעלטן — דאָס פאַרדריסט אודאי זייער שטאַרק. מעגלעך, אַז אימיצער וואָלט זיך שוין אונטערגעגאַרטלט די לענדן און ר' טעוועלען אויסגעמוסרט אויף אַ וויציקן אופן. נאָר אינמיטן באַווייזט זיך, פון דער ריכטונג פון דער לענין-גאַס, די יום-טובדיקע געשטאַלט פון שטאָט — די הויכע געשטאַלט פון דעם אַמעריקאַנער, דעם דעלעגאַט . . .

א מענטש נענטער צו בונעמען וואָלט מסתמא באַמערקט: די טריט זיינע זיינען שוין איצט גאָרניט אַזעלכע יום-טובדיק-בנעמותדיקע, — גאָרניט אַזעלכע שפּאַציר-טריט, ווי די ערשטע צייט . . . נאָר פונדערווייטנס איז עס נאָך פונדעסטוועגן אַלץ אַ געשטאַלט וואָס רופט אַרויס ביי די מאַרק-מענטשן אין געמיט אַ שטימונג פון האָפענונגספולקייט, אַן אָפּשיין פון פרייד, — אָט די געשטאַלט אין ליכטיקן טייערן אָנצוג פון פעפער-און-זאַלץ, אין העל-גרויען פילצענעם קאַפּעליוש.

— נו, ווי גייט'ס, ברידער? — באַגריסט בונעם וואוילעריש דעם מאַרק. — איך זע איר זענט אַלע אָלל-ראַיט . . . איר לעבט...

— . . . נ אַ ד . . . — פאַרענדיקט אימיצער מיט אַ ביטערן שמייכל.

— ס'איז אייך וואויל ווי די וועלט, האַ?

— אי-אַי-אַי-אַי ס'איז מיר וואויל . . . — זינגט זיך אימיצער אין די הינטערשטע רייען פאַנאַנדער מיט אַ ימים-נוראימדיקער שטים. מאירל נאָטע קאָמיסיאָנערס, ווי נאָר דער אַמעריקאַנער באַווייזט זיך אויפן מאַרק, הויבט אָן מיט זיין מאָגערן גוף, ווי מיט אַ קלין, זיך אַריינהאַקן אין סאַמע געדיכטעניש פון עולם; ווי אַ שאָמיר-ווערימל שפּאַלט ער זיך דורך אַ וועג צו די פאָרנשטע רייען פונם ראָד וואָס קוועטשט אַרום בונעמען.

— אי-אַי-אַי, ס'איז מיר גוט . . . — זינגט ווייטער מאירל מיט אַ ניגון פון ראש-השנהדיקן „המלך", און זשמורעט דערביי גנביש מיט אַן אויגל. — אַי, ס'איז מיר גוט צו זיין אַ אי-י-י-יד! . . .

— און אַ סאָוועצקער נאָך ... — כאַפּן אויף עטלעכע לאַכנדיקע שטימען.

— ע, זינדיקט ניט מיט די רייד ... — הויבט אָן מוסרן די לאַכנדיקע איינער אַן עלטערער איד, מיט אַ גרויסער גוליע אויפן האַלז. — אַז די באָלשעוויקעס זיינען דאָ ניט געווען, איז אייך געווען בעסער? איר ... איידל־געפּאַטשקעטע ... איר האָט דאָך אַלע אויסגעקוקט די אויגן אויף זיי! איר'ט זיך שוין פאַרגעסן, וואָס?

— די דאָזיקע כאַמולעס פאַרגעסן זיך אַלץ צו גיך ... — אַ פּירקאַנטיקער קאָפּ, ווי אַ קעסטל, מיט שטייפע קורץ־געשווירענע האָר גיט אַ ברום פון אַ פרישן כאַמוט אַרויס, וואָס הענגט אַרום אַ קורצן דיקן האַלז, ווי עפּעס אַ טייערער צירונג. — אַז יענע־אָט, די באַלאַכאָווצעס, זיינען דאָ געווען, איז זיי געווען בעסער? פאַר־כעס ...

ווע‌לוועל שאַרניק דרייט אויס דעם פּירקאַנטיקן קאָפּ זיינעם אינם כאָמוט צום נאָנטסטן מענטשן לעבן אים, כאַטש די רייד זיינע, פּונקט ווי אַלעמענס רייד דאָ, זיינען גאָר דערעיקרשט געמיינט פאַר בונעמס אויערן. דער כאָמוט פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ שאַרפן ריח פון פרישן לעדער.

— ביי מיר זיינען זיי דעמאָלט אַריין, איר ווייסט דאָך, האָבן מיר אינמיצקע דערינען געבראַכט דריי כאַמוטעס צו פאַרריכטן ... מען האָט זיך מכלומרשט געדונגען־געדונגען ווי נאַסטאַיאַשטשע קונים — האָבן אָראָפּגעדונגען ביז צוואַנציק טויזנט רובל ... פאַר אַלע דריי! ... האָב איך געדענקט אַז דאָס זיינען עס די אמתע קנאַקערס! האָב איך געשוויצט דריי טעג נאָכאַנאַנד ווי אַ פערד — אויף אמתע געלט האָט עס בעטראַפן אפשר אַ פערציק קאָפּיקעס... און דערנאָך ... דערנאָך זיינען זיי געקומען און האָבן ערשט צוגענומען די אַרבעט אָן אַ גראָשן! און אַז איך האָב זיי דערמאָנט אָנם מדובר, האָבן זיי מיר באַצאָלט מיט אַ קאַנטשיק איבערן פּנים... אָט ... נאָך איצט ...

און ווע‌לוועל שאַרניק באַווייזט אַ בלוילעכן ברייטן שראַם איבער דער לענג פון זיין לינקער באַק, וואָס ציט זיך, ווי אַ שליאַך פון רויען פלייש.

— נו, — איז שוין נאָך אימיצער מסכים. — וועגן יענע איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן: יענע זיינען דאָך גלאַט געווען ווילדע חיות־

רעות! וואָס דאַרפט איר מער — בשעת זיי זיינען געווען ביי מיר, האָבן זיי צוגענומען ביי מיין האָדעלן די שיכעלעך... אויף וואָס האָט עס זיי געקענט צונוץ קומען? פון אַ קינד פון דריי יאָר! און דאָס קינד וויינט, פאַרגייט זיך אַזש, — „די דיאַדיעס האָבן ביי מיר צוגענומען די סי־כאַ־לעך... מיינע סיכעלעך נע־מען די דיאַדיעס צו!...״ אַ גאַנצער שפּילעכל געווען ביי איר — איך זאָג אייך: אַ שטיין האָט מען געקענט רירן! — איז יע־נאָר — איינער פון די „דיאַדיעס״, — גייט דעמאָלט צו צו איר, מאַכט אַ שרעקלעך־גזלניש פּנים און גיט דערביי אַ הילכיקן זעץ מיטן אחור — ער פאַרגייט זיך אַזש דערנאָך פון געלעכטער פון דער גוואַלדיקער חכמה...

— נו־יאָ, וואָס־וואָס — אַזעלכע זאַכן קען מען טאַקע אויף אונזערע באָלשעוויקעס ניט דערציילן... — גיט שוין נאָך איינער פון די פריערדיקע תרעומות־האָבער. — פאַרקערט, איך דערמאָן מיך: ווען די באָלשעוויקעס זיינען אריין אין שטאָט, קומט צו אונז אין שטוב אויפן צווייטן טאָג אַ זייעריקער — אַ הויכער גאַורילע מיט שמאָלינקע אויגעלעך ווי ביי אַ קיטאַיעץ, און רעדט עפּעס אַ מאָד־נעם גויאיש וואָס איז גאָר שווער צו פאַרשטיין... איינס אפילו האָט מען יאָ געקענט פאַרשטיין: „גיט אַ טרונק, ברידערלעך!״ — ווייל ער האָט אָנגעוויזן אויפן מויל... מיין פריידל — מיין עלטסטע טאָכטער — גיסט אים דעמאָלט אָן אַ גלאָז מילך, טראָגט אים אונטער. אין שטוב איז דאָ מילך, — מיינע, די עלטסטע, איז פון תמיד־אָן אַ קראַנקע, הוסט שטענדיק אונטער, זאָל נאָר ניט זיין קיין טשאַכאָטקע... הכלל... ערשט יענער, דער הויכער פויער, שטופּט אָפּ פון זיך דאָס גלאָז מילך... ער זשמורעט אַזוי פאַרוואונדערט מיט זיינע שמאָלינקע אויגעלעך — „ביי אייך, אַזאַ איידעלינקע, אַזאַ ציכטינקע, וועל איך צונעמען אַ גלאָז מילך? ניין, בירגערין, פאַר מיר וועט אַ גלאָז וואַסער פון פּאַס אויך זיין גוט״...

— נו־יאָ, — קוקט דער מאַרק איינער אויפן אַנדערן, זוכט ביים צווייטן אין די אויגן אַ הסכמה — איז מען ניט אפשר מגזם לטובת די באָלשעוויקעס?... — וואָס אמת, איז אמת — מיט לעבן איז מען ביי די באָלשעוויקעס אודאי זיכער.

ד.

בונעם ווערט גוואַלדיק אויפגערעגט. די ניט־געריכטע ווענדונג, וואָס דער שמועס נעמט אָן, דענערווירט אים. ער גיט ביטולדיק אַ מאַך מיט דער האַנט.

— אַ ספּאַסיבאָ קומט זיי, נו... זע נאָר, סאַראַ נסים מען דערציילט עם מיר! ציציליסטן זאָלן נאָך נעמען און דערהרגענען אומשולדיקע מענטשן — וואו איז דאָס אַזוינס געהערט געוואָרן? אַ קלייניקייט, מען לאָזט זיי דאָ לעבן... נו, און פאַרוואָס לאָזט מען אייך ניט פאַרדינען צ ו ם לעבן, האָ? אַ חכ־מה...

בונעמען מוז שוין זיין רעכט אָנגעזאָלצן אויפן האַרץ אַז ער הויבט אָן אַזוי פאַרלירן יעדע מינדסטע פאַרזיכט, פאַרלירט גאָר אינגאַנצן די מורא... ניין, ער מוז זיי דאָ אַלעמען באַווייזן אַז זייער לעבן איז קיין גראָשן ניט ווערט, אַז זיי לעבן פשוט ווי ווערים, אַז מען טרעט זיי מיט די פיס...

— נו, און אין אַמעריקע פאַרדינען עס טאַקע אַלע צום לעבן? טאַקע אַלע? — רייצט זיך מיט בונעמען אַ מיידל מיט שטאַרק־רויטע פיסקעס. — פונדעסטוועגן זיינען מסתמא ביי אייך אויך פאַראַן אָרימעלייט...

בונעם ווערט נאָך מער אויפגעקאָכט: זע נאָר, די חוצפה... ס'איז פונקט ווי זיין אייגענער וויגדער האָט אים אַנומלט אַ ליאַפּע געטאָן: „מיר וועלן נאָך איבעריאָגן אַמעריקע!" סאַראַ איינגערעדטע מענטשן, וויי־וויי...

— אודאי אַלע! — גיט ער אַ געשריי אויפן מיידל. — אַלע האָבן זיי ביי אונז דעם זעלביקן טשענס[1])! אין אַמעריקע קען יעדער איינער פאַרדינען צום לעבן, אַבי ער וויל נאָר אַרבעטן! נאַטירלעך, קיין „לייזי באָגערס"[2]) האָט מען ביי אונז ניט ליב, אָבער ווילסטו נאָר אַרבעטן — איז גאָ עהעד! אַרבעט ביז צעפּלאַצט ווערן! ווער רייך! הערסט, זי דערציילט מיר...

— אַלע זיינען עס ביי אייך רייך? טאַקע אַלע? — ווערט אַלץ ניט נתפעל דאָס מיידל מיט די רויטע פיסקעס.

—אָבער אַלע ק ע נ ע ן ביי אונז רייך ווערן! — דונערט אויף איר בונעם. — אַלע קענען ביי אונז רייך ווערן, זאָגט מען אייך! אַזאַ אידיאָטקע... ביי אונז קען מען רייך ווערן פון

ענימהינגג3), אפילו פון וואנצן... איר גלויבט ניט, הא? איר קוקט מיך אָן ווי אַ משוגענעם? דאָס איז ביקאָז4) איר זענט גרינע... יאָ, טאַקע פון וואנצן! איך אַליין קען איינעם אַזאַ מענטשן, וואָס איז אין אַמעריקע רייך געוואָרן דערפון. געוואָרן ממש אַ מיליאָנטשיק... מיר זיינען געפאָרן צוזאַמען קיין יוראָפּ אויף איין שיף, — ארבעט זיך ביי בונעמען פאַנאַנדער די פאַנטאַ־זיע. — און מיט וואָס מיינט איר, האָט ער זיך באַשעפטיקט אין אַמעריקע? מיט אויסרייניקן וואנצן פון די הייזער.

דער עולם אַרום קוקט זיך איבער אין שטוינונג. אַ מיליאָנער פון וואנצן? אַ וואנצן־מיליאָנער? אודאי, מען דאַרף עס גלויבן דעם אַמעריקאַנער — עס גלויבט זיך אָבער פאָרט ניט... בונעם פלאַקערט אַזש, זיינע אויגן בלישטשען ווי ביי אַ נביא, ער איז פול מיט עקסטאַז. איז עס ניט אָפּטמאָל זיין אינערלעכער ווײ, זיין ברע־נענדיקער ווייטיק פון די לעצטע טעג, וועלכער האָט עס אים אַזוי פאַנאַנדערגעפלאַקערט? אַך, דער אָרימער בונעם...

— מיט וואָס נעמט איר זיך עס אַזוי איבער, איר פולס?5) אָלראַיט, ביי אונז איז קיין סאָשיילים טאַקע ניטאָ. אָבער קיין יחוס איז ביי אונז אויך ניטאָ... ביי אונז שעצט מען אויך האָרע־וואָניע! מער ניט, ביי אונז אין אַמעריקע אַז מען האָרעוועט, ווערט מען לכל־הפחות רייך! יעדער איינער ביי אונז קען ווערן רייך — מען דאַרף נאָר וועלן! דאָס הייסט — מען דאַרף נאָר קענען! איך מיין, מען דאַרף נאָר האָבן די פייאַיקייטן דערצו... ז י דערציילט מיר פון אַמעריקע, — פאַרענדיקט ער מיט אַ בליק פול מיט כעס אין דער ריכטונג פונם מיידל מיט די געזונטע פיסקעס.

ער פיפקעט רעשדיק זיין ציגאַר — רויך און פלאַמפייער, אַ בייזער דערצאָרנטער גאַט. זיין מעכטיקע ברוסט הויבט זיך אַרויף און אַראָפּ — עס זאָל נאָך מיט אים חס־ושלום עפּעס ניט פּאַ־סירן!... דער עולם שווייגט, האָט מורא מיט אים צו ריידן — כ׳וויים, עפּעס אַ ניט־געלונגען וואָרט קען אים נאָך מער דער־צאָרענען...

— איר דאַרפט אויף איר קיין פאַראיבל ניט האָבן... — רופט זיך ענדלעך אָפּ מאַירל. ער פילט אַז ע ר, מיט זיין גע־שליפן צינגל, וועט זיכער קענען איינשטילן דעם אַמעריקאַנעמס גרימצאָרן. — אַ נאַרישע ציג, וואָס ווייסט זי: מסתמא האָט זי

אזעלכע ווערטער געהערט אין דער היים, פון איר שוועסטער דער קאַמסאָמאָלקע. פונדעסטוועגן... — מוסרט ער שעמעוודיק בור־נעמען. — וואָלט איר מיט אונז ניט געדאַרפט אַזוי ריידן... ווייל וואָס קומט אונז אַרויס פון אַט די אַלע שיינע מעשות, כ'בעט איך? ניט מיר קענען פון אַט דער קאַלך־אויוון זיך אַרויסכאַפּן, און ניט מיר קענען זיך צו אייך אַריינכאַפּן... ס'קומט אויס, האָט אויף מיר קיין פּאַראיבל ניט, אַז איר זענט נאָך אַ לועג־לרש!

— אַ וואָס בין איך? — שטורעמט שוין איצט בונעם אויף אויף מאַירלען. — אַ... ווער — איך? פּרא־אדם איינער! מען דערציילט אים פאַקטן, און ער... — בונעם הויבט זיך אַזש אָן קלאַפּן מיט אַ פויסט אין האַרצן אַריין. — דאָס זיינען ניט קיין בבא־מעשות — איך האָב דעם מענטשן אַליין געקענט! אויב איר ווילט וויסן, איז ער אַפילו מיינער אַ גוטער פריינט, אָט דער רייכער פאַבריקאַנט, כ'מיין, פון דער גרויסער וואַנצן־פירמע... גאָר, גאָר אַפילו אַ נאָנטער פריינט! איר גלויבט מיר ניט, האַ? נו, יאָ, ביקאַז איר האָט זיך אַלע קעגן מיר צוזאַמענגערעדט...

בונעם גיט אויף אַלעמען, אויפן גאַנצן אַרום — אַ צאָרנדיקן מאַך מיט דער האַנט: פאַרפאַלן, ער וועט זיך מיט זיי קיינמאָל ניט צוזאַמענריידן... מאַירל פרואווט נאָך מאַכן אַ פּאָר טריט פאַראויס, ער וויל אים עפּעס דערקלערן, געבן צו פאַרשטיין. אָבער צוזאַמען מיט די איבעריקע מענטשן אויפן מאַרק בלייבט ער סוף־כל־סוף אויך צוגעפּעסטיקט צו זיין אָרט אין גרויסער שטוינונג: וואָס איז עס געוואָרן אַזוינס מיט אונזער אַמעריקאַנער, האַ? זע נאָר, סאַראַ כעס... ווי ער באַליידיקט זיך עס אַזוי שנעל פון אַ מינדסטן וואָרט!

ה.

לאַנג שטוינען איבער דעם אַמעריקאַנערס מאָדנעם אויפפיר קען מען פונדעסטוועגן ניט; ס'זיינען דאָ אייגענע צרות — זיי לאָזן ניט אָפּ אויף אַ לאַנגער צייט.

דער פינאַינספּעקטאָר האָט זיך ווידער באַוויזן אויפן מאַרק. ער איז געקומען דאָס מאָל הינטנאַרומעט, בעת דער עולם דאָ איז געווען צונויפגעקופּעקט אין אַן אייגענעם ראָד, אַרום דעם באַגיים־

טערטן באַזינגער פון ווייטע גליקן. שטיל, ווי אַ פוקס צו אַ שטייג הינער, האָט יענער זיך צוגעגנבעט.

ס'איז אַ הויכער יונג מיט אַ שוואַרץ־פאַרברענט פּנים און מיט נאָך שוואַרצערע אויגן, אַן אמתער ציגיינער. זיינע אויגן ברענען איצט מיט אַ טאָפּלט־שטאַרק פייערל — ער איז געקומען איצט נעמען נקמה פאַר זיין פריערדיקן דורכפאַל...

מיט אַ פלינקער באַוועגונג גיט ער אַ כאַפּ ביים וויכס פונם אָרעם טאַקע דאָס זעלביקע מיידל מיט די געזונטע פּיסקעס, וואָס האָט בונעמען אַריינגעבראַכט אין אַזאַ גרימצאָרן.

דאָס מיידל לאָזט אַרויס אַ הילכיקן קוויטש. זי הויבט זיך אָן צו צאַפּלען אינם פינאַינספּעקטאָרס הענט, ווי אַ צעפּודזשעטע הון. מיט אַלע כוחות קוועטשט זי צו איר הויכער ברוסט דאָס פּעקל הויזן און מאַנבסילשע העמדער אין אירע הענט. ס'איז אָבער שוין צו־שפּעט... חוץ דעם: אַ צווייטן מאָל אַריינברענגען דעם מלוכה־מענטשן אין כעס, נאָכן פרימאָרגנדיקן, וואָלט שוין געווען אפשר איבערגעכאַפּט די מאָס... דער עולם לייגט זיך צונויף, שאַפּט פאַרן מיידל די פּופּציק קאָפּיקעס פאַרן טאָג־צעטל, און גיט עס איבער דעם אינספּעקטאָר.

אַז דער מאַרק באַרואיקט זיך ווידער, איז שוין בונעם ווייט פון דאַנען.

ניין, ער איז ניט אַוועק אויף מיטאָג צו זיך אין האָטעל וועלכער געפינט זיך דאָך דאָ ניט ווייט פון דאַנען. מיט אייליקע טריט האָט ער זיך איצט גאָר געלאָזט גיין צו דער קאָמינטערן־גאַס, — צו דער אַמאָליקער קיעווער־גאַס — דאָרט, וואו עס האָט זיך מיט יאָרן צוריק געפונען בונעמס היים.

יאָ, דאָס איז די גאַס וואָס פירט אויך איצט, נאָך דער רעוואָלוציע, צו דער קילער גויאישער פאָרשטאָט קאַליניק... נאָר איצט פירט זי, חוץ דעם, אויך צו דעם אונטערשטאָטישן קאָלווירט „ניי־לעבן”, וואו עס געפינט זיך סטערע; און דאָס איז אויך די גאַס אויף וועלכער מען זעט, אין פאַרלויף פון דער לעצטער וואָך, בונעמען זיך אַרומדרייען יעדן טאָג — ער דרייט זיך דאָרט אַרום גלאַט אַזוי, אָן שום ציל — הין־און־צוריק, הין־און־צוריק...

הינטער אים איז דאָס מאָל נאָכגעלאָפן אַ כאָפּטע פון לוסטיקן יונגוואַרג, פון אָפּגעריסענע פאַרוואָרלאָזטע גאַסן־אינגלעך. ביי

איינעם פון זיי, ביים פּאַרנשטן, האָט געברענט אויפן סאַמע הינ־טער־חלק אַ גרויס צוגעבונדן שטיק פּאַפּיר... ווי אַן אָפּגעבריטער, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט מכלומרשט ראַטעווען פונם פייער, איז ער געלאָפן פאָראויס, מיט אַ הויך געקוויטשעריי; די איבעריקע אינגלעך — נאָך אים. מיט אַ מוראדיקן געלעכטער, וואָס האָט פאַרטויבט ממש די גאַס, האָבן זיי זיך איבערגעשריען בשעת־מעשה הויך איינער מיטן צווייטן:

— סאָלדאַט!

— שטאָ?

— סטרעליאַי!

— קאַווּאָ?

— זאַיצאַ!

— קודי?

— וו' יאַי — אַ...

פינפטער קאַפּיטל

היץ

א.

דאָס וועגעלע — כאָטש אפילו אַ שטאָטישעס, אָפּגעפאַרבט געל און אויף רעסאָרן — האָט זיך אין היסן נאָכמיטאָג לאַנגזאַם געשלעפּט דורכן גערדיכטן זאַמד פונם ברייטן דאָרפס־וועג.

עס האָבן הויך מיט אַ פּישטש געסקריפּעט גרויסע רעדער וואָס האָבן שוין לאַנג ניט געפילט אויף זיך דעם אָפּפרישנדיקן זאַפט פון גערדיכטער האָניק־סמאָלע; זיי האָבן שווער געקעמפט מיטן גערדיכטן געלן זאַמד וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין זיי און צווישן זיי, — האָט אָנגעפילט די לופט אַרום מיט היץ און טריקעניש.

די היץ איז היינט געווען מוראדיק, ניט אויסצוהאַלטן — זי איז געשטיגן פון גלאָזיקן זאַמד אונטן ניט ווייניקער, ווי פון דער בלענדנדיקער זון אויבן.

בונעם האָט זיך געשאָקלט אין וועגעלע הין־און־צוריק, רעכטס און לינקס. געשאָקלט זיך אָן ווילן, מיט אַ פאַרלאָזנקייט. אין ווייסן וועג־כאַלאַט, וואָס האָט אינגאַנצן איינגעוויקלט זיין גוף און זיך פאַרענדיקט מיט אַ שפּיציקן קאַפּיושאָן, איז געזעסן אַ מענטש אַ טויטער.

בונעם האָט ניט אויסגעהאַלטן, האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויף סטערעס באַזוך אין שטאָט. כאָטש ס'איז פאַרלאָפן אינגאַנצן עטלעכע טעג, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זי איז שוין לאַנג, לאַנג ניט געווען ביי אים... ווער ווייסט: נאָך אָט דעם

לעצטן איבעררייד זייערן וועט זי שוין טאקע אפשר מער גאָר ניט קומען צו אים צופאָרן?

בונעם האָט איבערגעלעבט אַ שווערע נאכט די פאָריקע נאַכט, כאָטש ער האָט נאָך נעכטן אינדערפרי באַשטעלט די פור אויף היינט, — באַשלאָסן ענדלעך צו מאַכן די נסיעה אין קאַלווירט אריין וואָס ער האָט ביז איצט אַלץ קיין צייט ניט געהאַט צו מאַכן... אָבער סאַראַ זין האָט עס געהאַט צו פאָרן אַהין וויבאַלד אַז אַלע דאָרט האָבן געוואוינט צוזאַמען אין די גרויסע חדרים, און סטערע — אַ פרוי אָן אַ מאַן — האָט נאָך דערצו אַרום איר בעט אינם ווינקל פונם ריזיקן זאַל אפילו קיין שפּאַניש ווענטל ניט געהאַט, ווי עס האָבן געהאַט די אַנדערע פאָרפאַלקן?

יאָ. בונעם האָט דאָס אַלץ געוואוסט... און פונדעסטוועגן האָט ער זיך פאַרט מער ניט געקענט איינהאַלטן; פונדעסטוועגן האָט ער די גאַנצע פאָריקע נאַכט ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג, און זיך געפּלאָנטערט אין אַ נעץ פון היציקע חלומות.

איז אפשר מחמת דעם טאַקע האָט ער איצט דעם גאַנצן וועג געהאַלטן אין איין דרעמלען. און אפשר גאָר — די מוראַדיקע היץ אַרום האָט אויסגעטריקנט יעדן מינדסטן געדאַנק אין קאָפּ, חוץ דעם געדאַנק — ווען קומט מען שוין אָן אַהין? פרעגן אָבער ביים אַנטרייבער, איז ניט געווען קיין כוח: ס'האָט געטריקנט אין האַלז, און ס'האָט געדאַרשט: אַז מען וועט עפענען דאָס מויל אפילו אויף איין סעקונדע, וועט מען אריינעטעמען אין זיך צע־שמאָלצענעם פייער.

די וועלדלעך פון די יאַדלע־בוימער ביי די זייטן וועג האָבן זיך פאַרשמאַכט געהויקערט אונטער פּלאַכטעס פון בלישטשענדיקן גלאַזיקן זאַמד.

ווי אין חלום האָבן זיי זיך דורכגעשלייכט דורך עפּעס אַן איינגעדרימלטן צעוואָרפענעם דערפל וואו עס האָט זיך איצט ניט געזען קיין איינציק־לעבעדיקע באַשעפעניש; ווי אין אַ חלום האָט זיך צו בונעמס אויער פון צייט צו צייט דערטראָגן דאָס קרייען פון אַ האָן. פון דער ריזיקער איבערגעקערטער שיסל אינדערהויך האָט זיך נאָכאַנאַנד געגאָסן אַ בלענדיקע היציקע צעשמאָלצנקייט.

ווען דאָס וועגל האָט זיך ענדלעך צוגעשלעפּט צו „ניי־לעבן”, איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך. ס'האָט זיך אָבער געדוכט ווי איצט

וואָלט גאָר געווען פּרימאָרגן: זיי זיינען אָנגעקומען אויף עפּעס אַ צעטראָגענער, נאָר שווייגנדיקער אַרומלויפעניש.

מענער, פרויען, יונג און אַלט האָבן אַרומגעשמאַיעט הין־און־צוריק, האָבן נאָכאַנאַנד געטראָגן פון ערגעץ עמערס מיט וואַסער, ווי צו אַ שרפה — האָבן זיי אויסגעלײדיקט אויף די בייטן פון לאַנגן און ברייטן גאָרטן, די גרויס ווי אַ פעלד. אין דער צעטומל־טער שווייגנדיקער אַרומלויפעניש האָט קיינער די אָנגעקומענע ברישקע ווי ניט באַמערקט. איבער בייטן, אַרום פלאַנצן און גאָרטן־געוויקסן, האָבן זיך געבויגן מענטשלעכע געשטאַלטן. ס'האָבן געקלונגען ליידיקע עמערס אין אומרואיקע הענט.

בונעם איז געשטאַנען אויסגעצויגן אין זיין ווייסן וועג־כאַלאַט אַ פאַרלוירענער, אַן איבעריקער, אין דער אַרומיקער שווייגנדיקער פאַרהאַוועטקייט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט זיך געשעמט וואָס ער שטייט דאָ און העלפט ניט, ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך. ס'האָטווירקלעך אויסגעקוקט דאָ ווי אין די ערשטע מינוטן פון אַ שרפה — מער ניט, וואָס דאָ, ניט ווי אויף אַן אמתער שרפה, איז אַלץ אָנגעגאַנגען זייער שווייגנדיק: ס'איז געווען עפּעס אַזאַ ש ט י ל ע שרפה, און מען האָט זי געלאָשן אויך א י נ ד ע ר ש ט י ל...

אַז ס'איז געוואָרן טונקעלער, האָט די אַרבעט אָנגעהויבן ביס־לעכווייז זיך איינשטילן. מאַמעס האָבן זיך איבערגעשריען, צונויפ־גערופן פון ערגעץ קליינע קינדער. בונעם האָט פון ד ע ר זייט פלויט, אַ געפלאָכטענעם פון זיך־שיילנדיקע צווייגן, טיף אַריינ־געאָטעמט די פייכטקייט פונם אָקאָרשט־באַוואַסערטן גאָרטן, גע־זופט אין זיך די פייכטע לופט, ווי קיל, פריש וואַסער... דער באַלעגאָלע איז געוואָרן אומגעדולדיק.

— נו, הכלל, מיסטער... גראַזשדאַנין... באַצאָלט מיר! ווי לאַנג וועט איר מיך דאָ האַלטן? כ'וויל אָנטרינקען דאָס פערד און היידאַ צוריק.

בונעם האָט אין דער געדיכט־ווערנדיקער דעמערונג גענישטערט מיטן בליק אַרום זיך. ער האָט אומגעדולדיק אָנגעהויבן פאָכען אין די זייטן מיט בײדע לאַנגע הענט, האָט אָפּגעטריבן פון זיך דעם דערקוטשענדיקן באַלעגאָלע.

— גראַרי היִער... נודיע ניט, ברודער! ווער יאָגט עס דען אונז פון דאַנען אין האַלז־און־נאַקן? האָב קיין מורא ניט, מען וועט דיר באַצאָלן, אָרנטלעך באַצאָלן... מיר בלייבן דאָ נעכ־טיקן... פּאַנימאַיעש?

אַ שמאָלע ניט־הויכע געשטאַלט, מיט אַ פּאָר לײדיקע עמערס אין איין האַנט, וועלכע האָבן נאָכאַנאַנד זיך אָנגעקלאַפּט איינער אָן צווייטן, האָט אים אָוונט זיך פאַרבייגעשלייכט לעבן בונעמען, זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ־פינגער, אים אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין, אַרויסגעאָטעמט מיט גרויס פאַרוואונדערונג:

— זע נאָר, ווי איך בין אַ איד... דער אַמעריקאַניעץ!

מיט גיכע טריטעלעך האָט ר׳ בעריש דאַן פאַרקירעוועט זיך, געלאָזט גיין טיפער אין הויף אַריין, צו די הויכע אַלטע ליפּעס מיט די אָפּגעשיילטע שטאַמען. ער האָט נאָכאַנאַנד און אומצופרידן געמורמלט פאַר זיך: „זע נאָר, סקאָצל קומט... ויבא המן — מאַכט רש״י״... אינדערהויך אָבער האָט ער געשריען ערגעץ אינם אַרומיקן הייסן אָוונט אַריין:

— העי, סטערע — וואו ביסטו? צעברעך דעם אויוון... אַ גאַסט איז צו דיר געקומען! אַ גאַסט! אַ גאַסט!

מיט לאַנגזאַמע שווערע טריט, אָפּרוימענדיק בשעת־מעשה פונם פאַרטוך קרישקעלעך און ברעקעלעך, האָט זיך באַלד פון די וועראַנדע־טרעפּ, ניטגעאיילט, גענומען אַרונטערלאָזן סטערע.

ב.

אויף מאָרגן איז בונעם אויפגעשטאַנען נאָר שפּעט, ווען דאָס רוב מאַנסבילן האָט זיך שוין געפונען פון לאַנג ביי דער אַרבעט אויף די פעלדער וואָס אויפן נאָענטן הויכלאַנד.

מעגלעך, ס׳איז געווען מחמת דער מידקייט פונם נעכטיקן מורא־דיק־הייסן טאָג און אויסמאַטערנדיקן וועג; און מעגלעך אויך, מחמת דעם פאַרשיכורנדיקן ריח פונם היי אינם פּלאַץ וואו מען האָט בונעמען באַלייגט אויף איבער נאַכט, — נאָר אפשר אין אַ צען מינוט נאָכדעם ווי סטערע האָט אים נעכטן אָנגעוויזן זיין אָרט צום שלאָפן — אַ קופּע היי אויפן בוידעם פון אַ שטאַל — איז בונעם שוין פאַר־זונקען אין טיפסטן שלאָף.

ער האָט גאָרניט גענומען אין מויל אריין און איז אַזוי אָפּ־געשלאָפן ווי אַ געהרגעטער די גאַנצע נאַכט און אַ שטיק אין טאָג אַריין — אַ וואָסערע צוועלף שעה נאָכאַנאַנד. ער האָט זיך קיין איינ־ציק מאָל ניט איבערגעוועקט, ניט געהאַט קיין שום חלומות.

אַז ער איז אַרונטערגעקראָכן פון בוידעם, איז ער אַ ווײַלע געבליבן אַזוי שטיין אויפן שוועל, אַביסל צעמישט: ער האָט באַ־טראַכט דעם הויף אַרום און זײַנע בנינים — די אַלטע פּריצישע שטוב מיט דער זײַלן־וועראַנדע, דעם לאַנגן שטיינערנעם וואָלאָוו־ניק, די קוזניע, עפּעס נאָך אַזעלכע הײַזער און הײַזלעך וואָס ער ווייסט נאַטירלעך ניט אויף וואָס זיי נוצן דאָ... בונעם באַטראַכט עס אַלץ מיט אַ זייער פאַרחידושטן בליק — פּונקט ווי ער וואָלט איבער נאַכט געהאַט אַרײַנגעפאַלן אין אַ נײַער וועלט. פּונקט, ווי ער וואָלט נאָך איצט אויך געווען געחלומט... ווען ער איז נעכטן פאַרנאַכט אָנגעקומען אַהער, האָט ער צוליבן פאַרנאַכט קיין סך ניט געזען.

זײַנע קײַלעכדיקע פולע אויגן קייקלען זיך אין אַלע זײַטן, נישטערן, זוכן — נײַן, מען זעט ניט סטערן אין ערגעץ.

נעכטן בײַנאַכט האָט ער כמעט קיין צוויי ווערטער ניט באַוויזן מיט איר אַרויסצורײדן. נו יאָ, ווען ס׳וואָלט שוין ניט געווען געדיכטער אָוונט אין דרויסן און ער וואָלט ניט געווען אַזוי שרעק־לעך מיד, וואָלט בונעם אודאי געווען באַמערקט: אַ כוואַליע פון שוואַך־פאַרבאָרגענער פרייד שלאָגט צו צו סטערעס געזיכט, פאַר־רויטלט עס, ווען זי דערזעט פאַר זיך אַזוי אומדערוואַרט בונעמען, אַזוי ניט־געריכטערהייט... יאָ, ווען ס׳וואָלט ניט געווען אַזוי פינצטער; אָבער אַזוי — וויאַזוי האָט ער עס געקענט פילן? אַז באַגריסט האָט זי זיך מיט אים זייער אײַנגעהאַלטן, אירע ווערטער זײַנען געווען געציילטע, צו דער זאַך: „זע, בונעם... אַזוי שפּעט? בײַ אונז לייגט מען זיך שוין דאָך באַלד שלאָפן”...

כאָטש מעגלעך, סטערעס אײַנגעהאַלטנקייט האָט זיך גענומען דערפון וואָס עטלעכע טשיקאַווע ווײַבער האָבן זיך אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פון זיי אין אַ שווײַגנדיקן נײַגעריקן רעדל... און מעגלעך אויך: ס׳איז דאָך פאָרט געווען איצט אַ דאָנערשטיק־אָוונט, מאָרגן איז דאָך פאָרט געווען אַן ערב־שבת — נאָך אַלץ אַ שווערער און פאַרנומענער טאָג אין קאָלווירט, מער ווי די איבעריקע טעג פון אַ גאַנץ וואָך. איר קול האָט געקלונגען פרײַנטלעך־קיל, ווי דאָס קול

מיט וועלכן מען ווענדט זיך צו אַן אורח — ניט קיין גאַסט, אויף וועלכן מען האָט אויסגעקוקט די אויגן, נאָר אַן אומגעריכטער אורח — און דערצו נאָך, ניט אַזוי אירער, ווי פונם גאַנצן קאָלווירט. כאָטש אויפנעמען אים דאַרף זי, סטערע, ווייל מיט איר איז ער לענגער באַקאַנט, ווי מיט די איבעריקע דאָ... זי האָט גערעדט צו אים איינגעהאַלטן־קיל:

— איז בלייבסטו, הייסט עס, איבער נאַכט, זאָגסטו? וואָרט... און וואו ווען מיר דיך דאָ אַנידערלייגן שלאָפן?

אויפן שוועל פונם היי־שפּייכלער איז בונעם איצט געשטאַנען און האָט זי געזוכט. אַרום זיך, צווישן די ביימער, צווישן די ליכט־און־שאָטן־פלעקן פונם גרויסן הויף.

זיין טייערער אַנצוג, אין וועלכן ער איז געשלאָפן, איז געווען צעקנייטשט, באַדעקט מיט שטרויעלעך — זע נאָר, אומעטום לייגט מען אים שלאָפן דווקא אויף אַ קופּע היי... אָבער דערפאַר איז זיין געמיט איצט ניט געווען קיין ברעקל אפילו אַזוי צעקנייטשט, ווי ־דורכן נעכטיקן טאָג, ווי דורך די אַלע לעצטע טעג. ס׳האָט זיך דעריבער געקענט דוכטן: אין דער קופּע שטרוי און אין דער פינצטערניש פון שפּייכלער איז געווען פאַרבאָרגן אַזאַ מין כישוף־ריח — אַ ריח וואָס באַרואיקט אַ צערודערטן געמיט און שטילט איין צעקלונגענע נערוון.

מיט דער דלאָניע פון דער לינקער האַנט האָט ער געמאַכט אַ דעכעלע איבער די אויגן — ס׳איז ווידער געווען היינט אַ הייסער טאָג. די זון האָט ווידער געבראָטן סאַמע פון פרימאָרגן. אַ ניין, סטערען איז אין ערגעץ ניט געווען צו זען, און פרעגן זיך אויף איר האָט זיך בונעם געשעמט. עס איז אויך, דוכט זיך, קיינער ניט געווען דאָ אַרום, ביי וועמען זיך צו פרעגן, — קיינער ניט, חוץ אים אַליין, דעם איבערגעלאָזענעם און איבעריקן...

נאָר באַלד באַמערקט בונעם: אינם סאַד, אינם קעגנאיבער־דיקן ווינקל פונם אַמאָליקן פריצישן הויף, איבער די ביימער און צווישן די ביימער באַוועגט זיך אַ הייפל מענטשן, באַוועגן זיך פלייסיק און שווייגנדיק, — אָט באַווייזן זיי זיך, און אָט ווערן זיי ווידער ניט, מישן זיך אויס מיטן גרינעם בלעטערוואַרג, ווי פויגל...

בונעם לאָזט זיך גיין אַהין, צום פּלויט. און באַלד דערזעט ער: די מענטשן אין סאָד קייקלען פון בוים צו בוים אַ מין פּייער־לעשער־פּאָמפּע וואָס איז אַרומגעוויקלט אַרום אַ דיקן קלאָץ צווישן צוויי הויכע רעדער. סיי זייערע מלבושים און סיי זייערע פּנימער זיינען פאַרשפּריצט און באַשמירט מיט אַ גרינלעכן פאַרב, ענלעך צום געוועב פון בלעטערוואַרג אַרום זיי. בונעם וויל דאָ זיי פרעגן אויף סטערען, נאָר אַז ער דערזעט זייער פאַרטועניקייט, פאַרהאַקט זיך ביי אים די צונג. די האַווענדיקע מענטשן קוקן זיך אפילו אויף אים ניט אום, ווי ער וואָלט געווען עפּעס אַ ניט־באַלעבטע זאַך... אַלע טראָגן זיי אויף די קעפּ ברייטע דיקע קאַפּעליושן פון שטרוי, וואָס איז טונקל־פאַרברענט פון דער פאַליענדיקער זון.

אַ איד מיט אַ שטעכיקער און שמאָלער באָרד שטייט לעבן אַ פאַס מיט אַ גרוי־גרינלעכער געמישעכץ און פּאָמפּעט, פּאָמפּעט אָן אַן אָטעם.

— ביעל, העי, ביעל... — שרייט ער אַרויף מיט אַ זיך־אי־בעררייסנדיקן אָטעם צו אַ יונג וואָס קלעטערט איבער אים אין די צווייגן, מיטן עק פון דער גומענער רער אין האַנט, און באַשפּריצט דאָרט די ביימער. — ביעל, האָסט אפשר אויף דערווייל גענוג? אוי...

— פּאָמפּעט, פּאָמפּעט ווייטער, ר׳ איטשע... זשאַלעוועט ניט אייערע הענטלעך.

אַן אַנדער איד, אַן אַלטינקער אָבער אַ רירעוודיקער — שאַ, איז דאָס ניט דער זעלביקער וועלכער האָט אים נעכטן דער ערשטער דערקענט, דער מיט וועלכן סטערע קומט געוויינטלעך צו פאָרן אין שטאָט? — האַלט אין דער לינקער האַנט אַן עמער מיט שיטערער גלאַנצנדיקער פליסיקייט, צעלאָזטע סמאָלע, טונקט איין אין דעם אַלע ווײַלע די באַרשט אין זיין רעכטער האַנט און פּירט מיט איר אַרום די ביימער, — פאַרבט אָפּ די שטאַמען מיט סמאָלע־רינגען.

עפּעס אַ געזונטער יונגאַטש מיט הויכע פיס און לאַנגע שטי־וואַלעס און מיט אַ געדיכטער טשופּרינע שאַטענע האָר, וואָס פאַלט אים אַריבער איבער די אויגן — ער שטופּט מיטן אַקסל און מיט אַ זייט די שווערע פּאָמפּע־מאַשינעריע — ער שטופּט זי גרינג, זי פליט ביי אים, ווי אַ שפּילכל אויף רעדעלעך.

פאַרהאַרעוועטע שווייגעניש. אויף בונעמען קוסט זיך אַלץ קיינער ניט אום.

אין אַ מינוט, ווען מען ציט אָפּ דעם אָטעם און מען ווישט אָפּ דעם שפּעדיקן שוויים פון שטערן, רייצט זיך ר׳ בעריש מיטן הויכן יונג וואָס מיט דער גערדיכטער טשופרינע שאַטענע האָר.

— העי, שמיד דו... לייג צו אַביסל מער כוח... שפּיל זיך ניט...

— וואָ־פּערוויך, אַז איר ווילט יאָ וויסן, בין איך עס אייך גאָר־ניט מחויב צו טאָן, — באַליידיקט זיך נאָטע דער שמיד־יונג. — דאָס איז ניט מ י י ן אַרבעט... איך טו עס גלאַט אַזוי. און וואָ־ווטאָריך, — אַ־נו, פּרואווט עס א י ר אַ רוק טאָן, ר׳ בעריש... איר וועט זיך דאָך גלייך באַמאַכן...

דער אַלטינקער כיכיקעט פון גרוים הנאה וואָס אים איז געלונגען אַרויסצובערענגען אַמאָל פון געדולד דעם אייזערנעם רואיקן נאָטע... ער שטויסט זיך גאָרניט אָן אַז ניט ער האָט עס דעם גרעסטן חלק אין נאָטעם איצטיקער אומרואיקייט און צערייצטקייט. נאָטעם פּנים איז פאַרקאַלעכט, פאַרשפּריצט — טאַקע ווי פּאַסט עס זיך צו נאָטע שמיד־יונג אַזאַ פּנים? אַ גרינס גאָר, אַ פאַרשמירטס ווי ביי אַ פאַרבער... אָבער ניט דאָס נעמט עס זיך נאָטע אַזוי שטאַרק צום האַרצן; דעם געזונטן יונג מיט די פלאַמענדיקע באַקן, וואָס זיינען איצט גרין באַפּליאַמעט, פאַרדריסט גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש...

פון דער זייט וואַרפט ער פון צייט צו צייט זייער און זייער ניט־פריינטלעכע בליקן אויפן אויסגעפּוצטן אַמעריקאַנער אין דעם אַנצוג פון פעפער־און־זאַלץ. וואָס דאַרף ע ר דאָ, אָט דער־אָ פּי־פּערנאָטער... פונם לאַנד פון ווינטשעסטער־ביקסן, האַנט־גראַנאַטן, דומדום־קוילן, אַרכאַנגעלסקער עקספּעדיציעס... און כאָטש בונעם שטייט דאָ נעבעך איצט אַ פאַרלוירענער, אַן איבעריקער, דוכט זיך נאָטען אַז יענער לאַכט גאָר — אַז דער אַמעריקאַניעץ קוקט אויף אַלעמען דאָ מיט ביטול, פון אויבן אַרונטער...

— ער לאַכט מסתמא אין האַרצן פון אונזער אָרימקייט, וואָס דען... אָבער נישקשה — מיר׳ן אייך אָניאָגן! אפילו איבעריאָגן! העהע!

און ער שטרענגט זיך ווידער אָן, גיט אַ שטויס מיט אַ מעכ־טיקן אַקסל די מאַשינעריע, וועלכע גיט ווידער אַ פּלי ווי אַ גרינג פעדערל, — נאָטע באַשליסט אַז מער קוקט ער זיך אפילו ניט אום אין יענער זייט...

בונעם וואונדערט זיך, וואונדערט זיך און הערט זיך סוף־כל־סוף אויף צו וואונדערן וואָס קיינער ווענדט זיך צו אים די גאַנצע צייט ניט מיט קיין איינציק וואָרט ניט. סיידן זיי ווייסן ניט ו ו ע ר ער איז? איין ר׳ בעריש וואַרפט אויף אים פון צייט צו צייט אַ קרומען בליקעלע, אַ שמייכלענדיקן בליקעלע, אָבער אויך ער ווענדט זיך צו אים ניט מיט קיין איינציקן וואָרט. ווער־ווער — דער אַלטער ווייסט דאָך וואָס ס׳קומט פאַר צווישן סטערען און בונעמען, — וואָס, פאַרבענקט זיך, מיסטערל, הא? געקומען צו־קריכן צום ווייב?

און פונקט ווי בונעם וואָלט טאַקע פאַרשטאַנען דעם זין פון אָט דעם שמייכעלע, צעגיסט זיך באַלד אַ רויטקייט איבער זיין גע־זיכט... דאָס באַוואוסטקייט פון זיין איבעריקייט דאָ ווערט אין אים נאָך שטאַרקער: ער דערפילט מיטאַמאָל אַ שטאַרקע בושה קעגן אָט די אַלע האָרעווענדיקע מענטשן. און פּלוצלונג גיט ער אַ ריס אַראָפּ פון זיך זיין פּידזשאַק, גיט אַ זעץ זיין טייערן קאַפּעליוש אָן דער ערד, פאַרקאַטשעט די אַרבל פון זיין זיידענער העמד און הויבט אָן זוכן די פאַרטקע וואָס פירט אין סאָד אַריין.

די מענטשן אין גאָרטן לייגן אַ ווײַלע אוועק די אַרבעט, קוקן אָן דעם אַמעריקאַנעם מיט שטוינונג, ווי אַ צעווילדעוועטן אָקס, וואָס קלייבט זיך זיי אַטאַקירן... ניט געפינענדיק אַזוי גיך די פאָרטקע שפּרינגט בונעם איינס־און־צוויי אַריבער דעם פּלויט.

— אָט... — סאָפּעט ער אַזש און שמייכלט איינצייטיק...

— אָט בין איך אויך דאָ... איך וויל אייך „געבן אַ האַנט”...

און אַזוינוי קיינער ווייזט אים ניט אָן וואָס ער קען דאָ טאָן, בויגט ער זיך איין מיט אַ מעכטיקן אַקסל צום פעסל מיט גרוי־גרינלעכער געשמירעכץ, הויבט עס אויף אַליין און טראָגט עס צו נענטער צו נאָטען מיט זיין פּאָמפּע־מאַשין. ר׳ איטשע בלייבט שטיין הינטער אים אַ דערשראָקענער, זיין שמאָלע און שפּיציקע באָרד שטעכט זיך אַריין אין דער לופט מיט אַ פראַגע־צייכן...

.ג

נאַנט צו מיטאָג־צייט, ווען סטערע איז אַרויס פון אַהינטער דעם עגול אַלטע הויכע ליפּעס מיט אָפּגעשיילטע שטאַמען, זען וויפיל עולם ס'איז דאָ אויפן הויף, און צי קען מען שוין רופן צום וואַרימעס, — האָט זי זיך שטילינקערהייט אָפּגעשטעלט אַביסל ווייטער פונם פּלויט. נעבע, כיעלם ווייבל — זי פּלעגט אַלע מינוט אַרויסלויפן, אונטערטראָגן דעם טייערן איידעלן מאַן אירן אַ קווערטעלע פּריש וואַסער אין דער גרויסער היץ, האָט איר שוין געהאַט איבערגעגעבן וועגן בונעמס „קינדישן איינפאַל".

סטערע איז אַזוי געשטאַנען אומבאַמערקט און האָט זיך אונטערגעהערט צום געשפּרעך פון די מאַנסבילן אין סאָד. די שטי־מען זיינען געווען לוסטיקע, הויכע — מען איז דאָרט קענטיק געווען צופרידן מיטן אויסגאַנג פון דער אַרבעט.

— זעסט... — גיט אימיצער אַ קאָמפּלימענט בונעמען. — ווי נאָר אַן אַמעריקאַנער האָט זיך צוגערירט, זיינען מיר גלייך געוואָרן פּאַרטיק.

—ע. — שעמט זיך בונעם. — איר מאַכט פון מיר חוזק... כאָטש ביי אונז, דעם אמת געזאָגט, האָט מען טאַקע ליב אַריינ־צוּאַרבעטן... — לויבט בונעם ניט זיך אַליין, חס־ושלום, נאָר דאָס לאַנד פון וועלכן ער האָט דעם כבוד צו זיין אַ בירגער. — אָבער... וויאַזוי האָט איר עס דערלאָזן אַז אַזויפיל ווערים זאָלן זיך אַריינכאַפּן אין די בוימער, כמעט אין אַלע בוימער? ביי אונז אין אַמעריקע...

נאָטע גיט אַ שטרענגן קוק אויפן אַמעריקאַנער, נעמט אַרויס זיין גרויסן טשוהונענעם ציבעלע־זייגער פון דער פאַרשפּריצטער סאַטינענער העמדל, ווי ער וואָלט נויטיק געהאַט פּונקט איצט וויסן ווי שפּעט עס איז. נאָר ער פאַרגעסט פונדעסטוועגן אויפצוקאַ־לופּען מיטן נאָגל דעם דעקל פונם זייגער, אַ קוק צו טאָן אויף די ווייזערס... אַ ווײַלע האַלט ער אַזוי דעם זייגער אין האַנט, לייגט אים ניט אַריין צוריק אין קעשענע, שפּילט זיך מיט אים, דרייט אים אין אַלע זייטן, שאָקלט אים, וועגט אים... ער פּלאַצט ענדלעך אַרויס:

— „אין אמעריקע"... יאָ, מיר ווייסן, מיר ווייסן... מען מוז צוגעבן: ביי אייך ווייסט מען פאַרט ווי צו אַרבעטן, ווי צו טאָן אַ זאַך... ביי אייך הייסט עס אַפּישענסי, — פאַרענדיקט דער שמיד אַ ברוגזער — אַ ברוגזער מסתמא דערפאַר וואָס ער מוז צוגעבן דאָ אַמעריקעס גרויסקייט. — סיי־ווי־סיי אָבער... ביי אייך אַרבעט מען פאַרן טייוול... אָט וואָס!

— האַ? ווי הייסט עס, זאָגט איר, ביי אונז? — קערט זיך אום צו אים בונעם מיט אַ געזיכט וואָס איז אי פאַרוואונדערט, אי גליקלעך־צופרידן. — אַפּישענסי? זעסט, און איך האָב עס קיינמאָל ניט געוואוסט... אַלבעטשע1), איר זענט אויך געווען אין אַמע־ריקע?

— וואָס טויג מיר דאָס דאָזיקע־אָ... — כעסט זיך ר' בער אויפן שמיד. — נאָטעלע הויבט שוין אָן מיט זיינע זאַגענישן! וואָס טויג מיר דיינע אַמעריקאַנער ווי־דו־רופסט־עס דאָרטן, אַז מיר דאַרפן דאָ גאָר בעסער אביסל טויטן אינווענטאַר... ווער־ווער, נאָר דו ווייסט דאָך וויפיל מאָל מיר דאַרפן איבערניצעווען דעם גאַנצן אַלטן אינווענטאַר אונזערן. אָט, ווען אַמעריקע וואָלט אונז צוגעשיקט אַהער אַ פּאָר טראַקטאָרלעך!

— כאַ־כאַ, אַ פּאָר... — לאַכט זיך כיעל פּאַנאַנדער. — אַ פּאָר נאָך ווילט זיך אים! אַנדערש ניט ווי אַ פּאָר! ער מיינט אַ טראַקטאָר איז דיר אַ קלייניקייט! ס'באַטרעפט אפשר באַלד ווי אַ גאַנצער לאָקאָמאָטיוו...

— וואָס מיינט איר טאַקע... פאַרוואָס ניט אַ טראַקטאָר, האַ? — הויבט אין בונעמען אָן אויפקאָכן אָן אינערלעכע פרייד. — וואָס מיינט איר, איך קען עס סיידן ניט אויפנעמען מיט אונזער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס? אַז מען וויל, קערט איר דאָך אויך צו אונזער שטאָט... און פאַרוואָס טאַקע ניט צוויי טראַקטאָרס? איך בין שור2), אַז אונזער לאַנדסמאַנשאַפט וועט עס אַטענדן3)...

— האַ? — קווייטשעט אויף ר' בער, לאָזט זיך לויפן צו בו־נעמען, ווי אַ יונג קונדסל, נאָר שטעלט זיך אָפּ לעבן שמיד, דער־לאַנגט אים צוערשט מיטן עלנבויגן אַ שטורך אין זייט אַריין. — האָסטו געהערט דיבורים? — פאַרכליניעט ער זיך אַזש. — אויב אַזוי, איז ער דאָך אַ נאַש בראַט, אַ בראַט פון די ברעטער... אבי

מיר האָבן געמיינט... אויף מיין וואָרט, איך גיי עס גלייך דער־ציילן, סטערען...

— האָ, אַלטער לאָשעק... — צעבייזערט זיך נאָטע. — האַלט איין די לייצעס... כאַפּט זיך נאָך ניט... ס'איז נאָך דער־ווייל אויפן הימל אַ יאַריד...

— וואָס הייסט? — באַליידיקט זיך בונעם. — אַז א י ך זאָג! וואָס מיינט איר עפּעס, אין אַמעריקע האָט עס אַ זנאַטשעניע אַ צוויי טראַקטאָרלעך? אָט, אַז איר גלויבט מיר ניט, שרייב איך פאַר אייך אין די אויגן אַ בריוול אין אונזער לאַנדסמאַנשאַפט... טאַקע נאָך היינט...

— הוראַ! — האָט דער אַלטער נאָך העכער אויפגעקוויטשעט,
— הורראַ!!... — דער מידער און צאַרטינקער כיעל איז פונם גע־שריי שיר ניט אַרונטערגעפאַלן פון בוים.

הינטערוויילעכטס האָט זיך דערווייל סטערע אויף די שפּיץ־טריט אָפּגעטראָגן פון דאַנען. אין האַרצן האָט איר פּלוצלונג אַ קלאַפּ געטאָן אַ ניט־געריכט געפיל, אַ מאָדנע געפיל. זי האָט זיך אַוועקגענבעט שטילינקערהייט, נאָר אויף יענער זייט בוימער־ענגל האָט זי אירע טריט פאַרשנעלערט, איז כמעט געלאָפן. פאַראויס, פאַר איר, איז געלאָפן בונעמס געשטאַלט — דאָס פּנים פאַרשפּריצט און פאַרקאַלעכט, דאָס זיידענע העמד אויסגעשמירט אין גרויע און גרינע פלעקן, די טייערע הויזן פאַרדריפּעט... דאָס דאָזיקע גע־שטאַלט האָט געשוועבט פאַר איר אויך דעמאָלט, ווען זי האָט אָנגע־הויבן אויף דער וועראַנדע קלינגען מיטן גלאָק — אַ רוף צום ווייטן און נאָענטן עולם פון קאָלווירט, אין הויף און אויף די פעל־דער, אַז איצט איז מיטאָג־שעה. דער רוף פון גלאָק האָט דאָס מאָל געקלונגען העלער, ליכטיקער ווי געוויינטלעך. סטערען אַליין, אַלנפאַלס, האָט זיך עס אַזוי געדוכט.

— עי, אם כן, אויב אַזוי... — האָבן ר' בערס דאַרע פינגער זיך איינגעגעסן אין די מוסקולן פון בונעמס אַנטבלויזטן אָרעם. — איז איצט וועט איר טאַקע גיין עסן מיטאָג צוזאַמען מיט אונז אַלעמען... געאַרבעט צוזאַמען מיט אונז — איז געגעסן צוזאַמען מיט אונז!

ד.

נאָך מיטאָג ליגט בונעם אויסגעצויגן אויפן שפּוע פון באַר־ניקן ברעג, אַ פּאָר הונדערט טריט פונם הויפּט־בנין פון קאָלווירט.

דאָס גראָז אונטער בונעמען — טרוקן, וואַרים, הייס אַזש. נאָר איבער אים צוקאָפּנס — שאָטנס פון אַ גרויסן צעצווייגטן בוים. וואָס איז עס פאַר אַ בוים? בונעם ווייסט ניט, כאָטש זיינע הענט, וועלכע באַרען זיך אויף דער ערד, טאַפּן אָן אומגע־זעענערהייט אַזעלכע אָוואַלע ניסלעך — זשאָלודעס.

בונעם ליגט אויסגעצויגן אויפן רוקן. אין קאָפּ — אַ שווערער האַלב־דרימל: מחמת דעם אימפּעטדיקן אַרבעטס־טאָג פון פאַר וואַרימעס; מחמת דעם וואַרימעס גופא און מחמת דער שטאַרקער היץ אין דרויסן, וואָס מאַכט דאָס בלוט אין די אָדערן געדיכט ווי זשעלאַטין. אַ ווירציקע פליסיקייט, ווי פון אַסך אויסגעטרונקענעם ווייַן, צעגיסט זיך אים איבער אַלע אברים, און ערשטער ריר פון איינקאָוועגדיקן דרימל דערגרייכט דעם מידן קאָפּ.

אין איינדרימלענדיקן מוח פּיקט נאָך פונדעסטוועגן אַ ברענענ־דיק רויט פינטל: סטערע... זי האָט אים פאַרשפּראָכן צוקומען אַהער ווען זי וועט פאַרטיק ווערן מיט איר אַרבעט.

פון הינטן דערהערן זיך קולות. דאָס ברענענדיקע רויטע פינ־טעלע אין בונעמס מוח טאַנצט זיך דעמאָלט פאַנאַנדער, פאַריאָגט פון קאָפּ דעם ווירציקן איינשלעפערדיקן ווייַן. בונעם ווערט וואַכער, הויבט זיך אויף, שפּאַרט זיך אָן אויף די דלאָניעס, הערט זיך איין... דער זאַמד ברענט די דלאָניעס פון די הענט, ווי הייסער אַש.

איין שטים — אַ קווויטשעדיקע, אַ טרוקענע:

— הם, ביסט עפּעס אַ מבין אַביסל אַ היץ — און אין אלול נאָך! אַ גאַנצן זומער אַ פּאָר רעגנדלעך בלויז — אויפן שפּיץ־פינ־גער! קאַרג געוואָרן דער אַלטער...

אַ צווייטע — אַ זאַפּטיקע, רואיקע, נידעריקע שטים:

— דאָס איז דערפאַר, ווייל איר, ר' בעריש, זייט צו־פרום.

— איך?

— יאָ... איר פּריידיקט דאָך צווישן אונז אַלעמען מיר זאָלן פרום אָפּהיטן אַלע געבאָטן...

— איך? די געבאָטן? וואָס פּלאַפּלט ער דאָרטן...

— די נעבאָטן פון לעניגען...

— קל... קל... קל... — הילכט זיך פאַנאַנדער אַ לויטערע שטים, ווי פון דעם צונויפקלאַפּן פון צוויי מעטאַלענע טאַצן. — אַליין, דערציילט מען, געווען אַמאָל אַ פרומער איד, ר' בעריש... און איצט: „היט אָפּ די נעבאָטן פון לעניגען" — להבדיל: היט אָפּ די נעבאָטן פון תורת משה... „געדענקט די צימערוואַלדער קאָנ־פערענץ" — געדענקט, וואָס איך האָב אייך געזאָגט אויפן באַרג חורב...

בונעם דערקענט א י י ן שטים: דאָס איז דער אַלטינקער. און ווער זיינען די איבעריקע שטימען? און וואוהין גייען זיי איצט? אַ בעלנות פון אים צו האָבן אַזאַ נייגעריקייט דווקא איצט... ווי־באַלד, אַז סטערע איז דאָך צווישן זיי זיכער ניטאָ. דאָס רויט־צע־טאַנצטע פינטעלע באַרואיקט זיך ווידער; די ווירציקע מידקייט פון היינטיקן טאָג, ווי אַ הייסער גראַג, צעגיסט זיך ווידער אין אַלע אָדערן. ווי פון יענער זייט אַ פאַרהאַנג הערט זיך פון זיך אַליין:

— אָבער זעט נאָר, חברים... ווי איך בין אַ... זעט איר ניט דאָרטן אויפן הימל אַ קליין וואָלקנדל... אָן־דאָרט וווּיט, אויף יענער זייט טייך — אַ קליינטשיקער וואָלקנדל, אפשר אַ טפח די גרויס? ס'איז אַן איבערברוך — איר'ט זען מיינע רייד!

— וואָס דען? — רייצט זיך ווידער די זאַפּטיקע, די רואיקע, די נידעריקע שטים. — ווי איך האָב פריער געזאָגט... אי דער לערנער, דער לערנער — ער רופט זיך נאָכאַנאַנד אָפּ... ר' בער, זיך אודאי דערמאָנט, האַ? „און עס האָט זיך באַוויזן אַ וואָלקן די גרויס ווי טפח"... אי, ר' בער, ר' בער! און וואו זעט ער דאָרט אויפן הימל וואָלקנס? און ווינט און וואָלקן, און קיין רעגן איז אַלץ ניטאָ.

— קל־קל־קל... — קלינגט זיך פאַנאַנדער די זעלביקע זילבערנע גלעקלדיקע שטים, וואָס פריער. — „היט אָפּ די נעבאָטן פון לעני־נען"... האַ, ר' בעריש?

די קוויטשיקע, טרוקענע שטים — נו, יאָ, ס'איז טאַקע דער אַל־טער! — בייזערט זיך, ברעכט זיך, ווי אַן איבערגעבראָכענע פון דער היץ:

— אַז איר זענט בײדע בלינדע... איר האָט ניט קיינער אַזאַ גוטע ראיה ווי איך... און איך זאָג אייך בפירוש: איך שמעק

טאָקע אין דער לופטן אַ רעגן... פאַרלאָזט זיך אויף מיין נאָז! און — שאַ: איך פיל שוין צייט אַ פּאָר שעה ווי עס ציט מיר אַ פּוס...

אַזוי — אַ רעגן? איצט איז שוין בונעם איינגאַנצן וואַך. ער הייבט זיך אויף אויף אַן עלנבויגן, וויל נאָכקוקן די שמועסנדיקע פאַרשווינען, נאָר יענע זיינען שוין פאַרשוואונדן לינקס, אין דער ריכטונג צום טייך־צו. אַ זאַמדיק בערגל האָט זיי פאַרבאָרגן פון אויג.

בונעמען דאַכט זיך טאַקע צו פאַרנעמען אַ קיל ווינטל, וועל־כער בלאָזט פון ערגעץ. איז עס אפשר אַ ווינטל פון די אַמאָל־אַמאָליקע קינדהייט־יאָרן, אַ ווינטל וואָס ברענגט מיט זיך צו־טראָגן ריחות פון אַ קליינשטעטלדיקן ערב־שבת? אַרום אים איז איצט שוין ווידער שטיל. גרינע בערגלעך און צעקעסטלטע פעל־דער — קיין סימן אפילו ניט פון אַ שטעטל. נאָר אין מוח חלומען זיך: דאָס זילבערנע געקלאַנג פון אַ טויקאַטש, וואָס שטויסט צימערינג אין אַ שטויסל; דאָס מאָנאָטאָנע האַקן פיש אויף אַ האַק־ברעטל, וואָס צעטראָגט זיך איבער די ערב־שבתדיקע געסלעך; דאָס ליאַרעמען פון זיך־באָדנדיקע אינגלעך אין טייך... און אויב די ערשטע צוויי זיינען זיכער געווען אויסגעחלומטע זאַכן — אויס־געחלומטע פון בונעמס יונג־געוואָרענעם בלוט — איז אָבער דאָס לעצטע געווען דווקא אַ ווירקלעכקייט:

ערגעץ דאָרט הינטערן בערגל איז ווירקלעך געווען אַ טייך, שטיפערישע אינגלעך האָבן זיך ווירקלעך געבאָדן דאָרט, יונגע קולות האָבן ווירקלעך געקלונגען אין דער בלוי־צעהיצטער לופט. און הינטן איז געווען אַ אידישער דאָרף — אַ קאָלווירט רופן זיי עס דאָ, אַ דאגה, נו — און אַ פרוי, וועלכע ער האָט נאָך געטראָפן אַזוי פריש און יונג... און בונעם ציט זיך ווידער אויס אויפן גראָז. ציט זיך אויס מיט נאָך מער הנאה און חשק. ס'איז געווען ווי בלינדערהייט וואָלט ער געהאַט אַ פאַרלאַנג: זיך גוט איינצור־מאָסטשען אויף זיין אָרט, גוט איינגעסטלען זיך אין אָט דער וואַ־רימער ערד — שטאַרק, פעסט, רואיק, אויף צו פאַרבלייבן דאָ... פאַרבלייבן דאָ? דאָס איז אודאי אַ משוגעת... אָבער — פאַר־וואָס טאַקע ניט? כ'מיין... סטערע, אַלנפאַלס, שיינט צו זיין זייער צופרידן מיט איר חלק דאָ.

ער האָט זיך ווידער גענומען ציען אויפֿן גראָז, האַלב־שלעפֿעריק, און אָנגעגאָסענער מיט פֿריש־אויסגעוואָרימטער לוסט צום ווייב זיינעם — ער האָט אַזש אָנגעהויבן שפּירן אַ ווייטיק... ווייל ווי איז, אַז זי וועט טאַקע בשום אופֿן ניט וועלן אָוועקפֿאָרן פֿון דאַנען? שאַ, מען גייט.

צוויי פּאָר טריט — ביידע גלייך פֿעסטע — ביידע מאַנסבילשע, אָבער דאָס מאָל הערט בונעם קלאָר זיין ווייבס קול. זי לאַכט הויך. עס פֿאַרדריסט אים: צו וועמען לאַכט זי עס אַזוי?

זע, בונעם — דער מענטש, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען איפֿערזיכטיק, ניט אויף זיין אייגן ווייב און ניט אויף קיין אַנדער פֿרוי — ער הויבט איצט אָן פֿילן דעם טעם פֿון שטעכעדיקער איפֿערזוכט... באַלד האָבן זיך די צוויי אומגעזעענע מענטשן געזעגנט מיט צוויי ליכטיקע לאַכנדיקע שטימען. דערנענטערט צו אים האָט זיך בלויז איין פּאָר טריט; די צווייטע פּאָר האָט זיך דאָס מאָל מער דערווייטערט אַרונטערן בערגל, אין דער זעלביקער ריכטונג, וואָס די דריי שטימען און די דריי פּאָר טריט מיט אַ ווייל צוריק.

ה.

סטערע האָט געטראָפֿן אונטערן בוים אַ קיילעכדיק, אומרואיקצעהיצט פּנים וואָס איז געווען דורשטיק געווענדט צו איר — ברוינע אויגן, וואָס זיינען געווען אי בליציק, אי פֿאַרטונקלט. „די גרויסע היץ אין דרויסן?" האָט זיך סטערע פֿאַר זיך געוואונדערט.

— זע, וואָס ביסטו אַזוי לאַנג ניט געקומען... איך וואַרט און וואַרט... נו, יאָ, ביסט אודאי געווען פֿאַרנומען... — שלעפּט איר בונעם פֿאַר אַ האַנט צו זיך. — ווער איז געווען מיט דיר?

— דער שמיד אונזערער... — האָט סטערע רואיק געענטפֿערט.

— איז וואָס־זשע טוט ער דאָ... איז וואָס האָט ער דאָ געטאָן?

בונעמס קול ציטערט כמעט, ציטערט אומגעזען און הייס, ווי די בלוי־צעהיצטע לופֿט אַרום, וואָס דערגרייכט אין אָט דער שעה איר העכסטן פּונקט.

— גאָרניט... — וואונדערט זיך סטערע. — וואָס איז דען?

— גאָרניט... — שלעפט זי בונעם פאַר א האַנט אַרונטער צום גראָז. — גלאַט אַזוי... איך האָב זיך געוואונדערט הלמאי דו קומסט ניט אַזוי לאַנג...

א ווײַלע שטיל. דער שמועס ציט זיך ניט ווײַטער. די היץ אַרום בײַדן — א צווייפאַך־שטאַרקע. בונעם קעמפט מיט די לעצטע כוחות, פּרואווט אַראָפּוואַרפן פון זיך די היץ־שטריק. וואָס הייסט, ער האָט מיט איר אַזויפיל צו ריידן... ער לאָזט אָפּ אויף א ווײַלע איר האַנט; אפשר וועט דאָס אים העלפן.

— נו, וואָס... האָסט שוין עפּעס געהערט פון די קינדער?

— ניין, נאָך ניט.

— האָסט דאָך זיי אָבער פונדעסטוועגן געשריבן? — פאָרשט בונעם ווײַטער באַאומרואיקט. — לכל־הפחות טאַמאַרעלען... און טאַקע דעם ווילדן יונג אויך...

סטערע טראַכט א ווײַלע, לייגט זיך איבער אין גערדאַנק, איידער זי ענטפערט.

— יאָ, געשריבן.

— און זיי... זיי האָבן דיר אויף דעם גאָרניט געענטפערט?

ווידער א קורצע פּויזע. סטערע קלאַפּט מיט א טרוקן צווײַגל איבערן זאַמד.

— ניין, נאָך בכלל פון זיי קיין בריוו ניט אָנגעקומען... מען דאַרף נאָך וואַרטן אביסל.

און ווײַטער קלעפּט זיך ניט דער שמועס א לאַנגע ווײַלע, א היציקע ווײַלע. סטערע גיט אומרואיק א דריי מיטן קאָפּ אויף לינקס. דוכט זיך א ווינטל? זי קוקט זיך איין אין הימל, זי פאַר־געסט, דוכט זיך, אינגאַנצן אָן בונעמען. אָבער ניט ער אָן איר...

ער נעמט ווידער אָן איר האַנט, גלעט זי מיט צערטלעכקייט. זײַן קול איז שטיל, האַקט זיך איבער.

— נו, און דיר... דיר, הייסט עס, געפעלט טאַקע דאָ? כ'מיין בײַ אייך...

דעמאָלט קערט זיך סטערע ווידער אויס צו אים.

— יאָ, דערווײַל גייט עס ניט שלעכט בײַ אונז... פאַר דער ערשטער צײַט. ווען עס זאָלן נאָך פאַלן עטלעכע גוטע רעגנס! ערד האָבן מיר גוטע, מיט ברויט זײַנען מיר פאַרזאָרגט נאָך פון

לעצט־יאָריקער תבואה, די סעדער האָבן מיר אָפּגעראַטעוועט... נאַטירלעך, אויב די טריקעניש זאָל ווייטער אַזוי אָנהאַלטן... — קוקט זי פאַרזאָרגט אין דער לופט פאַר זיך.

—וועט איר אויף קומענדיקן ווינטער אודאי קיין ברויט ניט האָבן... ניין, ניין...

— נו, יאָ, אַז מען פאַרלאָזט זיך מיטן ביסן ברויט אינגאַנצן אויפן אייגענעם גערעטעניש, איז טאַקע אַמאָל ריזיקאַליש... — ענטפערט סטערע רואיק, געשעפטסמעסיק, מעשה אַלטער דערפאַ־רענער פויער. — מיר וואָלטן דאָ באַדאַרפט האָבן עפּעס אַ זייטיקע פּרנסה... כ׳מיין, ניט דירעקט פון דער ערד.

איז אפשר וויל עס בונעם מיט דעם אַריבערגעווינען צו זיך סטערעס האַרץ. אָדער אפשר — ווער קען עס וויסן? — אפשר דערוועקט זיך טאַקע אין אים אויך אַ געפיל פון נאָענטקייט צום אָרום, אַ געפיל פון געמיינשאַפטלעכקייט?... ער הויבט זיך אויף אויף אַן עלנבויגן.

— נו, יאָ, כ׳מיין אויך אַזוי... ס׳וואָלט טאַקע געווען גלייך — אפילו פאַרמערס דאַרפן אויך זיין אַביסל אינדעפּענדענט4)... — גיט אויך בונעם זיין אויטאָריטאַטיווע מיינונג. — אין אַנדערע לענדער... אַשטייגער, ביי אונז אין אַמעריקע, לעבן פאַרמערס ניט פון דער ערד גאָר, נאָר פון באָרדינג־הייזער... דו ווייסט וואָס דאָס איז? רייכע מענטשן פאָרן אַהין אויף דאַטשע, ביקאָז5) אַלע האָבן געלט... אָבער דאָ, — וואָס קענט איר דאָ אויפטאָן? לאָמיר זאָגן, אַז איר זאָלט שוין דאָ איינאָרדענען אַ באָרדינג־הויז — ווער איז דען דאָ ביי אייך אין שטאָט אימשטאַנד זיך צו דער־לויבן אויף אַזעלכע זאַכן...

וואָס רעדט ער דאָרטן אויסן־וועג, פון דאַטשעס גאָר... פּרנסה קען מען דאָ ציען פון אַסך זאַכן! אַשטייגער, אַ ציגעלניע אויסבויען... מאַטעריאַלן אָרום — איבערגענוג: זאַמד, ליים, וואַסער... וואונדערבאַרער זאַמד! מען זאָל נאָר קריגן לייען ער־געץ אַ פּאָר טויזנט רובל, גאָלד־רובל. — טראַכט סטערע אינדער־הייך. — אויף אויפבויען די ציגעלניע גופא! עס הייסט, אייגנט־לעך, בלויז אויף בוי־מאַטעריאַלן: אַרבעטער דינגען דאַרפן זיי ניט — זיי קענען אַלץ אַליין מאַכן, מיט די אייגענע הענט...

— זע נאַר, ווי עס רעדט... אַן אמתער מאַנסביל! — וואַקסט אַ שטאָלץ אין בונעמען אויפן ווייב. און ער הייבט זיך שוין אויף גאַר אינגאַנצן און בלייבט זיצן. ער ווערט ערנסט געשעפטסמעסיק. אַ פּאָר טויזנט רובל? דאָס אינגאַנצן? אָ, דאָס קען מען גרינג אַראַנזשירן...

— דו מיינסט אודאי דיין אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפט... דערנקסט דען, אַז זיי וועלן אויף דעם געבן געלט?

בונעם צעפלאַמט זיך אַזש.

— פאַרוואָס עפּעס די לאַנדסמאַנשאַפט? נאַרעלע, וואָס מיינסטו... ביי מיר האָט עס אַ זנאַטשעניע אינוועסטן אַ פּאָר טויזנט רובל אין אייער ציגעלניע? אָווקאַז6), אויב עס לוינט זיך נאָר פון ביזנעס־פּאָינט־אָוו־וויו7)... איך מיין צו זאָגן, אויב דאָס גאַנצע געלט דאָ ביי אייך זאָל ניט גיין טיף אין דער ערד אַריין...

סטערע הערט ניט, אָדער וויל ניט הערן זיינע לעצטע ווערטער; זי לויכט אויף צו אים מיט אַן אָפן פריידיק געזיכט.

— דו וואָלסט אונז געגעבן געלט אויף אַ ציגעלניע? אָבער וויאַזוי... ווייבאַלד דו ווילסט זיך דאָך אָוועקלאָזן צוריק קיין אַמעריקע. נאַטירלעך, אונזער קאָלעקטיוו וויל עס בלויז ווי אַ הלוואה...

בונעם קוקט איר אַ ווײַלע גלייך אין די אויגן אַריין, קוקט מיט פאַרזשמורעטע בליקן... דערנאָך לאַכט ער מיט אַ ברוסטיק־צופרידן געלעכטער.

— נו, דאָס קען מען נאָך אויף אַ ווײַלע אָפּלייגן... ביז וואַנען, הייסט עס... ביז וואַנען מען וועט מאַכן די נויטיקע אַראַנדזשמענטס... — ער נעמט זי וואַרים אַרום מיטן לינקן אָרעם, גיט אַ קרעפטיקן דריק־צו צו זיך איר טאַליע. — אַז ווייבאַלד דו ביסט אַזאַ עקשנטע...

— נו, איך דאַרף שוין גיין... — לאַכט סטערע אינדערשטיל.

— מען דאַרף צוגרייטן פּאָלע פאַר די בהמות... און דו, כ'מיין, צוליב וואָס זאָלסטו ליגן דאָ? די ערד איז טאַקע טרוקן, פונדעסטוועגן איז ניט גוט צו ליגן לאַנג, ביסט דאָך ניט געוואוינט... חוץ דעם, ביסט דאָך דערשוויצט; קענסט זיך נאָך חלילה פאַרקילן.

זי הייבט זיך אויף. שמעקט מיט ברייט־פאַנאַנדערגענומענע נאָז־לעכער די לופט.

— מה־הר... מה־הר... איך פיל פּאַרט, ווי אין דער לופט רוקט זיך אָן אַ פייכטקייט... מ׳קען ניט וויסן... שאַ, פּאַרוואָס זאָלסטו גאָרניט גיין זיך אויסבאָדן אין טייך? די מאַנסבילן זיינען דאָך אַלע אַוועק איצט זיך באָדן, זיי טוען עס ביי אונז יעדן פרייטיק. גיי אויך, בונעם.

ז.

בונעם האָט שוין לאַנג ניט אַזוי הנאה געהאַט פון אַ באָדן זיך, ווי דאָס מאָל.

נו, יאָ, אודאי; אין אַמעריקע האָט ער זיך ניט איינמאָל זומער־צייט געבאָדן אין קוני־איילאַנד. ניט איינמאָל האָט ער זיך אונטערגעשטעלט אונטער דעם וואַסערדיקן קרישטאָל־גרינלעכן פּאַלאַץ פון אַ ריזן־כוואַליע אין פאַר־ראָקאַוועי, וואָס האָט הויך איבער אים אַריבערגעטורעמט. אָבער וואָס איז דאָס אַלץ געווען קעגן דעם זשוואַווען גרינגן גיין פוס־טריט אין דעם שטילן וואַסער פון דעם היימישן פּריפּיעט־טייך?

בונעם האָט יענעם נאָכמיטאָג דערפילט אין וואַסער, אַזוי ווי ער וואָלט מיטאַמאָל בפועל־ממש עפּעס אָנגעוואָרן וואָג, ווי דאָס וואַסער וואָלט אים אַראָפּגעשווענקט די אַלע זאָרגן פון די לעצטע עטלעכע וואָכן. און זיכער האָט ער אין אָט דער שעה אָנגעוואָרן יאָרן — געוואָרן צוריק דער אַמאָליקער יונגערמאַנטשיק, ערשט נאָך דער חתונה, ווען ער פלעגט נאָך אַ זומער אַפּאַרבעטן, קומען צופאָרן פון קיעוו אַהיים צו זיין ווייב אויף יום־טובים.

ווען אַלע באָדנדיקע זיינען שוין אַרויס פון וואַסער, איז ער נאָך געבליבן. מען האָט אים גערופן, געוואָרנט, אָנגעוויזן אויפן הימל — בונעם האָט גאָרניט געזען: ז י י ן הימל האָט זיך איצט געפונען אין וואַסער, צי גאָר אין אים אַליין... ער האָט זיך געפּליושקעט ווי אַ זאָרגלאָז קינד. דער הימל איבער זיין קאָפּ וואָלקנט זיך, די לופט ווערט זייער שנעל קיל, טונקל — נאָר בונעם באַמערקט עס אַלץ ניט. ער גייט אַרויס פון וואַסער ערשט דעמאָלט, ווען ער דערפילט אויפן קאָפּ די ערשטע טראָפּנס וואָס הייבן־אָן אַרונטערפאַלן פון הימל — פון דעם דרוויסנדיקן הימל, אויף וועלכן עס האָבן זיך געטורעמט איצט כמאַרעס אין אויסטערלישע

געשטאַלטן, האָבן צונויפגעשטעלט און פאַנאַנדערגעוואָרפן טורעמס און בנינים מיט אויסטערלישע פאָרמען. די טראָפּנס־רעגן זיינען געווען גרויסע, וואַרימע, פעטע.

אָן אַן אָטעם האָט בונעם אָנגעהויבן לויפן אהיים, די קליידער זיינען אים געוואָרן צוגעפּלעטשט צום לייב. וואָס־זשע האָט ער זיך אַזוי געשראָקן פאַרן רעגן, בונעם? זע, זע, די מענטשן, וואָס האָבן זיך איצט געפונען אויפן הויף פון „ניי־לעבן", האָבן שוין גאָרניט אַזוי געזשאַלעוועט זייערע אַלטע מלבושים... עטלעכע אידן זיינען דאָרט געשטאַנען אונטערן רעגן מיט אַנטבלויזטע קעפּ, ווי זיי וואָלטן גאָר געזשאַלעוועט, אַז די געדיכטע פעטע טראָפּנס פון שלאַקס־רעגן זאָלן נאָך, חס־ושלום, ניט פאַלן גלייך אויף זייערע קעפּ... קינדער האָבן משוגענערהייט אַרומגעטאַנצט אונטערן פּליוכענדיקן וואַסער און געשריען אומפאַרשטענדלעכע געשרייען. ווייבער האָבן איבערגעלאָזט זייער קאָכן, זיינען אַרויס אויף דער וועראַנדע, האָבן אַרויסגעשטעקט איבערגעקערטע דלאָניעס אונטערן רעגן, ווי שעפּעלעך, האָבן אָנגעשעפּט די לאַנג־געגאַרטע פּליסיקייט און זי גיריק געזופּט ווי אַ היילונג, ווי אַ טייערן בוימל.

אַז דער עולם אויפן הויף האָט דערזען דעם אָן־אָטעם לויפנ־דיקן בונעמען אינגאַנצן אַ דורכגענעצטן — איין גרויסע גלאַנציקע שמאַטע — האָט זיך אויפגעהויבן אַ פרייליכער הורא. אָבער בונעם איז זיי ניט שולדיק געבליבן קיין געשריי; נצחונדיק־צעווילדעוועט האָט ער צוריקגעשריען.

— אהאַ, וואָס האָב איך איך געזאָגט? אַ רעגן, אַ רעגן...

— ס'איז געווען, ווי דער רעגן וואָלט געווען אינגאַנצן ז י י ן פאַרדינסט, האָט געפּלייצט פון די פאַנאַנדערגעעפנטע הימל־פענצ־טער אינגאַנצן צוליב זיין כבוד־וועגן... ער האָט אָנגעכאַפּט דעם אַלטן ר' בערן פאַר ביידע דאַרע הענטלעך, און אים אָנגעהויבן טרייסלען:

— ס'עט זיין, מיין פריינט, ס'עט זיין... אי אַ טראַקטאָרל, אי אַ ציגעלניע... איך פאַרשפּרעך עס אייך! א י ד , בונעם! וואו איז סטערע?

סטערע איז דאָ ניט געווען. דער רעגן האָט זי פאַרכאַפּט אין שטאַל. מיט דער הילף פון נאָך צוויי ווייבער האָט זי דאָרט גע־

האלטן איצט אין אויסמישן אין גרויסע צעבערם דעם ווארימען זיסלעכן פוילע פאר די בהמות.

די כמאריקע טונקלקייט פון דעם הימל און פון דער לופט איז אלץ ניט שיטערער געווארן. מען האט דעריבער ניט געקענט זען, ווען עס האט זיך אנגעהויבן די טונקלקייט פון פארנאכט. דער רעגן האט זיך אלץ ניט אפגעשטעלט. דערנאך איז שוין מסתמא אודאי געווען נאכט, און עס האט נאך אלץ גערעגנט און גערעגנט...

ז.

און דער אוונט פון יענעם טאג איז געווען פרייטיק־צו־נאכטס, כאטש אויף די טישן פון די איבערוואנדערער־משפחות, וואס האבן געגעסן וועטשערע, יעדע אין איר ווינקל פון דעם פארצייטיק־פריצישן עס־זאל, איז ניט געווען צו זען ניט קיין פיש און ניט קיין פלייש און ניט קיין וויין. א ריח פון פרישן געבעקס האט זיך אפילו יא געשפירט אין עס־זאל; איינע אדער צוויי איבערוואנדער'ער־משפחות האבן דוקא יא באוויזן עפעס אפצובאקן אויף שבת... אבער ווער ווייסט, אויב זיי האבן ווען־עס־איז אין לעבן געפילט אזוי יום־טובדיק אויפן הארצן ווי אט דעם אוונט, בעת דער ארי־מער פויערישער וועטשערע פון מילכיקס און גרינס און שווארץ ברויט — און אויך א שטיק צייט דערנאך, ווען עס האט נאך אלץ ניט אויפגעהערט אין דרויסן צו רעגענען...

אינמיטן זאל האט געזאדן א ריזיקער בייכיקער סאמאוואר ווי אין א וואקזאל־בופעט. ביים ליכט פון די איינצלנע לעמפעלעך, וואס האבן געברענט אין פארשיידענע ווינקלען — ס'האבן זיך אויך געזען א פאר אנגעצונדענע ליכט־מנורות — האט בונעם גע־זוכט סטערען. ער האט זי אבער אין ערגעץ ניט געזען. „איר" טיש איז געשטאנען ניט קיין געדעקטער.

— קומט אהער, א דאגה האט איר... — האט צו אים א שכנה צוגערופן פון א טיש. — זעצט זיך צו מיט אונז... דא עסט מען אויך...

דאס מאל איז מען געזעסן שפעט ביי די טישן, מארגן איז דער עולם ניט געגאנגען צו דער ארבעט אויף די פעלדער. בונעם האט

אַלץ אומרואיק געזוכט סטערען מיט די אויגן, כאָטש מען האָט אים באַרואיקט ביים טיש:

— זי איז אודאי פאַרנומען... וואָס זוכט איר זי אַזוי? מסתמא טוט זי עפּעס איצט. זע נאַר, ווי אַ יונגער אָגער... — האָט מען שעלמיש געוואונקען איינער דעם צווייטן.

ווען אַלע זיינען שוין פון לאַנג געווען נאָך וועטשערע, האָט זיך פון ערגעץ דאָ באַוויזן סטערע. בונעם האָט זיך אויפגעהויבן איר אַנטקעגן. זי איז געווען איצט אָנגעטאָן ניט אין דעם ברוינעם קאָלענקאָרענעם אַרבעטס־קלייד פון בייטאָג, נאָר אין דעם זעלביקן טונקל־בלויען קלייד, אין וועלכן בונעם האָט זי געזען, בעת זי איז געקומען צו אים אין שטאָט דאָס ערשטע מאָל. פון דעם דאָזיקן קלייד האָט זי איצט געהאָט אויף זיך בלויז די האַלב־זיידענע ספּאָד־ניצע. איבער דעם האָט זי געטראָגן אַ שניי־ווייס קאָפטל מיט קורצע אַרבל ביזן עלנבויגן. דער קאָפּ אירער איז געווען שטייף אַרומגענומען מיט אַ ווייס טיכל אַרום־און־אַרום, צונויפגעדרייט אין אַ בייגל.

— האָסט נאָך ניט געגעסן קיין וועטשערע? — האָט בונעם באַזאָרגט זי געפרעגט, בעת זי האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און האָט אָנגעהויבן ברעכן דאָס לעבל ברויט מיט אויסגעהונגערטע הענט. — וואו־זשע ביסטו געווען די גאַנצע צייט?

— קוים געקראָגן אַ פּרייע מינוט אויף אויסצוואַשן זיך דעם קאָפּ... — האָט סטערע געענטפערט ניט אים, נאָר אַ שמייכלענ־דיקער שכנה ביים נאָנטסטן טיש. — שוין אפשר צוויי וואָכן איך ניט געוואַשן... נו, און דיך, גלויב איך, — ווענדט זי זיך צו בונעמען, — האָט מען דאָ אודאי ניט געלאָזט הונגערן, האַ?

שפּעט אין דער נאַכט איז בונעם ווידער אוועק אין שייער אַריין אויף נאַכטלעגער. דאָס מאָל אָבער איז ער ניט איינגעשלאָפן אַזוי גרינג ווי נעכטן; יעדער מינדסטער אָדער איז אין אים געווען וואַך. אין די אינטערוואַלן צווישן די לעצטע פאַלנדיקע רעגן־טראָפּנס האָט ער זיך איינגעהערט נאָכאַנאַנד צום מינדסטן שאָרך, וואָס האָט זיך דערטראָגן צו אים אין דער פינצטער פון דרויסן...

ווען סטערע גייט אַרויס אויפן הויף, איז שוין גאָר שפּעט. אַלע שלאָפן שוין אודאי פון לאַנג. עס רעגנט שוין ניט מער. זי בלייבט אַ ווייל שטיין אינמיטן הויף. מיט ברייט־פונאַנדער־

גענומענע נאָז־לעכער שעפּט זי אין זיך די קילקייט די פרישע פון דער דורכגעשווייטקטער לופט.

פון אויף יענער זייט טייך זעען זיך שוין די ווייטע פייערן פון בערגלעך אָנגעצונדענע צווייגן, פון פלאַקערנדיקע שטיקער טרו־קענעם טאָרף, וואָס די נאַכט־פּאַסטוכער לייגן פאַנאַנדער אין דער קילקייט פון פייכטע לאָנקעס אויף יענער זייט וואַסער. די פייערן ברענען שטיל און ווייט, ווי שומרים פון דער אַרומיקער טונקעלער, מיט רעגן אָנגעזעטיקטער וועלט... מיט שטילע טריט האָט זיך סטערע געלאָזן גיין צום שייער, אין וועלכן בונעם איז געשלאָפן.

בונעם האָט אודאי מגלת־רות קיינמאָל ניט געלייענט; כאָטש אפשר האָט ער זי אַמאָל יאָ „געזאָגט" אין אַ שבועות־טאָג אין שול, אין די אַמאָליקע יונגע יאָרן זיינע, — ניט וויסנדיק, נאָטיר־לעך, וואָס ער זאָגט. אָבער ווען בונעם וואָלט יאָ געוועזן געוואוסט, פון וואָס עס דערציילט זיך דאָרט אין דער מגלה רות... ניין, אין אָט דער נאַכט האָט עס בונעם טאָקע זיכער געוואוסט.

זעקסטער קאַפּיטל

אויף וואָג־שאָלן

א.

ראַביקאָוויטש האָט זיך זיכער אויף אַזאַ מין כבוד קיינמאָל ניט געריכט:

אין אַ מיטנוואָכעדיקן טאָג, אַרום פיר אַזייגער נאָכמיטאָג, איז בונעם צו אים פלוצלונג געקומען מיט אַ וויזיט.

ראַביקאָוויטש איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן ווען זיין אויס־געכאַליעטע און אויסגעצערטלטע פּוילישע מאַדאַם, צפּורהשי, האָט אים מיט אַן אויפגערעגט־שעפּטשנדיקן קול איבערגעגעבן, ווער עס איז עס דער וואַזשנער גאַסט, וואָס זיצט דאָרט און וואַרט איצט אויף אים געבאָמבלט פון הינטן און זיך נאָכאַנאַנד אַרויסגעגליטשט פון בשום אופן ניט געקענט כאַפּן די לינקע שלייקע, וועלכע האָט זיך אים געבאָמבלט פון הינטן און זיך נאָכאַנאַנד אַרויסגעגליטשט פון דער ציטערנדיקער רעכטער האַנט, וועלכע האָט זי אַליין געזוכט צו פּאַקן.

— בונעם? — האָט ראַביקאָוויטש מיט אַ וואונק אויף דער וואַנט צוריקגעשעפּטשעט. — דער מיסטער... דער אַמעריקאַנער?

פון גרויסער נערוועזקייט אַפּנים האָבן אים דאָ, אינם שלאָפ־צימער מיט די אַרונטערגעלאָזטע שטאָרן, אַ פּאָר מאָל אַזש די ציינער זיך צונויפגעקנאַקט. כאָטש דאָס האָט דאָך גאָר געקענט זיין מחמת דעם וואָס ער איז ערשט אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער וואַרימער קאָלדרע, איידער ער האָט נאָך געהאַט פאַרענדיקט זיין געוויינטלעכן נאָך־וואַרמעסדיקן „דרעמל”, בעת וועלכן ער פלעגט

אוועקשנאַרכן אַ געשמאַקע שעה־צוויי, אפילו דריי. צפורהשי, וועלכע האָט אפשר בלויז זיך אַליין אָפּגעהיט אַ קאַפּעטשקע מער פאַרן מאַן, וואָלט אודאי ניט געווען איבערגעריסן פריצייטיק די איינטאָניקע מוזיק פון דעם מאַנס קליינע שנאַרכעלעך, ווען ניט אזא גאַסט.

צפורהשי אַליין, ניט די דינסט, האָט אים דאָס מאָל אריינגע־בראַכט צום וואשן זיך אַ קרוג וואַסער. און — דעם אַלטן, נאָר ציכטיקן נאָך רעדינגאָט, מיט די פאַרקיילעכדיקטע פּאָלעס. און בעת ראַביקאָוויטש האָט זיך פרום ארומגעבערשטלט און זאָרגעוור־דיק, מיט אַן איינגענעצטער האַנט, אויסגעקעמט די רויטלעכע פּעטע באָרד זיינע, האָט אין מוח געפּיקט, געהאַמערט:

— וואָס קען עס באַדייטן, אָט דער אומגעריכטער באַזוך, הא?

מיט אַ קורצער ווײַלע שפּעטער איז ער שוין געזעסן ביים אַלטן צעלעכצטן קײַלעכדיקן טיש, אויף וועלכן עס איז געווען אַ גרויסע געפאַר צו־שטאַרק אָנצולענען אַן אָרעם; די קלוגע צפורהשי האָט דעם גרויסן גאַסט טאַקע אוועקגעזעצט ביי דער צווייטער, ביי רער זיכערער זייט. איבעריקס, זיינען דאָך דעם טישס אַלע וואונדן געווען איצט איבערגעדעקט מיט אַ שיינער פּילקאָלירטער שבתדיקער טישטוך.

ראַביקאָוויטשן איז אודאי צונויץ געקומען זיין פּיליעריקע סוחרישע גענישטשאַפט; זיין געזיכט האָט שוין איצט געהאַט אויף זיך אַ מאַסקע פון פולקאָמסטער רואיקייט. ער האָט ארויפגעצויגן אַ פריינטלעכע און חשובע מינע — אזא ווי עס האָט זיך געפּאַסט אין דער אָנוועזנהייט פון אזא גרויסן מענטשן. אָבער בונעם — וואו זיינען עס אים איצט אַזעלכע זאַכן געלעגן אין קאָפּ. זיין גאַנצע אַמבאַסאַדאָרישע וויכטיקייט איז שוין לאַנג געהאַט פון אים פאַרשוואונדן. ער איז געווען איצט, קענטיק, אין אַ שטאַרק־אומ־רואיקן צושטאַנד. און ניט ער האָט געטראַכט דערפון, און ניט ער וואָלט געקענט זיין אימשטאַנד זיין איצטיקן צעטומלטן צושטאַנד צו באַהאַלטן.

— אָט־וואָס... — האָט ער גלייך און אָפּגעהאַקט אָנגעהויבן.

— איך האָב מיך געוואָלט מיט אייך האַלטן אַן עצה... ס'איז אַזוי די מעשה...

אויפֿן טיש האָט זיך אָנגעהויבן באַוויַיזן כּיבוד — דער ערשטער טייל פֿונם כּיבוד — קליינע געקאַרבטע טעצעלעך מיט מאַלינע־סאָק, מיט קלובניק־איינגעמאַכטס. צפֿורהשי אַליין האָט דעם כּיבוד אַרייַנגעטראָגן, האָט מיט נעצערטלטע לאַנגזאַמע באַוועגונגען אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערשטעלן די געשליפֿענע טעצעלעך, פֿאַנאַנדערלייגן די טיי־לעפֿעלעך. נאָר ראַביקאָוויטש האָט איר געגעבן צו פֿאַרשטיין מיט אַן אויגן־טענצל, זי זאָל זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן פֿון דאַנען — זי קאָן דאָך אפֿשר זשענירן דעם אַמעריקאַנער ביי אַזאַ וויכטיקן שמועס.

בונעם האָט עס באַמערקט.

— ניין־ניין... — צאַפּלט ער זיך אויף. — זאָל דאָ אייער מאַדאַם פֿאַרבלייַבן... אדרבא... איך וויל מיט אייך בלויז אַן עצה האַלטן... און איך בעט אייך, מאַדאַם: זייט זיך ניט אַזוי מטריח... מען דאַרף ניט קיין טיי — איך בין בלויז אויף עטלעכע מינוט, איך אייל מיך... — ער האָט צוגעגעבן מיט אַ מין באַשיידענעם שמייכל אויף זיך אַליין. — מיר, אַמעריקאַנער, איילן זיך תמיד, יו נאָו!

און בונעם האָט ענדלעך אַרויסגעפּלאַצט מיט זיין „קוועטשעניש": ער האָט באַשלאָסן צו פֿאַרבלייבן דאָ, אין רוסלאַנד... וואָס קוקט מען אים אָן אַזוי? נאַטירלעך, ניט אויף תמיד... אויף אַ שטיקל צייט בלויז: ער איז, חס־ושלום, נאָך ניט אַראָפּ אינגאַנצן פֿון זינען... כאָטש צוריקגערעדט — אָט לעבן דאָ אויך מענטשן!

— וואָס איז דען דער מער מיט אייך, אַשטיינער, פּאַניע ראַביקאָוויטש? — בונעם האָט זיך צום ערשטן מאָל, זינט ער איז אַרייַנגעקומען, אַרומגעקוקט אַרום זיך, אַ לויף געטאָן מיט די בליקן איבער די ווענט. זיי זיינען געווען טאַקע כּמעט נאַקעטע, די ווענט — אַ וויליטשקענער מזרח אין אַ צעלעכצטער ראַם אָן אַ שויב, צוויי פּאָרטרעטן פֿון זיידע־באָבע פֿון אימיצנס צד, אַן אויסגעהאַפּטענער אוקראַיִנישער האַנטוך מיט צוויי הענט אין צוזאַמענדרוק פֿון אייביקער פֿריינטשאַפֿט... בונעם אָבער האָט געשמייכלט קעגן ראַביקאָוויטשן:

— דוכט זיך מיר, ניט צו פֿאַרזינדיקן...

ראביקאָוויטשעס ענטפער איז באַשטאַנען בלויז פון אַ טרויע־ריקן שוויַיגנדיקן שמייכל, און דערנאָך — פון אַ לייטישן קרעכץ. ער האָט געמיינט, אַז דער קרעכץ:

— נ־נאַ... וואָס מענטשן קענען שוין אַ י ם מקנא זיין...

— מען פאַרשטייט, מען פאַרשטייט... — איז בונעם געגאַנגען אויף הנחות, אויף מ אָ ר אַ ל י ש ע הנחות, הייסט עס.

— אָבער כ׳מיין... אויף אַ קורצער צייט קען מען דאָך דאָ פאַרבלייבן... ניין? אַלנפאַלס, מ׳עט פּרובירן — וועט מען זען... וואָס זאָגט איר אויף דעם, פאַניע ראַביקאָוויטש? אַלנפאַלס, ביי מיר איז עס פעסט באַשלאָסן.

אַזוי? אַ שיינע ריינע כפּרה... איז וואָס־זשע פאַר אַן עצה דאַרף עס פון אים דער אַמעריקאַנער? יאָ, אַט וואָס: נאַטירלעך, ער וועט דאָך ניט גיין אַרבעטן אין אַ פאַבריק, אָדער נאָר ווערן אַ מוזשיק — נאָ סעררי! צוליב אַזעלכענע גליקן לוינט זיך ניט צו פאַרלאָזן אַמעריקע, אויף נאַמנות... וואָס, ניין? נאָר —

— אין אַמעריקע, פאַניע ראַביקאָוויטש, ליגט ביי מיר אינטערעסט אין ריעל־עסטייט אַ היפּשע עטלעכע טויזנט דאָלער... איך קען עס אָבער פאַרקויפן איינס־און־צוויי — ביי אונז אין אַמעריקע, יו נאָו, גייט עס אַלץ אויף סטים1) — איך דאַרף בלויז שיקן אַ קייבל אין מיין ריעל־עסטייט־איידזשענסי2)...

און אפילו אַביסל מזומן איז ביי אים אויך דאָ אין אַ ניו יאָרקער באַנק — נעווער מיינד, ער קען נאָך צונויפקראַצן אַ נישקשהדיקע פּויטיקע...

— ווייל ווי איר קוקט אָן, פאַניע ראַביקאָוויטש, אַז דאָס מענטשל בונעמען — איז ער נאָך ווערט אַ וואָסערע פופצן־צוואַנציק טויזנט דאָלער... עני טיים3)... — גיט בונעם אַ שטאָלציר קענען ראַביקאָוויטשן, — אָך, ניין, ניט קענען דעם איצטיקן ראַביקאָוויטשן: קענען דעם אַמאָליקן...

ביי ראַביקאָוויטשן הויבט אָן שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ. פופצן־צוואַנציק טויזנט דאָלער? זיינע בליקן שפּיזלען זיך טיף אין בונעמס קיילעכדיק־אויסגעשטאַרצטע אויגן, וואָס בלישטשען איצט — בלישטשען מיט אַזאַ אומרו, בלישטשען מיט גאווה... פונדעסטוועגן האָט ער נאָך אַלץ ניט אויף דעם אַלעמען וואָס צו זאָגן, ראַביקאָוויטש; ער קעמט רואיק זיין רויטע פעטלעכע באָרד. די

באָרד איז לאַנג: מען קען אונטער איר באַקוועם באַהאַלטן דאָס אומרויִק־קלאַפּנדיק האַרץ.

— יאָ. — ציט אים בונעם ווייטער די עצמות. — הכּלל... איז מיר טאַקע איינגעפאַלן... כ'מיין, אויף אַט דעם געלט מיינעם וואָלט איך דאָך מיט מיין משפחה געקענט דאָ גאַנץ רויִק לעבן! ווי זאָגט איר, ניט אַזוי? נאַטירלעך, אויב מען זאָל עס נאָר קענען לאָזן אין „אַבאַראָט"...

אַהאַ... ערשט איצט ווערט ראַביקאָוויטשן קלאָר וואָס פאַר אַן עצה וויל דאָס דער אַמעריקאַנער פון אים. ער באַטראַכט אים נאָך פונדעסטוועגן אַלץ מיט אומצוטרוי — דאָ, זאָגט ער, וויל ער פאַרבלייבן? עה, ער מיינט דאָס אודאי ניט... עפּעס שטעקט אין דעם זיכער אַ שפּיצל. היט זיך, ראַביקאָוויטש, געניטער סוחרי־שער קאָפּ דו!... ער מאַכט אפילו דעם איינדרוק פון אַן אָפּעַנעם, ערלעכן און אויפריכטיקן מענטשן, אָט דער אַמעריקאַנער — אַביסעלע אפילו שוין אַ צו־פּשוטער מענטש. פונדעסטוועגן פּליסט ראַביקאָוויטשעס קול לאַנגזאַם און מיט אַן־אַ־שיר לייטישקייט בעת ער ענטפערט; און זיינע אויגן טוען זיך אויף קיין איין מינוט ניט אָפּ פון בונעמס אויגן.

— לאָזן דאָ אייער געלט אין אַבאַראָט? — ראַביקאָוויטשעס שטים קלינגט מיט אַסך געפילפולקייט, ווי טאַקע נאָר ביי אַ בעסטן גוטן פריינט. — ס'איז אַזוי די מעשה... אויב איר מיינט האַנדלען, וואָלט איך עס אייך ניט ראַטן... מען וועט אייך אפשר לכתחילה לאָזן זיך אַביסל אַרומשפּילן מיט אייער געשעפט, מען וועט אייך אַביסל לאָזן זיך דרייען — א י ר וועט מסתמא דענקען, אַז א י ר דרייט דאָס געשעפט, ערשט איר וועט מיטאַמאָל דערזען, אַז אימיצער דרייט גאָר פאַר אייך דאָס געשעפט, אַז מען ציט אייך די גאַנצע צייט אויף אַ שטריקל...

— יאָ... — וויל איצט בונעם ניט וויסן פון אָט די אַלע „פּאָליטיקס". — מען וועט דאָך אָבער מיך לאָזן אויפשטעלן אַ הויז! איך זע, אַשטייגער, ווי דאָ אין שטאָט בויט מען זיך ווייניק, ווי מען לעבט אַזוי ענג. איך וואָלט געקענט אויפבויען אַ הויז אויפן אַמעריקאַנישן שטייגער! אַסך שטאָקן! מיט אַלע אודאַבסטוועס! (4) ס'וואָלט געבראַכט אַסך נוצן! וואָס הייסט, מען וואָלט מיך ניט געלאָזט?

— יאָ, געלאָזט וואָלט מען... — ענטפערט ראַביקאָוויטש מיט אַ קלוגינקן שמייכעלע. — אדרבא, פאַרוואָס דען ניט? אוודאי וואָלט מען געלאָזט... אָבער וואָס וועט איר טאָן, אַז מען וועט בײַ אײַך דערנאָך צונעמען דאָס הויז — אַשטייגער, אין אַ יאָר נאָכדעם ווי איר וועט פאַרטיק ווערן?

בונעם ווערט אומגעדולדיק. ער רוקט אָפּ זײַן שטול פון טיש, ער שטעלט זיך אויף מיט רוגזה.

— אָבער איך קען דאָך אויך אַוועקגעבן מײַן געלט אויף פּראָצענט... ווער וועט עס דאָ קענען מיך קאָנטראָלירן? איך ווייס אַז מענטשן שטאַרבן דאָ ממש פאַר אַ גראָשן... כ'וואָלט דאָ אַרויסגעהאָלפן קליינע סוחרים, ביזנעסלײַט! אויף אַ גוטן פּראָצענט טאַקע — ס'וואָלט זיך מ י ר געלוינט, ס'וואָלט זיך ז י י געלוינט...

ערשט איצט האָט זיך די גאַנצע לײַטישע רואיקייט אָפּגעטאָן פון ראַביקאָוויטשעס געזיכט. ער איז אויפגעשטאַנען פון טיש, האָט בנעימותדיק צוגעשפּאַנט צו בונעמען, אים פרײַנטלעך אָנגענומען פאַר איין האַנט, און מיט דער צווייטער אַראָפּגעשטויבט אַ פעדימל פון יענעמס רעקל.

— אַ, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש... געלט אויף פּראָצענט — זעט איר, דאָס יאָ... בײַ דעם קען מען אפילו אָפּלעקן אַ פעט ביינדל אויך... — ווערט ראַביקאָוויטשעס שטים מיט יעדער מינוט ווייכער און וואַרימער. — מער ניט, מען דאַרף וויסן ווי אַרומצוגיין דאָ מיטן געלט... איר פאַרשטייט, ס'איז אַ גרויסע ריזיקע דערבײַ.

ער נעמט אָן דעם צעטראָגענעם בונעמען אונטערן אָרעם; ער הויבט מיט אים אָן רואיק און געלאַסן אַרומשפּאַצירן איבערן גרויסן אורחים־צימער — הין־און־צוריק, הין־און־צוריק.

— פאַרשטייט איר מיך, מיט דעם דאַרף מען זײַן בײַ אונדז זייער פאָרזיכטיק... אָ, איך צווייפל ניט — איר האָט ברוך־השם אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס — אײַך דאַרף מען קיין שכל ניט לערנען... נאָר פונדעסטוועגן זענט איר דאָך פאָרט ווייניק באַקאַנט מיט די היגע אָבסטאָיאַטעלסטוועס)5(... געלט אויף פּראָצענט קען מען דאָ געבן בלויז זייער באַגלויבטע מענטשן: ווײַל ווי איז אַז זיי פּייפן אײַך דערנאָכדעם אָן? איר קענט זיי דעמאָלט רופן קנאַקניסל!

אז טאָמער גייט איר נאָך מיט זיי זיך פּאַזעווען, שלעפּט איר בסך־הכל אַרויף אַן אומגליק אויף אייער אייגענעם קאָפּ... מחמת געלט אויף פּראָצענט אַוועקגעבן איז ביי אונז אַן עסק אַ ניע־ליע־גאַלנער... פאַרשטייט איר שוין?

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך, נאָר אין די פענצטער פון גרויסן צימער, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען צום צפון־מערב, האָט ערשט איצט אַריינגעשאָסן אַ סנאָפּ רייכער רויטער ליכט פון די לעצטע זון־שעהן. דער קאַלטער ניט־אויסגעטרונקענער טיי אין די גלעזער איז געוואָרן רויט ווי בלוט.

— איר פאַרשטייט, — האָט שוין ניט אַזוי רואיק און ניט אַזוי געלאַסן ווי פריער ראַביקאָוויטש געקעמט מיט די פינגער די לאַנגע באָרד זיינע, הינטער וועלכער עס האָט זיך גרינג אויסגעבאַהאַלטן זיין האַרץ און אַלץ וואָס אין איר. — דאָס דאַרף מען טאָן זייער פאַרזיכטיק... בלויז זייער באַגלויבטע מענטשן! יאָ, אין דעם וואָלט איך אייך טאַקע געקענט אַסך באַהילפיק זיין... קומט צום טיש, לאָמיר אויסטרינקען אונזער טיי.

ב.

— זע נאָר... וואָס איז עס געוואָרן מיט אונזער אַמעריקאַניעץ?

— גאָרניט.... ער וויל זיך גאָרניט רירן פון אָרט.

— אים געפעלט אַפּנים דאָ בעסער, ניין־ניין... ס'איז דען אַ וואונדער... — באַמערקט מאירל נאָטע־קאָמיסיאָנערס מיט אַ גאַליק געלעכטערל.

— וואָס איז? — נעמט זיך אָן דער איד מיט דער בעזים־באָרד בונעמס קריוודע הינטער זיינע אויגן. — ער מאַכט דיר דען דאָ ענג? ער עסט דען דיין ברויט?

ווערט מאירל אַנשוויגן. פונדעסטוועגן איז ער דאָך פאָרט ניט אומגערעכט. וואָס איז, זיי אַלע דאָ, די שטאַנדיקע הענדלער אויפן מאַרק, פילן דען ניט: עפּעס איז דאָ דער מער מיטן דעלעגאַט? וואָרים וואָס זיצט ער דאָ אַזוי לאַנג? שוין דאָך באַלד אַ פּאָר חדשים אַז ער איז אינגאַנצן פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט. די משפחה זיינע געפינט זיך דאָך אויך ניט אין שטאָט.

ניין, זיכער אַז טאַקע עפּעס איז דער מער מיט אים... אַלע באַמערקן אין בונעמען אַ שטאַרקע ענדערונג — אפילו פון אויבן־אויף קען מען זי באַמערקן, אַט די ענדערונג: ניטאָ שוין אַרום אים דער אַמאָליקער „גלאַנץ"... נאָר אפשר איז עס גאָר דערפאַר וואָס אַט דער באַוואונדערנדיקער גלאַנץ איז פאַרשוואונדן פון די אַלע אויגן וועלכע פלעגן תמיד בונעמען נאָכקוקן פונדערווייטנס מיט אַזויפיל קנאה, מיט אַזויפיל אָראַפּגעפאַלנקייט? ניין, בונעם אַליין איז טאַקע עפּעס אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן... עס איז פאַרשוואונדן דער שאַרפער קניטש פון זיינע פליודערן פון דעם פעפער־און־זאַלץ קאָליר; זיי זיינען געוואָרן אויפגעשוואָלן אַרום די קני, ווי אַ זאַק. דער טייערער פילצענער קאַפּעליוש איז געקנייטשט ניט אויפן ריכטיקן אָרט און רייט אים די לעצטע צייט הויך אויפן קאָפּ, כמעט אויף דער פּאַטילניצע... אָבער מער פון אַלץ איז ווי אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן זיין פּנים אַליין — עס איז צעקנייטשט אַזוי, ווי פון גאַנצע נעכט ניט שלאָפן. עס איז פון אים אָפּגעטאָן געוואָרן די אַמאָליקע מונטערטקייט און זעלבסט־זיכערקייט; עס איז די לעצטע צייט באַצויגן מיט אַ וואָלקן פון באַזאָרגטער פאַרטראַכטקייט.

ס'איז שווער צו זאָגן ווער ס'איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזן אָט דעם קלאַנג — נאָר וואָס איז דער חילוק? צווישן עולם האָט מען שטאַרק געשמועסט ווי וועגן אַ זיכערער זאַך:

— הער נאָר... וואָס'אי, מען ווייסט סיידן ניט?

— דאָס איז דאָך אַלץ דערפאַר וואָס זיין ווייב וויל אים ניט... זיין סטערע.

— מען זאָגט: זי פירט דאָרטן אויפן קאָלעקטיוו עפּעס אַ ליובקע... מיטן שמיד־יונג.

— פּכע... — האָבן אַנדערע זיך געחידושט. — וואָס אַ מענטש קען זיך עס אַזוי נעמען צום האַרצן! אַפּנים, אין אַמעריקע פעלט שטאַרק אויס דער דאָזיקער מין...

אָבער אַז בונעם דערנענטערט זיך אַהער, ווערן אַלע שטיל. כאָטש די שטילקייט איז ניט אַזאַ ווי אַמאָל — אַ דרך־אָרצדיקע שטילקייט; ס'איז גיכער יענע שטילקייט צווישן אַ געזעמל מענטשן,

וואָס דער ניי־צוגעקומענער מענטש דערשפּירט אין איר גלייך: מען האָט דאָ געמוזט ריידן וועגן אים...

בונעם באַגריסט נאָך אַלץ אַלעמען מיט אַ פרייליכן מונטערן „העלאָ, באָיעס!" — די פרעמדלענדישע באַגריסונג זיינע וואָס פלעגט ביז איצט האָבן דאָ פאַר אַלעמען דעם זיבעטן חן. אָבער אַלע פילן איצט אַז די מונטערקייט זיינע איז אַ געמאַכטע — די ווערטער וואָס גייען איצט אַרויס פון זיין מויל זיינען פאָרט ניט די זעלביקע וואָס אַמאָל — זיי קלינגען גאָר אַנדערש.

— איר ווייסט, חברה... — קענען בונעמס מונטערע ווערטער בשום אופן ניט פאַרהוילן דעם אומעט אין זיינע אויגן. — איך... איך בלייב אפשר אַ היגער... אַן איינעריקער.

דער עולם הויבט אָן גאַפן מיט אָפענע מיילער.

— איך... — ווערט בונעמס שטימע נאָך אומזיכערער. — איך פּלאַנעווע דאָ אויסבויען אַ ציהעלניע אין קאָלעקטיוו, אין „ניי־לעבן"...

— וואָ־וואָ־וואָס הייסט, איר בלייבט דאָ, פּאַניע ראַכאָווסקי?

— שטאַמלט מען אַזש פון גרויס איבערראַשונג. — די לאַנדסמאַנשאַפט האָט אייך אופאַלנאָמאָטשעט דאָ עפּעס אויפצובויען?

— וואָס פאַרא לאַנדסמאַנשאַפטן תמיד... — הויבט בונעם אויף ביטולדיק ביידע הענט אינדערהויך; זיין זיכערקייט קערט זיך אים אַ ווײַלע אום צוריק. — וואָס איז, און אַליין, מיינט איר, קען איך עס ניט טאָן? טאַקע אינגאַנצן מיט מיין אייגן געלט?

דער עולם קוקט זיך איבער אָן לשון. אַלע — אפילו מאירל.

— וואָס־זשע, — פאַרדריסט שוין בונעמען. — וואָס קוקט איר דאָס אויף מיר מיט אַזעלכע אויגנעם? פאַרוואָס ניט? א י ר קענט דאָ לעבן? קען אַן אַנדערער דאָ אויך לעבן... וואָס מיינט איר — איך האַלט מיך ניט בעסער פון אייך... קיין האָר ניט!

— אַזוי... — רופט זיך ענדלעך אָן מאירל מיט זייער אַן ערנסטן פּנים. — איר ווילט דאָ אויסבויען אַ ציהעלניע? טאַקע — מיט אייער אייגן געלט? צוליב ד ע ם ווילט איר עס דאָ אַזש בלייבן? איז אפשר קען איך אייך פאַרשפּאָרן אַ טרחא, פּאַניע ראַכאָווסקי? גיט מיר איבער אייער געלט — א י ך וועל עס דאָ צופּטרן פאַר אייך... פּונקט אַזוי גוט...

ערשט איצט קומט אויך דער איבעריקער עולם צו זיך פון זיין געפלעפטקייט. מען זשעגירט זיך גארניט, מען הויבט אן הויך לאכן... בונעמען פארדריסט עס שטארק. פראים... גרינהארנס... און ער לאזט זיי איבער אינמיטן און שפאנט אוועק זיין וועג.

ווען ער וואלט כאטש אויף איין סעקונדע א קוק געטאן איצט אויף צוריק, וואלט ער אודאי געמוזט זען ווי דער עולם ציט באַ־דיטונגספול ארויף די ברעמען, פארבייסט מיט גרויס וויכטיקייט די אונטערשטע ליפ: „הא־הא, וואו עס האלט שוין דארטן ביי אים!...״ אבער בונעם וועט עס איצט בשום אופן ניט טאן. אין אים זיצט א פארדרוס — ער ווייסט אליין ניט אויף וועמען: צי אויפן עולם הינטער אים, וואס ווייסט ניט ווי אפצושאצן זיין שיינע טאט, צי גאר אויף זיך אליין... ער שפאנט מיט ארונטערגעלאזטע אויגן, ער בלאנדזשעט טיף־פארזארגט אין דער שטרוי־בלאטע פון מארק. ער זעט אינגאנצן ניט וואס עס טוט זיך ארום אים.

נאר פלוצלונג שטעלט ער זיך אפ. צוערשט שפיצט ער אן די אויערן, ווי א פערד, וואס דערהערט פונדערווייטנס טריט. דערנאך הויבט ער אויף די אויגן אויך. א געזאנג!

אויפן טראטואר ציט זיך א לאנגער פירעק, — א זינגענדיקער, באוועגלעכער, פארביקער פירעק. אינגלעך און מיידלעך. גייען זיי עס פון שקאלע ארוים? די פרישע פנימער פון די מיידלעך זיינען ארייננעראמט אין רויטע טיכלעך. יונגע בחורים — אין לעדערנע הויזן, אין לעדערנע רעקלעך, אין לעדערנע היטלען. ניין, ניט אלע זיינען זיי אזוי אנגעטאן... בלויז בונעמען דוכט זיך עס אזוי: אלע, אלע, זיינען זיי אנגעטאן אין לעדער.

דער רוישיקער זינגענדיקער פארביקער פירעק קוקט זיך אפילו ניט אום אויפן מארק. ס'איז ווי אן אנפלי פון מענטשן פון גאר אן אנדער וועלט, — לעדערנע מענטשן: שטייפע, שטרענגע, האר־טע... יא, היינט האבן זיך אנגעהויבן די לימודים אין דער אר־טיקער זיבניאריקער שול. און דער פארביקער שטרענג־געפורעמטער פירעק פון די שילער און שילערינס מארשירט איצט ערגעץ פאראוים מיט געזאנג — פאראוים, אלץ פאראוים, פארביי דעם מארק, פאר־ביי...

ג.

בונעם קוקט זיי לאַנג נאָך ווי אַ פאַרכישופטער. ער הערט ניט דעריבער ווי אימיצער שלעפט אים די גאַנצע צייט פון הינטן, פאַר אַן אַרבל.

ער וואָלט געמעגט שווערן: צווישן די מאַרשירנדיקע, זינגענדיקע מיידלעך האָט זיך אויך געפונען זיין טאַמאַרעלע! כאָטש ס'איז דאָך נאַריש: ווייבאַלד אַז יענע לערנט זיך גאָר אין לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכניקום, וואָס געפינט זיך היפּשע עטלעכע שעה רייזע פון דאַנען... איז ווי קומט זי אַהער? אָבער ער האָט דאָך זי פּאָרט אַליין געזען! מיט די אייגענע אויגן! זאָל עס זיין אַז דאָס איז בלויז געווען אַ זעאונג — דאָס האָט זיך גענומען דערפון וואָס ער האָט די לעצטע עטלעכע טעג אַזויפיל געטראַכט פון איר, פון זיין באַליבטן קינד? און בונעם קוקט נאָך דער פאַרשווינדנדיקער זינגענדיקער פּראָצעסיע מיט אַ געמיש געפיל — מיט אַ געפיל פון ליבשאַפט און מורא... פון הינטן זשומעט עס אים אין די אויערן.

— באָרגט־זשע מיר אַ פערציקער, פעטער... — ווערט דאָרטן דאָס ציען ביים אַרבל אַביסל העפטיקער. — נו־זשע, פאַניע אַמעריקאַניעץ? בלויז אויף אַ פּאָר טעג...

פון צווישן דעם אויפגעראָיעטן און צעגראָבענעם מיסט פון מאַרק וואַקסט אַרויס ביי בונעמס זייט אַ נידעריקע אויסטערלישע פיגור: אַ פיגור וואָס איז מער געוואַקסן אין דער ברייט, ווי אינדערהויך — אַן אויסגעפּאַשעט קאַרליקל... אַ קאַרליקל אין אַ סורדוט און אין הויזן פון גראָבן פּויערשן לייוונט! אי, וואָס איז דאָס? ווער איז דאָס? פונם סורדוטל שטעקט אַרויס אַן אויסטערלישער קאָפּ — אַ קאָפּ וואָס איז כמעט דורכאויס פּנים: אַ פולע לבנה, צעשוואָומען, צעגאָסן, כמעט אָן שום שטריכן... בלויז קליינע צוויי שמאָלינקע שפּעלטעלעך לאַכן צו בונעמען אידיאָטיש:

— אויף אַ פּאָר טעג בלויז... אַ הלוואהלע... נישקשה — איך בין אַ בטוח!

גאָרניט אין דעם צעשוואָומענעם געזיכט איז בונעמען געווען באַקאַנט — ניט אין דעם געזיכט און ניט אין דער צופרידן־לאַכנ־

דיקער שטים. פונדעסטוועגן האָט אָט די קאַרליקישע געשטאַלט פאַר אים גלייך אַ קלאַפּ געטאָן אין זכרון: קאַרפּל!

בונעם, וועלכער האָט נאָך ביז איצט אין שטאָט זיך ניט אָנגעטראָפן מיט קאַרפּלען, האָט אָבער געהאַט געפילט שוין אייניקע מאָל אין פאַראויס דעם זיסן טעם פון דערהויבנקייט און העכערקייט ביי אַ מעגלעכער באַגעגעניש מיט יענעם... ע ר האָט טאַקע אַזאַ באַגעגעניש ניט געזוכט, אָבער זי האָט דאָך גרייכלעך געקענט פּאַסירן. נאָר איצט, ביי אָט דער ערשטער אומגעריכטער טרעפעניש, איז קיין סימן פון אַזאַ געפיל ניט געווען אין אים... גיכער האָט בונעם דערשפּירט גאָר אין זיך איצט אַ ציטער — אַ ציטער פון עקל און גרויל.

וויי־וויי, ווי יענער האָט זיך 'עס פאַר דער צייט געענדערט... מער נאָך ווי אין די אַמאָליקע יאָרן איז קאַרפּל געווען איצט ענלעך אויף אַ פעסל. די פיסלעך זיינען נאָך קירצער געוואָרן; ניט מיט זיי, נאָר גלייך מיטן פעסלדיקן גוף זיינעם באַוועגט ער זיך איצט איבער דער ערד... די הויזן אויף אים זיינען אומגעוויינטלעך־ברייטע, כאָטש זייער קורצינקע — ניט קיין הויזן, נאָר גיכער עפּעס אַזעלכע בייכיקע זאַקן. און איבער זיי — אַן אַריסטאָקראַטישער סורדוט וואָס איז געדיכט באַפּלעקט מיט אַלערליי פאַרביקע פליאַמעס, ווי אַ קאַפּריזנע געמעלעכץ פון אַ העכסט מאָדערנעם מאָלער.

ניין, א י צ ט האָט ער שוין מער ניט געהאַט אויף זיך אָט יענעם טייערן אָנצוג פון אַ זעלטענעם האָריקן וואָל און פון אַזאַ קאָליר וואָס קיינער אין שטאָט האָט נאָך ניט געזען — אַ קאָליר פון זאַלץ־און־פעפער געמישט — ער, בונעם, האָט גאָר איצט געטראָגן אַ קאָסטיום פון זאַלץ־און־פעפער... קאַרפּל שטרעקט אויס צו אים אַ האַנט מיט קורצע קלעצלדיקע פינגער; זיי זיינען געדיכט באַוואָקסן מיט בראָדעוועס — אמתע בראָדעוועס, ניט די אַמאָליקע גלאַנציקע בריליאַנטן... יאָ־יאָ... און פונדעסטוועגן איז דאָס געפיל וואָס בונעם לעבט איצט איבער ווייט־ווייט ניט, בשום אופן ניט קיין געפיל פון דערהויבנקייט; עס איז מיט אַ געפיל פון גרויליקן עקל, וואָס ער טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען שנעלער, וואָס שנעלער.

און דער גרויסער אידיאָטישער פּנים־קאָפּ מאַכט אַן אָנשטרענגונג זיך אויסצודרייען צום אַוועקגייענדיקן בונעמען, — זיך אויס־

צודרייען, פון זיין צונויפגעוואקסנקייט מיטן איבעריקן קערפּער — א גליטשיקע שטים לאכט בונעמען נאך מיט א מאָדנער צופרידנ־קייט:

— זע, ער וויל מיר ניט לייען קיין פּערציקער, דער אַמעריקאַנער... און איז בין אזא בטוח!

ד.

יאָ, בונעם האָט טאַקע, אוועקלויפנדיק, פאַרשטעקט די אויערן, אָבער דעם מוח האָט ער דאָך ניט געקענט פאַרשטעקן... און אין מוח האָט געפּיקט, געעגבערט, געשטאָכן: אז ער וועט דאָ בלייבן, אויסבויען שוין א שטוב, א ציהעלניע, צי וואָס — איז אים אויך דערוואַרט דאָ אפשר אזא מין סוף?... לויפנדיק, טרייסלט בונעם מיט זיין קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּטרייסלען פון זיך אָט דעם דאָקוטשנדיקן פּאַסקודנעם געדאַנק. ער לויפט אַלץ ווייטער, ווייטער — כאָטש וואוהין האָט ער גערארפט איצט איילן? ביז ער איז ענדלעך ארויס אויף דער לענין־גאַס.

די גאַס איז געווען איצט פּוסט, פאַרנאכטלעך. דער שטויב פון א דורכיאָגנדיקער פור, וואָס האָט זיך איצט אומגעקערט אַחיים, ערגעץ אין אן אונטערשטאָטישן כוטאָר, האָט זיך געפאַרבט מיט רויט פון דער פאַרגייענדיקער זון. אים אַנטקעגן האָט פונדערווייטנס געקלאַפּט איבערן פּוסטן טראָטואר דער בלינדער האַרוואַטשיק — האַרוואַטשיק מיטן זעלביקן הויכן שטעקן וואָס אַמאָל, נאָר אָן די אַמאָליקע שלאַנגיקע רינגען דראָט ארום האַלז.

בונעם איז געבליבן שטיין, האָט געוואַרט ביז האַרוואַטשיק וועט זיך דערנענטערן. „נו, וואָס הערט זיך עפּעס?" ווייסט בונעם ניט וואָס אַנדערש צו פרעגן יענעם. „ניט צו פאַרזינדיקן", ענטפערט האַרוואַטשיק און קוקט אויף בונעמען מיט זיינע אָפן־בלינדע אויגן, וואָס פון אָט דעם קוקן ווערט איינעם מאָדנע אזוי ניט־היימלעך — מען ווייסט ניט, צי האַרוואַטשיק זעט יענעם מיט זיינע אויגן, צי ניט.

זיי שטייען א ווײַלע איינער קעגן דעם אַנדערן, בונעם ווייסט ניט וואָס צו רײַדן, נאָר אוועקגיין פון דאַנען ווילט זיך אים פונ־

דעססטוועגן ניט. פונקט ווי ער וואָלט געזוכט ביים בלינדן אַ טרייסט, אַ ליכט אין זיין לעבן — אין זיין לעבן וואָס איז תמיד געווען אַזוי קלאָר און האָט זיך מיטאמאָל עפּעס אַזוי פאַרפּלאָנטערט...

— נו וואָס, האַרוואַטשיק... — פּלאַצט ער ענדלעך אַרויס.

— ווי דענקסטו... ס'וועט עפּעס זיין דאָ? עפּעס אַ טאָלק? דערווייל איז דאָ, ברודער, זייער פּאַסקודנע...

האַרוואַטשיק ענטפערט ניט גלייך. ער שטעלט אָן אויף אַן אומגעזעען פּינטל פאַר זיך זיינע אָפענע אויגן, פונקט ווי ער וואָלט געמוזט אַפריער ערנסט אַ טראַכט טאָן, גוט אַ טראַכט טאָן, איידער ער גיט בונעמען זיין ענטפער... ער ענטפערט אָבער ניט. זיינע אויגן, אויף דער העלפט פאַרצויגענע מיט בעלמעס, זיינען אומבאַוועגלעך געווענדט אַלץ אויפן אוימגעזעענעם פּינטל פאַראויס; ביז אויף דעם צעקנייטשטן ערדיש־ברוינעם פּנים זיינעם טאָגט אויף אַ שטילער שמייכל.

בונעם הויבט דעמאָלט אויך אָן קוקן אין דער זעלביקער ריכטונג אין וועלכער עס זיינען, דוכט זיך, געווענדט האַרוואַטשקים „בליקן", — אויפן קעגנאיבערדיקן טראָטואַר. אויף אַ לײדיקן ניט־ברוקירטן שטיקל הויף פאַר אַ געביידע, מיט עפּעס אַ שילד אויף דער פראָנט־טיר, שפּילן זיך קינדער. זיי שפּילן אין „קלאַסן". מיט כונהדיק־פאַרקוועטשטע אויגן, אויף איין פוס, שפּרינגען מיידלעך פון איין קרייד־אָנגעצייכנטן „קלאַס" אינם צווייטן אַריין, שטויסן פאַר זיך מיט איינציקן פוס אַ שטיקל קאָלירטן גלאָז און יאָגן זיך נאָך דעם. איינגלעך וואַרפן הינטערוויילעכטס, איבערן אַקסל, שטיקלעך פּאַליווע — שפּילן זיך אויך אין אַ שפּיל, אין זייער שפּיל. פריידיקע קולות מישן זיך אויס מיט ווייכן טופּען פון פּיסלעך.

— געטראָפן?

— געטראָפן!

— דאַיאָש!

— ווייטער אַ קאָן?

זע, אַנטקעגן איז דאָך טאַקע דער שטאָטישער קינדערהיים — דער ערשטער שטאָטישער קינדערהיים, וואָס צו אים האָט דאָך עפּעס בונעם אַ שטיקל שייכות: האָט ער ניט אָוועקגעגעבן פאַר אים, נאָך גלייך ביים אָנקומען אין שטאָט, אַ היפּשן טייל הילפס־

פראָדוקטן: מעדיקאַמענטן אַלערליי, ליילעכער, וועש, וואַטע אַסך, און ווער געדענקט שוין וואָס נאָך? ביים אָנבליק פון די שפּילנ־דיקע קינדער וואָס טאַנצן דאָרט אַרום איבער די קרייד־קעסטעלעך, צעגיסט זיך בונעמען פון האַרצן אַרויס איבער אַלע אבֿרים אַ וואַרים געפיל, אַ געפיל פון פרייד, פון האַרציקייט... האָט ער דען ניט אין זיי אַ שטיקל חלק? לאָמיר זאָגן, כאָטש אַ קליינטשיק שטיקל...

נאָר לאַנג קוויקן זיך מיט אָט די הנאהדיקע געפילן פון אַ שטיקל באַלעבאָס איז בונעמען ניט באַשערט. דער בלינדער האָר־וואַטשיק דרייט ענדלעך אויס צוריק זיין קאָפּ, שטעלט אָן ענדלעך דעם אומבאַוועגלעכן בליק פון זיינע אָפענע אויגן אויף בונעמען.

— נאַרישער מענטש דו... — דערמאָנט ער זיך ערשט איצט צו געבן אַן ענטפער אויף בונעמס פריערדיקער פראַגע. — פּאַס־קודנע, זאָגסטו? זעסט דען ניט אַליין ווי אַלץ אַרום איז דאָ אַזוי באַנייט געוואָרן, איז אַזוי... אָפּגעפרישט געוואָרן? אײַ־אײַ־אײַ... ס'איז שלעכט מיט דיר, בונעם... ווייל אויב דו זעסט עס ניט, ביסטו דאָך טאַקע אַ בלינדער מענטש.

זיבעטער קאַפּיטל

תשובה־טעג

א.

ס׳איז אַריבערגעגאַנגען אַזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג — בונעם האָט זיך נאָך אַלץ געשלאָגן מיט דער דעה: דאָס צינגל אין דער וואָג פון זיין אומזיכערקייט האָט זיך געבויגן אָט אין דער, אָט אין יענער זייט.

ער האָט נאָכאַמאָל געפרעגט סטערען צי זי האָט שוין גע־קראָגן פון די קינדער אַ תשובה אויף אירע בריוו; און זי האָט ווידער געענטפערט, אַז ניט. זי האָט אָבער דאָס שווייגן פון די קינדער דערקלערט מיט דעם וואָס אויף ימים־טובים קומט דאָך טאַמאַרעלע סיי־ווי צופאָרן, פוילט זי זיך מסתמא אנידערזעצן זיך איצט שרייבן אַ בריוו. און ווינגדער — וועגן ווינגדערן האָט זי טאַקע געהערט אַז ער איז די לעצטע צייט געווען שטאַרק פאַרנומען עפּעס מיט זיינע „אינסטרוקציע־רייזעס״; עטלעכע וואָכן האָט ער געזאָלט אַפילו פאַרברענגען אין „צענטער״. איצט אָבער האָט ער זיך באַ־דאַרפט געפינען טאַקע דאָ ניט ווייט — אין אַ קליין פאַרוואָרפן פּאָלעסיש שטעטל, האַרט ביי דער פּוילישער גרעניץ. ס׳איז דעררי־בער מעגלעך, אַז אויך ער זאָל דאָ אינגיכן זיין אַליין... צו־וואָס־זשע זאָל ער שרייבן?

יאָ, טרייסט־ווערטער... ס׳זיינען אָבער אָנגעקומען די ימים־נוראים, ס׳איז אַריבער ראש־השנה — און בונעם איז געווען טאַקע זיכער ביי זיך: אויב ניט ווינגדער, וועט דאָך, לכל־הפחות, טאַמאַרע קומען צו פאָרן אַהיים אויף ראש־השנה, — וועט ער מיט איר

פונדאַסניי איבעררײדן... נאָר טאַמאַרע איז טאַקע אַזוי ניט גע־קומען צו פאָרן.

סטערע האָט אים ווידער באַרואיקט: אויף ימים־טובים האָט זי עס געמיינט סוכות, ניט ראש־השנה... „וואָס־זשע", האָט בור־נעם קוים געגלויבט זיינע אייגענע אויערן, „מען לאָזט זיי ניט אָפּ אַהיים אפילו אויף ראש־השנה, — מען צווינגט זיי דאָ זיך „זאַ־נימאַיען" אויך אין אַזעלכענע טעג?" ער האָט זיך שטאַרק גע־ערגערט... ס'איז אים אָבער פאַרט מער ניט געבליבן ווי גע־דולדיק אָדער אומגעדולדיק זיך אַרומדרייען אין זיין האָטעל־צימער שלינג־און־שלאַנג — אָדער מאַכן, אין דער באַגלייטונג פון בער־קוזשען, ניט־נויטיקע און לאַנגווייליקע באַזוכן ביי פאַרשיידענע מענטשן — און וואַרטן, וואַרטן, וואַרטן.

די וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט בורנעמען און זיינע טואונ־גען דאָ אין שטאָט; מענטשן וועלכע האָבן עס געוואוסט באַמערקן, האָבן עס זיכער געקענט באַמערקן: גייענדיק אויף אָט די באַזוכן פלעגט בורנעם אויסמיידן דעם מאַרק און די הויפּט־גאַסן פון שטאָט... ער פלעגט ווי מיט אַ כיון אויסזוכן די זייטיקסטע געסלעך, די שמאָלסטע זאַוואָליקלעך, די אומריינסטע הינטער־הויפן, דורך וועלכע אָנצוקומען צו זיין ציל.

איז ער עס געגאַנגען מיט אָט די אומנויטיקע און לאַנגווייליקע באַזוכן צו מענטשן וועלכע ער האָט קוים געדענקט פון די אַמאָליקע יאָרן, מחמת דעם וואָס ער האָט זיך געוואָלט צוקוקן „פון אינע־ווייניק" צום לעבן וואָס מענטשן לעבן דאָ — צום לעבן וואָס עס דערוואַרט אויך אים דאָ? אָדער גאָר — ס'פלעגט שוין אים לעצטנס זיין זייער שווער צו פאַרבלייבן לאַנג אַליין מיט זיינע אומרואיקע געדאַנקען צווישן די פיר ווענט פונם גרויסן און גרוימען האָטעל־צימער פונם „ערשטן־מלוכהשן"? אַז ווער ווייסט אים דאָרטן, בור־נעמען... אַז בסך־הכל איז ער לעצטנס געוואָרן גאָר אַ היפּש ביסל פון אַ שווייגער, אַ מרוק כמעט, — ער האָט זיך מער מיט קיינעם ניט געוואָלט טיילן מיט די אַלע מחשבות וועלכע האָבן אים אַזוי באַאומרואיקט.

און אפשר האָט ער עס גאָר אויף אַזאַ אופן געוואָלט טאַקע אויסמיידן די זוכנדיקע און פאַרשנדיקע בליקן פון די מענטשן אויפן מאַרק — פון אָט די אַלע טשיקאַווע און נייגעריקע הענדלער און

הענדלערינס מיט אלטע מלבושים און נייע שמאטעס, פאר וועלכע ער פלעגט די ערשטע צייט אזוי ליב האבן צו רימען זיך, צו פוצן זיך ?... אפשר האט ער עס גאר פראסט־פשוט טאקע זיך אנגע־הויבן שעמען באווייזן זיך אויפן מארק — ס'האט זיך אים מעגלעך אנגעהויבן דוכטן אז אלע טייטלען זיי אויף אים מיט די פינגער, אז מען ווינקט זיך איבער הינטער זיין רוקן... אך, דער ארימער בונעם! אויב ס'איז געווען טאקע דערפאר, — האט עס אים סיי־ווי ווייניק געהאלפן.

אט די אלע פארמשפטע איבעריקע מענטשן האבן דאך זיכער געהאט יעדער געגנוג זיינע אייגענע צרות — און פונדעסט־וועגן האבן זיי ניט אויפגעהערט די גאנצע צייט צו נעמען דעם וויכטיקסטן אינטערעס אין בונעמס אנגעלעגנהייטן. און אפשר טאקע גראד דערפאר: דער אייגענער גורל איז יעדן פון זיי סיי־ווי געווען א קלארער, א פארזיגלטער — איז וואס איז דא געווען וועגן דעם צו ריידן? פונדאסניי באקלאגן זיך? אט, דער אמעריקאנער — יענער איז געווען פארט עפעס אנדערש:

— הער, א מענטש נעמט און וויל זיך אומגליקלעך מאכן מיט די אייגענע הענט...

געוויס, ס'האט אביסל אויפגעמונטערט, אפגעפרישט די איי־גענע געמיטער — די מעגלעכקייט זיך צו פארנעמען מיט די משפחה־ענינים פון אט דעם גליקלעך־אומגליקלעכן אמעריקאנער... הינטער בונעמס אויגן האט מען דאך שוין פון לאנג ארומגערעדט דעם מזל פון אט דעם בידנעם מענטשן; מען האט געוואוסט צו דער־ציילן פון זיינע צרות מער אפשר ווי ער אליין וואלט עס געקענט טאן. האט ע ר דען געוואוסט, אשטייגער, אז זיין ווייב פירט שוין פון לאנג א הייסע ליובקע מיטן שמיד־יונג דארטן, אין קאל־ווירט? דער מארק האט עס אבער געוואוסט... כאטש דער אמת איז: דער גאנצער עולם איז אין ד ע ם ענין געשטאנען אויף בו־נעמס צד.

— אט א נארישע אידענע! אויף וועמען מען בייט עס אוים אזא מאן, אזא אוצר... אן אמעריקאנער!

ב.

דער הייגטיקער טאָג איז אַ ווינטיקער, כאָטש אַ זוניקער. ס'איז נאָך ווייט פאַרמיטאָג. אויפן מאַרק שטייט אַ טומל, אַ געפּילדערײַ פון געבונדענע הענער, הינער. מען הויבט זיי אויף אינדערהויך פאַר די צונויפגעבונדענע האַרט־גלאַנציקע, ווי מעטאַלענע, פיסלעך; מען הויבט זיי אויף פאַר אַ פליגל, דער צווייטער פליגל קלאַפּט און פלאַטערט אינדערלופט מיט אַ האַרץ־רייסנדיקער פאַרצווייפלקייט — ווייבער קויפן זיך איין ביי די אָנגעפּאַרענע פויערים כּפּרות אויפן נאָענטן יום־כּפּור.

אויף געשטעלן, אויף איבערגעקערטע הילצערנע געלע קעסטלעך, רינען אויף דער זון מיט פעטס־טראָפּנס טרייפענע וואורשטן, שטיקער ראָזלעכע חזיר־שמאַלץ, ווי קויטיקלעכער שניי, שוויצן שמעקעדיקע „אָקאָרקעס".

גויאישע הענדלער וויקלען איין פאַרקויפטע שטיקער חזיר־שמאַלץ אין בויגנס פון נייע חומשים — חומשים מיט קלייניקע שטיקלעך טעקסט אינמיטן, ווי אינזעלעך וואָס ווערן דערטרונקען און פאַרשלונגען פון די פילע פּירושים וואָס רינגלען זיי אַרום פון אַלע זייטן — רעשטלעך פון אַמאָליקע חומשים אויף גלאַנציקן טייערן פּאַפּיר, וואָס זיינען שוין אַזוי פאַרבליבן ניט־געבונדענע, חומשים מיט מ"ב פּירושים. און אידישע סעדיכעס פּאַקן איין זייערע סחורות אין פּאַפּירענע שקאַרמיצלעך וואָס זיינען צוזאַמענגעקלעפּט פון פונקט אַזעלכע קיינמאָל־געבונדענע דרוק־בויגנס צעריסענע שפּאָגל־נייע עוואַנגעליעס, אויף וועלכע די אויסטערלישע אַלט־סלאַווישע אותיות טוליען זיך, דערשראָקן און פאַרלוירנערהייט קעגן העזהדיקן טאָג־ליכט.

די הענדלער מיט די אַלטע מלבושים שיטן זיך פאַנאַנדער איבערן מאַרק, טויכן אַריין און אַרויס אינם געדיכטן טייל זיינעם, וואָס צו די גאַסן־צו. זיי שטופּן זיך אַהין אַריין איינציקווייז, — שאַרף, יעדער מיט אַן אויפגעשפּיצטער נאָז, ווי אַ שאַרפער האָרן — זוכן צו כאַפּן דאָרטן אַ קרבן, אַ קונה. זיי קריכן אָבער אין אַ ווײַלע אַרום צוריק אַרויס פון דאָרטן מידע, — שוין מיט אַראָפּגעלאָזטע נעזער, מיט שלאַבערדיקן גאַנג, און טוליען זיך ווידער צו־

נויף אין א היימישער קופּקע אינם ווייטערן, לײדיקערן טײל מאַרס, אין צענטער זײנעם.

— איר האָט געהערט, אידן ? — פּאַרציט מאירל א שמועס.

— פון זעליגן איז אָנגעקומען א בריוול צו זײן ווײב... ער געפינט זיך שוין אויף יענער זײט.

— אַזוי ?

— ער איז שוין אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

— אַזוי־אַזוי ? צאַ־צאַ־צאַ... — שמוצערן לעפּצן מיט קנאה. — אָט, א גליקלעכער מענטש...

— ער האָט זיך אָבער געגוג אָנגעמוטשעט, וואָס אַרט אײך... ביז ער איז עס אָנגעקומען אַהין!

— וואָרט... שוין באַלד, דוכט זיך, פיר חדשים אין דעם, ווי ער איז אַרויסגעפאָרן? האַ? יאָ. פיר חדשים...

— מאָלט אײך, שוין אפילו גאַנצע זעקס...

— פאַרשטײט זיך, ס'איז א לאַנגער וועג... — דערקלערט דעם גאַנצן געזעמל מאירל דער מושלם, מאירל וואָס ווײסט אַלץ. — מען דאַרף זיך דאָך שלעפּן אַהין דורך גאַנץ קאַווקאַז, דורך באַטום, דורך פּערסיע אפילו...

— דורך פּערסיע, זאָגסטו ? אײ־אײ־אײ, אַזש דורך פּערסיע...

א ווײלע הערשט א שטילשווײגן. אָבער גאָר אומדערוואָרט רוקט זיך צו זײטיק, מיט אַן אַקסל, דאָס באַלעבאַטישע וואוקסיקע מײדל מיט די געזונטע פעטע פּיסקעס; זי דערגײט דאָ אַלעמען די יאָרן, אָט דער שנעק, מיט איר אײביקן אָפּפרעגן דאָס, וואָס אַנדערע זאָגן און אַנדערע ווײסן:

— אויף מײן וואָרט, איך קוק אײך אָן... — הויבט זי אויף איר אַקסל מיט ביטול. — און עלטערע מענטשן שוין! א גאַנצע מעשה ביי זײ, ארץ־ישראל... ס'לוינט זיך, גלויבט מיר, דער גאַנצער עסק... גאַנצע זעקס חדשים זיך שלעפּן אַהין! זעליג מײנט אודאי, אַז עס דערוואַרטן אים דאָרטן די גרויסענע גליקן! ממה־נפשך, אויב ווערן א כליעבאַראַב, קען מען דאָך די זעלביקע מציאה האָבן דאָ אויך... דאַרף מען זיך שלעפּן אַזש קיין פּערסיע ? אַזוי ווײט ?

— זע נאָר, ווער ס'רעדט... זי ווײסט שוין אויך וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט! — צעשרײט זיך אויף איר אין גרויס

רציחה ר׳ טעוועלע, אזש די בעזים־באָרד טרייסלט זיך ביי אים אינדערלופט. — יאָ, טפש דו, אפילו נאָך ווייטער! אפילו אויף יענער זייט הרי־חושך! און אַז זעקס חדשים איז וואָס? וואָס ווייטער פון דאַנען, אַלץ בעסער...

— יאָ, אָבער ווער האָט אויף דעם זעליגס געלט... — קראַצט מען זיך אין די פּאַטילניצעס. — דאָס דאַרף דאָך אָפּקאָסטן אוצרות גאַנצע! אַ קלייניקייט...

— אַז איך זאָל האָבן מיין אייגנס, כאָטש איין הונדערט גאָלד־רובל, וואָלט איך מיך אַריבערגעכאַפּט אַסך נענטער — כאָטש קיין פּוילן...

— שוטה איינער... — הויבט מען אויף יענעם אָן צו סיקען און צו פייפן פון אַלע זייטן. — איז נאָך וואָס דאַרפסטו קיין פּוילן? שטאַרבן פון הונגער קען מען דאָ אויך... אַט, ווען מען וואָלט געקענט פאָרן קיין אַמעריקע!...

— אי־אַי, קיין אַמעריקע! — הויבן זיך אויף אַלעמענס אויגן אינדערלופט מיט פרומער אויגן־גלאָצעניש.

עס ווערט אַ ווײַלע שטיל. מען קוקט ערגעץ אין דער ווייט פאַרטראַכט, פאַרחלומט, ווי מען וואָלט זיך געוואָלט דאָרט פאַר־שטעלן אינדערלופט די גאָלדענע ברעגן פון יענעם גליקלעכן ווייטן לאַנד... די פאַרחלומטע פאַרטראַכטקייט אָבער ווערט באַלד אי־בערגעריסן פון אַ זיפץ דאָ און דאָרטן.

— איר זעט דאָך אָבער אַז מיט אַמעריקע איז אויך עפּעס ניט גלאַט... — די ערשטע אויפצוכאַפּן זיך פונם דאַזיקן עקסטאַטישן טרוים איז טאָקע דאָס זעלביקע פעסט־וואָקסיקע מיידל מיט די רויטע פּיסקעס. — אַט זעט איר דאָך: דער אַמעריקאַנער אונזערער וויל דווקא פאַרבלייבן דאָ... ביי אונז!

— כאַ־כאַ־כאַ... — עפּעס איז ניט גלאַט מיט אַמעריקע? — לאַכט זיך ביטולדיק פאַנאַנדער מאירל. — אידיאָטקע... מיט אַמעריקע איז שוין גראָד גלאַט! עפּעס איז ניט גלאַט מיט אונזער אַמעריקאַנעם אַ ל י י ן... אַט וואָס! — און מאירל לייגט זיך צו באַדייטונגס־פול דעם צייג־פינגער צום אייגענעם שטערן. —

— ס׳איז טאָקע ניט אַנדערש... — באַשטעטיקט נאָך אי־מיצער פון געזעמל מאירלס פאַרדאַכט. — דער מענטש איז נאָר ווי אַראָפּ פון זינען... הערסט, אַן איינפאַל, פאַרבלייבן דאָ!

— אַט דאָס הייסט: מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט אַריין!

נאָר באַלד ווערט שטיל; מען הויבט זיך אָן שטויסן איינער דעם צווייטן מיט די עלנבויגנס.

— שש... שטילער... ע ר גייט.

ג.

בונעם איז שוין דאָ אין שטאָט אַ גאַנצן זומער. ער האָט זיך שוין געגעבן גענוג געוואָרפן אַלעמען אין די אויגן — דעריבער איז אים טאַקע גרינג צו דערקענען אַפילו פונדערווייטנס. אָבער אַזוי, — איז עס דען דער זעלביקער בונעם וואָס אַמאָל? זיין גאַנצער גלאַנץ, זיין גאַנצע פּראַכט האָט זיך דאָך אָפּגעטאָן פון אים... דוכט זיך: ער איז אַפילו נידעריקער געוואָרן, זיין גלייכע ברייטע פיגור האָט זיך אַביסל איינגעבויגן, דער לעבעדיקער בליאַסק פון זיינע אויגן איז פאַרשוואונדן. זיין טראָט איז נאַכלעסיק, ער שלעפּט זיך איבער דער גאַס, ווי אַ נעכטיקער — אַ שטן בלויז פון דעם אַמאָליקן בונעמען...

ער שטייט אַ ווײַלע פאַר די ייִדן אויפן מאַרק מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי אַ פאַרשעמטער. צי אפשר ווייסט ער פשוט ניט וואָס צו זאָגן זיי, פון וואָס צו ריידן מיט זיי. דער אָפּגעריסן־פאַרביקער עולם אויפן מאַרק שווייגט אויך.

אַזוי ווי דער פאַרחלומטער בונעם זעט עס ניט, קוקט מען זיך איבער איינער מיטן צווייטן מיט טיפער באַדייטונג. פון צייט צו צייט גיט זיך בונעם אַ טרייסל, ווי עס וואָלט אים געווען קאַלט — צי ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס פאַרטרייבן פון זיך אַ דאַקוטשנדיקע זאַך. דער עולם קוקט זיך דעמאָלט איבער נאָך באַדייטונגספולער...

ענדלעך הויבט בונעם אויף דעם קאָפּ און שמייכלט זיך פאַנאַנדער מיט אַ מאָדנעם מין שמייכל — אַ געפּאַלענעם, אַ שולדיקן שמייכל... פון אָט דעם שמייכל ווערט דעם עולם אַרום איינציטיק אי גרינגער, אי שווערער. בפרט נאָך, ווייל יענער רעדט נאָך אַלץ ניט אַרויס צו קיינעם קיין אייניציק וואָרט. אויף אַ שמועס, וועלכן ער פלעגט אַמאָל אַזוי גרינג און גערן פאַרפירן, דאַרף מען אים איצט שיִר ניט מיט געוואַלט אַרויפציען.

— נו, איז וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער ציהעלניע, פּאַניע ראַכאָווסקי? — דער טאָן פון ר׳ טעוועלעס פראַגע איז אי ערנסט, אי אָפּשפּעטעריש. — זי בויט זיך שוין ביי אייך? אָ, מען קען זיין זיכער אַז זי וועט פּאַרטיק ווערן איינס־און־צוויי, וויבאַלד איר נעמט זיך פאַר דעם... ביי אייך אין אַמעריקע...

— וואָס־זשע מיינט איר? — ענטפערט בונעם אַביסל אַ באַ־ליידיקטער, נאָר פונדעסטוועגן מיט אַסך אַ שטילערער און געפּאַלע־נערער שטים, ווי ער פלעגט דאָ ריידן צו „זיי״ געוויינטלעך. — איר מיינט, אַז עס קלעקט מיר אפשר אויף דעם קיין געלט ניט? ס׳אי דאָ געלט ביי מיר, ברוך־השם, האָט קיין זאָרג ניט... ס׳איז דאָ גענוג.

— אי בונעם, בונעם... — שאָקלט מאיר נאָטע־קאָמיסיאָנערס העפטיק פאַנאַנדער זיין שפּיציק קעפּל אין טיפן באַדויער. — אי, וואָס איז פון אייך דאָ געוואָרן...

בונעם גיט זיך פּלוצלונג אַ גלייך אויס, גיט אַ בייזן קוק אויף מאירלען, און דערנאָך אויפן גאַנצן עולם — אַזוי, אַ קוק פון אויבן אַרונטער... ס׳וואָלט אויסגעזען ווי אין דעם, וואָס אָט דער שנעק מאירל, וועלכן ער האָט קיינמאָל אין לעבן ניט געקענט אפילו, האָט געהאַט די העזה אָקאָרשט אים אָנצורופן אַזוי פּראָסט, אַזוי פּאַני־בראַטיש „בונעם״ און ניט „פּאַניע ראַכאָווסקי״, ווי ביז איצט, — אין דעם האָט בונעם מער ווי אין עפּעס אַנדערש דערפילט די ירידה זיינע, זיין גאַנצן אַרונטערפאַלן — און די נאָך גרעסערע ירידה וואָס דערוואַרט אים געוויס אויב ער וועט דאָ אינגאַנצן פאַרבלייבן... אָן אַ וואָרט, ניט געזעגנענדיק זיך מיט קיינעם, דרייט ער זיך גלייך אויס און לאָזט זיך גיין פון דאַנען — שנעל, שנעל, שנעל. זיין קאָפּ איז שטאָלץ אויפגעהויבן, זיין פּנים נעמט אָן אַ פאַרריסענעם גאַוהדיקן אויסדרוק.

— זע־נאָר, גלייך ווי מען האָט דערהערט אַז ער דענקט דאָ צו פאַרבלייבן... ניין, ער טאָר מיט זיי מער קיין שום מגע־ומשא ניט האָבן! אַז ניט, וועלן זיי אים דאָך באַלד אָנהויבן גאָר קריכן אויפן קאָפּ...

און הינטער אים האָט דער פאַרבליבענער, פאַרביק־אָפּגעשלי־סענער עולם אויפן מאַרק נאָך נעגנטער געטוליעט צו זיך די פּעק שטייפע טאַנדעטנע פליודערן, די הויפנס קאַלירטע גראָבע העמדער

און העמדלעך — און האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען... מאירל האָט זיך אַפילו דערלויבט אַ בלאָז צו טאָן מיט דער נאָז, ווי מיט אַ טרובע, אין גרויס חוזק:

— ווייס איך וואָס... איך גיב אייך ניט קיין פּיאַטאַק פאַרן גאַנצן בונעמען... אויך מיר אַן אַמעריקאַנער! ער איז פּונקט אַזאַ אַמעריקאַנער, ווי איך...

ד.

אַ גאַנצן פרייטיק־צו־נאַכטס און דעם גאַנצן מאָרגנדיקן שבת־דיקן טאָג איז בונעם ניט אַרויס פון זיין האָטעל־חדר.

גלייך נאָך וועטשערע פרייטיק־צו־נאַכטס — ער האָט געגעסן איינער אַליין, אינם גרויסן און ליכטיק־פּוסטן צימער — האָט ער זיך אויסגעטאָן און אַנידערגעלייגט אין בעט אַריין. און ווען ער האָט מאָרגן פרי געקלונגען און זיך געהייסן ברענגען טיי, איז שוין געווען אַרום עלף אַזייגער; האָט ער שוין ביים באַדינער איינצייטיק באַשטעלט מיטאָג אויך. אָבער פון בעט איז ער אַלץ ניט אַרונטער.

ער איז אָפּגעלעגן אַזוי ביז סאָמע פאַרנאַכט — ביז אין דרויסן איז געוואָרן קילבלעך און ער האָט סיי־ווי געדאַרפט אויפשטיין, צומאַכן די פענצטער.

ס'וואָלט אויסגעקוקט ווי ער וואָלט געווען קראַנק. עס איז אָבער ניט געווען אַזוי. ער איז געווען בלויז מיד — אומגעווייינטלעך אַזוי מיד, כאָטש נעם און ליג אַזוי אָפּ אין בעט כ'ווייס וויפיל טעג... אַן אומגעווייינטלעכע אויסגעמאַטערטקייט האָט אָנגעפילט די אבֿרים פון אָט דעם תמיד־געזונטן מענטשן מיט שווערן, שווערן בליי. די אבֿרים — אָבער ניט דעם קאָפּ. דער קאָפּ בונעמס האָט דווקא די גאַנצע צייט לעבעדיק געאַרבעט. ס'איז געווען ווי ער וואָלט געפּרוּווט צוזאַמענרופן דאָס גאַנצע ביסל ענערגיע פונם גוף זיינעם — אין קאָפּ אַריין... יאָ, וועגן גאָר אַסך זאַכן האָט בונעם געדאַרפט איצט אָפּגעבן זיך אַ קלאָרן חשבון.

ווייל ס'איז דאָך ניט מעגלעך אַז בונעם זאָל האָבן דעם גאַנצן מעת־לעת געטראַכט בלויז וועגן דעם: וואָס איז דער בעס־טער אופן אויף וועלכן צו רעאַליזירן זיין אינוועסטירטן אַמעריקאַ־נער קאַפּיטאַל, — וויאַזוי צו פאַרקויפן זיינע שוך־סטאָרס און זיינע

„לאַטס" אין אַמעריקע... וועט ער מוזן צוליב דעם טאַקע אַליין פאָרן אַהיים, קיין אַמעריקע? (בונעם האָט ניט געפילט בשעת־מעשה, אַז אין דעם אַליין, אין זיין אומבאַוואוסטזיניקן אָנרופן אַמעריקע „אַהיים", איז שוין געווען אַ תשובה צו דעם פאַרפלאָנ־טערטן געמיט־צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך די לעצטע עטלעכע וואָכן געפונען...) אָדער וועט זיך עס אפשר לאָזן מאַכן דורך פרעמדע הענט?

ניין, ס'איז דאָך ניט מעגלעך אַז ער זאָל האָבן דורך אָט דעם גאַנצן מעת־לעת בלויז פונדאָסניי איבערגעלייגט זיך וועגן דעם, צי עס איז אפשר בכלל ניט קיין צו־גרויסע ריזיקע אַוועקצו־געבן דאָס געלט זיינס דאָ אויף פּראָצענט... קען אים אָפּטמאָל ניט אָנפּייפן אפילו אַזאַ אָנגעזעענער שטאָטישער באַלעבאָס און באַוואוסטער בטוח ווי ראַביקאָוויטש פונם איינפאָר־הויז? ווער ווייסט וואָס פון אַ מענטשן איז געוואָרן אין אַזאַ צייט — בונעם קען נאָך סוף־כל־סוף בלייבן אָן אַ גראָשן געלט ביי דער נשמה... און וואָס וועט פון אים דעמאָלט ווערן אין אָט דעם לאַנד וואָס האָט זיך אַזוי געביטן — אין אַזאַ אומגעוויינטלעכן און אומזיכערן לאַנד?

זיכער האָט בונעם דורך אָט דעם מעת־לעת איבערגעטראַכט אויך וועגן אַסך אַנדערע זאַכן, — איידעלערע זאַכן, זאַכן וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט זיינע קינדער. עפּעס אַזעלכע נייע, אַנדערשדיקע פרעמדלעכע באַשעפענישן זיינען זיי דאָ געוואָרן — פרעמדלעך, ווי אַשטייגער אָט די הויכע קאַלטע ווענט פון זיין האָטעל־חדר, וועלכע זיינען געווען באַפלעקט מיט אָפּגעבליאַקעוועטע „גאָלדענע" טאַפּעטן — דאָס צימער אין וועלכן בונעם וואוינט שוין באַלד דעם גאַנצן זומער, און וועלכער איז אים אַלץ ניט געוואָרן מער היימיש.

צי איז בונעמען איינגעפאַלן אַז היינט איז געווען טאַקע אַ פּאַסיקער טאָג אויף אָפּגעבן זיך אַ דין־וחשבון וועגן אַלערליי ענינים — אַז היינט איז גראָד געווען שבת־תשובה? ניין, בונעם, אין זיין צעטראָגענער פאַרנומענקייט מיט זיינע אייגענע דאגות, האָט אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן וואָס פאַר אַ טאָג עס איז היינט. קיין פרומער איז ער אַמאָל אויך ניט געווען, און די פאַרבראַכטע יאָרן אין אַמעריקע האָבן אים זיכער אפילו אויף קיין האָר ניט פרימער געמאַכט... פאַר די עטלעכע חדשים וואָס ער איז דאָ געווען,

אין דער אמאָליקער היים, איז ער אפשר געווען מערער מאָל אין שול, איידער פאַר די אַלע יאָרן וואָס ער איז אָפּגעווען אין אמע־ריקע. און דאָס איז אויך געווען ניט מחמת פרומקייט ווי דערפאַר, וואָס דאָ איז דאָך ניט אמעריקע — דאָ האָט מען אים געקענט, דאָ האָט זיך עפּעס ניט געפּאַסט... חוץ דעם, עס איז געווען טאַקע זייער געשמאַק דאָס געפיל, וואָס זיין קומען דאָ אין שול אריין איז געווען אסך מער אָנגעלייגט איידער וועמענס־עס־איז אַנ־דערש קומען דאַוונען...

נײַן, בונעם איז געווען גאָר ווייט פון פרומקייט. ערשט פאַר־נאַכט, ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן אָנטאָן, גרייט ארויסצוגיין אין גאַס, האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז עפּעס איז טאַקע היינט, אַז היינט האָט ער טאַקע יאָ באַדאַרפט זיין אין שול — ניט נאָר מחמת שבת, נאָר מחמת עפּעס אַנדערש אויך... אהא, זע נאָר, היינט איז דאָך שבת־תשובה! און אַז ער האָט זיך עס ענדלעך דערמאָנט, האָט ער זיך נאָך איילעקער, נאָך גיכער גענומען אָנטאָן.

אין גאַס איז אָבער קיין סימן אפילו ניט געווען פון שבת־תשובה־שטימונג, אין גאַס איז געווען איצט טומלדיק, לעבעדיק, היל־כיק — צי צוליבן אוועקגייענדיקן שבת, צי צוליב דעם אָנקומענדיקן זונטיק. זאָרגלאָזע יונגווארג — אָך, אָט די אייביקע הויכע שטיוול און אָט די רויטע געבלימלטע טיכלעך! — זאָרגלאָזע יונגווארג האָט זיך איבערגערופן מיט איינאַנדער פון ביידע זייטן גאַס, האָט זיך געשטויסן אויף די טראָטואַרן, האָט הויך געלאַכט, האָט ניט געלייגט די מינדסטע אכט אויף דעם פאַרביי־איילנדיקן בונעמען. בונעם האָט דעריבער געמוזט אראָפּ אויפן מיטן גאַס, אויפן ברוק, וואו עס איז געווען גרוימער. ער האָט זיך געיאָגט. די עלעקטרישע לאַמטערנס, קיילעכדיקע בלוילעכע לבנות, האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעצונדן אין די גאַסן. ער האָט זיך געפילט איצט אסך גרינגער נאָכן פאַרגאַנגענעם מעת־לעת; די פאַרפּלאָנטערטע שווערקייט פון די לעצטע וואָכן האָט אָנגעהויבן פון אים ביסלעכווייז אראָפּ־פאַלן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן אַז ס'ווערט פאַר אים ענדלעך קלאָר וואָס ער דאַרף טאָן, אויף וואָס ער דאַרף זיך איצט באַ־שליסן...

ה.

ווען ער האָט אַרויפגעקלעטערט מיטן גריבערדיקן צעריעטן קאוואַליקער טראַקט צו דעם קאַרלינער שטיבל, איז שוין געווען אָוונט אין דרויסן. נאָר די פענצטער־שויבען פון דער שול זיינען געווען נאָך פינצטערער ווי דער דרויסן — סאַזשעלקעס פּעך, פירקאַנטיקע פון אונטן, אָוואַל־פּאָרמיקע פון אויבן. אין די בלויווייסלעכע ווענט פונם „שטיבל" האָבן זיך געטונקלט אומצייליקע אויסגעקאַלופּעטע לעכער — ברייטע אָפענע וואונדן.

בונעם איז אַריין אין אַן אָפענעם פירהויז פון קלויז. קיין טיר איז דאָרטן ניט געווען. ער האָט איבערגעשראָקן אַ פּאָר קעץ וועלכע האָבן זיך אין דער טונקל געליבט מיט אַ יאָמערדיקער ליבשאַפט. ווייכע שאָטנס האָבן זיך פאַרבייגעשלייכט פאַרביי זיינע פיס. אין דער פינצטער האָט בונעם אָנגעטראָטן אויף צעבראָכענע פלעשער, אויף בערגלעך מיסט, אויף זיך־וואַלגערנדיקע ביינער — הינט שטאָטישע פלעגן עס צונויפשלעפּן אַהער פון אומעטום, פראַווען דאָ אומגעשטערט זייערע סעודות.

פון אינעווייניק פונם „שטיבל" האָט זיך צו בונעמען דערטראָגן אַ הויך געזאַנג, אַן אומעטיק געזאַנג. אָט פלעגט דאָס געזאַנג אַנטשטומט ווערן, בלויז איין שטים פלעגט אויפזינגען הויך, מיט אַ ביטערלעכער פייערלעכקייט, אָבער גלייך דערנאָך פלעגן עטלעכע שטימען אונטערכאַפּן דאָס זינגען. די מאַסיווע געהאַמערטע טיר, אַ געקאָוועטע אין דער לענג און אין דער ברייט מיט ריזיקע אייזערנע „קנעפּ", האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעעפנט. בונעם האָט זיך אַריינגערוקט, איז געבליבן שטיין ביי דער שוועל. קיינער האָט אים ניט געהערט אַריינקומען; אַזוי איז מען דאָרט געווען פאַרטיפט אינעם דבקותדיקן זינגען. און קיינער וואָלט אים סיי־ווי ניט געקענט דאָ באַמערקן ווען אפילו מען וואָלט אים יאָ געהערט אַריינקומען, — וואו ער איז געשטאַנען, איז געווען שטאָק פינצטער.

אייגנטלעך, איז ניט נאָר זיין ווינקל, נאָר דער גאַנצער אינעווייניקסטער שול־רוים געווען פאַרזונקען אין פינצטערניש. בונעמען האָט מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט אַ גרויסע פורכט; ער האָט

מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. ביסלעכווייז ערשט, ביסלעכווייז באַמערקט זיין אויג אַ ליכטיקן ווינקל.

לעבן אַ פענצטער שטייט אַ לאַנגער שולחן. ער איז אַרומגע־רינגלט מיט אַ געזעמל ענג־צונויפגעקנוילטע מענטשן. קענטיק, מען פראַוועט דאָרטן איצט שלוש־סעודות. יאָ, דאָס זינגט מען עס טאַקע שלוש־סעודותדיקע ניגונים...

— אַי, בשר ודגים וכל מטעמים...

בונעם מאַכט דעמאָלט אַ פּאָר רווישלאָזע באַוועגונגען פאַראויס, אַזוי אַז ער קען באַלד באַמערקן די פּנימער פון עטלעכע עלטערע אידן, אויף וועלכע עס פאַלט אַביסל שיין פון הינטערשטן פענצטער וואָס גייט אַרויס צו מערב־זייט. דערנאָך באַמערקט ער אַ טישטוך, און אויף דעם אַ גלעזערנעם קרוג מיט וואַסער, אַ פּאָר אַרומגעגריי־זשעטע ביינער, און עפּעס, וואָס איז אודאי געווען אַ שטיק שוואַרץ קאָרן־ברויט. מער האָט מען ניט געקענט זען. די איבעריקע מענטשן פון דער קופּקע ביים טיש זיינען געווען אַרומגעהילט מיט דער הערשנדיקער מרה־שחורהדיקער פינצטערניש. זי איז דאָ געווען אַסך געדיכטער, די פינצטערניש, ווי אין אָוונטיקן דרויסן.

אַ ווײַלע איז שטיל. בונעם שטייט אָן אַן אָטעם. קיינער ביים טיש עסט ניט, קיינער טרינקט ניט. „אָי, יה רבון עלם ועלמיא... אנת הוא מלכא מלך מלכיא"... זינגט באַלד ווידער אויף אַ קול מיט אַ ביטערער פייערלעכקייט,

— עובד גבורתך ותמהיא,
שפר קדמך להחויא...

כאַפּן גלייך אויף די איבעריקע קולות — אַלטע אַזעלכע, פּיש־טשענדיקע, הוסטנדיקע שטימען. די קולות פון די זינגענדיקע מענטשן רייסן זיך שוואַך פון דער פינצטערניש, — קולות אָן גופים, קולות פון פאַרווישטע געשטאַלטן, איינגאַנצן אָן קעפּ... בונעם האָט זיך פּשוט מורא אַ ריר צו טאָן — ס'איז ווי ער וואָלט אַריינפאַלן ביינאַכט אויף אַ בית־עלמין — און אַן עדה מתים זינ־גען דאָרט פייערלעך אין דער נאַכט אונטער אַ פינצטערן הימל אָן שטערן. — — —

ערשט ווען עס ווערט אין אַ ווײַלע אַרום ווידער שטיל אויף אַ פּאָר מינוט, דערפילט בונעם זיין אייגן האַרץ קלאַפּן הויך, הויך... פּונקט ווי עס וואָלט געווען דאָ איצט דאָס איינציקע

הארץ אין דער ארומיקער פינצטערניש. מער הערט זיך איצט גאָר־ניט ארום. קיינער פון די אָפּגעווישטע געשטאַלטן ביים טיש רעדט ניט ארויס קיין וואָרט צו אַ צווייטער געשטאַלט. וואָס קלייבן זיי זיך א י צ ט טאָן?...

מיטאמאָל איז איינער פון די זקנים, אויף וועלכן עס איז געפאַלן דאָס קאַרגע ליכטיקייט פונם הינטערשטן פענצטער, אויפגעשטאַנען פון אָרט, און אַ וואָרט אָנגעהויבן פּאַטשן אין די הענט און זינגען.

אי־אי־אי, למקדשך טוב ולקודש קודשין
אתר די ביה יחדון רוחין ונפשין,
ויזמרון לך שרין ורחשין...

די קאָנטורן פון זיין פיגור האָט מען גאַנץ ווייניק געזען. מער ניט, אַ שמאָלע און שפּיציקע באָרד האָט זיך ריטמיש אויפגעשאָקלט קעגן פענצטער. באַלד האָט דער טאַנצנדיקער זקן ארויפגעלייגט אַ האַנט אויף אַן אַקסל פון זיין שכן ביים טיש — ס'האָט זיך געדוכט, אז ס'איז געווען טאַקע אָט די ארויפגעלייגטע האַנט, וואָס האָט עם יענעם אויפגעהויבן פון אָרט. נאָך זיי האָט זיך אויפגעהויבן אַ דריטע געשטאַלט, אַ פערטע — די איבעריקע געשטאַלטן וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן פון ארום טיש, זיינען שוין זיכער געווען ניט קיין מענטשן, נאָר בלויז שאָטנס... מען האָט זיך ביסלעכווייז אַלע ארויסגעשלייכט פון טיש ארויס און זיך געלאָזט אין אַ טאַנץ.

און אויך איצט האָט מען ניט געקענט אויסשיילן די קאָנטורן און די ליניעס פון די טאַנצנדיקע מענטשן... ס'איז געווען ווי טיילן פון דער ארומיקער פינצטערניש האָבן זיך אָפּגעריסן, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אַ קאַראַהאָד, אָנגעהויבן זיך באַוועגן, זיך שאָקלען פון רעכטס אויף לינקס, פון לינקס אויף רעכטס אין אַזאַ מין שאָטן־טאַנץ.

שוואַכע שטימען, ווי פון מענטשן ניט פון דער וועלט, האָבן צוערשט געפּרוּווט אפילו און אונטערגעזונגען צום טאַקט, האָבן זיך אָבער באַלד פאַנאַנדערגעהוסט, זיך פאַרגאַנגען, און עס איז געוואָרן שטיל, אינגאַנצן שטיל. דער קאַראַהאָד פון טאַנצנדיקע שאָטנס האָט זיך גענומען דרייען רווישלאָז, זיך שווייגנדיק צוריקן אין שאַרכענדיקן טאַנץ נענטער צו בונעמען, ווי זיי וואָלטן אים

אויך געוואָלט פאַרכאַפּן אין זייער מיט. און בונעם, אַ באַגאַסענער מיט קאַלטן שוויס, האָט זיך מיט אַ הילכיק־קלאַפּנדיק האַרץ אָנ־געהויבן אין שרעק רוקן אויף הינטן. שטילינקערהייט אַזוי האָט ער זיך גערוקט אויף הינטן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַוועקגנבענען פון אָט דעם מתים־קאַראַהאָד... שטילינקערהייט, שטילינקערהייט, ביז ער האָט דערגרייכט די דרויסנדיקע טיר.

אַכטער קאַפּיטל

דער סוף פֿון דער וואַנדערונג

א.

ס'איז אָנגעקומען און ס'איז אַוועק דער יום־כּפּור: קיין גרויסע ענדערונג איז אין שטאָט צוליב אָט דעם טאָג ניט פֿאָר־געקומען.

אין פֿאַרגלייך מיט דעם ריח פֿון יענער פֿאַרכטיקער לופֿט פֿון אַמאָליקע יום־כּפּור־טעג וואָס דאָס לאַנד אַמעריקע האָט ביי בונע־מען — ווי ביי הונדערטער טויזנטער פֿון זיינס גלייכן — ניט נאָר ניט אָפּגעווישט, נאָר פֿאַרקערט גאָר, אפשר נאָך שאַרפֿער געמאַכט און געדיכטער אָפּגעפאַרבט, — איז דער איצטיקער יום־כּפּור־טאָג געווען עפּעס גאָר אַ וואָכעדיקער און גאָר אַ געוויינט־לעכער.

אפשר איז עס געווען דערפֿאַר וואָס אין די טעג וואָס פֿ א ר דעם היינטיקן יום־כּפּור איז שוין בונעמען געווען אַזוי האַרבסטיק אויפֿן געמיט, איז ער שוין געווען אַזוי פֿול מיט חשבון־הנפש. און אפשר איז עס געווען דערפֿאַר וואָס פֿאַר יענעם פֿרומען טייל פֿון דער שטאָ־טישער באַפֿעלקערונג, וואָס איז אויך היינטיקן יום־כּפּור געגאַנגען אין די שולן און בתי־מדרשים ווי אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרן, איז אָט דער טאָג געווען ניט מער טראַגעדיק מיט נייעם אומבאַקאַנטן גורל, ווי די איבעריקע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר.

די סוכּות־וואָך, מיט עטלעכע טעג שפּעטער, איז אפֿילו באַ־שטאַנען פֿון זייער לויטערע און ליכטיקע טעג, פֿול מיט לעצטער וואַרימער זון אויף קילע אויסגעשייערטע הימלען; נאָר יום־טוב־

דיקער בונעמס געמיט, ווי דאָס געמיט פון דעם רוב בונעמס לאַנדסלייט, האָט אויך אָט די וואָך ניט געמאַכט.

און נאָך איידער די סוכות־וואָך איז געווען פאַראיבער, האָט בונעם דערקלערט סטערען: ער האָט באַשלאָסן אין איינעם פון די נאָנטסטע טעג אָפּפאָרן צוריק קיין אַמעריקע.

ס׳איז געווען דער לעצטער טאָג חול־המועד — אַ רואיקער, לויטערער טאָג פון אָנהויב הערבסט. די לופט — דורכגענומען מיט אַ מחיהדיקער ניט־הייסער זוניקייט. סטערע איז געקומען אין שטאָט איינקויפן פאַרשיידענע נויטיקע אַרטיקלען. אַז זי איז אַריין צו בונעמען אין האָטעל, האָט זי זיך גלייך אָנגעהויבן פאַרטענהן הלמאי זי איז געקומען דאָס מאָל אין גרויסער אייִלעניש — פאַרוואָס זי קען איצט לאַנג ביי אים ניט בלייבן... זי האָט זיך אָבער מיט קיין איין וואָרט ניט פאַרטענהט פאַר בונעמען פאַרוואָס טאַמאַרע איז אויך אויף סוכות ניט געקומען צו פאָרן. בכלל, וועגן דעם, צי פון די קינדער איז אָנגעקומען אַן ענטפער אויף איר לעצטן בריוול, צי ניט, האָט זי קיין איינציק וואָרט ניט אַרויסגערעדט. און סיי־ווי: בונעם, וועלכער האָט איר די גאַנצע צייט דורכדרינגענ־דיק געקוקט אין די אויגן, האָט באַלד אַלץ אַליין פאַרשטאַנען.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל אין צימער. בונעם האָט נאָכאַנאַנד און זייער פאַרנומען געהאַלטן אין אַרונטערקראַצן עפּעס אַן אומ־געזונען פינטעלע פונם פּלעקלאַז־ציכטיקן טישטוך אויפן טיש. פאַר־טיפט אין דער אַרבעט, האָט ער אין עטלעכע מינוט אַרום זיך אָפּגערופן:

— ווייסט, סטערע... אין איניקע טעג אַרום פאָר איך אָפּ צוריק קיין אַמעריקע... איך האָב באַשלאָסן.

פּויזע. קיין ענטפער קומט ניט פון סטערען אויף זיינע רייד. ס׳קוקט דעריבער אוים ווי אָט די ידיעה איבעראַשט איר ניט אַזוי שטאַרק, ווי זי וואָלט עס די גאַנצע צייט אַליין געוואוסט.

אין גרוימען האָטעל־צימער מיט די אָפּגעבליאַקעוועטע „גאָל־דענע" טאַפּעטן איז עטלעכע מינוטן שטיל; מען הערט ניט אפילו קיין מענטשלעכן אָטעם. אַן אויפגעוואַכטע הערבסטיקע פליג, אַ מאָגערע און אַ קליינע, קלאַפּט אין אַ ווינקל פון אַ שויב־קוואַדראַט, רייסט זיך אומזיסט אין דרויסן אַרוים דורכן פאַרהאַקטן פענצטער.

גוט. בונעם הערט ענדלעך אויף צו קראַצן מיטן נאָגל דעם פּלעק־פּינטעלע אויפן ציכטיקן טישטוך — דאָס פּינטעלע, וואָס גע־פינט זיך דאָרט גאָרניט. ער הויבט אויף פון דאָרטן זיינע אויגן און גיט ענדלעך אַ קוק אויף סטערען. ערשט איצט דערזעט ער, אַז אויך זי זיצט מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן, פאַרטראַכט. אפשר די גאַנצע צייט אַזוי?

— יאָ... איז וועל איך דאָ זיין, הייסט עס, בסך־הכל נאָך עטלעכע טעג... אַז אַסך — איז אפשר אַ גאַנצע וואָך.

סטערע ענטפערט ווידער קיין וואָרט ניט.

— יאָ... איז וואָס, הייסט עס, האָב איך עס דיר געוואָלט זאָגן? כ'וואָלט זיך געוואָלט זעגענען מיט די קינדער... וואָלסטו זיי וועגן דעם אפשר אָנגעשריבן? ס'הייסט, אַז איך פאָר שוין באַלד אַוועק פון דאַנען.

נאָך אַלץ ניט אויפהויבנדיק די אויגן, ענטפערט ענדלעך סטערע:

— געוויס. איך וועל אָנשרייבן.

און ווידער אַ פּויזע. בונעם:

— כ'מיין, אַז איצט וועלן זיי דאָך קומען? זיך געזעגנען בלויז... ווי מיינסטו?

סטערע האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ, האָט אויסגעשטרעקט איר האַלז אַ קליין ביסל פאָראויס — אין האַלז און אונטער די קינבאַקן האָבן אומגעזעענע מוסקולן זיך אַזוי צוזאַמענגעצויגן, ווי זיי וואָלטן עפּעס אַרונטערגעשלונגען. זי האָט ענדלעך אויפגעהויבן אויף בונעמען אירע פולע ברוינע אויגן וואָס האָבן איצט געבלישטשעט מיט אַ שטאַרקערער פייכטקייט, ווי געוויינטלעך.

— נו... וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? איך מיין אויך אַזוי... געוויס וועלן זיי קומען, געוויס.

ב.

ווינגדער האָט זיך שוין געפונען באַלד אַ וואָך אין דעם ניט־ווייטן פּאָלעסישן שטעטעלע נ א ס אָ ו ו י ע ץ, ווען ער האָט דערהאַלטן דער מאַמעס בריוו:

— דער טאַטע פֿאָרט די טעג צוריק קיין אַמעריקע — ער פֿאָרט איינער אַליין... וואָלסט זיך געדאַרפֿט קומען זעגענען מיט אים, זון מיינער.

ווידער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון נאַסאַוויעז טאַקע גלייך אויף מאָרגן אינדערפֿרי. איז אַרויסגעפֿאָרן איינער אַליין אין אַ פֿערד־און־וועגעלע פֿון ראַיפּאַרטקאָם. ער האָט געהאַט צו פֿאָרן אינגאַנצן אַ וואָסערע פֿופֿצן־צוואַנציק ווייאָרסט. דער וועג איז געווען אַ גוטער, אַ טרוקענער און ניט קיין שטויביקער.

ווען ער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון נאַסאַוויעז, האָט זיך אים גע־דוכט, אַז דאָס פֿאָרט ער טאַקע זיך געזעגענען מיטן טאַטן: איצט, ווייבאַלד אַז ער פֿאָרט אַוועק, האָט מען פֿונדעסטוועגן ניט געדאַרפֿט זיין צו אים אַזוי שטרענג... מעגלעך, דער געדאַנק, אַז דער טאַטע פֿאָרט אַוועק אַזוי ווייט און אפֿשר וועט ער אים קיינמאָל אין לעבן מער ניט זען — א י י ב י ק ניט זען — מעגלעך, אַז טאַקע דאָס דאָזיקע שרעקלעכע וואָרט „אייביק" האָט עס באַוויזן אַביסל ווייכער מאַכן ווידערס פֿאַרדראָסיק האַרץ, האָט פֿאַנאַנדערגעעפֿנט, אין דער ווייכקייט פֿון אַ ווייטער דערינערונגס־מינוט, זיינע שטייף־צונויפֿ־געקוועטשטע דינע ליפּן...

יאָ, עס האָט זיך טאַקע געדוכט איצט ווידערן, אַז דאָס פֿאָרט ער אויסדריקלעך זיך געזעגענען מיטן טאַטן. ער האָט זיך, קוקט אויס, גאָר פֿאַרגעסן, אַז ער האָט דאָך סיי־ווי געדאַרפֿט היינט זיין אין שטאָט. אייגנטלעך, ניט אַזוי אין שטאָט גופֿא, ווי אין דעם דערבייאיקן לאַנדווירטשאַפֿטלעכן קאָלעקטיוו „ניי־לעבן". ער פֿירט דאָך אַהינצו עפּעס אַ מתנה פֿאַרן גאַנצן קאָלעקטיוו...

איז אפֿשר האָט זיך עס ווידער ניט־ווילנדיקערהייט אַזוי גע־נאַרט, און אפֿשר האָט ער זיך טאַקע בכיון אַפֿילו געוואָלט אָפּנאַרן, געוואָלט מלמד־זכות זיין אויף זיין אייגענער שטרענגקייט און האַרט־קייט... סיי־ווי: קיין סך וועגן דעם האָט ווידער אויפֿן ווייטער־דיקן וועג ניט געטראַכט. ער האָט דאָך אַליין אונטערגעטריבן דאָס סיווע פֿערדל, און אַזוי ווי ער איז געווען ניט אַזאַ געניטער אָנ־טרייבער, האָט ער די גאַנצע צייט געדאַרפֿט האַלטן ביידע אויגן אויפֿן וועג און ניט טראַכטן פֿון כ'וויס־וואָס.

הינטער אים האָט זיך פֿאַמעלעך אונטערגעטרייסלט אויפֿן וואָגן אַ היפּש גרעל הילצערן קעסטל. דאָס קעסטל איז געווען פֿעסט צוגעבונדן

צום וואָגן מיט שטריק. אינעווייניק, אַרומגעוויקלט פּאַרזיכטיק מיט שטרוי, מיט שמאַטעס און ראָגאָזשעס, האָט זיך געפונען אַ קליין דינאַמאָ־מאַשינדל, זיינע געווען פּאַרפּאַקט פאַרשיידענע טיילן פון אַן עלעקטרישן גענעראַטאָר, רימענס, שרויפן, שרייפלעך. ווען ער איז געווען דאָס לעצטע מאָל אין קיעוו, האָט ער ווידער דאָרט גע־האַט באַשטעלט; און מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט ער דעם קאַסטן אַרויסגענומען פון פראַכט אויף דער נאָנטער קליינער באַן־סטאַנציע.

פון ביידע זייטן וועג — קורץ־געשווירענע האַרבסטיקע פעלדער. עס הויבן זיך אויף זיי, אויף אַ היפּשן מהלך איינס פון צווייטן, בייכיקע שטיבלעך מיט פאַרשפּיצטע דעכער — קליינע אַזעלכע שטיבלעך מיט פאַרשפּיצטער תבואה, סטויגן אַרונטערגענומענע היי. דערנאָך ציען זיך אַוועק היפּשע פּלאַכן און פּלאַכן — שוואַרץ־ברוינע פּאַסן פון פריש־אויפגעאַקערטע ווינטער־פעלדער.

ווידער האָט אָבער פאַר דעם אַלעמען קיין אויג ניט. ער האָט ניט ליב קיין פעלדער, האָט ניט ליב קיין קליינע שטעטלעך. ס'ציט אים גאָר צום רוישיקן אימפּעדיקן לעבן פון די גרויסע שטעט. ווי־פיל וואָלט ער ניט אָפּגעגעבן, אַז ער זאָל זיך ווידער קענען געפינען אין קיעוו, זיין דאָרט אויף אַרבעט עפּעס אין אַן אינדוסטריע.

ער אַרבעט שוין דאָס צווייטע יאָר ווי אַ פּאַרטיי־אינסטרוקטאָר דוקא דאָ, צווישן די קליינע פאַרוואָרפענע העקן, וואָס געפינען זיך אויף דער גרעניץ פון פּאָלעסיע און וואָלין. צווישן די גאַסן און געסלעך פון די איינגעהויקערטע אידישע שטיבלעך, אַרומגעגאַרטלטע מיט ערדענע פריזבעס, שטיבלעך מיט נידעריקע פענצטער האַרט ביי דער ערד — פענצטער, דורך וועלכע מען קען פון אינעווייניק אַרויסשפּאַנען גלייך אין דרויסן אַרויס, גלייך אויף דער גאַס.

אים דוכט זיך: ס'זיינען דאָ ציטן ווען ער ווערט אַזוי מיד פון די דריבנע קליינשטעטלדיקע אַרבעטן, אַז אויך זיין אייגן לעבן וואַקסט צוליב דעם ביסלעכווייז אַלץ נידעריקער און נידעריקער, ווערט ביסלעכווייז אויסגעגליכט מיט דער פּאָלעסישער פלאַכער זאַמדיקער ערד... ער גיט צו, אַז דאָס איז ענאַאיזם, אָבער פונ־דעסטוועגן טוט ווי דאָס דוקא אים, אַן אַרבעטער פון „סטאַנאָק“, אַ מאַשיניסט, האָט די פּאַרטיי געפונען פאַר נויטיק אַריבערצעוואַרפן אַהער אויפן קליין־שטעטלדיקן פראָנט... אָבער אַזוי האָט עס, קענטיק, געמוזט זיין, אויף דעם איז ער דאָך געווען אַ היגער, אַ

געבירטיקער פון אַט די קאַנטן, איז געווען אויסגעבונדן און אויס־נעקנאָטן מיטן אָרום.

ג.

די זון הויבט זיך העכער, העכער — אַ גרויסער גאָלדענער קײַלעך. שאַרף, הערבסטיק און רעליעף טיילט זי זיך אויס אויפן קלאָרן בלייכן הימל, וואָס איז דורכגענומען מיט שמאָלע וואָלקן־אָדערלעך. אַ קיל, טרוקן ווינטל טראָגט אָן פון ערגעץ אין דער לופטן ברעקלעך ערד, פּיצינקע זוימען, שטיקער באַבע־יאַכנע־פעדים...

דאָס זעלביקע זוניקע ווינטל ברענגט צו ווינגדערס אויערן פּלוצ־לונג צו טראָגן אַ מין אויסטערליש שפּילן, אַ קלאַפּן אין מעשענע טאַצן — זע נאָר, פון וואַנען קומט עס אַהער דאָס דאָזיקע מעטאַ־לענע קלינגערייַ? ווינגדער הויבט אויף זיין בליק פונם שמאָלן וועג פאַר זיך, מיט די צוויי רעדער־קאָליעס וואָס ציען זיך אוועק ווייט־ווייט, צווישן נידעריקע ווענט פון יאָדלע־בוימער אויף ביידע זייטן.

ער דערזעט: אויף יענער זייט פון דער וואַלדיקער וואַנט, רעכטס, שטעכן זיך אַריין אין דער לופט הויכע קוימענעס, פאַבריק־קוימענעס.

— זע, אַזוי גיך איז עס שוין דער וועג פאַראיבער? אָט איז דאָך שוין די חרובע שוועבעלעך־פאַבריק „בליץ" וועלכע די באַלאַ־כאָוועס האָבן צעשטערט. הייסט עס — אינגאַנצן אַ דריי וויאָרסט פאַרבליבן נאָך ביז דער שטאָט.

ווינגדער שטעלט אָפּ דאָס פערד.

פאַר אים: ווענט פון חרובע בנינים, פון וועלכע עס הענגען אַרונטער אומעטום שטיקער אָפּגעשיילטע פאַרב, ווי שטיקער אָפּגע־שונדענע הויט. אין די ווענט — פענצטער אָן שויבן: בלינדע אויסגערונענע אויגן. עס הענגען אומעטום אַרונטער פון די ווענט טירן, לאָדנס, באַלקאָנען־טיילן; הענגען אַרונטער ווי ניט אינגאַנצן אָפּגעהאַקטע אברים פון אַ לעבעדיקן גוף. דער ווינט פון די אַרו־מיקע ליידיקע שטרעקעס קלאַפּט מיט זיי און מיט די שטיקער בלעך, וואָס הענגען אַרונטער פון די דעכער — בלאָזט צווישן זיי, שפּילט אויס אַן אומעטיקע מוזיק.

ווינדער בלייבט אזוי זיצן אומבאַוועגלעך אין וועגל, זאַפּט איין שווייגנדיקערהייט אין זיך אַט די מוזיק. דער געוויינטלעכער שטאַ־לענער הארטער קוק פון זיינע קאַרע אויגן ווערט ווייכער, ווייכער, ווערט פאַרנעפּלט מיט קינדהייטס־דערינערונגען: קינדוויַיז פלעגט ער דאָך אזוי ליב האָבן ארומצודרייען זיך דאָ ארום דער פאַבריק, זיך צוהערן פון דערווייטנס צום טויבן הודזשען פון די מאַשינעס אינעווייניק אין די פאַבריק־בנינים, צו דער קוויטשיק־אויסגעצויגענער זעגעריי פון די עלעקטרישע זעגן אין דער פאַבריק־„ליעסאָפּילניע"... דעמאָלט פלעגט ער זיך ארומדרייען דאָ פון דרויסן, הינטער דער רויטער ציגלענער פלויט, וואָס האָט ארומגערינגלט די פאַבריק ווי אַ פעסטונג־מויער; אינעווייניק פלעגט דאָן דער וועכטער ניט אריינ־לאָזן...

איצט אפילו איז דער מויער אין אסך ערטער געווען דורכגע־בראָכן. דאָס אַמאָליקע אינגל האָט זיך גרינג געקענט אריינכאַפּן אינע־ווייניק, דערפילן זיין אַמאָליקן קינדערשן טרוים... נאָר איצט איז שוין ניט געווען צוליב וואָס; אין אַלע פאַבריק־בנינים איז איצט געווען טויט־שטיל. ס'האָט געוועלטיקט דער חורבן.

ד.

דאָס סיווע פערדל שטייט די גאַנצע צייט מיט אַן ארונטערגע־לאָזטן קאָפּ און פאַכעט מיט די אָפּגעשטאַנענע אויערן, ס'קוקט אוים ווי עס וואָלט זיך אויך איבערגעגעבן דער זעלביקער לירישער שטי־מונג, וואָס ווינדער. אָבער ווינדערס מוח ארבעט שוין ניכטערהייט:

— עך, ווען מען גיט אים, ווינדערן, איבער די ארבעט פון אָנפירן מיט דער רעסטאַווראַציע פון אָט דער פאַבריק... אַ העלפט שטאָט האָט זיך דאָך אַמאָל געשפּייזט פון איר — יונג און אַלט אין שטאָט פלעגן דאָ ארבעטן! ווען אָט די חרובע פאַבריק זאָל צוריק אויפגעשטעלט ווערן, וואָלט דאָך אזויפיל איצטיקע אָרימקייט פארשוואונדן!

איז אפשר איז עס געווען אַ מינוט אזאַ — אַ דערינערונגס־מינוט, און אפשר איז עס אויך געווען מחמת דער נאָנטקייט פון דער באַלדיקער באַגעגעניש מיטן פאָטער — נאָר ווינדער דערמאָנט זיך פּלוצלונג דעם אַמעריקאַנער טאַטנס זיינעם שפּאַטישע רייד בשעת

זיי האָבן געגעכטיקט יענע נאַכט צוזאַמען אין נאַראָווליע, אין דעם קליינעם שטעטעלע ביים פּריפּיעט־טייך אין איינפּאַר־הויז:

— „אַבי איך האָב אַלעמאָל געמיינט, אַז מען וועט איינפירן אויף דער וועלט רעוואָלוציע, וועט ווערן אַלעמען בעסער... ערשט צום סוף"...

ווייגדער גיט זיך דעמאָלט, ווי נאָר ער דערמאָנט זיך אין די ווערטער, אַ טרייסל אַרוים פון זיין לירישער שטימונג — טראַציק גיט ער אַ וואָרף מיטן נאַקעטן געדיכטן קאָפּ האָר זיינעם אינדער־לופטן, ווי ער וואָלט איצט געענטפערט אַ קעגנער, וואָס שטייט דאָ נית ווייט פון אים:

— נישקשה, מ'וועט זי נאָך אויפבויען צוריק... אי ד י פאַבריק, אי אַנדערע... ס'איז דאָך ערשט אַ פּאָר יאָר נאָך דער רעוואָלוציע!... ווי לאַנג איז עס דען אינגאַנצן, ווי איר האָט אונז אַפּגעלאָזט דעם גאַרגל? אפילו איצט אויך האַלט איר דאָך אין איין פּאַרציען אַרום אונז די פּעטליע...

אהא... זיינען עס טאַקע נית געווען כמעט די זעלביקע ווער־טער, וואָס ער האָט שוין טאַקע איינמאָל געהאַט געברויכט, טאַקע אין נאַראָווליע, יענעם אָוונט אין איינפּאַר־הויז מיטן האַלב־פּרעמ־לעכן מענטשן — דעם „טאַטן"? מיטן זעלביקן האַלב־פּרעמדלעכן מענטשן, וואָס האָט פּלוצלונג אַזוי זיך באַוויזן פון דער ווייטער פרעמ־דער אַמעריקע און מיט וועלכן ער פּאָרט עס איצט זיך געזעגענען!...

און מיטאַמאָל וואַקסט אויס אין ווייגדערן אַ ווידערווילן צו דער פאָרשטייענדיקער באַגעגעניש. דער טאַטע וועט אודאי אָנהויבן וויינען... די אַמעריקאַנער, אַז זיי קומען צו פאָרן אַהער, האָבן אַ שוואַכקייט אָנהויבן צו וויינען ביי יעדער געלעגנהייט. נו, און ער אַליין, ווייגדער? וועגן וואָס וועט ער דען דאָרט האָבן ביי דער געזעגעניש מיט יענעם מענטשן, מיטן טאַטן, צו ריידן? און ווייגדער הויבט באַלד אָן צווייפלען צי ער האָט זיך געדאַרפט אונטערגעבן אַט יענער שטימונג, וואָס עס האָט אין אים אַרויסגערופן דער מאַ־מעס בריוו, אַז „דער טאַטע פּאָרט אַוועק די טעג צוריק קיין אַמע־ריקע"... אַ, פאַר אים איז שוין דער טאַטע דאָך לאַנג, לאַנג אַוועק־געפאָרן, געוואָרן א ו י ס, — נאָך יענעם פרילינגדיקן טאָג ביים פּאַראָם, מיט יאָרן און יאָרן צוריק...

און איידער ווינדערס מוח צי האַרץ באַווייזט נאָך צו באַ־שליסן ביי זיך וואָס צו טאָן, הויבן שוין אָן זיינע געטרייע הענט צו אַרבעטן ווי פון זיך אַליין. זיי גיבן אַ צי די לייצעס אויף לינקס, דאָס פערדל קערעוועט זיך אויס אין דער ריכטונג צום כוטער נ אַ ו ו י ק י — צום וועג, וואָס פירט אין קאַלווירט אַריין, אין „ניי־לעבן"...

די ערשטע עטלעכע מינוט, וואָס דער וואָגן הויבט זיך אָן צו האָצקען אין דער נייער ריכטונג, איז ווינדער אַליין איבערראַשט פון דעם. ער איז פונדעסטוועגן אַביסל איבערגעשראָקן און אומרואיק פון אָט דער ניט־געריכטער ענדערונג פון זיין מאַרשרוט, זיין האַרץ קלאַפּט העפטיק: הייסט עס, מיטן טאַטן וועט ער זיך שוין קיינמאָל אין לעבן מער ניט זען... אין אַ האַלבער שעה אַרום דערזעט זיך שוין אָבער פון דערווייטנס די אַלייע פון די הויכע אַלטע ליפּע־בוי־מער, וואָס באַזוימט דעם וועג, וועלכער פירט צום קאַלווירט „ניי־לעבן".

דורך די דורכלייכטן פון די בוימער־ווענט הויבן זיך באַלד אָן צו צייכענען ליכטיקע פלעקן פון בנינים, פון הייזער. אַ, וועט ער עס זיין דאָס מאָל גאָר אַן אָנגעלייגטער גאַסט, נאָך מער ווי תמיד. ביי אַלעמען וועט ער זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט דאָ: ער פירט דאָך מיט זיך אַזאַ סיורפּריז פאַרן גאַנצן קאַלווירט! שאַ, מאָרגן נאָך וועט ער טאַקע אַליין איינשטעלן די קליינע דינאַמאָ, דעם עלעק־טרישן גענעראַטאָר... און ווינדערס אומרו פאַרשווינדט צוביסלעך, זיינע קאַרע אויגן, די געוויינטלעך שניידיק־שאַרפע, פאַרציען זיך ווידער מיט אַזאַ מין ווייך הייטל. ער שטעלט זיך פאָר:

אין אַ פּאָר נעכט אַרום קלאַפּט שוין נאָכאַנאַנד דורך די נעכט איבער די איינגעשלאָפענע געביידעס פונם ניט־לאַנג־געגרינ־דעטן לאַנדווירטשאַפטלעכן קאַלווירט — אַ האַרץ... דאָס האַרץ פון דער דינאַמאָ־מאַשין, וואָס וואַכט געטריי איבערן קאַלווירט און איבער זיינע מידע איינגעשלאָפענע אַרבעטנדיקע מענטשן.

ה.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט טאַמאַרע אָפּגעוואַרט אין דרויסן דעם דיליזשאַנס וואָס פלעגט פאַרנאַכט־צו פאַרבייפאָרן דעם טויַלן

זאמדיקן בערגל ניט ווייט פונם טעכניקום — אויף זיין וועג צוריק אין שטאָט אריין. אין האַנט האָט זי געהאַט אַ בריוו. זי האָט אים געוואָלט דערלאַנגען דעם אָנטרייבער, ער זאָל עס איבערגעבן אין שטאָט דעם פאָטער גלייך אין די הענט אריין.

עטלעכע פארנאַכטן נאָכאַנאַנד האָט זי אַזוי געוואַרט. אָבער ביז דער לעצטער מינוט, ווען עס פלעגט זיך שוין דערהערן פון אויף יענער זייט בערגל דאָס רודערן פון געקאָוועטע רעדער אויף דעם שאָסיי, האָט זי זיך קיינמאָל ניט דערוואַרט. זי פלעגט זיך יעדן מאָל אומקערן אַזוי אין שטוב צוריק מיטן בריוו.

האָט איר, דער אַזוי־געדולדיקער, דער קיילעכדיק־רואיקער טאַמאַרען, — האָט איר דען אויסגעפעלט געדולד שוין אָפּצוּוואַרטן נאָך עטלעכע מינוט, אָפּצוּוואַרטן ביזן סוף ? אָדער איז עס געווען דערפאַר וואָס אין דרויסן פלעגט איצט פאַרנאַכטלעך־צו ווערן תּמיד אַזוי קיל, ווינטיק און הערבסטיק־כמורנע, און ס'פלעגט זיך אויסדוכטן : אָט־אָט, און עס פאַלט אַרונטער אַ שניידיקער הערבסט־רעגן ? אפשר איז עס טאַקע געווען אַזוי... ווייל דאָס לעצטע מאָל, ווען טאַמאַרע האָט זיך אומגעקערט פון איר אָפּוואַרטן דעם דיליזשאַנס אויפן בערגל, איז דער קאָנווערט אין איר האַנט געווען עפּעס אַזוי צעקניטשט, האָט געהאַט וואַסער־פלעקן אויף זיך, די טינט פון די אַדרעס־אותיות איז זיך צעשוואומען, דער בריוו איז געווען פאַרפּאַטשקעט... אָבער אויך יענעם פאַרנאַכט איז דאָך קיין רעגן סוף־כל־סוף ניט אַרונטערגעפאַלן, כאָטש אפשר האָבן אַ פּאָר טראָפּנס ערגעץ־וואו, אויף טאַמאַרעס פּנים אליין, יאָ אַרונטער־געקאַפּעט... אַ פּאָר טראָפּנס בלויז — גענוג אויף איינצוּנעצן דעם קאָנווערט אין טאַמאַרעס האַנט.

אַלנפאַלס, יענעם פאַרנאַכט האָט טאַמאַרע געוואָרפן אַן ענט־גילטיקן אומחן אויפן אָנגעשריבענעם בריוו צום פאָטער און האָט ענדלעך באַשטימט באַשלאָסן אים ניט אָפּצושיקן. אַזוי, אַז די אַלע טענות צו אים וואָס זי האָט מיט אַזויפיל האַרץ אַרויסגעשריבן אינם דאָזיקן בריוו ; די אַלע קריוודעס אירע פאַר אָט די פילע פאַרלאָפענע יאָרן קעגן דעם פאַרשוואונדענעם פאָטער, וועלכער האָט זיך פּלוצלונג ווידער באַוויזן — זיי זיינען פאַר בונעמען שוין אַזוי אויף אייביק פאַרבליבן ניט־באַקאַנט.

און ס'איז אפשר טאַקע געווען גלייכער אַזוי. צוליב וואָס האָט מען נאָך געדאַרפט אומזיסט וויי־צו־טאָן דעם מענטשן, — אָט יענעם פריינטלעכן פעטער, וועלכער האָט פאַר זיי אַלעמען דאָ פונדעסטוועגן געטאָן אַמאָל טובות? און בכלל, וואָס האָט מען דען איצט געקענט האָבן צו אים, ווען ניט דאָס וואָס ער איז געקומען אַזוי פּלוצלונג צו פאָרן און זיך אָנגעוואָרפן מיט זיין פאָטער־ליבע? וואָס איז עס געווען נויטיק דאָס גאַנצע אויסטענהן זיך מיט אים, וויבאַלד מען האָט דאָך געקענט פועלן ביי זיך: אָט יענער מענטש מיטן קיילעכדיקן אויסגעפּאַשעטן ריין־אַרומגעגאָלטן פּנים איז מער ניט ווי אַ פאַרפרעמדטער ווייטלעכער קרוב, — אַ קרוב פון דעם וויטן און ניט־פריינטלעכן לאַנד אַמעריקע?

יאָ, אַזוי איז עס טאַקע געווען. און פונדעסטוועגן האָט טאַמאַרע ערגעץ אין זיך בשעת־מעשה אויך געטראַכט אַז זי וועט נאָך מסתמא באַווייזן זיך זען מיטן טאַטן, זיך זעגענען מיט אים: ער פליט עס דען אַט־אָט אַוועק?... אין עטלעכע טעג אַרום האָט באַדאַרפט פאָרן אין שטאָט שלמהקע דער פאַרוואַלטער, וועט זי מיט אים אויך קענען צופאָרן. — און אויף דעם האָט זיך טאַמאַרע באַרואיקט.

בונעם אָבער האָט, ווייזט אויס, ניט אַזוי געטראַכט און ניט אַזוי געפילט — בונעם, דער פאַרשפּעטיקטער... איבער די שטאָט־גאַסן דרייט ער זיך אַזוי אַרום אָן אַ ציל נאָך אַ וואָך און נאָך אַ וואָך — אָן אָנגעלייגטע שפּייז פאַר די מאַרק־רכילותניקעס. ביז אין איינעם אַ רעגנדיקן חשון־טאָג, נאָך וואָרמעס איז עס געווען, זעען זיינע נייגעריקע לאַנדסלייט:

— בונעם לאָזט זיך ערגעץ פאָרן דורך די גאַסן אין אַ פיינער געל־געפאַרבטער ברישקעלע, אויף רעסאָרן און מיט אַן אויפגע־הויבענעם לעדערנעם ביידל...

וואוהין־זשע פאָרט ער עס אַזוי שפּעט? ס'איז קלאָר אַז דאָס לאָזט ער זיך איצט אין אַ וויטן, וויטן וועג! ער איז אָנגעטאָן אין אַ רעגן־מאַנטל מיט אַן אויפגעהויבענעם קאַפּיושאָן; ביי זיינע פיס, ווי אַ געטרייער בולדאָג, זיין טייער רענצל פון רויטן לעדער, פון פרישן אָקסן־פעל... די שנעלע ברישקע שטורעמט מיט אים אַוועק איבערן נאַסלעכן ברוק אין דער ריכטונג צו דער הילצערנער בריק וואָס

פירט אויף יענער זייט טייך, — אין דער ריכטונג צום וואַלינער טראַקט, וואָס פירט צום לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכניקום.

פאָרט ער ניט אָפּטמאָל זיך וויהער זען מיט זיין טאַכטער, מיט טאַמאַרעלען? יאָ, איז פאַרוואָס־זשע איז ער ניט געפאָרן אינדערפרי, מיטן דיליזשאַנס, ווי ס'לעצטע מאָל? אינדערפרי איז דאָך דער דיליזשאַנס אָפּגעגאַנגען אין דער זעלביקער ריכטונג, פונקט ווי יעדן אַנדערן וואָכנטאָג. שטייט אים שוין אפשר מער ניט אָן, אָט דעם אַמעריקאַנער „דעליקאַט", ווי די ווייבער רופן אים אָן דאָ, צו פאָרן צוזאַמען מיט די איבעריקע שטאָטישע פּאַסאַזשירן? אי, אַ בעל־גאוהניק דער דאָזיקער אַמעריקאַנער, אַ שווערער מענטש געוואָרן... ער דאַרף מסתמא אַ באַזונדערן באַוויז — אַ באַוויז פאַר זיך אַליין אפשר? — פון זיין אַמעריקאַנישן יחוס, פון זיין העכערקייט איבער אַלעמען דאָ אַרום... אַ „דעליקאַט!" — רופט אים שוין אפילו מאירל אויך אָן אַזוי, מיט אַ גיפטיק שטעכעלע.

נאָר ניין, די מאַרק־רכילותניקעס — אָט די זעלביקע וואָס זיינען מיט אַ פּאָר חדשים צוריק גרייט געווען צו קושן ממש דעם שטויב פון בונעמס פיס אַרונטער — ווירקלעך, זיי טשעפּען זיך שוין איצט אינגאַנצן אומזיסט־אומנישט צום געפאַלענעם אַמערי־קאַנער... אַזעלכענע זאַכן זיינען בונעמען איצט אפילו אין קאָפּ ניט געלעגן! ער האָט געדונגען די באַזונדערע פור וועלכע זאָל אים פירן צו דער טאָכטער — פשוט: די לעצטע צייט פילט ער זיך עפּעס זייער שלעכט, ווען ער פאַרבלייבט צוזאַמען מיט די לאַנדסלייט... עפּעס שעמט ער זיך פאַר זיי... און נאָך ערגער פילט ער זיך, בעת ער דאַרף זיי דער ערשטער פאַרלאָזן. אים דוכט זיך: ווי נאָר ער קערט פון זיי אָפּ זיין רוקן, טייטלען שוין אויף אים מענטשן מיט די פינגער, ווינקט מען שוין זיך איבער הינטער זיין פּלייצע מיט מיטגעפיל און באַדויער.

כאָטש, נאַרישער מענטש, וואָס האָט עס אים דען געהאָלפן... סיי־ווי האָט ער ניט געקענט פאַרמיידן אָט די באַדויערנדיקע שמועסן הינטער זיינע פּלייצעס. אָט, אפילו איצט — מענטשן האָבן, דוכט זיך, לויט אַלע סמנים געקענט זען וואוהין ער פאָרט. פונדעסטוועגן האָט מען ליבערשט אויפן מאַרק געוואָלט זיין בלינד צו אָט די אַלע קלאָרע סמנים; די מאַרק־מענטשן האָבן שוין קיין בעסערס ניט געהאַט צו טאָן, ווי צו טרייסטן זיך מיט יענעמס אומגליק...

עס האָט זיך פאַרט געפילט אַביסל בעסער אויפן הארצן מחמת יענעמס געפאַלנקייט! אַזאַ גרויסער מעכטיקער דעמב — און דאַ, ביי די באָלשעוויקעס, איז ער אויך אונטערגעשניטן געוואָרן...

— זע... — האָט מען באַדויערנגספול געשאָקלט מיטן קאָפּ נאָך דער אוועקדונערנדיקער געלער בריטשקע. — זע, ער פאָרט שוין ווידער אהין, דער שוטה... ער פאָרט שוין ווידער זיך קליאַנ־טשען ביי דער ווייב...

נאָר בונעמס אויערן, זיינע אייגענע אויערן, האָבן פאָרט די אַלע רייד ניט געהערט. די געל־געפאַרבטע בריטשקע מיט איר איינציקן פאַסאַזשיר, אַן איינגעוויקלטן אין אַ נייעם און קנאַקנדיקן רעגן־מאַנטל, האָט געטראַסקעט מיט די געקאָוועטע רעדער איבער די שפּיציקע שטיינער פון שאָסיי, האָט זיך געמאַכט וועג דורך די געדיכטע שנורן קאַלטן הארבסטיקן רעגן.

ז.

און שוין אויף מאָרגן אינדערפרי זעט מען בונעמען ווידער אין שטאָט אַרומשפּאַצירנדיק איבער די גאַסן, — אַ דערשלאָגענער, אַן איינגעהויקערטער, דער קאָפּ אַריינגעזונקען צווישן די אַקסלען.

אפשר איז בונעם געוועזן אַזוי איינגעהויקערט דערפאַר, וואָס אין דרויסן האָט נאָך אַלץ געשמיסן דער נעכטיקער קאַלטער רעגן. פאַרוואָס־זשע אָבער גייט ער אַזוי לאַנגזאַם, מיט אַזעלכע פּאַוואָליע טריט, ווי ער וואָלט גאָר ניט געפילט אויף זיך דעם פליוכענדיקן וואַסער?... בונעם איז געגאַנגען מיט אַ פּנים געווענדט צו דער ערד — ער האָט דאָרט געזוכט אַ נעכטיקן טאָג, ער האָט דאָרט געזוכט פאַרלוירענע גליקן.

ער האָט ניט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן חשק זיך אָפּצושטעלן מיט אימיצן, פאַרפירן מיט אימיצן אַ שמועס, ענטפערן אויף אַ געשטעלטער פראַגע עפּעס מער ווי אַ „יאָ" אָדער אַ „ניין". כאָטש אַסך נייגעריקע ליט האָבן אויף דעם אַזוי אַרויסגעקוקט... ס'וועט שוין דעריבער קיינמאָל ניט אויפגעקלערט ווערן, וואָס אַזוינס עס האָט פּאַסירט מיט בונעמען יענעם טריבן חשונדיקן טאָג, ווען ער איז געפאָרן זיך זען מיט זיין טאָכטער. און פון דעם וואָס בונעם האָט זיך אַזוי גיך צוריקגעקערט האָט מען געקענט אפילו דענקען,

אז ער איז גאָרניט דערפאָרן אפילו ביז צום טעכניקום — אז ער האָט זיך מישב געווען און אומגעקערט זיך פון מיטן וועג.

דער אָנטרייבער פון דער געלער בריטשקע וואָס האָט בונעמען נעכטן געפירט אין טעכניקום אריין — א בחור אויך א געלער, מיט א פולן קיילעכדיק פּנים געדיכט ארומגעוואַקסן מיט אָן־א־שיר געלע הערעלעך, ווי א קירבעס — ער וואָלט אודאי געקענט וועגן דעם עפּעס דערציילן, ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט! ער וואָלט געקענט, אשטייגער, דערציילן ווי בונעם האָט אים איבערגעלאָזן מיט דער בריטשקע אינמיטן וועג, א היפּש ביסל ווייטער פונם אריינפאָר צום טעכניקום, און אליין איז ער אוועק מיט דער אלייע פון האלב־נאַקעטע ביימער וואָס האָט געפירט צום אַלטן הילצערנעם טויער — ווי ער וואָלט געוואָלט זען אפריער, צי דער טויער איז נאָך אָפן; און ווי שפּעטער, אפשר אין א האלבע־שעה ארום, אז דער בחור איז שוין געוואָרן אומגעדולדיק, איז ער אויך אראָפּ פון די קאָזלעס און האָט זיך געלאָזט אין דער זעלביקער ריכטונג, אין וועל־כער בונעם איז אוועק, — האָט ער דעמאָלט דערזען דורכן אָפענעם טויער אין הויף אריין:

דער אמעריקאַניעץ דרייט זיך דאָרטן עפּעס ארום אויף די שפּיץ־פינגער אונטער די אָוונטיק־באַלויכטענע פענצטער, שטעלט זיך פון צייט צו צייט אָפּ, פארבאַהאַלט זיך, פאַרגנבעט זיך ווידער און כאַפּט א קוק אינעווייניק אין א פענצטער אריין... דורך די שויבן, פאַרהאָנגענע מיט קורצע פאַרהאַנקעס, האָבן זיך די גאַנצע צייט געזען ארומשוועבנדיקע סילועטן.

מיט שטוינענדיק־פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן און מויל האָט דער אָנטרייבער, דער וואוילער געלער בחורץ, פונדערווייטנס זיך צוגעקוקט ווי מאָדנע אזוי דער אמעריקאַניעץ האָט זיך עס דעמאָלט אויפ־געפירט!... וואָס טוט זיך דאָ — וואָס דרייט ער זיך עפּעס דאָרט ארום ווי א גנב — פאַרוואָס גייט ער גלייך ניט אריין אינעווייניק אין שטוב? איינמאָל האָט יענער זיך שוין געהאַט דערנענטערט אפילו צו א טיר, האָט זי שוין געוועזט אָנגענומען פאַר דער קליאַמקע, איז געשטאַנען אזוי א פּאָר מינוט, געשטאַנען — און איז ווידער אוועק מיט זיך־גנבנדיקע טריט צו די באַלויכטענע שויבן... איז ווען אָט דער בחור, מיטן פּנים פול מיט ווייכע קירבעס־הערעלעך, וואָלט זיך געווען געפונען נענטער צו בונעמען וואָלט ער מסתמא —

חוץ דער מאָדנער אויפפירונג פונם אַמעריקאַניעץ — אויך געהערט ווי יענער מורמלט פאַר זיך פון צייט צו צייט:

— ניין, ניין... אַזוי איז גלייכער... מען דאַרף זי ניט טשעפּען... ניין, ניין... אַזוי איז בעסער... ווײַבאַלד זי פילט זיך דאָ אַזוי גוט צווישן די איריקע...

דער אַנטרייבער האָט עס אָבער ניט געהערט, און צו זיין שטוינונג איז דעריבער גאָרניט געווען קיין גרעניץ!

און נאָך עטוואָס וואָלט דער אַנטרייבער מסתמא געקענט דערציילן פון זיין נסיעה: ווי זיי האָבן מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער שוין צוריק־געיאָגט דורך אַ ווינטיקער שטאָק־פינצטערער נאַכט — און האָבן בלויז אַ פּאָר איינצלנע שעהן אינמיטן דער נאַכט געכאַפּט אַ דרימל אין דער קרעטשמע. אָפּגעשטעלט זיך אין דער קרעטשמע האָבן זיי אויך ניט אַזוי צוליב זיך; דער אַמעריקאַניעץ, ווי עס פּאַסט פאַר אַמעריקאַנצעס, האָט געהאַלטן אין איין יאָגן, — פּונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן עפּעס אַ באַן דאָרטן... דער־עיקרשט האָט מען זיך דאָרט אָפּגעשטעלט כדי דאָס פערד זאָל זיך אַביסל אויסרוען; עס איז געווען אינגאַנצן נאַס פון שוויים, האָט שווער געסאַפּעט מיט די באָקעס, פון וועלכע עס האָט נאָכאַנאַנד געשלאָגן אַ פּאַרע.

יאָ... דאָס אַלץ וואָלט דער אַנטרייבער מסתמא געקענט דערציילן, ווען ער וואָלט אָבער ניט געווען בטבע אַ בחור וואָס רעדט ניט קיין סך, וואָס לאָזט אַלעמען צו־רו, אויב נאָר מען טוט אים אַליין קיין שלעכטס ניט. און וואָס פאַרא שלעכטס האָט אים בונעם, מיט זיין גאַנצער מאָדנער אויפפירונג פון נעכטן, דען געטאָן? ניט נאָר האָט ער נעכטן זיך ניט געדונגען צופיל מכח דעם מקח פאַר דער בריטשקע, נאָר ער האָט אים נאָך היינט צוגעלייגט אַ פיין טרינק־געלט אויך... דער בחור האָט באַשטימט ניט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן זיך אויף זיין טשיקאַווען פּאַסאַזשיר.

בפרט נאָך, אַז אים איז פאַרגעשטאַנען צו פאַרדינען ביים זעל־ביקן אַמעריקאַנער נאָך אַ פיינע פּאָר גראָשן... ווייל גלייך ביים אָנקומען אין שטאָט, ווי נאָר ער האָט בונעמען צוגעפירט צו זיין האָטעל, האָט ער דעם אַנטרייבער ווידער באַשטעלט אויף אַ נסיעהלע, — און דאָס מאָל אויך אויף אַ היפּשער נסיעהלע וואָס פון איר וועט מען קענען ווידער פאַרדינען אַ פיינע פּאָר קערבלעך, האַ־האַ...

בונעם האָט זיך געמלעך מיטן געלן בחור באַדונגען ער זאָל אים נאָך היינט ביינאַכט אָפּפירן צו דער באַן — אָבער ניט צום שטאַטישן וואָקזאַל וואָס אין טעלעפּעני, נאָר צו אַ ווייטערער באַן־סטאַנציע, — אַ קליינער זייטיקער פּאָלוסטאַנאָק, אַ וואָסערע פינף־און־צוואַנציק וויאָרסט פון שטאָט...

פאַרנאַכט־צו האָט זיך דער ווינט נאָך מער געשטאַרקט. אַ קאַלטער ווינט איז עס געוואָרן, אַ פּראַסטיקער. ער האָט באַוויזן ניט נאָר אויסצוטריקענען כמעט אַלע קאַלוזשעס און רעגן־בלאָטקעלעך פון די וועגן, נאָר מאַכן זיי אויך האַרטלעך. די וועגן זיינען באַדעקט געוואָרן מיט „כריאַפּעס", ווי מיט פאַרפרוירענע כוואַליעס.

דער וועג צו דער קליינער זייטיקער באַן־סטאַנציע האָט זיך געצויגן צווישן פינצטערע האַרבסטיקע פעלדער. זיי זיינען געווען איצט וויסט, באַדעקט מיט אַ צודעק פון אַזאַ טינט־שוואַרצקייט — אַ געדיכטער שוואַרצקייט וואָס איז אַזש איבערגעגאַנגען אין אַ בלווילעכקייט. חוץ דעם רודערן פון דער בריטשקע האָט זיך אַרום־און־אַרום פון ערגעץ ניט געהערט קיין שום שאָרך. גוט איז נאָך געווען ווען פון צייט צו צייט פלעגט פון ערגעץ אַן אומגעזעען פינטל אין דער חושכניש אויפהוילן אַ יאָמערלעך וואָיען פון אַ הונט — אָדער אפשר נאָר פון אַ וואָלף, וועלכער האָט שוין באַצייטנס אָנגעהויבן פילן דעם בייסנדיקן אָנגריף פון הונגער, — דעמאָלט פלעגט די וויסטע געגנט אַרום ווערן פאַרט אַ קליין ביסל היימישער...

בונעם האָט זיך געטוליעט אין אַ ריזיקן וואַרימען פעלץ וואָס דער אָנטרייבער האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן פאַרן אָפּפאָרן — פון דעם דאָזיקן באַרג שאָפּן־פעלץ האָט אודאי קיינער ניט גע־קענט אַרויסזען ווער עס געפינט זיך דאָרט אינעווייניק... נאָר בונעמען איז אַלץ געווען קאַלט. עס האָט אים געשראָקן די שפּעטע נאַכט־שעה אין דער אַרומיקער פרעמדער וויסטקייט. כאָטש דאָס געפיל, וואָס האָט אים איצט באַגוועלטיקט, איז געווען אַ באַקאַנט געפיל: ס'האָט דערמאָנט אָן יאָרן און יאָרן צוריק, ווען ער האָט געגנבעט די גרעניץ קיין אַמעריקע...

אַ, אודאי! איצט האָט ער די גרעניץ ניט געגנבעט, — ער איז איצט געווען אַ שטאָלצער אַמעריקאַנער בירגער, מיט אַ פּאַס אין קעשענע, אַ פּאַס אין רויטע לעדערנע טאָוולען מיט אַסך וויזע־

שטעמפּלען, קאָנסול־שטעמפּלען, — אַ זעלטענע קמיע, וואָס האָט פאַר אים געעפנט די טויערן פון אַלע מדינות און לענדער!...
האָט ער אָבער סיי־ווי זיך איצט ניט אַרויסגעגנבעט פון שטאָט, זיך ניט געזעגענענדיק מיט קיינעם? האָט ער זיך ניט געגנבעט איצט צו דער פאַרוואָרפענע סטאַנציעלע, ווייל ער האָט געוואָלט אויסמיידן די מענגלעכע באַגעגענישן מיט באַקאַנטע שטאָט־מענטשן?

יאָ, וויפיל מענטשן האָבן עס אים אָפּגעוואָרט מיט עטלעכע חדשים צוריק, בעת ער איז געקומען אַהער צו פאָרן — אַ דעפּוטאַ־ציע פון די וויכטיקסטע שטאָט־באַלעבאַטים! — און ווי פול מיט אַלערליי אומבאַשטימטע דערוואַרטונגען איז דעמאָלט געווען זיין האַרץ! אָבער איצט האָט אים קיין איינציק לעבעדיק באַשעפעניש ניט באַגלייט צום וואָקזאַלכל פונם זייטיקן פאַרוואָרפענעם פּאָלוס־טאַנאָק. חוץ אפשר דאָס יעמערלעכע וואָיען — פון הינט, צי פון וועלף — וואָס האָט זיך פון צייט צו צייט געלאָזט הערן פון ערגעץ אַ פינטל צווישן די אַרומיקע שוואַרץ־בלויִלעכע טינטיקע פעלדער; און אויפן האַרצן איז אים איצט גאָרניט, גאָרניט געווען, — חוץ אַ געפיל פון פוסטקייט, בלויז אַ וויסטע פוסטקייט. — — —

אָנגעהויבן: הערבסט 1928, פּאַנטאַנעי־אָ־ראָז, סענע.
געענדיקט: פרילינג 1930, מאָנטאָן, אַלפּ־מאַריטים, פראַנקרייך.

פאַרטייטשונגען

צווייטער באַנד

דריטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

1) צענטראַלער אַרבעטער קאָאָפּעראַטיוו.
2) מיטגליד־פאַרזאַמלונגען.

צווייטער קאַפּיטל

1) עס טוט מיר לייד ... אַנטשולדיקט ...
2) אומשטענדן.
3) צענטראַלער אַרבעטערקאָאָפּעראַטיוו ; קאָמונאַלע ווירטשאַפט.
4) ראַטןפאַרבאַנד.
5) קאַלבקאָטלעטן מיט גיפּרעגלטע צעשניטענע קאַרטאָפליעס.
6) ווירטשאַפטס פירער.
7) באַניע־קערלעך.
8) אמתע דעמאָקראַטישקייט.
9) וואָס איך מיין ?
10) אַן עק אַ געשעפט !
11) באַשטימט.
12) וואָס איז מיט אייך בירגער ... הער ... מען דאַרף רופן דעם דאָקטאָר ?

דריטער קאַפּיטל

1) פענצטער.
2) פאַרקילן זיך.
3) מיטלמעסיק.
4) שנויל.
5) אין אַלגעמיין.
6) קלובניק־קוכן מיט אויפגעשלאָגענעם קרוים.
7) אויספיר־קאָמיטעט.
8) סיאיז דאָ.

פערטער קאַפּיטל

1) פאַרגעניגן.
2) צינז־מאָנער.
3) קאָמישער פאַרשוין.
4) קאַלבס־קאָטלעטן.
5) וויץ.

פינפטער קאַפּיטל

1) אילומינאַציע פון גאַסן בעת אַ מלוכהשן יום־טוב.
2) טעות.
3) קלענער געמאַכט די וואוינונג.
4) איינפאַל.
5) אויף מיינע נאמנות.
6) אַנאַנאַס.

זעקסטער קאַפּיטל

1) אַ הויז פאַר איין פאַמילע, מיט די נייעסטע באַקוועמלעכ־קייטן.
2) פירן.
3) פאַרפיום.
4) גלויב מיר.
5) פראָסט.
6) פאַרוי (צענטראַל־באַהייצונג).
7) באַגריף.
8) וויץ.

זיבעטער קאַפּיטל

1) חשובער אויסלענדער.
2) שוין איינמאָל אַ מויד, אויף מיינע נאמנות.
3) געענדיקט אַ העכערע לער־אַנשטאַלט.
4) אַנשטאַלט.
5) רעגירונגס־רעכט.
6) בילדונג.

7) שווינדזיכט.
8) אויף מיינע נאמנות.
9) צוקונפט.

פערטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

1) קעלער־עטאַזש.
2) צענטראַל־באַהייצונג.
3) ווירקלעך.
4) הונגער־ליידנדיקע אויף דער וואָלגע.
5, „אין עקראַן, אהייאָ".

צווייטער קאַפּיטל

1) באַלאַכאָווצעס — אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנדע, וואָס האָט געבושעוועט אויף די גרעניצן פון פוילן און ווייס־רוסלאַנד.
2) געמיש פון שטרוי, היי, אַביסל זאַנגען און וואָס נאָר סילאָזט זיך.
3) פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג.
4) דערציען.

דריטער קאַפּיטל

1) קיינמאָל אין מיין לעבן.
2) נסיעה.
3) דאָס אַלץ.

פערטער קאַפּיטל

1) טשאַנס.
2) פוילעוצער.
3) וואָס ניט איז.

4) מחמת.
5) נאַראָנים.

פינפטער קאַפּיטל

1) איך וועט מיך.
2) זיכער.
3 באַזאָרגן.
4) אומאָפּהענגיק.
5) מחמת.
6) נאַטירלעך.
7) שטאַנדפּונקט.

זעקסטער קאַפּיטל

1) פּאַרע.
2) אַגענטור פון אומבאַוועגלעכע גיטער.
3) צו יעדער צייט.
4) באַקוועמלעכקייטן.
5) אומשטענדן.

אַנדערע ביכער פון ברוך גלאַזמאַן:

1. **באַגינען**, נאָוועלן, פאַרלאַג „קולטור“, ניו־יאָרק, 1921.
2. **אויף אַ האָר**, נאָוועלן, פאַרלאַג מ. נ. מייזל, ניו־יאָרק, 1923.
3. **די משפחה פיקודא**, „פרץ־ביבליאָטעק“ וואַרשע, 1923.
4. **חלום־דערציילונגען**, „מאָזאַאיק ביבליאָטעק“, וואַרשע, 1925.
5. **ווער האָט געזינדיקט**, „מאָזאַאיק ביבליאָטעק“, וואַרשע, 1925.
6. **שטיינוועבס**, נאָוועלן, פאַרלאַג „שול און בוך“, מאָסקווע, 1926.
7. **פאַנאַנדערפאַל**, פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, קיעוו, 1926.
8. **אינם ראָד**, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1927.
9. **אויף אַן אינזל**, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1927.
10. **אויף יענער זייט אָקעאַן**, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1928.
11. **אויף די פעלדער פון דזשאָרדזשיע**, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1927.
12. **פאַרטונקלט גאָלד**, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1928.
13. **סטעפּ און ישוב** (רייזע איינדרוקן פון סאָוועטן־רוסלאַנד), פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, וואַרשע, 1929.
14. **אַנטרונענע**, דערציילונגען, פאַרלאַג „סיגנאַל“, ניו־יאָרק, 1935.

די ערשטע פינף בענד

פון די

געקליבענע ווערק
פון ברוך גלאַזמאַן

זיינען דערשינען

אין ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

(מען קען זיי באַציִען דורך אַלע אידישע בוכהאַנדלונגען, אויך דורך
דעם „פרייהייט“־בוך־סטאָר, 50 איסט 13טע גאַס, ניו־יאָרק.)

FREIHEIT BOOK STORE
50 East 13th Street
New York, N. Y.